NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12653

DANTON

Ts. Fridlan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

צ. פרידלאנד

דאנטאָן

פארלאג „עמעס" מאָסקווע. 1935

צ. פרידלאנד

דאנטאָן

אווטאָריזירטע, איבערגעארבעטע איבערזעצונג

פארלאג עמעס, מאָסקווע 1935

ייִדיש — מ. העך

רעדאַקטער פֿון דער איבערזעצונג — ל. גאָלדבערג

דאַנטאָן ביז דער רעוואָליוציע

(1789־1759).

1

זשאָרזש־זשאַק דאַנטאָן איז געבאָרן געוואָרן אין א קליינ פּראָווינציעל שטעטל אַרסי־סור־אָב, דעם 26־טן אָקטיאַבער 1759.

די פאַמיליע דאַנטאָן, א טיפּישע באַלעגופּישע פאַמיליע, איז געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער אָרטיקער בורזשואַזיע.

זײַנ זיידע איז געווען אנ ערדאַרבעטער. ער האָט פלײַסיק באַארבעט די ערד ניט ווײַט פונ אַרסי, אינ א גרויס דאָרף פּלענסי. א פאַרמעגלעכער פּויער, האָט ער געשטרעבט צו געבנ זײַנע קינדער בילדונג, אונ איינער פונ זײַנע זינ, זשאָרזש־זשאַקס פאָטער, איז אינ יאָר 1750 געקומענ קיינ אַרסי אונ איז געוואָרנ א באַאַמטער אינ געריכט. אינגיכנ איז ער באַשטימט געוואָרנ אַלס א פּראָקוראָר אונ האָט זיך אײַנגעשאַפט א גאַנצ פײַנ הויז.

זשאַק דאַנטאָנס מוטער, מאַדלענ קאַמיוּ, איז געווענ א טאָכטער פונ א פּאָדראַטשיק בא בוי־אַרבעטנ. ווענ דאַנטאָנס פאָטער איז געשטאָרבנ (אינ יאָר 1762), האָט זײַנ מוטער געהײַראַט מיטנ וועבער־מײַסטער רעקאָרדענ, א מיטעלנ בורזשוא.

וועגנ דאַנטאָנס קינדהײַט ווייסנ מיר וויניק וואָס. די קנאַפּע ידיעס, וואָס מיר פאַרמאָגנ וועגנ דעם, האָבנ אונדז איבערגעלאָזנ זײַנע צוויי לאַנדסלײַט, עלטער־כאַוויירים.

אינ די פּראָווינציעלע בורזשואַזע פאַמיליעס פונ זײַנ צײַט פלעגט די קו זײַנ די אַמ פונ די קינדער. איינמאָל, ווענ דער צוקונפטיקער טריבונ פונ דער רעוואָליוציע האָט רויק געזויגנ דעם אײַטער, איז

דער אָקס באומרויִקט געוואָרן פון דער דאָזיקער סצענע און איז אָנגעפאלן אפן ייִנגל. דער קליינער דאנטאָן איז געבליבן אפן אָרט מיט א צעשפּאָלטענער ליפּ. א צווייט מאָל, אין צוויי יאָר ארום, האָט אים אן אָקס צעשפּאָלטן די נאָז. איינמאָל, ווען ער האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך א סטאדע ווילדע כאזיירים, האָט אים א כאזער גוט א בריק געטאָן.

ביז אכט יאָר האָט דאנטאָן ניט באקומען קיין שום סיסטעמאַטישע בילדונג. די קענטענישן, וואָס זײַנע דערציִערן האָט אים געגעבן, זײַנען געווען מאמעש נישטיק. צו אכט יאָר איז ער אָנגעקומען אין שול, און אויך דאָרט איז זײַן ווילדער כאראקטער ניט געבראָכן געוואָרן.

קיין פלײַסיק ייִנגל איז דאנטאָן ניט געווען. דער גאס, דעם טײַך און די פעלדער האָט ער זיך אָפּגעגעבן א סאך מער, איידער דער שול, דער לאטײַנישער גראמאטיק און דער געשיכטע. מער פאר אלץ האָט דאנטאָן דעמאָלט ליב געהאט גאסן־געשלעגן מיט די דאָרפישע ייִנגלעך.

איינמאָל האָט זשאָרזש־זשאק פארלאָזן די לימודים אין שול, איז אוועק צום טײַך און האָט זיך אויסגעבאָדן אין קאלטן וואסער. ער איז טויט קראנק געוואָרן און, קוים געקומען צו זיך, האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט פּאָקן. שפורן פון פּאָקן זײַנען בא אים געבליבן אפן גאנצן לעבן.

צו 12 יאָר האָט ער געענדיקט די שול און די מוטער האָט אים אָפּגעשיקט קיין טרוא, אין קאָלעזש פונעם קלויסטער פון די אָראטאָריאנער. זשאָרזש־זשאק איז דעמאָלט צום ערשטן מאָל געקומען אין א גרויסער שטאָט.

דער קאָלעזש פונעם אָרדען פון די אָראטאָריאנער איז אין קאנט געווען בארימט, דאָ האָט מען אכטונג געגעבן מער פאר אלץ אפ שטודירן די אלטע אויטאָרן און פריִער פאר אלץ — אפ ריטאָריק. דער פּראָפעסאָר פון ריטאָריק בעראנזשע, דאנטאָנס צוקונפטיקער גוטער פרײַנד אין פאריזש אין די רעוואָליוציע־יאָרן, האָט אים באקאנט געמאכט מיט די קלאסישע מוסטערן פון דער אנטיקער ליטעראטור, אָבער דאנטאָן האָט דאָ אויך ניט ארויסגעוויזן קיין גרויסן כיישעק צום לערנען. איינמאָל, ווען צווישן דעם פּראָפעסאָר און זײַנ

שילער נארע, — דעם שפעטערדיקן אינערן-מיניסטער אין דאנטאָנס סענטיאבער-קאבינעט (1792), — איז פאָרגעקומען א קאָנפליקט, האָט דאנטאָן אָרגאניזירט א פּראָטעסט פון די קינדער. פאר זײַן ניט-געהאָרכזאמען כאראקטער זאָל מען אים אין שול האָבן אָנגערופן „בונטאר“ און אפילע „רעפּובליקאנער“.

דעם 11 טן יול 1775 האָט מען אין ריימס געזאָלט קרוינען לוי דעם XVI. דאנטאָנען האָט זיך פארוואָלט זען ווי „מע מאכט א קיניג“, איז ער אנטלאָפן פון שול, כדי בײַצוזײַן בא דער קרוינאציע.

אין ריימס האָט דאנטאָן פארבראכט ניט מער ווי עטלעכע טעג און האָט זיך גיך אומגעקערט קיין טרוא. דאָרטן האָבן נאָך עטלעכע מענטשן געוווסט, אז ער איז געלאָפן קיין ריימס. ער האָט זיך אפילע ניט אָפּגעשטעלט אפן וועג בא זײַן מוטער אין ארסי, ווײַל ער האָט מורע געהאט פאר שטראָף. די 23 יאָר צווישן ריימס און טרוא האָט ער דורכגעמאכט אויסערגעוויינלעך גיך. אין שול האָט מען אים מוחל געווען זײַן אנטלויפן נאָך פאר זײַנע אינטערעסאנטע און אויספירלעכע דערציילונגען וועגן דער קרוינאציע.

נאָך עטלעכע יאָר איז דאנטאָן געבליבן אין טרוא לערנען. ער האָט געלערנט לאטײַן און די איבעריקע שול-טוירע.

די אלטע אווטאָרן האָבן געהאט א היפּשע ווירקונג אפ דאנטאָנען, ווי אפ אלע איבעריקע צײַט-כאווײרים זײַנע. די היסטאָרישע בײַשפּילן פון אלטן רוים, די מוסטערן פון דער רעדנער-קונסט פון די אנטיקע גרויסע מײַסטערס — דאָס אלץ פלעגט די בורזשואזע יוגנט אײַנזאפּן אין זיך אין די שולן פון XVIII יאָרהונדערט. די שול פון די אָראטאָריאנער איז אין דעם זין געווען איינע פון די סאמע פרײַע, און פּראָפעסער בעראנושע האָט געוועקט בא זײַנע שילער די ליבע צו די וואָרטמײַסטערס פון אלטן גריכנלאנד און אלטן רוים. שפּעטער-צו האָט דאנטאָן אין זײַנע ארויסטרעטונגען ארויסגעוויזן, אז ער קען די אנטיקע אווטאָרן, און אין זײַנע אימפּראָוויזאציעס פלעגט ער אָפט אויסניצן זײַנע שול-זיכרוינעס.

דאנטאָנס עלטער-כאווײרים האָבן, אפּאָנעם, ניט קיין טאָעס, ווען זיי באהויפּטן, אז דאנטאָנס באליבטער אווטער איז געווען דער רוימישער היסטאָריקער טיטוס ליוויוס. דער פײַערלעכער טאָן פון אנטיקן היסטאָריקער, זײַן רוף צו פארטיידיקן דאָס פאָטער-

לאנד, צו קעמפן קעגן די סאָנים פון פאָלק — דאָס איז אַלזאָ געווען די גײַסטיקע שפּײַז, וועלכע עס האָט גיריק געשלונגען דער צוקונפֿטיקער טריבון פון דער רעוואָליוציע.

צום סאָף פון דאַנטאָנס שול־יאָרן האָבן זײַנע קרובֿים גענומען טראַכטן, וואָס פאר א קאַריערע ער זאָל אויסוויילן. אין דער פראַנצויזישער פּראָווינץ האָט א זון פון א בורזשוא ניט געהאַט קיין סאַך מעגלעכקייטן. אויב א יונגערמאַן האָט ניט געוואָלט פאַרנעמען זיך מיט האַנדלען, האָט ער געקאָנט ווערן א גאַלעך אָדער אן אַדוואָקאַט. זײַן פעטער, א גאַלעך אין באַבערי, האָט טאַקע געוואָלט, אז זשאָרזש־זשאַק זאָל ווערן א גײַסטלעכער, אָבער אַלע אַרומיקע האָבן געפאָדערט, ער זאָל נאָכטאָן דעם בײַשפּיל פון זײַן פאָטער. די קאַריערע פון א ריכטער האָט בא דער אַלטער אָרדענונג געעפנט פאר א יונגן בורזשוא א סאַך מער אינטערעסאַנטע פּערספּעקטיוון. דאַנטאָן האָט באַשלאָסן ווערן אן אַדוואָקאַט. אין 1780 איז ער אוועק קיין פּאַריז.

2

דאַנטאָן איז געווען 21 יאָר אַלט, ווען ער איז אָפּגעפאָרן פון טרוא קיין פּאַריז, — מיט א קליינעם באַגאַזש, אָבער פול קראַפט און האָפענונג.

די רײַזע האָט געדויערט ניט מער ווי עטלעכע טעג.

ווי אַלע זײַנע לאַנדסלײַט, איז דאַנטאָן אין פּאַריז פאַרפאָרן אין אײַנפאָר־הויז „דאָס שוואַרצע פערד". אין דעם דאָזיקן אײַנפאָר־הויז פלעגן אײַנשטיין אַלע פּראָווינציאַלן פון די ברעגן פון די טײַכן אָב און מאַרנע.

דער יונגער דאַנטאָן האָט געזוכט אַרבעט. ער האָט זיך געווענדט צום פּראָקוראָר הער ווינאָ. הער ווינאָט האָט אים געוואָלט נעמען פאר א שרײַבער. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז דער יונגערמאַן האָט א מיִעסע האַנטשריפט. הער ווינאָט האָט אויסגעדריקט זײַן אומצופרידנהײַט. דאַנטאָן האָט גיך אָפּגעענטפערט:

— מײַן הער, איך בין ניט געקומען צו פאָרן קיין פּאַריז ווערן א שרײַבער.

דאַנטאָנס עלטער-כאַוויירים באַהויפּטן, — און דאָס איז וואָרשײַנלעך מאַקע אַזוי געווען, — אַז הער ווינאָט איז געווען העכסט פֿאַרוווּנדערט פֿון דעם ענטפֿער און האָט באַלד באַמערקט:

— איך האָב האָלט אַפּלאָמב, מיט אַפּלאָמב קאָן מען אין אונדזער פֿאַך ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן.

און דאַנטאָן איז אָנגעקומען צו אים אַף אַ שטעלע.

דער יונגער דאַנטאָן האָט פֿאַרלאָזן דאָס אײַנפֿאָר-הויז „דאָס שוואַרצע פֿערד" און האָט זיך באַזעצט בײַ זײַן באַלעבאָס צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יונגעלײַט, וואָס האָבן געטרוימט וועגן אַ קאַריערע. קיין קלערק איז דאַנטאָן ניט געוואָרן, אָבער דער באַלעבאָס זײַנער האָט אים אויסגענוצט פֿאַר אַן אַנדער צוועק. דאַנטאָן האָט באַדאַרפֿט באַזוכן דעם יוסטיץ-פּאַלאַץ און אויספֿילן דאָרטן אַ ריי אויפֿטראָגן.

דער יוסטיץ-פּאַלאַץ איז געווען דער צענטער פֿון לאַנגע פּראָצעסן. דאָ פֿלעגן זיך שטויסן אַדוואָקאַטן, קלערקן, קאָפּייִסטן. אַדוואָקאַטן איז אין פּאַריז געווען ניט ווייניקער פֿון 600 מאַן. פֿון די אַדוואָקאַטן איז אַרויסגעקומען דער גרעסטער טייל פֿירער פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. זיי זײַנען געווען די קענער פֿון דער זינלאָזער און פֿאַרפּלאָנטערטער געזעצגעבונג פֿון אַלטן רעזשים.

די באַזוכן אינעם יוסטיץ-פּאַלאַץ האָבן דאַנטאָנען געבראַכט ניט ווייניק נוצן. ער האָט דאָ געהערט די סאַמע באַרימטע יוריסטן פֿון זײַן צײַט — טראָנשעט און גאַרדווין. אָבער די אַרבעט האָט אים אינטערעסירט ניט מער, ווי די שול-לימודים אין אַרסי און טרואַ. זשאָרזש-זשאַק האָט בעסער געוואָלט שפּילן אין פּילקעס און באָדן זיך אין דער סענע. אַף לערנען און טראַכטן וועגן פּאָליטיק האָט ער געהאַט ווייניק צײַט.

זײַנע פֿרײַנט פֿאַרזיכערן, אַז איינמאָל, ווען ער איז קראַנק געוואָרן, האָט ער איבערגעלייענט די גאַנצע „ענציקלאָפּעדיע", — אָט דעם אויצער פֿון וויסנשאַפֿט פֿונעם XVIII יאָרהונדערט. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ גוזמע.

ווי אַלע זײַנע עלטער-כאַוויירים, האָט דאַנטאָן געקענט די אַנ-

טיקע שרײַבער, ער האָט געקענט ראַבלע און קאָרנעל, האָט געלייענט מיט גרויס אינטערעס וואָלטער און דידראָ.[1]

דידראָ, זײַנער אַ לאַנדסמאַן, איז אים געווען באַזונדערס נאָענט.

אין 1784 האָט זיך דאַנטאָן שטודיום געענדיקט. דער „געזעל אין דער אַדוואָקאַטור" האָט באַדאַרפט ווערן מײַסטער — אַדוואָקאַט. קעדיי צו באַקומען דעם טיטל אַדוואָקאַט, האָט מען באַדאַרפט אין אַ וואָסער-עס-איז אוניווערסיטעט-שטאָט אָפּגעבן אַן עקזאַמען אָדער פּאַשעטער — קויפן אַ דיפּלאָם.

מיט דעם דאָזיקן דיפּלאָם קערט זיך דאַנטאָן אום אין יאָר 1785 פון ריימס קיין פּאַריזש.

3

דאַנטאָן איז געקומען צו פֿאָרן קיין פּאַריזש פֿול האָפֿענונג. אים איז ווײַט ניט געפֿעלן די פּערספּעקטיוו צו זײַן איינער פֿון די 600 אַדוואָקאַטן פֿון פּאַריזש; ער האָט געטרוימט וועגן אַן אַנדער זאַך: ווי קלײַבט מען צונויף די נייטיקע סומע געלט צו קויפֿן די רענטאַ-בעלע שטעלע אין די „קיניגלעכע ראַטן" (די מלוכישע שטעלעס

---

[1] דידראָ איז געבאָרן אין יאָר 1713 אין דער פֿאַמיליע פֿון אַ האַנטווערקער — אַ מעסער־מאַכער, אויך אין שאַמפּאַן אינעם שטעטל לאַנגרי.

אין זײַנע פּאָליטישע טראַקטאַטן האָט דידראָ קעגנגעשטעלט קעגן דעם דעספּאָטיזם די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע אַלס אַן אידעאַל. „ניט די אימפּעריעס זײַנען אומגליקלעך, וווּ עס שטײַגט די מאַכט פֿון פֿאָלק, נאָר די, וווּ די מאַכט פֿונעם קיניג ווערט אומבאַגרענעצט".

„אויב די געזעצן זײַנען גוט, — האָט דידראָ געשריבן, — זײַנען די זיטן גוטע. אויב די געזעצן זײַנען שלעכט, זײַנען די זיטן שלעכט. אויב די געזעצן ווערן ניט אָפּגעהיט, איז די געזעלשאַפֿט אין אַ באַזונדערס שלעכטן צושטאַנד. די קיניגן זײַנען דינער פֿון פֿאָלק. און יעדע מאַכט, וואָס באַזירט זיך אַף געוואַלט, איז אוזורפּאַציע. געזעצלעך איז נאָר די מאַכט, וועלכע עס אָנערקענט די מערהײַט פֿון דער נאַציע". ער גיט צו: „בײַ יעדער רעגירונג־פֿאָרם האָט די נאַטור געשטעלט אַ גרענעץ פֿאַר די צאָרעס פֿון פֿאָלק. הינטער דער דאָזיקער גרענעץ איז טויט, אויסוואַנדערונג אָדער אַ בונט".

איבעריקנס, צי האָט דאַנטאָן געטרוימט וועגן פֿאַרווירקלעכן די דאָזיקע אידעאַלן דידראָס, — דאָס ווייסן מיר ניט.

פלעגט מען בא דער אלטער צְרדענונג קויפן). אזא שטעלע האָט געקאָסט טײַער, אָבער האָט מען זי באקומען, האָט מען זיך געקאָנט באוואָרענען די ווײַטערדיקע קאריערע, ווײַל יעדער פון די 73 אד־וואָקאטן פון די „קיניגלעכע ראטן" האָט גהאט די פּריווילעגיעס און פּרעראָגאטיוון פון א העכסטן געויבס־באאמטן. אן אדוואָקאט פון די „קיניגלעכע ראטן" פלעגט קומען אין בארירונג מיט דער העכערער אדמיניסטראציע; פאר אים איז געווען אָפן דער וועג צו די העכסטע שטעלעס. אָבער פאר אזא שטעלע האָט מען געדארפט באצאָלן ביז 80 טויזנט ליווער.

ווי א סאך אנדערע בורזשואזע יונגעלײַט, אזוי איז אויך דאנ־טאָנען געקומען צו הילף א „גליקלעכער" שידעך.

דאנטאָן איז געווען א שטענדיקער אײַנגייער אין קאפע „פּאר־נאס". אין דער דאָזיקער קאפע, אפן ראָג פון שול־פּלאץ און דער ברעג־גאס פון טײַך סענע, נעבן דעם יוסטיץ־פּאלאץ, פלעגט זיך צו־נויפקומען די אדוואָקאטן־יוגנט. דער באלעבאָס פון קאפע, שארפּאנ־טיע, איז געווען א פארמעגלעכער בורזשוא, און ארום זײַן טאָכ־טער, דער יונגער גאבריעל, פלעגט זיך אומדרייען ניט איין שפּאָגל־נײַער אדוואָקאט. געזיגט האָט דאנטאָן, ער האָט כאסענע געהאט מיט איר אין יאָר 1787 און האָט געקראָגן א היפּש ביסל נאדאן — 15 טויזנט ליווער מעזומען געלט.

איינע פון דאנטאָנס מומעס און זײַן פעטער, דער פּאָסט-מײַס־טער פון דער שטאָט טרוא, האָבן אים געגעבן נאָך 36 טויזנט לי־ווער. אזויארום האָט זיך געבילדעט א היפּשע סומע פון 51 טויזנט ליווער, און דער יונגער אדוואָקאט איז צוגעטראָטן צום אויספילן זײַנע פליכטן.

לויט דעם אָנגענומענעם מינהעג האָט ער צוערשט געמוזט האלטן אן עפנטלעכע רעדע פאר דער גאנצער אדוואָקאטן-קאָרפּאָראציע. ער האָט גערעדט אף דער טעמע „וועגן דער פּאָליטישער און דער מאָראלי־שער לאגע פון לאנד אין דער באציִונג צו דער יוסטיץ". דער יונגער בור־זשוא, וואָס האָט געטרוימט בלויז וועגן א גינסטיקער אדוואָקאטן-קאריערע, איז געווען אין גרויס פארלעגנהײַט. די אווטאָרן פון די זיכרוינעס וועגן אים דערציילן, אז דאנטאָן האָט באמערקט: „פאר מיר איז דאָס גע־ווען דאָס זעלבע ווי גיין אפן שארף פון א גאָלמעסער".

פאַר דער כאַ־ַעוועער אַדוואָקאַטן־קאָרפּאָראַציע האָט דער יונגער דאַנטאָן געהאַלטן אַ רעדע און האָט אָנגעמערקט אין איר אַ פּראָגראַם פון רעפאָרמעס, וואָס מע דאַרף נייטיק האָבן, קעדיי אויסצומײַדן אַ רעוואָליוציע. און דאָס אַלץ — אין אַ קוואַליפיצירטן לאַטײַן.

מע זאָגט, אַז ווען דאַנטאָן האָט פאַרענדיקט זײַן רעדע, האָט ער אויסגערופן: „ווײ איז די, וואָס פּראָוואָצירן אַ רעוואָליוציע! ווײ איז די, וואָס מאַכן אַ רעוואָליוציע!" די צוהערער, לאָמיר גלייבן די איידעס — דאַנטאָנס פרײַנט, — זײַנען געווען אַזוי פאַרווונדערט פון דער רעדע, אַז זיי האָבן פאָרגעלייגט אָפּצודרוקן זי. אָבער דאַנטאָן האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן; ער איז געווען און געבליבן אַ כוינע פון „שרײַבערײַ". פון די ו״ ער פון זײַן רע־וואָליוציאָנערער מעסיקײַט זײַנען אויך געבליבן נאָר רעדעס. ניט מער ווי רעדעס.

די רעאַקציאָנערע היסטאָריקער האָבן געפּרוווט באַווײַזן, אַז דאַנטאָן האָט ניט געהאַט קיין דערפאָלג אַלס אַדוואָקאַט. ווי זיי זאָגן, איז דאַנטאָן געווען „אַן אַדוואָקאַט אָן אַרבעט". דאָס שטימט ניט מיט דער ווירקלעכקײַט. אין די עטלעכע יאָר פון זײַן געריכט־פּראַקטיק — פון דעם יאָר 1787 ביז דעם יאָר 1791 — איז ער אַרויסגעטראָטן אין פּראָצעסן ווייניקסטנס 22 מאָל. ערשט דעם פינפטן יאָר פון דער רעוואָליוציע, אין יאָר 1791, האָט זיך געענדיקט זײַן אַדוואָקאַטן־קאַריערע.

אין זײַן קאַבינעט, וואָס איז באַצייכנט אין פּאַריזשער האַנטבוך פון יאָר 1788 אַלס „קאַבינעט פון דעם הער דאַנטאָן, אַדוואָקאַט „פון די ראַטן". פלעגט ער אויפנעמען אַדל־לײַט, וואָס פירן געריכט־פּראָצעסן פאַר אָנערקענען זייער טיטל און בורזשואַ מיט קרעדיט־געשעפטן; פּריצים, וואָס פּרעטענדירן אויף פּויערשע ערד, און האַנטווערקער, וואָס פאָדערן אַ פּאַטענט.

ערעוו דער רעוואָליוציע איז דאַנטאָן געווען אַ טיפּישער ליבעראַלער בורזשואַ און איז ניט געווען באַזעסטיקט מיט רעוואָליוציאָנערע פּרינציפּן; ער האָט געמאַכט קאַריערע, ווי אַן אַדוואָקאַט פון אַלטן רעזשים. איבעריקנס האָבן אַ סאַך אַנדערע שפּעטערדיקע טוער פון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע אויך אַזוי אָנגעהויבן זייער קאַריערע.

אדוואָקאטנ זײַנענ דעמאָלט געווענ אויכ די אַלע, וואָס שפּעטער, אינ די יאָרנ פונ דער רעוואָליוציע, האָבנ זיי געבילדעט די פראקציע „דאנטאָניסטנ". קאמיל דעמולענ, עראָ דע סעשעל, דעלאקרוא, דער שפּעטערדיקער גענעראל וועסטערמאנ, דער „דאנטאָניסט" פיליפּאָ אונ א סאכ־א סאכ אנדערע פאָרשטייער פונ די פארשיידענע פּאָליטישע לאגערנ אינ די רעוואָליוציע־יאָרנ: בארנאוו, פּעטיאָנ, ווערניאָ, באַדער, ראָבעספּיער, קוטאָנ. אָט די גאנצע בורזשואזע יוגנט האָט אָנגעהויבנ איר קאריערע אלס אדוואָקאטנ. אָבער פילע פונ זיי זײַנענ אויכ פאר דער רעוואָליוציע געווענ פארבונדנ מיט דער פּאָליטיק, מיטנ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשערישער מעלוכע א סאכ מער איידער דאנטאָנ.

אומגעפער ארום דעמ יאָר 1787, ווענ ער האָט זיכ אומגעקערט פינ ריימס, איז דער אדוואָקאט דאנטאָנ אריײַנגעטראָטנ צו די „פּריימויערער", — צו די פראנק-מאסאָנענ, אינ דער לאָזשע פונ „נײַנ שוועסטער". דאָ האָט ער זיכ געטראָפנ מיט זייער פיל צוקונפטיקע פירער פונ די פארשיידענע פּאָליטישע טוער פונ דער רעוואָליוציע: מיטנ שפּעטערדיקנ פארטיידיקער פונ דער בורזשואזער מאָנארכיע — באיי, דעמ מער פונ פאריזש אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער רעוואָליוציע, מיט די בורזשואזע רעפּובליקאנער — די זשיראָנדיסטנ — קאָנדאָרסע אונ בריסאָ, מיט זײַנ נאָענסטנ געליבטנ פרײַנט קאמיל דעמולענ. ס'איז מעגלעכ, אז זיי האָבנ אינ דער מאסאָנישער לאָזשע קריטיקירט די אלטע אָרדענונג אונ האָבנ גערעדט וועגנ דער רעוואָליוציע. ס'איז מעגלעכ... אָבער גענוי ווייסנ מיר דאָס ניט.

אינ דער איינציקער עפנטלעכער פּאָליטישער רעדע, וואָס ער האָט געהאלטנ, ווענ ער איז אריײַנגעטראָטנ אינ אדוואָקאטנ־שטאנד אינ יאָר 1787 (אינ דער רעדע, וועגנ וועלכער מיר האָבנ פריער גערעדט), האָט דאנטאָנ געזאָגט, אז „דער האָריזאָנט ווערט באדעקט מיט וואָלקנס" אונ אז „עס פילט זיכ, אז עס קומט אָנ א שרעקלעכע רעוואָליוציע", אָבער אינ דער זעלבער רעדע האָט ער אופגעפאָדערט מיט אלע קויכעס צו קעמפנ קעגנ איר אָנקומענ.

דאנטאָנ איז ניט געווענ קײנ טעאָרעטיקער. ערעוו דער רעוואָליוציע איז ער געווענ א פרידלעכער בורזשוא, ער האָט זיכ פארנומענ מיט זײַנ אדוואָקאטנ־קאריערע, מיט זײַנ פאמיליע אונ

האָט געהאָפט צו ווערנ רײַכ. פּאָליטישע פראגנ אינטערעסירנ אימ דעמאָלט קנאפּ. קלערנ קלערט ער וועגנ מאַטעריעלנ וווילשטאַנד; ער איז גרייט צופּאַסנ זיכ אונ אויסנוצנ אַלע פּריווילעגיעס פונ זײַנ לאַגע אַלס אַ מיטגליד פונעמ ריכטער־שטאַנד פונ דער אַלטער אָרדענונג, אונ ער טראַכט גאָר ניט וועגנ נעמענ אַנ אָנטייל אינ רעוואָלוציאָנערנ קאַמפ קעגנ דער דאָזיקער אָרדענונג. אָבער ניט זײַנע פאַר־לאַנגענ, ניט זײַנע פּערזענלעכע שטרעבונגענ לייזנ די פראַגע. דאַנ־טאָנ איז געוואָרנ דאָס, וואָס פונ אימ האָט געקאָנט מאַכנ אונ וואָס עס האָט פונ אימ געמאַכט זײַנ צײַט, — די עפּאָכע, ווענ עס איז געוואָרנ אומפאַרמײַדלעכ דער כורבנ פונ דער פעאָדאַלער אָרדענונג אונ דער זיג פונ דער בורזשואַזיע.

פֿראַנקרײַכ ערעוו דער גרויסער רעוואָלוציע

1

אינ וואָס פֿאַר אַנ אומגעבונג איז דורכגעגאנגענ דאנטאָנס קינד־הײַט אונ זײַנ יוגנט?

וואָס איז געווענ שאַמפּאַנ אינ דאנטאָנס שול-יאָרנ?

שאמפּאנ איז דאָס לאנד פֿונ ווײַנ אונ פֿונ פֿויערשע טרערנ. שאמפּאנ פֿארמאָגט פֿיל ווײַנגערטנער אונ אַנ אנטוויקלטע אינדוסטריע, אונ דאָכ איז דאָס איינער פֿונ די סאמע אָרעמע אונ ווייניק באַ-פֿעלקערטע ראיאָנענ פֿונ פֿראנקרײַכ. אינ XVIII יאָרהונדערט, ווי אינ XIX, האָט מענ שאמפּאנ גערופֿנ „דאָס לײַזיקע לאנד": „טרו־קענע ערד, שטויביקע פֿעלדונ, די פֿעלדער זעענ אויס טרויעריק, די הײַזקעס זײַנענ שמוציקע אונ אָרעמע"...

די ווײַנגערטנער פֿונ שאמפּאנ זײַנענ אַנ אייגנס פֿונ די קאפּי-טאליסטנ: צו באארבעטנ ערד דארפֿ מענ האָבנ קאפּיטאל. ניט דער באָדנ, נאָר די ארבעט שאפֿט דעמ באריםטנ ווײַנ, מיט וועלכנ דער דאָזיקער קאנט האָט גערימט אינ XVIII אונ XIX יאָרהונדערט אונ רימט אפֿילע ביז הײַנטיקנ טאָג. די גערעטעניש פֿונ ווײַנטרויבנ גיט רעווח דעמ אייגנטימער נאָר אויב ער פֿארמאָגט גענוג קאפּי־טאל צו דינגענ אַ גאנצע ארמיי ארבעטער אונ אויסשטאטנ קעלערס. די דאָזיקע קעלערס זײַנענ שוינ אינ XVIII יאָרהונדערט געווענ עכטע זאוואָדנ.

די אָרעמקײַט האָט ארויפֿגעלייגט איר טרויעריקנ שטעמפּל אפֿ אלע דערפֿער אונ שטעט פֿונ דעמ דאָזיקנ קאנט.

אינ די שטעט פֿלעגט מענ בויענ פֿונ שטיינ נאָר געזעלשאפֿט־

לעכע געבײַדעס, שלעסער, געריכט-אנשטאלטן; די קירכעס אין ארסי און אין דער גאנצער געגנט זײַנען געווען די איינציקע עמעס פעסטע געבײַדעס.

שאמפאן איז געווען באריממט ניט בלויז מיט אירע ווײַנגערטנער, נאָר אויך מיט איר ברייט-פארשפרייטער אינדוסטריע. א היפשער טייל פון דער שטריקערײַ-פּראָדוקציע פון פראנקרײַך איז געווען קאָנ- צענטרירט ארום טרוא. אין די דערפער, אפּ צענדליקער ליע ארום, זײַנען די הײַזקעס אין XVIII יאָרהונדערט פארוואנדלט געוואָרן אין ווארשטאטן. די פויערים פלעגן פארקויפן זייערע סכוירעס די פארמיטלער — די הענדלער, און יענע ווידער פלעגן דאָס פארקויפן די פאבריקאנטן אין די גרויסע שטעט. די אָרעמקײַט איז אזוי־ארום גע- ווען די באזע, וואָס האָט געשפּײַזט די האנדלס-אינדוסטריעלע אנט- וויקלונג פון שאמפאן אין XVIII יאָרהונדערט.

בילדער פון פארצווייפלונג האָט דאנטאָן געמוזט צוזען ארום ארסי, אפּן ווען קיין טרוא און רייַמס. וואָס-זשע האָט ער געקאָנט זען אין טרוא גופא, דאָרטן ווו עס זײַנען דורכגעגאנגען זײַנע יוגנט-יאָרן?

טרוא, די אלטע הויפּטשטאָט פון שאמפאן איז דעמאלט געווען די איינציקע גרויסע שטאָט אין געגנט. א גרויסער האנדלס-אינדוס- טריעלער צענטער פון פראנקרײַך, אן אָרט פון יארידן.

אין אָנהייב פון XVIII יאָרהונדערט האָבן די שטאָט רויִנירט די מילכאָמעס פון לוי XIV, אָבער אין עטלעכע יאָרצענדליק ארום איז זי געקומען צו זיך, און אין די 1770־ער יאָרן האָט איר באפעלקע- רונג באטראָפן 25 טויזנט מאן.

אלטע אריסטאָקראטיע איז אין שטאָט געווען ווייניק. אין 1774 איז אין טרוא און איר אומגעגנט געווען ניט מער ווי בא א 50 אדל־פא- מיליעס פון אלטער אָפּשטאמונג; דאקעגן זײַנען 157 פאמיליעס גע- ווען פון דעם „נײַעם אדל", וואָס שטאמט פון דער בורזשואזיע. מערסטנטײַלס פלעגט זיך דער דאָזיקער „נײַער אדל" קאָמפּלעקטירן אזוי: טעכטער פון סאָחרים פלעגן כאסענע האָבן מיט די זין פון אדל־לײַט, אָדער בורזשואַ פלעגן קויפן פאר געלט דעם טיטל פון זנ אדלמאן. די דאָזיקע אדל-לײַט פלעגן זיך ניט מישן צו פארנע- מען זיך מיט האנדל. זייערע קינדער פלעגן אָפט פארנעמען אן אָרט

קאטן. דער אונ-
צווישן די ערשטע צוויי שטאנדן אלס גאלאָכים און אדוואָקאטן. דער אונ-
טערשטער קלער, די שטאָטישע און דאָרפישע גאלאָכים, פלעגן זיך
רעקרוטירן פון דעם קליינבירגערטום, און זייער לעבן איז ניט גע-
ווען וואָס מעקאנע צו זיין. א סאך בעסער האָבן געלעבט די אדוואָ-
קאטן, וואָס האָבן געשטאמט פון דער בורזשואזיע, און די בורזשו-
אזע זינדלעך, וואָס האָבן זיך פארנומען מיט האנדל אָדער אינדוס-
טריע. טרוא איז געווען פול מיט גאלאָכים אין שווארצע סוטאנעס
און גלענצנדיקע גארניזאָן-אָפיצערן. די אָפיצערן פלעגן איינשטיין אין
די דירעס בא די בורזשוא, אָבער די לאסט פון אויסהאלטן זעט
גארניזאָנען האָבן געפילט אפ זיך די באלמעלאָכעס און די קליינהענ-
דלער. באאמטע איז געווען א סאך. „אין קיין איין קולטורעלער מע-
לוכע, — האָט געזאָגט א דעמלטיקער שרייבער, — אין דער געשיכטע
פון קיין שום פּאָלק איז ניטאָ אזא מאסע באאמטע און אָנגעשטעלטע
פון אלערליי ראנגען און טיטלען, ווי בא אונדז".
די באפעלקערונג פון טרוא איז געווען שטרענג איינגעטיילט אין
שטאנדן. אכוץ די „נאָבעלע" בורזשוא — אדל-לייט, האָבן דעם שפּיץ
פון דריטן שטאנד געבילדעט די אָנגעשטעלטע פון געריכט. נאָכ-
דעם זיינען געגאנגען די האנדל-קאָרפּאָראציעס און די האנטווערקער-
קאָרפּאָראציעס.
אינעם האנדל און אין דער אינדוסטריע פון טרוא זיינען גע-
ווען באשעפטיקט ווייניקסטנס דריי פערטל פון דער באפעלקערונג,
און פאריניקס זיינען זיי געווען אומגעפער אין 50 קאָרפּאָראציעס. די
סאמע רייכע און די צאָלרייכע זיינען געווען די קאָרפּאָראציעס פון
ויין-פּראָדוצירער, די טוך-פאבריקאנטן, די זאָקן-פאבריקאנטן און די
גארבער. פון די דאָזיקע קאָרפּאָראציעס, פון דעם סאמע רייכן טייל
פון דער האנדלס-אינדוסטריעלער בורזשואזיע, איז געבילדעט גע-
וואָרן דער אָרטיקער מוניציפּאליטעט. אָבער דאָס ראָטהויז אין טרוא
האָט ניט פארמאָגט וועלכע-עס-איז רעכט און רעאלע פּאָליטישע
מאכט. די רעאלע מאכט האָט געהאט דער פאָרשטייער פון דער רע-
גירונג, דער אינטענדאנט און דער גובערנאטער, דער שטאטהאלטער
פון קאנט.
אין טרוא איז געווען איבער צוועלף טויזנט ארבעטער, און
פּראָדוצירט האָט די שטאָט אַ 11 מיליאָן ליווער.

דער הונגער איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין דער געגנט פון טרויע. אין די יאָרן 1709, 1740 און 1775 איז ער געווען שווידער־לעך: אין די דערפער און אַפּ די כראַקסן פלעגן הונדערטער מענטשן אומקומען פון הונגער.

באַזונדערס שווער איז געווען די לאַגע פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג. דער פויער פלעגט צאָלן קאָלאָסאַלע שטײַערן. מענטשן פון יענער צײַט באַהויפּטן, אַז די מינדסטע פאַרגרעסערונג פון די שטײַערן אין שאַמפּאַן וואָלט געבראַכט צו אַ פאַרוויסטונג פון דער ערד, און די ערד־אַקערער וואָלטן זיך צעלאָפן אין די שטעט. ווירקלעך, ערדאַרבעטער איז אין שאַמפּאַן אין יאָר 1774 געווען פאַרעגיסטרירט איבער 35 טויזנט, און אין 1787 — ניט מער ווי 25 טויזנט.

מיט דער אָרעמקײַט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג לאָזט זיך דערקלערן די ברייטע פאַרשפּרייטונג פון דער אינדוסטריע אין דאָרף. די נויטבאַדערפטיקע דאָרפישע באַפעלקערונג האָט זיך מיט אימפּעט א לאָז געטאָן אין דער אינדוסטריע. אין די דערפער אַרום טרואַ און אַרסי האָט זיך דער גרעסטער טייל פויערים פאַרנומען, אַחוץ דער לאַנדווירטשאַפט, אויך מיט שטריקערײַ און שפּינערײַ. צב. אין דאָרף אָרמעס האָבן אין יאָר 1773 געאַרבעט פאַר די אונטערנעמער פון אַרסי 15 װערקשטעלן צו שטריקן זאָקן און 20 באַוול־שפּינערנס. איינער פון די גרעסטע באַוול־שפּינער אין אַרסי, דער אויפקויפער פון דער דאָרפישער פּראָדוקציע איז געווען זשאַן ריקאָרדען, דאַנטאָנס שטיף־פאָטער. און אין דאָרף לענסי, ווו דאַנטאָנס זיידע האָט געוווינט, זײַנען 162 מאַן געווען באַשעפטיקט מיט אויסאַרבעטן באַוול; אין דעם דאָזיקן דאָרף איז געווען 80 ווערקשטעלן צו שטריקן זאָקן און 54 מעכאַנישע שפּין־שטולן.

א טרויעריקער לאַנדשאַפט האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר דאַנטאָנס אויגן ביים זײַן רײַזע קיין ריימס. אַרום אַרסי האָבן די דערפער און די לאַנקעס עטוואָס געמילדערט דאָס טרויעריקע בילד. אָבער ווײַטער, אַפּגן וועג צו דער שטאָט שאַלאָן, האָט דער קרייד־מידבער פאַרגעשטעלט מיט זיך א בילד פון הוילער פויערשער נויט און אומבאַהאָלפנקײַט. דאָס אָרעמע פויערטום פלעגט קוים פאַרדינען אַפּ ברויט. א רײַזנדער פון יענער צײַט, וועלכער איז א קורצע צײַט פאַר דער רעוואָלוציע אויסגעגאַנגען צופוס א היפּשן טייל פון פראַנ־

קרײַכ, האָט געזאָגט, אז די גרויסע שטײַערנ, וואָס דאָס פויערטומ פונ שאמפּאַנ צאָלט, איז „א דערפינדונג פונ טײַוול, צומ אונטער-דריקנ מענטשנ און פארוויסטנ דאָס דאָרפ".

אפנ וועג פונ ארסי קיינ ריימס איז געלעגנ די שטאָט שאלאָנ. דורכפאָרנדיק שאלאָנ, פלעגט זיכ דער רײַזנדער פלאָנטערנ אינ די קרומע געסלעכ פונ די נעבעכדיקע עקנ שטאָט, ווו עס האָבנ געזשיפּעט די פאבריקנ.

ווײַטער, נעענטער צו ריימס, פלעגנ זיכ טרעפנ גרענעצנזיקע שלעכער פונ מאגנאטנ צווישנ טרויעריקע דערפער.

ריימס איז געווענ דער אינדוסטריעלער צענטער פונ אלטנ פראנ-קרײַכ — א שטאָט פונ אריסטאָקראטנ, — הויכגעשטעלטע באאמטע, ביסקופנ און רײַכע סאָכרימ, א שטאָט פונ די וועבער-אינ-דוסטריע. דאָס איז געווענ איינע פונ די צוויי שטעט פונ פראנקרײַכ, וואָס האָט געהאט אינ קאָנווענט אלס א פאָרשטייער אנ ארבעטער — דעמ וועבער ארמאָנוויל. ערעוו דער רעוואָליוציע איז אינ ריימס גע-ווענ איבער 3 טויזנט וועבשטולנ, און אינ יאָר 1790 האָט איר האנדל-אומזאצ באטראָפנ 13,5 מיליאָנ ליווער. די צײַג פונ אירע ווארשטאטנ און פאבריקנ פלעגט עקספּאָרטירט ווערנ אינ די ווײַטע לענדער.

אינ ריימס זײַנענ די עקנ שטאָט געווענ געדיכט באוווינט פונ ארבעטער. דאָ, אינ די הײַזער פונ די באלמעלאָכעס פלעגנ אר-בעטנ פונ באגינענ ביז שפּעט אינ דער נאכט וועבער, שפּינער, טוכ-וואלקער, פארבער. פונ 32 טויזנט אײַנוווינער פונ שטאָט האָבנ ווי-ניקסטנס צוויי דריטל געלעבט גאָר אָרעמ. אינ יאָר 1784 האָט דער ארציביסקופּ פארזיכערט, אז „11 טויזנט מאנ אינ די פאָרשטעט פונ ריימס האָבנ נימ קיינ ברויט, און די איבעריקע באפעלקערונג איז בעערעכ אינ דער זעלבער לאגע"...

2

פאריזש איז געווענ דער צענטער פונ דער צוקונפטיקער רעוואָ-ליוציע: אינ פאריזש איז דורכגעגאנגענ דאנטאָנס לעבנ און טעטי-קײַט — די אלע אכט-נײַנ יאָר, צווישנ דעמ אָנהייב פונ זײַנ אדוואָ-קאטנ-קאריערע און זײַנ טויט אפ דער גיליאָטינע, אינ אפּרעל 1794.

וואָס איז פאריזש געווענ פאר דער רעוואָליוציע?

פאריזש איז ניט נאָר די הויפּטשטאָט; אין דער דאָזיקער שטאָט איז גאַנץ פראַנקרײַך — די 600 טויזנט פאריזשער אײַנוווינער פארוואַנדלען די דאָזיקע שטאָט אין א קאָלאָסאַלער מעלוכע. די נאָענט-קײַט פונעם קיניגלעכן הויף אין ווערסאַל מאַכט פאריזש פארן פּאָליטישן צענטער פון לאַנד. אין שטאָט איז פאראַן ניט מער ווי 25 טויזנט אדל-לײַט און גײַסטלעכע, ביז 80 טויזנט פאָרשטייער פונעם בורזשואַזן קלאַס; ניט ווייניקער ווי הונדערט טויזנט אַרבעטער, אַפּילע קלייןבירגער — די מאַסע, וואָס וועט שפּילן אַן אַנטשיידנדע ראָליע אין דער רעוואָליוציע; 200 טויזנט דינער און ניט ווייניקער פון 20 טויזנט בעטלער. קיין פאריזש קומען זיך צונויף מענטשן פון אַלע עקן לאַנד, נאָך מער — פון אַלע עקן וועלט.

אין זײַן פּראַכטפולן בוך „בילדער פון פאריזש" האָט אונדז מערסיע געלאָזן א באַשרײַבונג פון דעם דעמאָלטיקן פאריזש.

מערסיע שרײַבט: „א וווּנדערבאַרע אָרגאַניזאַציע! אין איין פּונקט זײַנען פאראַן 600 טויזנט מאַן, און פון זיי זײַנען 200 טויזנט פרעסער און אויסברענגער... א הערצאָג צאָלט פאַר זײַן ברויט ניט טײַערער, איידער א טרעגער... ווי זאָל מען זיך ניט וווּנדערן אויף דער גרויליכער אָרדענונג, וואָס הערשט אין אזא פאַרקערטער וועלט!"

באַגלײַך מיט די פּאַלאַצן פון די רײַכע לײַט, וואָס ליגן אין צענטער, געפינען מיר אין די עקן פון שטאָט נעבעכדיקע הײַזקעס. די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג פון דער הויפּטשטאָט וווינט אין קעלערס און אויף די בוידעמער. דאָ, אין די מאַנסאַרדעס, וווינט אויך די קלייןבירגערלעכע אינטעליגענץ: שרײַבער, פּאָעטן, קינסטלער, זשורנאַליסטן און אַדוואָקאַטן. דידראָ און רוסאָ האָבן דאָ פאַרבראַכט זייערע בעסטע יאָרן. די פאריזשער פאָרשטעט זײַנען ווי א באַזונדערע וועלט. זיי זײַנען געבויט געוואָרן דאָרטן, וווּ פריער זײַנען געווען פאַרוואָרפענע שטיינבראָכערײַען; די הײַזער זײַנען דאָ אויסגעבויט איבער גריבער. דאַקעגן דער אדל, וואָס האָט פריער געוווינט אין זײַנע פּאַלאַצן און האָט זיך איצט אײַנגעאָרדנט אין דער הויפּטשטאָט, גלאַנצט מיט זײַן לוקסוס. ער האָט אויפגעהאַלטן דאָ, אין צענטער פון פאריזש, זײַנע קנעכט. „די ירושע פונעם אַלטן אדל איז אין פאריזש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַפּאַרטאַמענטן, בריליאַנטן, שפּיצן, אין זיל-

בערנע קיילים, אין פראכטפולע עקיפאזשן".[1] די אדל־לײַט הערשן אין דער הויפטשטאָט. אלע פּאָסטנס, אלע שטעלעס, די מיליטערישע, די גײַסטלעכע, די ציווילע געהערן די אדל־לײַט און די, וואָס האָבן געלט. „די דיסטאנץ צווישן דעם רײַכן מאן און די איבעריקע בירגער פון דער הויפטשטאָט, — האָט מערסיע געשריבן, — ווערט יעדן טאָג גרעסער, און די אָרעמקײַט ווערט נאָך מער ניט איבערצוטראָגן, ווען מע קוקט צו דעם גאנצן שטײַגנדיקן לוקסוס, וואָס רײַסט די אויגן דעם קאפּצן. דער האס צעפלאקערט זיך, און די מעלוכע איז צעטיילט אף צוויי קלאסן מענטשן: אף גיריקע און געפיל־לאָזע און אף אומצופרידענע און מורמלענדיקע".[2]

די רײַכע לײַט רעגירן אין דער הויפטשטאָט. אף די גאסן טראָגן זיך געשרייען „היט זיך, היט זיך, היט זיך!" היט זיך פאר די אריסטאָקראַטישע קאָטשן, וואָס טראָגן זיך, ווי מעשוגע־ווילדע, איבערן ברוק און שטיקן מענטשן, ניט זשענירנדיק זיך. לוקסוספולע עקיפאזשן פארשפריצן מיט ברוד די פוסגייער; קיין טראָטוארן איז ניטאָ און איבער דעם איז אף די גאסן געפערלעך. אין 1775 יאָר איז אונטער די רעדער פון אן אריסטאָקראַטישן עקיפאזש געשעדיקט געוואָרן זשאן־זשאק רוסאָ. די אדל־לײַט און די גווירים האָבן אין דער הויפטשטאָט אלץ. צו באשיצן זייער רו איז פאריזש פארפלייצט מיט שפּיאָנעס, פּאָליציאנטן, באאמטע. די באנקירן, די נאָטאריוסן און די פּאָדראַטשיקעס בויען אין פאריזש נײַע הײַזער. „קאָלאָסאלסטע געבײַדעס וואקסן אויס ווי דורך א קישעף, און די נײַע קווארטאלן באשטייען דורכויס פון פריוואטע האָטעלן, וואָס פארוווּנדערן מיט זייער פּראכט".[3]

פאריזש איז געווען די גרעסטע, אָבער ווײַט ניט די סאמע אינדוסטריעלע שטאָט פון פראנקרײַך. אין פאריזש, — ווי, איבעריקנס, אין א סאך אנדערע שטעט און דערפער פון פראנקרײַך, — האָט געהערשט די האנטווערקערײַ.

די איבערוועגנדיקע מערהײַט פון דער פאריזשער באפעלקערונג זײַנען קליינבירגער — האנטווערקער און ארבעטער. זיי בילדן, ווי

1 מערסיע — „בילדער פון פאריזש".
2 דאָרטן.
3 דאָרטן.

מערסיע זאָגט, „דעם כאמע אָרעמע, דעם סאמע אומרויִקנ אונ דעם סאמע אומדיסציפּלינירטנ פונ אלע קלאסנ פונ דער באפעלקערונג״.

אינ די דאָזיקע קווארטאלנ פונ די קלײנע מענטשעלעך ברעכנ אָפט אויס בונטנ. דער קוואל פונ דער אופרעגונג, ווי די דערמאָנטע שרײַבער זאָגנ, איז דער אויסערסטער עלנט.

„אינ די פאָרשטעט, — שרײַבט מערסיע, — פארנעמט א גאנצע מישפּאָכע אײנ צימער, מיט הוילע ווענט, אָרעמע בעטלעך, אָנ פאר־האנגענ, מיט מעבל, וואָס איז אינגאנצנ ניט ווערט קײנ 20 עקיו, אונ אלע דרײַ כאדאָש׳ימ בײַטנ זיך די אײַנוווינער אינ אזא לאָך. די פריִערדיקע טרײַבט מענ ארויס פארנ ניט צאָלנ קײנ דירע־געלט, אונ זײ רײַזנ ארומ, שלעפנדיק אומעטומ מיט זיך זײערע נעבעכדיקע בעבעכעס אונ אריבערגײענדיק פונ אײנ אָרט אינ א צווײטס. קײנער אינ די אלע וווינונגענ האָט ניט קײנ לעדערנע שיך, אונ אפ די טרעפ קלאפנ נאָר הילצערנע סאנדאלנ. די קינדער לויפנ ארומ נאקעט אונ שלאָפנ אלע אינ אײנ קופע״.

האָט דער יונגער דאנטאָנ פארשטאנענ, האָט ער געזעענ די נויט אונ עלנט, וואָס האָט געהערשט ארומ אימ?

די ווײ־געשרײענ פונ דער ארבעט־באפעלקערונג זײַנענ צו אימ קוימ דערגאנגענ, אָבער ער האָט ניט געקאָנט ניט וויסנ, וואָס עס האָבנ געוואָלט די בורזשוא, די פאָרשטײער פונ דעמ „דריטנ שטאנד״.

3

א יאָר 10—20 פאר דער רעוואָליוציע זײַנענ אינ פראנקרײַך געשאפנ געוואָרנ די פאָרויסזעצונגענ פונ דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש.

אומעטומ — אינ דער באוול־פּראָדוקציע, אינ די מאנופאקטורנ אונ אינ דער הויז־אינדוסטריע, — אומעטומ האָט געהערשט א לעבהאפטע טעטיקײַט. עמעס, גרויסע אונטערנעמונגענ זײַנענ געווענ אנ אויסנאמ, אָבער אינ אזוינע שטעט, ווי מארסעל, רואנ, טרוא אונ ליל, פלעגנ הונדערטער אונ טויזנטער אונטערנעמונגענ געבנ ארבעט צענדליקער טויזנטער ארבעטער.[1] די פאבריק־קלאָלימ אונ די אָפּרעכנ־ביכלעך זײַנענ שוינ אינ XVIII יאָרהונדערט ניט געווענ קײנ זעלטנהײַט.

---

[1] אינ די ליאָנער זײַד־וואַרשטאטנ פלעגנ די ארבעטער אָפט ארבעטנ 18 שעה אינ טאָג. אונ ווערסאַל פלעגנ די געזעלנ ארבעטנ פונ 4 אינדערפרי ביז 8 אינאָוונט; א

דער אויסערלעכער האנדל פון פראנקרײַך איז אין XVIII יאָרהונדערט געוואקסן אדאנק דעם האנדל מיט די קאָלאָניעס. דער אַל־געמיינער האנדל־באלאנס פון פראנקרײַך האָט באוויזן, אז די פראנצויזישע אינדוסטריע איז געוואקסן: דער אויסערלעכער האנדל איז לויט זײַן ווערט געשטיגן פון 213 מיליאָן ליווער אין יאָר 1716 ביז 1012 מיליאָן ליווער אין יאָר 1787, ד.ה. אומגעפער פינף מאָל אזוי פיל.

דער האנדל־בודזשעט פון דער פראנצויזישער בורזשואזיע איז געוואקסן. דער אימפּאָרט פון די פּראָדוקטן פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע איז געשטיגן קימאט 10 מאָל אזוי פיל, אָבער דער עקספּאָרט — ווייניקער ווי דרײַ מאָל אזוי פיל. פראנקרײַך פלעגט מער קויפן צײַג איידער פארקויפן. די פראנצויזישע טעקסטיל־אינדוסטריע האָט זיך אנטוויקלט לאנגזאם.

די גרונט־מעניע, די אנטשיידנדיקע מעניע פאר דער ווײַטער־דיקער אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם האָט געשטאמט פון די פעאָדאַלע איבערבלײַבענישן. אין דער אינדוסטריע און אין דער לאנדווירטשאפט, — אומעטום האָבן זיי זיך געלאָזט פילן. באגלײַך מיט דער גרויסער אונטערנעמונג האָט עקזיסטירט די אָפּגעשטאנענע צעכן־אָרגאניזאציע פון דער האנטווערקערײַ; אין דער לאנדווירטשאפט האָבן באגלײַך מיט די גרויסע פערמעס געהערשט לײַבאייגנטימערישע באציִונגען.

אין פראנקרײַך איז ניט געווען ניט קיין איינהײַטלעכע געזעצ־געבונג, ניט קיין איינהײַטלעכע סיסטעם פון וואָג און מאָס, ניט קיין איינהײַטלעכקײַט פון געריכט. אומעטום האָט געהערשט די ביוראָ־

14־שאָ׳קער און א 16־שאָ׳קער ארבעטסטאָג פלעגט גערעכנט ווערן פאר א נאָרמאַלן זייער ארבעטלוין איז געווען א נעבעכדיקער: יעדנפאלס ניט מער ווי 15 סו א טאָג דאָס פלעגט ניט קלעקן צו געבן עסן א פאמיליע.

די אלטע צעכן־אָרגאניזאציע האָבן א סאך ארבעטער באטראכט ווי א לאסטן; אין די צעכן האָבן זיי ניט געקאָנט געפינען קיין שוץ קעגן די מאשינעס, קעגן דער קאפּי־טאליסטישער עקספּלואטאציע. די געזעלן האָבן אָרגאניזירט זייערע פאריינען — „קאָמ־פּאניאָנשן".

אין XVIII יאָרהונדערט פלעגן די ארבעטער ביז זעלטן געבן א ווידערשטאנד זייערע באלעבאטים. צום בײַשפּיל, אין יאָר 1774 זײַנען אין פארשיידענע שטעט אויס־געבראָכן אויפשטאנדן פון וועבער, אין יאָר 1786 האָט זיך אָנגעהויבן א גרייסער אר־בעטער־אויפשטאנד אין ליאָן.

קראטיע. „יעדע קאנצעליאריע,—האָט באהויפּט דער פינאנצ-מיניסטער— דער באנקיר נעקער,—האָט געהאנדלט ווי א מעלוכע, וואָס פירט מילכאָמע מיט אלע אנדערע, און האָט באטראכט יעדן טייל מאַנגל אָדער האכנאָסע, וואָס איר פלעגט זיך איינגעבן ארויסצורייסן פאר איר אנשטאלט, אלס געזעצלעכן רויב. אומעטום האָט געהערשט כאַאָס און אומאָרדענונג...״

אין איינ און דעם זעלבן קרייז האָט מען געמאָנט פארשיידענע שטייערן; אפ דער רעכטער זייט טייך און רעכטס פון גרויסן שליאך פלעגט מען צאָלן אומדירעקטע שטייערן, אפ דער לינקער—ניט. דער ווילקיר פון די אדל-לייט און פון דער זעלבסטהערשונג האָט גע-שטערט דורכצופירן וועלכע-עס-איז רעפאָרמעס.

די רעגירונג איז ביז דער סאמע רעוואָליוציע געבליבן א פּאַ-ראזיט אפן קערפּער פונעם פאָלק. דער מעלוכע-דעפיציט איז געוואקסן פון יאָר צו יאָר. ערעוו דער רעוואָליוציע האָט דער מעלוכישער כויוו באטראָפן 161 מיליאָן ליווער,—קימאט א העלפט פון גאנצן בודזשעט. דעם הויפט-ארטיקל אין די הויצאָעס האָבן געבילדעט די ארמיי, דער קיניגלעכער הויף און די פּראָצענטן פאר די כויוועס. דער קיניג פלעגט צעטיילן דאָס פאָלקס-געלט זיינע נאָענטע; די פּרי-ווילעגירטע שטאנדן פלעגן לעבן אפן כעזשבן פון דער מעלוכע. די מאַיאָנטקעס פון די אדל-לייט פלעגן ברענגען זייערע באזיצער יעדן יאָר 120 מיליאָן ליווער, נאָר דער קיניג פלעגט דערצו צוגעבן פון דער מעלוכע-קאסע א סאך מער. אזוי איז צוגעגרייט געוואָרן דער באנקראָט פון דער זעלבסטהערשונג.

דאָס לעצטע יאָר פאר דער רעוואָליוציע,—דאָס יאָר 1788,—דאָס יאָר פון דער בורזשואזער אָפּאָזיציע, איז געוועזן א יאָר פון דער גרעסטער פארצווייפלונג פאר די פויערשע מאסן און פאר דער שטאָ-טישער אָרעמשאפט.

אין דער לאנדווירטשאפט פון פראנקרייך איז געווען פארנומען ניט ווייניקער ווי 92 פּראָצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג, און זי האָט באזונדערס געליטן פונעם ווילקיר פון דעם פעאָדאלן כעניאָר. דער פויער — ניט בלויז אלס א סערוו, אלס א קנעכט, נאָר אויך אלס אן ערדארבעטער — האָט געפילט די פיינלעכסטע אָפּהענגיקייט פון זיין האר, און די פויערים האָבן זיך אין יאָר 1789 געקלאָגט מיט

פּולנ רעכט: „מיר זײַנענ עמעסע לײַבקנעכט, קנעכט פונ די סע־ניאָרנ, באַלעסטיקטע מיט שווערע שטײַערנ. דער פעאָדאַליזמ איז אונ־דוער סאַמע שרעקלעכע פּלאָג. פאַרניכטנ אימ איז א קאַמפּעניאָרישע נייטיקײַט".

דאָס איז געווענ דער אַלגעמײנער ווײ־געשרײ פונ גאַנצנ לאַנד.

אינעמ ווירטשאַפטלעכנ לעבנ פונ דאָרפ האָבנ געהאַט א גרויסע באַדײַטונג די מאָנאָפּאָליעס פונ די סעניאָרנ. דער פּויער האָט ניט געהאַט קײנ רעכט צו באַקנ ברויט בא זיכ אינ שטוב, צו מאָלנ טרויע אינ דער נאָענטער מיל, צו פאַרקויפנ ווײַנטרויבנ אפנ מאַרק פריִער פאַרנ סעניאָר. דערצו דאַרפ מענ נאָכ צוגעבנ דאָס פאַרהאַסטע רעכט אפ געיעג. „דער ערלעכער בירגער, — שרײַבט אײנער פונ יענער צײַט, אנ אײַנוווינער פונ דער שטאָט קאַנ, — פילט זיכ דאָ ווי מע וואָלט אימ געלאָזנ אפנ ווילדנ צאָרנ פונ די וועלפ אונ די וועפּרעסנ, אונ דע־ריבער קאָנ ער ניט באַשיצנ זײַנ לעבנ, אונ זײַנע פעלדער שטעלנ פאָר א בילד פונ פאַרוויסטונג. דאָס בייז, וואָס זיי פאַרשאַפנ אפ אַלע פעאָדאַלע לענדער פונ פּראָווינס, איז ניט אָפּצושאַצנ, די אויפּעס אונ די קלײנע כײַעס פאַרוויסטנ די פעלדער, זיי פאַרדאַרבנ אַלע ערטער, וואָס זײַנענ פאַרפלאַנצט מיט אײלבערט־ביימער אונ מיט ווײַנשטאָקנ".

די פּויערימ האָבנ ניט געהאַט קײנ רעכט צו האָבנ בא זיכ געווער.

וואָס מער עס האָט זיכ אַנטוויקלט דער קאַפּיטאַליזמ, אַלצ מער האָבנ זיכ די סעניאָרנ געקוואַפּעט אפ דער פּויערישער ערד. מיט דער הילפ פונ אַדוואָקאַטנ־„פעאָדיסטנ", פלעגנ זיי נאָכ קימאַט ערעוו דער רעוואָליוציע אויסזוכנ אונ אויפשטעלנ זייערע כישלאַטערלעכע אַקטנ, אונ „מיט סטראַשונקעס פלעגנ זיי אָפּט אַרויסרײַכנ בא די פּויערימ די אָנערקענונג פונ זייערע פּרעטענזיעס". די פּריצימ פלעגנ פונ יאָר צו יאָר פאַרגרעסערנ די שטײַערנ־לאַסט, עס פלעגנ וואַקסנ די אָפּ־גאָבנ פונ די צווישנ־פעלדער, די וועג־אָפּצאָלנ, עס זײַנענ געוואַקסנ די נאַטוראַלע פּליכטנ. „סאָפּקאָלסאָפּ, — האָבנ געזאָגט די שרײַבער פונ יענער צײַט, — איז דאָס רעכט צו רויבנ די פּויערימ געווענ פאַר די סעניאָרנ א גאַנצער האַנדל־צווײַג, אונ פאַר די רעגירונג־קאָמי־סאַרנ, וואָס זײַנענ געשטעלט געוואָרנ צומ אַכטונג געבנ אפנ אָפּהיטנ

די פּעאָדאַלע געזעצן, האָט דאָס דאָזיקע רעכט געדינט אַלס אַ מיטל צום רײַך װערן".

דער קאַפּיטאַליזם איז אַרײַנגעדרונגען אין דאָרף און האָט אַרויסגערופֿן די דיפערענציאַציע פֿונעם פּויערטום. אין די דערפֿער האָט זיך געבילדעט אַ קלײנע עקאָנאָמיש-מעכטיקע גרופּע פּויערים. אָבער די איבערװעגנדיקע מערהײט ערדאַרבעטער האָט געליטן פֿון מאַנגל אין ערד. אין פּאַריזשער קרײַז האָט װײניקסטנס איבער אַ העלפֿט ערד אָנגעהערט די פּריצים; אין די דערפֿער פֿון דעם דאָזיקן קרײַז האָבן די אָרעמעלײַט — באַטראָפֿן ניט װײניקער װי 23 פּראָצענט, און די פֿערמערס — ניט מער װי 8,6 פּראָצענט.

דאָס פֿראַנצױזישע דאָרף, — דעם יעסאָד פֿונעם װירטשאַפֿטלעכן לעבן פֿון לאַנד — האָט געשטיקט די סיסטעם פֿון אַרענדע פֿאַר אַ העלפֿט געװעטעניש, — די סיסטעם, װאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער פֿעאָדאַלער אָרדענונג. די אויפֿגאַבע פֿון דער רעװאָלוציע איז אַזױ־אַרום באַשטאַנען ניט בלויז אין אויסלייזן דעם פּויערס פּערזענלעכקײַט, נאָר אויך אין מאַכן אים פֿאַר אַ פֿרײַען סכוירע־פּראָדוצירער. דאָס פּויערטום איז געװען די גרונט־טרײַב־קראַפֿט פֿון דער קומענדיקער רעװאָלוציע.

די פֿעאָדאַלע אָרדענונג האָט מיט איר געזעצגעבונג געשטערט דער אַנטװיקלונג פֿונעם אינערלעכן האַנדל אין לאַנד. פֿראַנקרײַך איז געװען געפּענטעט מיט אַ נעץ טאַמאָזשנע-באַריערן. די ליניע פֿון די טאַמאָזשנע־ראָגאַטקעס האָט זיך געצויגן קימאַט אויף דרײַ טויזנט ליע. „די צוימען, װאָס האָבן אַרומגערינגלט יעדע שטאָט, יעדעס דאָרף, האָבן ניט דערלויבט די אײַנװוינער פֿון טאָל אין לאָטאַרינגיע אַרויסצוגיין פֿון זײער דאָרף און ניט אָנשטויסן זיך אויף יעדן טריט אויף טאַמאָזשנע-באַריערן, און די אײַנװוינער פֿון לאָטאַרינגיע, פֿון שאַמפּאַן, פֿון עלזאַס אאַװ. האָבן צװישן זיך ניט געקאָנט האָבן קײן פֿאַרקער".

דעם האַנדל האָבן געדראָעט אַלערלײ — פּאַסטקעס, אָפּצאָלן און קאָנפֿיסקאַציעס, און ער איז געװען שטאַרק געפֿאַלן. די אינדוסטריע װידער האָט געליטן פֿון אָן אַ שיער שטערונגען, װעלכע עס האָבן געשאַפֿן די פֿעאָדאַלע געזעצן. די פֿראַנצױזישע סאָחרים און אינדוסטריעלער האָבן געפֿאָדערט פֿרײַע אַנטװיקלונג פֿון זײער טעטיקײַט.

דאָס גאַנצע לאַנד „איז געװען אויפֿגעבראַכט פֿון דער אַלטער

אָרדענונג ניט אַזוי איבער דער יערידע פון דער ערדאַרבעט און דער גאַנצער ווירטשאַפט, ווי איבער דעם, וואָס די אַלטע אָרדענונג האָט געהאַמעוועט די אָנגעהויבענע אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם".[1] דאָס איז געווען די הויפּט־סיבע, די גרונט־סיבע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָליוציע.

דער אַדלשטאַנד האָט זיך ביז דער סאַמע רעוואָליוציע געהאַלטן בא זײַנע פּריווילעגיעס. נאָך אין יאָר 1776 האָבן די אַדל־לײַט געבעטן אין דערוויזן דעם קיניג, אַז זיי האָבן דאָס רעכט ניט צו צאָלן קיין שטײַערן. „עס גייט ניט אין דעם, — האָבן זיי געזאָגט, — וואָס די רײַכע פירן א קאַמף קעגן די אָרעמע", נאָר אין דעם, וואָס עס ווערט געבראָכן דער גרונט־פּרינציפּ פון דער אַלטער אָרדענונג: די פּערזענלעכע דינסט פון דעם קלער באַשטייט אין אויספילן אַלע פונקציעס, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט בילדונג, מיט גאָטעסדינסט און מיט פאַרגרינגערן דעם גורל פון די אומגליקלעכע דורך וווילטעטיקײַט. דער אַדל־שטאַנד פאַרטיידיקט די מלוכה מיט זײַן בלוט און העלפט דעם קיניג מיט זײַן אייצע. דער נידעריקער קלאַס פון דער נאַציע, וואָס קאָן דער מלוכה ניט געבן אַזוינע נוצן, צאָלט איר זײַן כויוו מיט שטײַערן, מיט אינדוסטריעלער טעטיקײַט און מיט פיזישער אַרבעט". אָט די יעראַרכיע פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט האָט די רעוואָליוציע געמוזט אויפרײַסן: די בורזשואַזיע האָט געשטרעבט צום אײַננעמען די פּאָליטישע מאַכט, און דאָס פּויערטום — צו פאַרניכטן די פעאָדאַלע פאַראָנדקעס.

רעפאָרמעס האָבן נייטיק געהאַט אַלע אונטערגעדריקטע קלאַסן פאַר דער בירגערלעכער באַנײַונג פון פראַנקרײַך, אָבער דעם יאָך פון דער פעאָדאַלער מלוכה האָבן די פאַרשיידענע קלאַסן פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט געפילט פאַרשיידן.

די רײַכע אינדוסטריעלער און סאָחרים האָבן געפאָדערט פּאָליטישע מאַכט. די נעגאָציאַנטן, די דירעקטאָרן פון מאַנופאַקטורן, פון שטיינקוילן־גרובן, די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער דאָרפישער אינדוסטריע האָבן שוין מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס די פעאָדאַלע געזעצגעבונג האָט געשטערט זייער הערשאַפט. די האַנדלס־אינדוסטריעלע

---

1 זש. זשאָרעס. „די גרינדונג־פאַריזאַטיונג".

בורזשואַזיע האָט שטאַרק געליטנ דערפונ, האָט די זעלבסטהערשונג איז ניט געווענ פײַיק צו באַוואָרענענ די אינטערעסנ פונעמ פראַנצויזישנ קאַפּיטאַל. זי האָט פּראָטעסטירט אינ יאָר 1786, ווענ די רעגירונג פונ פראַנקרײַכ האָט געשלאָסנ אַנ אָפּמאַכ מיט ענגלאַנד אונ האָט ניט באַוואָרנט די פאָטערלענדישע אינדוסטריע אונ די אינדוסטריעלער פונ אַ מאַפּאָלע אינעמ קאָנקורענצ־קאַמפ קעגנ ענגלאַנד.

איינער פונ די צוקונפטיקע טוער פונ דער רעוואָלוציע, דער טעאָרעטיקער פונ דער בורזשואַזיע באַרנאַוו, האָט אויסגעצייכנט פאָרמולירט דעמ צוזאַמענהאַנג צווישנ דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פונ פראַנקרײַכ אונ די פּאָליטישע פאָדערונגענ פונ דער בורזשואַזיע: „אַ נײַע פאַנאַנדערטיילונג פונ רײַכטומ שאַפט אַ נײַע פאַנאַנדערטיילונג פונ דער מאַכט. ווי דער ערדבאַזיצ האָט דערהויבנ די אַריסטאָקראַטיע, אַזוי דערהייבט דאָס אינדוסטריעלע אייגנטומ די מאַכט פונעמ פאָלק". „פאָלק" הייסט פאַר באַרנאַוונ די בורזשואַזיע...

דער פּאַרטייִדיקער פונ די אינטערעסנ פונ דער בורזשואַזיע ערעוו דער רעוואָלוציע, דער אַבאַט סיעס, האָט פאָרמולירט פּינקטלעכ אונ קלאָר די פאָדערונגענ פונ זײַנ קלאַס. „וואָס איז אַזוינס דער דריטער שטאַנד? — האָט ער געפרעגט אינ יאָר 1789 אונ האָט געענטפערט: — „אַלצ". וואָס איז ער געווענ ביז איצט אינ פּאָליטישער הינזיכט? — „גאָרנישט". אינ נאָמענ פונ דער בורזשואַזיע האָט סיעס צוגעגעבנ באַשיידנ: „וואָס וויל ער זײַנ? — „עפּעס".

פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסנ פונ שטאָט אונ דאָרפ איז די אַלטע אָרדענונג געווענ „אַ רעזשימ פונ טײַערנ ברויט". די אַרבעטער איז נאָכ געווענ פרעמד דער באַוווּסטזײַנ פונ זייערע באַזונדערע קלאַסנ־אינטערעסנ, זיי האָבנ נאָכ צומ יאָר 1789 ניט פאָרמולירט זייער פּאָליטישע פּראָגראַמ, אָבער זיי האָבנ שוינ געקאָנט דערלאַנגענ זייער כעזשבנ דער אַלטער אָרדענונג (אונ אינ אַ געוויסער צײַט אַרומ, אינ די רעוואָלוציע־יאָרנ, האָבנ זיי באַגלײַכ מיט דעמ אויכ דערלאַנגט אַ כעזשבנ זייערע באַלעבאַטימ — די הערנ בורזשואַ).

די פויערימ פונ לאַנגע אונ שאַמפּאַנ האָבנ זיכ אינ 1789 געקלאָגט: „מיר זײַנענ באַלעסטיקט מיט אַלערליי שטײַערנ. מיר פלעגנ אײַכ ביז איצט געבנ אַ טייל ברויט. אויב עס וועט ווײַטער אויכ גיינ

אזוי, וועלנ מיר אינגיכנ קיינ ברויט ניט האָבנ. ווענ איר זאָלט זענ די אָרעמע הייזקעס, אינ וועלכע מיר וווינענ, די קנאפע שפייז, וואָס מיר עסנ... וואָס אונדז פייניקט שטארק — איז דאָס, וואָס די רייכע צאָלנ ווינציק אונ די אָרעמע — א סאכ".

די דראָונגענ האָבנ שוינ צוויי יאָר פאר דער רעוואָליוציע אָנגענומענ דעמ כאראקטער פונ מאסנ־בונטנ אינ די שטעט אונ אינ די דערפער; די כוואליעס פונ קלאסעווער אומצופרידנהייט האָבנ זיכ געהויבנ הויכ. אָבער די רעגירנדיקע קלאסנ האָבנ זיכ קעגנגעשטעלט יעדער פאָדערונג פונעמ פאָלק. „זיי וועלנ מיינענ ביז דער סאמע קאטאסטראָפע, — האָט מיראבאָ געזאָגט, — אז מע קאָנ דאָס פאָלק שטענדיק מאָרענ מיט הונגער"...

די קאטאסטראָפע איז געקומענ.

ליודוויג דעמ XVI רעגירונג איז געווענ באנקראָט. מע האָט געמוזט ווענדנ זיכ צומ לאנד נאָכ געלט־הילפ, אָבער די זעלבסטהערשונג האָט זיכ אנטשלאָסנ צונויפצורופנ נאָר די נאָטאבלענ, דה. די פאָרשטייער פונ דעמ אדל אונ פונ דער פינאנציעלער אריסטאָקראטיע. ראטעווענ זיכ אזוי־ארומ האָט די זעלבסטהערשונג ניט געקאָנט. ניט די פאָליציייִשע רעפרעסיעס, ניט די נעבעכדיקע רעפאָרמעס האָבנ געקאָנט ענדערנ די לאגע. אינ לאנד האָט זיכ אָנגעהויבנ א רעוואָליוציע.

דאנטאָנענ האָט זי פארכאפט קעגנ זיינ ווילנ, ווי זי האָט פארכאפט די גאנצע ליבעראלע אינטעליגענצ.

דאנטאָנ אינ קאמפ קעגנ דער פעאָדאלער אונ דער בור-זשואזער אריסטאָקראטיע

(1791—1789)

1

אינ יענער צײַט (דער XVIII יאָרהונדערט) „האָט זיכ די רעוואָליוציע אינ מײַרעוו פאנאנדערגעשפּילט אינ די באדינגונגענ פונעם מאַנופאקטור-פעריאָד אונ פונ ניט-אנטוויקלטנ קלאסנקאמפ, ווענ דער פראָלעטאריאט איז געווענ שוואכ אונ ווינציק אינ צאָל, ווענ ער האָט ניט געהאט זײַנ אייגענע פארטיי, וואָס זאָל קאָנענ פאָרמולירנ זײַנע פאָדערונגענ"...[1] (סטאלינ).

דעמלט האָט זיכ די מאשינ ערשט געהאט באוויזנ. די ארבעטער-מאסע פלעגט ארויסטרעטנ אלס די פלעבייִשע מאסע פונ שטאָט אונ דאָרפ. די פאבריק האָט נאָכ ניט געשאפנ די אײַזערנע קאָהאָרטע פונ פראָלעטאריאט. די ארבעטער פונ די שטעט צוזאמענ מיטנ פויערטום זײַנענ געווענ די טרײַבקראפט פונ די רעוואָליוציאָנערע געשעענישנ. אָבער ניט זיי, נאָר די בורזשואזיע איז אינ יענער עפּאָכע געשטאנענ אינ דער שפּיצ פונ דעם היסטאָרישנ קאמפ קעגנ דער פעאָדאלער געזעלשאפט. לאָמיר זיכ דערמאָנענ, וואָס כאווער סטאלינ האָט געזאָגט וועגנ דעם פויערטום אונ דער שטאָטישער אָרעמשאפט אינ דער עפּאָכע פונ דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע: „די בורזשואזע רעוואָליוציע פונ מײַרעוו (ענגלאנד, פראנקרײַכ, עסטרײַכ, דײַטשלאנד) איז, ווי באוווּסט, אוועק אפ אנ אנדער וועג, דאָרטנ

[1] סטאלינ — וועגנ לענינענ ז. 5.

האָט די העגעמאָניע אינ דער רעוואָליוציע אָנגעהערט ניט דעם פראָלעטאריאט, — ער האָט, איבער זײַנ שוואכקײַט, ניט פאָרגעשטעלט און ניט געקאָנט פאָרשטעלנ קיינ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע קראפט, — נאָר דער ליבעראלער בורזשואזיע. דאָרטנ האָט דאָס פויערטום באקומענ פרײַהײַט פונ די לײַבייגנסימערישע פאראָנדקעס ניט פונ די הענט פונ פראָלעטאריאט, — ער איז געװענ קליינ אינ צאָל און ניט אָרגאַניזירט, — נאָר פונ די הענט פונ דער בורזשואזיע. דאָרטנ איז דאָס פויערטום געגאנגענ קעגנ די אלטע פאראָנדקעס צוזאמענ מיט דער ליבעראלער בורזשואזיע. דאָרטנ איז דאָס פויערטום געווענ א רעזערוו פונ דער בורזשואזיע. דאָרטנ האָט די רעוואָליוציע מאכמעס דעם געבראכט צו א קאָלאָסאלער פארשטארקונג פונ דער פּאָליטישער וואָג פונ דער בורזשואזיע". [1]

דעם בורזשואזנ כאראקטער פונ דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע האָט ניט איינמאָל באטאָנט אי מארקס אי ענגעלס אי לענינ. די רעוואָליוציע פונ יאָר 1789 איז געווענ א בורזשואזע רעוואָליוציע. אָבער „די ליבעראלע בורזשואזיע אינ פראנקרײַך האָט אָנגעהויבנ ארויסווײַזנ איר האס צו דער קאָנסעקווענטער דעמאָקראטיע נאָך אינ דער באוועגונג פונ די יאָרנ 1789—1793... אינ אָנהויב פונ דער עפּאָכע פונ די בורזשואזע רעוואָליוציעס איז די ליבעראלע פראנצויזישע בורזשואזיע געווענ מאָנארכיסטיש"... [2]

לענינס לעצטע באהויפטונג איז באזונדערס וויכטיק. זי באטאָנט דעם געדאנק, אז אפילע אינ דער בורזשואזער רעוואָליוציע פונ סאָפ XVIII יאָרהונדערטס זײַנענ די פלעבייִשע מאסנ פונ שטאָט און דאָרף, דאָס פויערטום און די שטאָטישע אָרעמשאפט געווענ די אנטשיידנדיקע קראפט פונ דער געזעלשאפטלעכער איבערקערעניש. די ליבעראלע בורזשואזיע האָט זיכ באנוצט מיט דער רעוואָליוציע, אָבער ניט זי איז געווענ איר אקטיווער און קאָנסעקווענטער קריגער. זי איז געווענ דער באלעבאָס פונ דער דאָזיקער רעוואָליוציע. אָבער נאָר די אונטערשטע שיכטנ פונ דער געזעלשאפט, דאָס פויערטום און דער ארבעטער-קלאס האָבנ געקאָנט דערפירנ די רעוואָליוציע ביזנ פאר־

1 סטאַלינ, וועגנ די יעסוידעס פונעם לענינזים.

2 לענינ, ווערק, XV, ז. 342.

ניכטן איינגאנצן איינעם פון די קאָמפּאָנענטן — די אַריסטאָקראַטיע.

אין יאָר 1789 זיינען שוין צוויי סאָנים געשטאַנען פּוּלקום שלאַכט־גרייט קעגן דעם פעאָדאַליזם, — די בורזשואזיע און די פאָלקס־מאַסן.

די בורזשואַ האָבן זיך באַצויגן צו דער ברייטער פּויערשער מאַסע און צו דער שטאָטישער אָרעמשאַפט ווי צום „פעבל", זיי האָבן ווערגענפּירט א שאַרפע גרענעץ צווישן דעם „פאָלק", וואָס זיי האָבן אידענטיפיצירט מיט דער „אָנשטענדיקער" בורזשואַזער געזעלשאַפט, — און די אַרבעטער און די פּויערים.

שפּעטער, אין א סך יאָרן אַרום, דערמאָנענדיק זיך דעם אָנהייב פון דער רעוואָלוציע, האָבן די בורזשואַ און די אַדל־לייט מיט שרעק דערציילט וועגן די דאָזיקע ערשטע אויסברוכן פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין די שטעט און אין די דערפער.

„די גרויסע אימה", — אַזוי האָבן די אייגנטימער אָנגערופן די ערשטע כוואַליע פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף.

די אַדל־לייט זיינען געווען אָנגעשראָקן פון דער אַגראַר־באַוועגונג, אָבער די שטאָטישע בורזשואַ זיינען אויך געווען אָנגעשראָקן; דעם 27־טן אַפּרעל 1789 האָבן די אַרבעטער פון סענט־אַנטואַנער פאָרשטאָט אין פּאַריז געפאָדערט העכערן דעם אַרבעטלוין; זיי האָבן צעגראַמירט רעוועיאָנס הויז און זיין פאַבריק און דאָס הויז פונעם פאַבריקאַנט אַריאָ..

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָליוציע...

דער אויפשטאַנד איז געווען געווענדעט ניט בלויז קעגן דעם פעאָדאַלן רעזשים, נאָר אויך קעגן די אויסקויפער פון טבואה.

אין מאַקאָן און באַזשאָל האָבן די פּויערים פאַרברענט 72 שלעסער. די בורזשואַזע נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט אַנטשיידן געשטיקט די באַוועגונג. אין דער אומגעגנט פונעם שלאָס קאָרמאַטען איז זי באַפאַלן די פּויערים — בא דער שיסעריי איז אומגעקומען 20 מאַן; אַרום קליוני האָבן די פּויערים פאַרלאָרן 100 מאַן דערהאַרגעטע, און 170 מאַן זיינען גענומען געוואָרן אין געפענקעניש. דער „שטענדיקער קאָמיטעט", וואָס איז באַשטאַנען פון בורזשואַ, האָט אין מאַקאָן פאַר־מישפּעט 20 געפאַנגענע פּויערים צום טויט. אין דער פּראָווינץ דאָ־פינע, אין דער געגנט, וווּ אַלע דריי שטאַנדן זיינען אַרויסגעטראָטן

די ערשטע צייַט סאָלידאריש, זייַנען די פויערים און די ארבעטער
שוינ אינ יול כוידעש געווענ געצוווּנגענ ארויסצוטרעטנ קעגנ דער
בורזשואזיע, ווייַל זי האָט זיכ פאראייניקט מיט די אדל־לייַט. די נא-
ציאָנאלע גווארדיע פונ ליאָנ האָט געגעבנ הילפ דער נאציאָנאלער גווארדיע
פונ דאָפינע אינ קאמפ קעגנ די אופשטענדלער — די פויערים,און די
פויערים פונ דאָפינע האָבנ באקומענ שטיצע פונ די ליאָנער אר-
בעטער.

ערשט די ערשטע שריט פונ דריטנ שטאנד, אינ זייַנ קאמפ פאר
דער הערשאפט איבערנ פאָלק, האָבנ זיכ אָנגעשטויסנ אינ גאנצ פראנק-
רייַכ אפנ האס פונ דעם פערטנ שטאנד.

אינ ליאָנ, אינ אָנהייב יול, האָבנ די ארבעטער פארברענט די
שטאָטישע כאמאָושניע, אינ באָרדאָ איז פאָרגעקומענ דאָס זעלבע, די
בורזשוא, די פויערים און די ארבעטער האָבנ זיכ אומעטום בא-
וואָפנט, האָבנ געשאפנ זייערע אָרגאנענ פונ זעלבסטפארוואלטונג,
האָבנ זיכ געגרייט פארטיידיקנ זייער רעכט מיט געווער אינ האנט.

2

דאנטאָנ איז אלט געווענ דרייַסיק יאָר, ווענ עס האָט זיכ אָנגע-
הויבנ די רעוואָליוציע.

ער האָט ניט געהאט קיינ טאָעס, ווענ ער האָט געזאָגט אינ
יאָר 1787: „דער האָריזאָנט האָט זיכ באדעקט מיט כמארעס, עס
פילט זיכ, אז עס קומט אָנ א שרעקלעכע רעוואָליוציע“.

א לאווינע האָט זיכ אָנגערוקט אפ פראנקרייַכ.

פונ יאנוואר 1789 איז די אופרעגונג אינ לאנד דערגאנגענ ביז
דער העכסטער מאדרייגע. אומעטום, אינ די שטעט און אינ די דער-
פער, אינ די געמיינדעס און אינ די געגנטלעכע צענטרענ ווילט
מענ אויס פאָרשטייער אינ די שפּעטערדיקע גענעראלע שטאטנ און
מע ארבעט אויס „אָנזאָגנ“ פאר די דאָזיקע פאָרשטייער.

די אייַנוווינער פונ טרוא האָבנ געפאָדערט אינ זייער אָנזאָג, די
דעפּוטאטנ פונ דריטנ שטאנד זאָלנ שיצנ די אינדיווידועלע פרייַהייַט
קעגנ די ווילקירלעכע באפעלנ פונ די פאָליציי-באאמטע, זיי האָבנ
זיכ געקלאָגט אפ די „אָרדערס וועגנ ארעסטירנ“, די אזויגערו-

פענע „lettres de cachet", זיי האָבנ געהאַלטנ די דאָזיקע אָרדערס פאר א געווער פונעמ דעספאָטיזמ. דער אָנזאָג פונ דריטנ שטאנד האָט געפאָדערט פארניכטנ די אומגערעכטע שטייערנ, וויל זייער גאנצע לאסט פאלט ניט אפ די רייכע לייט, נאָר אפ די אָרעמע. די בורזשוא האָבנ זיכ געקלאָגט, אז די ערד גיט א סאכ ווייניקער, איידער זי פלעגט געבנ אמאָל, אונ די דערפער זיינענ געוואָרנ פוסט. די בורזשוא האָבנ געטייַנעט, אז אינעמ רויִנירטנ דאָרפ איז ניטאָ קיינ שומ סטימול צומ ארייַנלייגנ קאפיטאל אינ דער לאנדווירטשאפט אונ אינ דער אינדוסטריע. דער אָנזאָג פונ דער שטאָט טרוא האָט געפאָדערט צוליב דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג פונ פראנקרייַכ ניט בלויז פארגרינגערנ דעמ גוירל פונעמ פויערטומ, נאָר אויכ פאר־ניכטנ די טאמאָזשנע-באריערנ, די האנטווערקער-צעכנ אונ די גאנצע פעאָדאלע געזעצגעבונג. דאָס איז געווענ די פראָגראמ פונ דער בורזשואזער רעוואָליוציע קעגנ דער פעאָדאלער אָרדענונג.[1]

סאָפ אפרעל פליִענ אפ אלע וועגנ קיינ פאריזש פאָסטס-וואָגנס אונ לוקסוספולע קארעטעס. זיי פירנ 1600 דעפוטאטנ: סעניאָרנ, וואָס האָבנ זיכ אלײנ אויסגעווײלט, צווינגענדיק זייערע וואסאלנ צו שטי־מענ פאר זיי; קליינע אדל-לייט, וואָס פראָנדירנ קעגנ דעמ קיניג־לעכנ הויפ; גאלאָכימ, אדוואָקאטנ, דאָקטוירימ אונ סאכאקל עטלעכע פויערימ. זיי פאָרנ זיכ אלע צונויפ קיינ ווערסאל. די שטימונג פונ די דעפוטאטנ איז ווייַט ניט קיינ געהויבענע. בא זיכ אינ דער היימ האָבנ זיי געזענ דעמ אָנהייב פונ אופשטאנד. אינ פאריזש גופא האָבנ זיי געטראָפנ דערצײלונגענ וועגנ דעמ, ווי מע האָט דערשטיקט דעמ בונט אינ סענט-אנטואנער פאָרשטאָט.

ערשט אינ יונ 1789, נאָכ א לאנגנ קאמפ קעגנ דער קיניגלעכער מאכט, בא דער שטיצע פונ דער פאָלקס־באוועגונג אינ גאנצנ לאנד, זייַנענ די גענעראל-שטאטנ פארוואנדלט געוואָרנ אינ דער נאציאָנאל־פארזאמלונג פונ פראנקרייַכ. די בורזשוא, די פאָרשטייער פונ דריטנ שטאנד, האָבנ געצוווּנגענ דעמ קיניג אייַנצוגייג אפ די ערשטע הא־

[1] די בירגער פונ יענעמ האָבנ טאקע אזוי געשריבנ אינ זייער אָנזאָג: „ווי גליק־לעכ וואָלטנ מיר געווענ, ווענ עס וואָלט אפגעשאפט געוואָרנ די פעאָ־דאלע אָרדענונג".



דאַנטאָן

פון פריבורגס בוך „דאַנטאָנס רעדעס"

קאמיל דעמולען

1794 — 1762

פ.נ. וועגדעל'ס בוך „דאנטאָן"

די רעזולטאטן פון זייער קאמפ. אָנגענומען דעם נאָמען „נאציאָנאל־פארזאמלונג“ (23־טן יונ 1789). האָבן זיי אָפגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג וועגן פארוואנדלען די גענעראל־שטאַטן אין דער „פאָלק־פאָרשטייערשאפט“, ווייל דאָס וואָרט „פאָלק“ האָט געקאָנט פארפירן, האָט געקאָנט באדייטן, אז די עכטע ארבעטנדיקע מאסן, דער פלעבס וועט דערלאָזן ווערן צו דער מאכט.

בלויז נאַיווע מענטשן האָבן געקאָנט מיינען, אז ווי נאָר עס איז פראָקלאמירט געוואָרן די נאציאָנאל־פארזאמלונג, האָט זיך די רעוואָליוציע געענדיקט, אז די רעוואָליוציע וועט ניט קאָסטן קיין טראָפן בלוט.

ארטור יונג, אן ענגלישער רייזנדער, האָט פארצייכנט אין זיין טאָגבוך דעם 8־טן יונ 1789: „פאריזש איז אזוי אופגערודערט אי־בער דעם צונויפרופן די גענעראל־שטאטן, — אז מע קאָן מיט קיינעם ניט פירן קיין פרידלעכן שמועס, — מע רעדט נאָר וועגן פאָליטיק. אין א טאָג ארום — דעם 9־טן יונ — לייענען מיר אין זיין טאָגבוך: „פאריזש איז פארפלייצט מיט בראָשורן. איך בין אוועק קיין פאלע־ראָיאל באקענען זיך מיט דער נייער ליטעראטור; יעדע שאָ דער־שיינט א נייע בראָשור. נעכטן איז ארויס 16 בראָשורן, היינט — 13 און די פאָריקע וואָך — וויניקסטנס 92... די באדערפעניש אין לייע־נען פאָליטישע ליטעראטור איז אזוי געשטיגן, אז אין לאנד פעלן דרוקערייען. 19/20 פון די דאָזיקע בראָשורן פאָדערן פרייהייט און זיינען דורכגעדרונגען מיט האס צו פריווילעגיעס... די צאָלרייכע קאפע־הייזער פון פאלע־ראָיאל שטעלן מיט זיך פאָר שטורמישע קלובן, דער פולגעפאקטער האמוין שטופט זיך בא די טירן און בא די פענצטער, הערנדיק ווי די רעדנער פרידיקן פרייהייט“. דעם 10־טן יונ שרייבט ער: „אלץ איז ווי געווענדט צו מאכן שרעקלעך דעם גוירל פון לאנד. דער הונגער איז גרויזאם. יעדע מינוט קומט אָן פון דער פראָווינץ נייס וועגן אופשטאנדן און בונטן. מ'ז מוז ארויסרופן די ארמיי, צו איינהאלטן די אָרדענונג אפ די מערק. די פרייזן שטייגן; ברויט פאר די אָרעמע לייט קאָסט פון 3 ביז 4 סו א פונט. די דאָזיקע פרייזן שטייגן אריבער זייער פארדינסט און רופט ארויס גרויזאמע אָרעמקייט“.

אין צוויי־דריי וואָכן ארום איז ניט געוואָרן רויִקער. פארקערט די כוואליע פון דער רעוואָליוציע האָט זיך געהויבן אלץ מער און

מער. ווענ יונג איז סאָפ יונ ארויסגעפאָרנ פונ פאריזש אינ דער פראָווינצ, האָט ער ניט דערקאָנט דאָס לאנד. אומעטום אפנ וועג האָבנ די פויערים אונ די שטאָטישע בורזשוא געפאָדערט בא אים, ער זאָל זיי זאָגנ, וואָס ער מיינט וועגנ דער פרייהייט. די פאָסטשט-פארבינדונג צווישנ דער הויפּטשטאָט אונ דער פראָווינצ איז דעמלט געווענ אוזעקגעשטעלט שלעכט. יעדיעס פלעגנ אָנקומענ שווער, אונ וועגנ דעם, אז ס'איז גענומענ באסטיליע, האָט ער זיכ דערוווּסט אינ א וואָכ ארום נאָכנ 14-טנ יול, אונ אינ דער צייט האָט שוינ דער אופשטאנד געפלאקערט אינ גאנצ פראנקרייכ.

פאריזש איז געווענ העכסט אופגערודערט. לודוויג XVI רעגירונג איז געווענ גרייט אָפּצוזאָגנ זיכ אפילע פונ די נישטיקע האנאָכעס, וואָס זי האָט געמאכט דעם פאָלק אינ יונ. דער מיניסטער נעקער, וואָס איז געווענ פאָפּולער בא דער בורזשואזיע, איז אראָפּ. אינ דער הויפּטשטאָט האָט זיכ די אָרעמשאפט פארייניקט אונטערנ לאָזונג „דער-שלאָגנ זיכ א דערפאָלג אָדער שטארבנ!"

פאלע-ראָיאל, דאָס אָרט פונ די פארזאמלונגענ, איז געווענ ענ-לעכ אפ א שטורמישנ יאם. איינ רעדנער נאָכ א צווייטנ פלעגט אופאָ-דערנ דאָס פאָלק צו אנ אופשטאנד.

אָט אינ די טעג, אינ די פאריזשער דיסטריקטנ (ראיאָנענ), אינ דעם סאמע פאָרגעשריטענעם פונ זיי — אינ דעם דיסטריקט פונ די קאָרדעליערנ, האָט זיכ אָנגעהויבנ דאנטאָנס רעוואָליוציאָנערע קאריערע.

3

אינ דער נאכט פונ דעם 13-טנ אפנ 14-טנ יול האָט מענ גענו-מענ קלינגענ אינ א יארם-גלאָק. די פאריזשער איינוווינער, פריער פאר אלצ די איינוווינער פונ די ארבעטער-פאָרשטעט, זיינענ אופגעפאָדערט געוואָרנ צום קאמפ קעגנ דער ווערסאלער רעגירונג.[1] די קלאנגענ פו-נעם אליארם-גלאָק זיינענ געוואָרנ אלצ מער אונ מער אומרויִק אונ גרויזאם. דער המונ אפ די גאסנ האָט זיכ גענומענ באוואָפע-נענ אונ האָט געזוכט נאָר אנ אָביעקט אפ צום אָנפאלנ אפ אים.

1 אינ ווערסאל איז געווענ דעם קיניגס רעזידענצ, דאָרטנ האָט זיכ אויכ איינגעפאָר-נענ די נאציאָנאל-פארזאמלונג.

צווישן דעם דאָזיקן האַמוין זײַנען אויך געווען פּויערים. זיי זײַנען געקומען קיין פּאַריז, באַוואָפנטע מיט שטעקנס, וואָס זײַנען געשמידט מיט אײַזן. די הונגעריקע האָבן ראַבירט די בעקערײַען, האָבן גראָמירט די פאַבריקן און די סקלאַדן, די פּאָליציי; זיי האָבן אויפגעבראָכן דעם טויער פון טורמע און באַפרײַט די אַרעסטירטע. דעם עלטסטן פון די סאָכרים — פלעסעלן האָבן זיי אויפגעהאַנגען דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געוואָלט לאָזן דעם פאָלק באַוואָפענען זיך. דער האַמוין איז געווען פײַנטלעך געשטימט צו די בורזשואַ, און די בורזשואַ האָבן גיך אָרגאַניזירט זייער מיליציע, די שפּעטערדיקע בורזשואַזע „נאַציאָנאַל-גוואַרדיע", קעדיי ניט דערלאָזן די אויפשטענדלער אין צענטער פון שטאָט. די פאָלקס-באַוועגונג האָט אָבער בײַגעקומען אי דעם ווידערשטאַנד פון דעם קיניגס מיליטער-טיילן אי דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזער מיליציע. די אויפאָדערונג צום געווער האָט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג. דעם 14-טן יול, 4 אזייגער באַטאָג, האָט דאָס פאָלק גענומען באַסטיליע.

וואָס פאַר אַן אָנטייל דאַנטאָן האָט גענומען אין רעוואָליוציאָנערן קאַמף דעם 14־טן יול ווייסן מיר ניט. שטורעמען באַסטיליע זײַנען געגאַנגען אי אַרבעטער און פּויערים אי יונגע בורזשואַ. צווישן די אויפשטענדלער זײַנען געווען ניט ווייניק ראַנטיע; זיי האָט אויפגעבראַכט נעקערס דעמיסיע, זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס קאָן ברענגען צום באַנקראָט פון דער מעלוכע. דער יונגער דאַנטאָן איז געווען צווישן זיי. יעדנפאַלס ווייסן מיר, אַז אין דער שפּיץ פון אַן אָטריאַד פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע אין דעם דיסטריקט פון די קאָרדיליערן איז אין דער נאַכט פון 15־טן אַפן 16-טן יול געשטאַנען דער קאַפּיטאַן דאַנטאָן. מיט זײַן אָטריאַד האָט זיך דאַנטאָן אַ לאָז געטאָן קיין באַסטיליע צו פאָדערן פון דעם קאָמענדאַנט סולעס אַ דערלויבעניש צו באַקוקן די אײַנגענומענע פעסטונג. דער קאָמענדאַנט האָט פּראָטעסטירט. דאַנטאָן האָט אים מיטגעשלעפּט מיט זיך אין דיסטריקט. ער האָט סולעסן געגעבן אָנצוהערן, אַז ער מעג זיך ריכטן אַפן גוירל פון דעם סאָכרישן עלטסטן פלעסעל, חאָס זײַן קאָפּ האָט מען שוין עטלעכע טעג אַרומגעטראָגן אין די פּאַרשטעט אַם אַ פּיקע.

דער פרידלעכער בורזשואַ דאַנטאָן איז געוואָרן אַ רעוואָליוציאָ-

נער. מיסגעריסנ פונ דער פאָלקס־באַוועגונג, איז ער אַרײַנגעצויגנ געוואָרנ אינ קאַמפ קעגנ דער אַלטער אָרדענונג.

דער 14-טער יול איז געווענ ניט מער ווי דער אָנ־הייב פונ דער רעוואָליוציע[1]. אומעטומ, וווּהינ עס פלעגט דערגרייכנ די יעדיע, אַז באַסטיליע איז געפאַלנ, פלעגט דאָס פאָלק אופשטיינ.

די פּלעבייִשע מאַסנ האָבנ ווײַטער געפירט זייער קאַמפ; די פויערימ האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט צו צאָלנ שטײַערנ אונ האָבנ געצונדנ די פּאַלאַצנ פונ די סעניאָרנ.

אינ די דרײַ כאָדאָשימ, פונ אווגוסט ביז אָקטיאַבער 1789, האָט די רעוואָליוציע ווײַט א שפּאַנ געטאָנ פאָרויס. די קליינע האַנאָכעס האָבנ קיינעמ ניט באַפרידיקט, אַלע האָבנ זיכ געריכט, אַז באַלד וועט קומענ א צווייטע רעוואָליוציאָנערע אַרויסטרעטונג. די קיניג־לעכע מאַכט האָט געשטרעבט צו אָרגאַניזירנ די קאָנטררעוואָליוציאָ־נערע קויכעס. די בורזשואַ, וואָס זײַנענ געזעסנ אינ דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, האָבנ זיכ דעריבער אופמערקזאַמ צוגעהערט צו דעמ, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ דער פּראָווינצ. די קויכעס פונ דער קאָנטררעוואָליוציע באַהעפטנ אומפאַרמײַדלעכ די קויכעס פונ דער רעוואָליוציע. „די זשאַקעריע, — זאָגט דער ווענעציאַנישער אַמבאַסאַדאָר, וואָס האָט צוגעקוקט די געשעענישנ, — איז זומער 1789 אַרײַנ אינ געוויינלעכנ לויפ פונ לעבנ, אונ אָפּשטעלנ זיכ אָפּ איר צופיר וואָלט הייסנ דאָס זעלבע ווי ריירנ וועגנ דעמ וועטער". דאָס אייגענע האָט געזאָגט א פּוילישער דיפּלאָמאַט. ער איז באַזונדערס אופגעבראַכט

1 די באַדײַטונג פונ 14־טנ יול אונ פונ די אַנדערע רעוואָליוציאָנערע געשעענישנ, וואָס זײַנענ געקומענ באַלד נאָכ דעמ, האָט אויסגעצייכנט פאָרמולירט לענינ: „...די גע־שיכטע באַשטעטיקט דעמ — איבעריקנס, זעלבסטקלאָרנ — עמעס, אַז נאָר דער פולקומער אַנטשיידענער ניצאָכנ פונ דעמ אופשטאַנד זיכערט איינגאַנצנ די מעגלעכקײַט צו אָרגאַ־ניזירנ א ווירקלעכע זעלבסטפאַרוואַלטונג. וואָלט דענ מעגלעכ געווענ אינ פראַנקרײַכ א מוניציפּאַלע רעוואָליוציע אינ יול 1789, אויב דאָס אופגעשטאַנענע אונ באַוואָפנטע פּאַריז וואָלט דעמ 14־טנ יול ניט באַזיגט די קיניגלעכע מיליטער־טיילנ אונ וואָלט ניט אײַנגענומענ באַסטיליע, אויב עס וואָלט ניט בײַגעקומענ אינ סאַמע גרונט דעמ ווידער־שטאַנד פונ דער זעלבסטהערשונג?" (לענינ. ווערק, ב. VIII, ז. 173). מיט די ווערטער „מוניציפּאַלע רעוואָליוציע" מיינט לענינ די אָרגאַניזירונג פונ דער בורזשואַזער מאַכט אינ די שטעט אונ אינ די דערפער פונ פראַנקרײַכ נאָכ דעמ ניצאָכנ פונ דעמ 14־טנ יול.

געווענ דערפונ, וואָס די פריערישע בונטנ זיינענ פארווא.דלט געוואָרנ אינ א מילכאָמע, אינ א בלוטיקע מילכאָמע קעגנ די שלעסער.

דעמ 4-טנ אווגוסט 1789, באמ אָפשטיינ פונ די ברענענדיקע מאיאָנטקעס אונ סאמאָזשניעס, שטימט איינ די נאציאָנאלע פארזאמלונג אָפצושאפנ די סאמע אומגעלומפערטע פעאָדאלע רעכט, צו באפרייען דעמ פויערס פערזענלעכקייט, אָבער זי פארניכטעט נאָכ ניט די לייבקנעכטשאפט פונ זיינ ערד.

די רעוואָליוציע איז געגאנגענ ווייטער אויכ נאָכ דעמ, ווי עס זיינענ ארויסגעגעבנ געוואָרנ די געזעצנ פונ 4-טנ אווגוסט וועגנ אָפשאפנ די פעאָדאלע רעכט. „שוינ פיל טעג, — האָט געשריבנ פונ ווערסאל א דעפוטאט פונ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג צו זיינע לאנדסלייט אינ סטראסבורג, — הערנ ניט אופ אינ דער הויפטשטאָט די דערנערונג-אומרוענ. מע קאָנ קוימ באקומענ ברויט". די קאָמונע אונ די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָבנ גאָרנישט געטאָנ צו געבנ דעמ הונגעריקנ פאָלק ברויט. דעריבער זיינענ די רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ פונ די פאָרשטעט אינ אָקטיאבער 1789 געווענ געווענדט ניט קעגנ דעמ קיניג אליינ, נאָר אויכ קעגנ דעמ ראָטהויז אונ קעגנ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג.

דעמ 5-טנ אָקטיאבער באגינענ האָט א האמוינ פרויענ צוזאמענ מיט די ארבעטער פונ די פאָרשטעט באלאגערט דאָס ראָטהויז, אריינגעריסנ זיכ אינ ראט פונ דער קאָמונע (שטאָט-פארוואלטונג) אונ האָט אופגעפאָדערט זיינע פאָרשטייער צו פאראנטוואָרטלעכקייט. דער האמוינ האָט געשריענ: „די הערנ פעלט מוט... מיר וועלנ האנדלענ אָנשטאָט זיי. די פאָרשטייער פונ דער קאָמונע זיינענ פארעטער, שלעכטע בירגער. זיי זיינענ ווערט טויט, אונ אינ דער ערשטער ריי — באיי אונ לאפאיעט". דער האמוינ האָט געסטראשעט, אז ער וועט אונטערצינדנ דאָס ראָטהויז. די אופשטענדלער האָבנ געמאָלדנ: „מיר גייענ אינ דער נאציאָנאל-פארזאמלונג, מיר ווילנ וויסנ אלצ, וואָס זי האָט דעקרעטירט ביז איצט".

אינ ווערסאל האָט דער האמוינ געפאָדערט ניט אזוי באשטעטיקנ די דעקרעטנ פונ 4-טנ אווגוסט, ווי ברויט אונ אָפריייניקנ די פאָלקס-פאָרשטייערשאפט. ווענ איינער א גאלעכ א דעפוטאט האָט אויסגעשטרעקט זיינ האנט א פרוי פונ דעמ האמוינ, זי זאָל

זי א קוש געבן, האָט זי געענטפערט: „איך בין ניט קיין נאפקע איך זאָל קושן די לאפּע בא א הונט". די פארזאמלונג האָט געוואָלט פרידלעך פאָרזעצן איר ארבעט, זי האָט געהאלטן אין באהאנדלען דעם דעקרעט וועגן רעפאָרמירן דעם קרימינאל-קאָדעקס, אָבער די אופּ-שטענדלער האָבן געשריִען: „צו וואָס? אף וואָס דארפן מיר האָבן א קרימינאל-געזעצבוך, אויב פאריזש איז אָן ברויט?".

צום באדויערן, האָט די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג ניט געפֿונען די נייטיקע אָנפירונג. די ליבעראלע בורזשואַ האָבן צוגעזען מיט שרעק די צווייטע ארויסטרעטונג פון די ארבעטער פון די פאָר-שטעט אין מעשעך פון עטלעכע כאדאָשים און האָבן געטרוימט וועגן ליקווידירן די דאָזיקע ארויסטרעטונג וואָס גיכער. דאָס האָט זיך אויך איינגעגעבן דעם אָנפירער פון דער בורזשואזער נאציאָנאלער גווארדיע, דעם מארקיז לאפאיעט. דעם 8-טן אָקטיאבער האָט די קאָמונע געמאָלדן די בירגער פון פאריזש, אז זי „וועט באטראכטן אלס א פיינט פון דער הויפטשטאָט יעדן, וואָס שטערט די געזעל-שאפטלעכע רו".

די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג, וואָס די פאָלק-מאסן האָבן אָנ-געהויבן, איז אזויארום אויסגענוצט געוואָרן א צווייטן מאָל, נאָכן 14-טן יול, אין די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע.

וואָס האָבן דעמאָלט געטאָן די דעמאָקראטן אין די דיסטריקטן פון פאריזש? דער סאמע דעמאָקראטישער דיסטריקט — דער דיסטריקט פון די קאָרדעליערן — האָט געפרואווט שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון דער באוועגונג. דער דיסטריקט האָט פארעפנטלעכט אן אופרוף (דעם אופ-רוף האָט וואָרשיינלעך אָנגעשריבן דאנטאָן) מיט אן אופאָדערונג צום קאמף, אָבער די דעמאָקראטן האָבן ניט געהאט קיין קראפט צו פירן די באוועגונג און דערשלאָגן זיך א ניצאָכן.

וואָס פאר אן אָנטייל האָט דאנטאָן גענומען אין דעם רעוואָ-לוציאָנערן קאמף פון די דאָזיקע טעג, — דאָס ווייסן מיר קנאפּ. דער יונגער טיבאָדאָ, וואָס האָט באגלייט קיין פאריזש זיין פעטער, א דעפוטאט פון די גענעראל-שטאטן, איז דעם 5-טן אָקטיאבער ביי-געווען בא דאנטאָנס אן ארויסטרעטונג אף א פארזאמלונג פון דעם דיסטריקט. דאנטאָן איז געווען פאָרזיצער; ער איז געווען צווישן די סאמע פאָפולערע רעדנער פון דיסטריקט. טיבאָדאָ איז געווען פאר-

וווּנדערט פריִער פאר אלץ פון דאנטאָנס אויסערלעכקייט: אים האָט געוווּנדערט דאנטאָנס געוואלדיקע אטלעטישע פיגור, זיין פּאָנעם מיט די שפּורן פון פּאָקן, זיין מעכטיקע שטים און די דראמאטישע זשעסטן, די ענערגיע און די דרייסטקייט פון דאנטאָנס באוועגונגען.

דאנטאָן איז אין א סאך פראָטים ענלעך געווען אף מיראבאָ. איבעריקנס, האָט ער זיך אויך מיט א סאך זאכן אונטערשיידט פון מיראבאָ: ער איז־אין זיינע רעדעס געווען וווּלגאר און פלעגט אפּע־לירן צו די שטימונגען און די פאָדערונגען פון די מאסן. ניט אומזיסט האָט ער באקומען שפּעטער דעם נאָמען „מיראבאָ פונעם פעבל".

דאנטאָן האָט זיך געפירט אף דער פארזאמלונג פונעם דיסטריקט, ווי א מענטש, וואָס פילט זיין קראפט. ער האָט מיטגעריסן די פאר־זאמלונג נאָך זיך; ער האָט פאָרגעלייגט א ווענדונג צום פאָלק מיט דער אופאָדערונג ארויסצוטרעטן קיין ווערסאל. שפּעטער, דערמאָנענ־דיק זיך אָט די טעג, האָט קאמיל דעמולען געשריבן: „דאנטאָן ווי־דער האָט א קלונג געטאָן אין אליארם־גלאָק אין דעם דיסטריקט פון די קאָרדעליערן. זונטיק האָט דער דאָזיקער אומשטערבלעכער דיסט־ריקט פארעפנטלעכט א מאניפעסט, און פון דעמלט אָן איז ער גע־וואָרן דער אוואנגארד פון דער פאריזשער ארמיי, וואָס גייט אף ווערסאל"...

דאנטאָן אליין אָבער איז קיין ווערסאל ניט געגאנגען. יעדנפאלס, שפּעטער, ווען דער געריכט פון שאטלע האָט צוגעצויגן צו דער פאראנטוואָרטלעכקייט די שולדיקע אין די אָקטיאבער-געשעענישן, איז דאנטאָן צווישן זיי ניט געווען. דאקעגן שפּעטער, דעם 11-טן אָקטיאבער, נאָך דעם ווי דער קיניג און די נאציאָנאלע פארזאמלונג זיינען אריבערגעפאָרן קיין פאריזש, לויטן ווילן פון פאָלק, איז דאנ־טאָן אוועק צוזאמען מיט א דעלעגאציע פונעם דיסטריקט פון די קאָרדעליערן צו לודוויג XVI צו אויסדריקן אים „דאָס געפיל פון דאנקבארקייט פון דער שטאָט פאריזש און ביסראט פון דעם דיסט־ריקט פון די קאָרדעליערן וועגן דעם באשלוס פון זיין מאיעסטעט צו בלייבן אין דער הויפּשטאָט פון זיין קיניגרייך".

דאָס איז געווען כאראקטעריסטיש פאר דאנטאָנס טעטיקייט. שוין די ערשטע טעג פון דער רעוואָליוציע דרינגט דאנטאָן ארייַן אין די רייען פון די דעמאָקראטישע דיסטריקטן, אין דער סאמע טיפ פון

די קליינבירגערלעכע מאַסן פון פּאַריזש פּאַרטיידיקט ער די רעוואָ-ליוציע. אָבער שוין בא די ערשטע שריט פון זײַן טעטיקײַט גע-דענקט ער פעסט, וואָס ער האָט געזאָגט אין 1787 יאָר, ווען ער איז אַרײַנגעטראָטן אין די רייען פונעם אַדוואָקאַטן-שטאַנד: „ווי איז די, וואָס פּראָוואָצירן א רעוואָליוציע! ווי איז די, וואָס מאַכן די רע-וואָליוציע!“ שטייענדיק אין דער שפּיץ פון דער רעוואָליוציאָנערער פאָלקס-באַוועגונג, שטרעבט ער צו לענקען די באַוועגונג אַפּן וועג פון לעגאַלן קאַמף, אויסצונוצן זי אין די אינטערעסן פון דער בור-זשואַזיע, ווײַל ער איז זײַן גאַנצן לעבן געווען א זון און א פּאַר-טיידיקער פון דער בורזשואַזיע.

4

ס'איז אריבער 4—5 כאָדאָשים נאָכן אָנהייב פון דער רעוואָליו-ציע. די בורזשואַזיע האָט געפּײַערט איר ניצאָכן. איינע פאָלקס-פּײַע-רונג איז געגאַנגען נאָך ד[illegible] אַנדערער.

אָבער די דאָזיקע [illegible]לעכע שטימונג קאָן קיינעם ניט נאַרן.

סאָף יאָר 1789 האָבן געוויזט די פּנֵיי פון דער בורזשואַזיע, איר אַריסטאָקראַטיע; דאָס האָט געשאַפן די נייטיקע באַדינגונגען פאַר דער הערשאַפט פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אייגנטימער. פאַר-מאָגנדיק קאָלאָסאַלע קאַפּיטאַלן, און איצט אויך די מאַכט, האָט די בורזשואַזע אַריסטאָקראַטיע אָנגעבונדן איר ווילן דעם פאָלק.

צונויפגעשטעלט פון אדל-לײַט, פון שטאָטישע און דאָרפישע בורזשואַ, פון גרויסע אייגנטימער און נעגאָציאַנטן, האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג געשאַפן אין גאַנצן לאַנד איר באַוואָפנטע קראַפט — די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע — און די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונג, וואָס זאָל דינען די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. די מעלוכע איז גע-ווען אין די הענט פון די „אַקטיווע בירגער“, פון די גרויסע אייגנ-טימער. אַקטיווע בירגער האָבן געהייסן ניט די, וואָס האָבן זיך דעם 14-טן יולי און דעם 5-טן—6-טן אָקטיאַבער געשלאָגן פאַר דער מאַכט מיט געווער אין די הענט; „אַקטיווע בירגער“ האָבן געהייסן גראָד די, וואָס זײַנען דעמלט געווען פּאַסיוו, נאָר זיי האָבן פאַרמאָגט אייגנטום און האָבן זיך דעריבער געהאַלטן פאַר באַרעכטיקט צו פאַרוואַלטן מיט דער מעלוכע.

די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע איז די נאַציע געווען די בורזשואַזיע, און דער אייגנטימער איז געווען דער איינציקער בירגער פון לאַנד.

די האַנטווערקער און די אָרעמשאַפט פון פּאַריז, מיליאָנען אַרבעטנדיקע און קליינבירגער זײַנען געווען טיף אופגעבראַכט. זיי האָבן געזאָגט: „אונדזערע דעפּוטאַטן זײַנען נים אונדזערע פאָרשטייער. אַלץ איז אײַנגעאָרדנט אַזוי, אַז מיר זאָלן נים האָבן קיין ווירקונג אַף די וואַלן".

הערט נאָר, וואָס קאַמיל דעמולען שרײַבט, — האָט מען גערעדט אין די פאָרשטעט: „אין פראַנקרײַך האָט זיך נאָרוואָס געבילדעט אַ אַריסטאָקראַטישע רעגירונג... קעדיי צו דערפילן די גאַנצע אומגעלומ־פערטקײַט פון דעם דאָזיקן רעזשים, איז גענוג צו זאָגן, אַז זשאַן־זשאַק רוסאָ, קאָרנעל, מאַבלי וואָלטן נים געקאָנט אויסגעווײלט ווערן"...

— ניין, איר הערט בעסער, וואָס עס האָט געשריבן נעכטן דער „פאָלקס-פרײַנט": „וואָס האָבן מיר געוואונען פון דעם, וואָס די אַריסטאָקראַטיע פון די אדל-לײַט איז פאַרניכטעט געוואָרן, אויב זי איז פאַרביטן געוואָרן אַף דער אַריסטאָקראַטיע פון די רײַכע לײַט?"

אין אויגוסט 1789, ווען עס האָט זיך באַהאַנדלט די דעקלאַראַ־ציע וועגן די רעכט פון אַ מענטשן און אַ בירגער, האָט דער דעפּו־טאַט מאַלוע דערמאָנט די זיגער: „צוואָס דאַרף מען דערהייבן מענטשן אַפן שפּיץ באַרג און באַווײַזן זיי פון דאָרטן דעם גאַנצן געביט פון זייערע רעכט. ווײַבאַלד מיר מוזן זיי נאָכדעם אַראָפּ־לאָזן פון דער הייך, באַשטימען גרענעצן און ווידער אַרײַנפירן זיי אין דער וועלט פון דער ווירקלעכקײַט, וווּ זיי וועלן אָנטרעפן שטע־רונגען אַף יעדן שריט?", אָבער די ליבעראַלע בורזשואַזיע האָט נייטיק געהאַט די אַלע אילוזיעס אַלס אַ מיטל צו ווירקן אַף די ברייטע פאָלקס-מאַסן. די דעקלאַראַציע וועגן די רעכט פון אַ מענטשן און אַ בירגער האָט פּראָקלאַמירט די גלײַכהײַט פון מענטשן לויטן געבורט און האָט סאַנקציאָנירט זייער קנעכטשאַפט אַפן יעסאָד פון פּריוואַט־אייגנטום. די שטאַנד-פּריווילעגיעס זײַנען אַנולירט געוואָרן, אָבער פּריווילעגיעס פון רײַכטום זײַנען געבליבן. די דאָזיקע פּריווילעגיעס זײַנען געווען נים בלויז עקאָנאָמישע, נאָר אויך פּאָליטישע, ווײַל

די פארוואלטונג מיט דער מעלוכע איז אָפּגעגעבנ געוואָרנ אינ די הענט פונ די רייַכע.

אָפּגעריייניקט דעם באָדנ פונ די סאמע שעדלעכע מיסטגראָזנ פונ פעאָדאליזם, באפרייַט די אינדוסטריע פונ די צעכנ, דעם האנדל — פונ די טאמאָזשנע־ראָגאטקעס, צווינגענדיק די אדל־לייַט צו צאָלנ שטייַערנ, מעלדנדיק, אז די ערד פונ דעם קלער ווערט פארקויפט, האָט די בורזשואזע אריסטאָקראטיע געשאפנ גינסטיקע באדינגונגענ פאר איר אויפבליִונג. איצט האָט זי נאָר באדארפט פארפעסטיקנ איר מאכט מיט געזעצגעבונג קעגנ די ארבעטנדיקע מאסנ. דאָס איז געטאָנ געוואָרנ אינ די נאָענטסטע יאָרנ. ס'איז קיינ וווּנדער ניט, אז נאָכ די אָקטיאבער־געשעענישנ פונ יאָר 1789 האָט די בורזשואזיע באלד פארעפנטלעכט א קריגס־געזעצ קעגנ די פאָלקס־פארזאמלונגענ. מער פאר אלצ האָבנ די זיגער מוירע געהאט פאר א פאָלקס־אויפשטאנד, ווייַל דאָס איז געווענ א געפאר פאר זייער ווילשטאנד. „דערפאר טרעטנ זיי שטענדיק ארויס קעגנ ענערגישע לאָזונגענ, — האָט געשריבנ מאראט, — קעגנ בלוטיקע רעדעס, מיט איינ וואָרט — קעגנ אלצ, וואָס קאָנ דעם פאָלק לעבעדיק געבנ צו פילנ זייַנ אָרעמקייַט אונ דערמאָנענ אים וועגנ זייַנע רעכט.

דער 14־טער יול האָט ניט בארעכטיקט די האָפענונגענ פונעם פאָלק, אונ די רעוואָליוציע פונ 5-טנ אונ 6-טנ אָקטיאבער אויכ ניט. אינ ביידע פאלנ האָבנ די פאָלקסמאסנ ניט דערפירט זייער קאמפ ביזנ סאָפ, ניט אופגעטרייסלט די נאציִאָנאלע פארזאמלונג, די שטאָטישע קאָמונעס, די נאציִאָנאלע גווארדיע, זיי האָבנ ניט ארויסגעטריבנ פונ דאָרטנ די אריסטאָקראטנ, די גאלאָכים, די רייַכע לייַט. די קליינע מענטשעלעכ, די פויערים אונ די ארבעטער פונ פראנקרייַכ האָבנ איצט געקאָנט ריכטנ זיכ, אז באם ערשטנ פרווו צו פארטיידיקנ זייערע רעכט, וועלנ זיי זיכ אָנשטויסנ אָפּ דער באוואָפנטער קראפט פונ דער בורזשואזיע. דער קריגס־געזעצ, וואָס די נאציִאָנאלע פארזאמלונג האָט אָנגענומענ, האָט געהייסנ ענטפערנ אָפּ א פאָלקס־בונט מיט פייַער.

די פייַערונג אינ פאריזש אינ אווגוסט—סענטיאבער 1789 האָבנ קיינעם ניט געקאָנט נארנ. פונקט דעמלט איז אָגוסטענ ראָבעספיער געקומענ צו פאָרנ קיינ פאריזש פונ דער ווייַטער פראָווינצ, פונ אראס, צו זייַנ ברודער דעמ דעפּוטאט פונ דער נאציִאָנאלער פארזאמלונג,

מאקסימיליאנ. אינ א בריוו אהײמ האָט ער באשריבנ זײַנ ערשטנ אײַנדרוק פונ דער רעוואָליוציאָנערער הויפּטשטאָט. „12 מײַל פונ פּאריזש האָב איכ באקומענ אנ אליארמירנדיקע ידיעה, אז 15 טויזנט מאנ זײַנענ אוועק קײנ ווערסאל צו צווינגענ די נאציאָנאלע פארזאמלונג אָפּשאפנ די דעקרעטנ, וואָס באוואָרענענ די פרײַהײַט פונ פראנקרײַכ. מײַנ מוט האָט אופגעציטערט בא דער דאָזיקער גרויזאמער נײַעס. איכ האָב זיכ אָבער דערמאָנט דעמ שטענדיקנ העלדנמוט פונ די שטאָטישע קאָמונעס אונ בינ אוועקגעפלויגנ קײנ פּאריזש מיט א פעסטנ באשלוס צו פארטײדיקנ די נאציע מיט א כושקעס אינ דער האנט. דער קלאנג איז געווענ א פאלשער, אונ מיר איז ניט אויסגעקומענ נעמענ זיכ צומ געווער. אָבער דאָ איז אויכ געווענ א טײל עמעס. ווענ איכ בינ אָנגעקומענ אינ דער הויפּטשטאָט, האָב איכ דערזענ א געזעמל מענטשנ, וואָס גײענ שטיל איבער דער שטאָט אונ באווונדערנ נאָר מיט זײער גרויסער צאָל: דער מאנגל אינ ברויט איז געווענ די אײנציקע סיבע פונ דער דאָזיקער באוועגונג. מע דארפ אײַכ זאָגנ, אז אינ פּאריזש איז פאראנ ניט קײניק ברויט־ספּעקוליאנטנ. די דאָזיקע גירידיקע מענטשנ לויפנ ארומ איבער די בעקערײַענ, קויפנ אומ דאָס ברויט אונ נאָכדעמ פארקויפנ זײ עס פאר הויכע פּרײַזנ... דער גרעסטער טײל דעפּוטאטנ פונ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג זײַנענ אויסגעשפּראָכענע פײַנט פונ דער פרײַהײַט"...

אזא לאגע האָט געמוזט ארויסרופנ א פּראָטעסט בא די ארבעטער, בא די קאָנסעקווענטע דעמאָקראטנ אונ אויכ בא דער טײל פונ דער ליבעראלער אינטעליגענצ, וואָס איז, ווי דאנטאָנ, ניט געווענ פארבונדנ ניט מיט די טריומפירנדיקע זיגער פונ די רײענ פונ דער בורזשואזער אריסטאָקראטיע, ניט מיטנ קיניגלעכנ הויפ אונ מיטנ אדל. די ליבעראלע אינטעליגענצ האָט אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער רעוואָליוציע געפרווט ארײַנדרינגענ אינ דער טיפ פונ די מאסנ אונ געפינענ דאָרטנ א שטיצע פאר איר פּאָליטישער טעטיקײַט. אזוי האָט אויכ געטאָנ דאנטאָנ.

דאנטאָנ איז אינ סאָמ יאָר 1789 געוואָרנ אײנער פונ די סאמע פּאָפּולערע מענטשנ אינ די דעמאָקראטישע דיסטריקטנ פונ פּאריזש.

די שטענדיקע אויסגעוויילטע קאָמיטעטן פון די פאריזשער ראיאָנען (פון די „דיסטריקטן“) זײַנען געבילדעט געוואָרן אין יול, נאָך איידער די באסטיליע איז גענומען געוואָרן, פון אקטיווע בירגער — וואל-מענער, וואָס זײַנען צונויפגערופן געוואָרן צום אויסוויילן דעפוטאטן פון 3־טן שטאנד אין די גענעראל־שטאטן. פון סאָף אפרעל האָבן זיך די דאָזיקע קאָמיטעטן פראָקלאמירט אלס פערמאנענטע. דער דאָזיקער באשלוס איז באשטעטיקט געוואָרן דעם 22-טן יול ערעוו דעם אײַנעמען די באסטיליע. א טייל פון די דיסטריקטן, אין די רײַכע קווארטאלן פון דער הויפטשטאָט, זײַנען געווען די פאָליטישע צענטרען פון דער בורזשואזער אריסטאָקראטיע. דער דיסטריקט פון סען-טאָמא איז געווען דער צענטער פון די באנקירן און די ראנטיע פון פאריזש, דער שטיצפונקט פונעם מיניסטער נעקער און פונעם מארקיז לאפאיעט, דעם פירער פון דער בורזשואזער נאציאָנאלער גווארדיע. פארקערט, דער דיסטריקט פון די קאָרדעליערן איז געווען דער שטיצפונקט פון די דעמאָקראטישע עלעמענטן. דער סאָציאלער באשטאנד פון זײַן באפעלקערונג האָט פארוואנדלט דעם דיסטריקט פון די קאָרדעליערן אין א פעסטונג פון דער דעמאָקראטיע. דאָ האָבן געוווינט די אדוואָקאטן, די דרוקער, די פארלעגער, די זשורנאליסטן און די ארטיסטן. דאָ זײַנען געווען נישט ווייניק האנטווערקער. אין דעם דאָזיקן קווארטאל פון פאריזש האָבן זיך געדרוקט די רעוואָליוציאָנערע צײַטונגען: לוסטאלאָס „די רעוואָליוציע פון פאריזש“, פרעראָנס „פאָלקס-רעדנער“. דאָ איז אויך געווען טעטיק קאמיל דעמולען, דער רעדאקטער פון דער פאָפולערער „רעוואָליוציע פון פראנקרײַך און בראבאנט“. דאָ, אינעם דיסטריקט פון די קאָרדעליערן, האָט אויך מאראט געדרוקט אומלעגאל זײַן צײַטונג „פאָלקס-פרײַנט“.

שפעטער, ווען די בורזשואזיע האָט באשלאָסן פארניכטן די דיסטריקטן און פארבײַטן זיי מיט 48 סעקציעס, איז דער דיסטריקט פון די קאָרדעליערן פארוואנדלט געוואָרן אין דער „סעקציע פון פראנצויזישן טעאטער“, אָבער ער האָט דעמלט אויך נישט פארלאָרן זײַן דעמאָקראטיש פּנים.

אינ דעם דיסטריקט פונ די קאָרדעליערנ האָט זיכ אויכ אײַנגעפונענ דער קלוב פונ די קאָרדעליערנ, ווו די דעמאָקראטנ אונ רעוואָליוציאָנערנ פונ די רייענ פונעם קלײנבירגערטום האָבנ געפירט א קאמפ קעגנ דעם דעספאָטיזם פונ דער פעאָדאלער אונ דער בורזשואזער אריסטאָקראטיע, אונ באזונדערס קעגנ דעם פאריזשער ראָטהויז, שטאָטישער זעלבסטפארוואלטונג פונ דער הויפטשטאָט, דעם געווײלטנ אָרגאנ פונ דער פאריזשער בורזשואזיע. אינ דער שפיצ פונ דער קאָמונע איז געשטאנענ דער אקאדעמיקער באיי — א טיפישער בורזשוא, וואָס האָט אקשאָנעסדיק אונ ענערגיש פארטיידיקט די פאָזיציעס פונ דער בורזשואזער אריסטאָקראטיע. צוזאמענ מיטנ מארקיז לאפאיעט האָט ער זיכ פארנומענ מיט שאפנ אינ דער הויפטשטאָט שטיצפונקטנ צו באשיצנ די מאכט-פאָזיציעס פונ דער בורזשואזיע קעגנ די רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ פונ די פאָלקס-מאסנ. קעגנ באיי אונ לאפאיעטנ איז אינ דער ערשטער ריי געווענ געווענדעט די טעטיקײט פונעם דיסטריקט פונ די קאָרדעליערנ סאָפ יאָר 1789 אונ אינ 1790.

אינ זײער קאמפ קעגנ דער מוניציפאלער אריסטאָקראטיע האָבנ די דעמאָקראטנ געפאָדערט רעוואָליוציאָנערע וואכזאמקײט אינ דער באציונג צו די פאָלקס-פײַנט, זײ האָבנ באשולדיקט דעם מער פונ דער קאָמונע באיי אונ לאפאיעטנ אינ דער דערנערונג-אנארכיע, אינ ספעקוליאציע אונ אינ רעגירונג-טעראָר. זײ האָבנ זײ באשולדיקט אינ ברעכנ די רעכט פונ פאָלק, וואָס אימ איז פארבאָטנ געוואָרנ צו פארזאמלענ זיכ פרײַ אונ אויסדריקנ זײַנ מײנונג. „די קאָמונע, — האָבנ זײ געזאָגט, — איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ אנ אריסטאָקראטישע קאָרפאָראציע“.

דער דיסטריקט פונ די קאָרדעליערנ האָט אָנגעהויבנ ווערנ אלצ מער אונ מער פאָפולער, פאראײניקנדיק פארשײדנארטיקע עלעמענטנ פונ דער דעמאָקראטיע, — פונ ליבעראלנ ביז רעוואָליוציאָנערנ.

א געוויסע צײַט האָט זיכ דער דיסטריקט אפילע פארוואנדלט אינ א „זעלבשטענדיקע רעפובליק“. דאנטאָנ טרעט דאָ ארויס ניט בלויז אלס „קאפיטאנ“ פונ אנ אָטריאד פונ דער נאציאָנאלער גווארדיע, נאָר אויכ אלס אנ אקטיווער אָנטײלנעמער פונ דער באוועגונג. דער דיסטריקט האָט גענומענ אפ זיכ די אויפגאבע פונ א דעמאָקרא-

טיגער אויספיר־מאכט אז זיין טעריטאָריע; ער האָט געפאָדערט איינפירן דאָס רעכט אָפּצורופן די דעפוטאטן. ניט וואַרטנדיק אפן באשלוס פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג, דערקלערט דער דיסטריקט דעם 15־טן סענטיאבער די ארטיסטן פאר בירגער און גיט זיי אלע רעכט, וועלכע עס האָט זיי אָפּגעזאָגט די אלטע אָרדענונג און אפילע די נאציאָנאלע פארזאמלונג. דעם 20־טן אָקטיאבער האָט דער דיסטריקט אָנגענומען א באשלוס—מיט דאנטאָנס אונטערשריפט—צו רעגלאמענטירן דעם פארקויף פון מעל. אן אנדער דעקרעט האָט איינגעשטעלט די אָרדענונג פון באזאָרגונג דעם דיסטריקט מיט ברויט.

דעם 21-טן דעקאבער האָט דאנטאָן פארהאלטן אפ דער טעריטאָריע פונעם דיסטריקט עטלעכע פורן זילבער, וואָס די דיסקאָנט-קאסע האָט איבערגעשיקט פון פאריז קיין לימאָזש. די קאָמונע אין דער שפיץ מיט באיי האָט אומזיסט פּראָטעסטירט קעגן די אנארכיסטישע מיסים פון דער דעמאָקראטישער מאכט אין דעם דיסטריקט פון די קאָרדעליערן.

אָבער דאָס אלץ איז פאָרגעקומען שוין אין סאָף יאָר 1789.

אין די ערשטע כאדאָשים פון דער רעוואָליוציע האָט זיך דאנטאָן געשאפן א נאָמען פון א פּאָפּולערן רעדנער אפ די פארזאמלונגען אין פאלע־ראָיאל. און דערמיט גופע האָט ער צוגעגרייט די ראָליע, וואָס ער הייבט אָן שפּילן פון אָקטיאבער כוידעש אינעם דיסטריקט פון די קאָרדעליערן, ארומגערינגלט פון זיינע פריינט, דעם אווטער פון קאָמעדיעס פאבר ד״ עגלאנטין, קאמיל דעמולען, מאָמאָראָ, פרעראָן און אנדערע.

6

לאָמיר זיך פאָרשטעלן דאָס שטורמישע רעוואָליוציאָנערע לעבן פונעם דיסטריקט פון די קאָרדעליערן. דאָ וווינט דער גרעסטער טייל פון די קומענדיקע פירער פון דער קלייןבירגערלעכער דעמאָקראטיע. זיי האלטן רעדעס ניט הינטער געשלאָסענע טירן, נאָר אפ דער גאס, פארן האמוין. פילע פון זיי ארבעטן, שרייבן זייערע ארטיקלען און פּראָקלאמאציעס דאָ גופע אפ די גאסן, אפ די טומבעס. דעמולען, פרעראָן, לעזשאנדר און דאנטאָן אגיטירן אפן ראָג פון אָדעאָן־גאס

און פון דער פראַנצויזישער קאָמעדיע צווישן אַ האַמוינג האַנטווער־
קער און קליינבירגער.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ פאַרזאַמלונג פון דעם דיסטריקט, וווּ
עס לייענט זיינס אַן אַרטיקל מאַראַס, וווּ עס טרעטן אַרויס מיט היי־
סע רעדעס דעמולען, דאַנטאָן, קלאָאָטס.

דער היסטאָריקער מישלע האָט אונדז איבערגעלאָזן אַ קינסט־
לערישע באַשרייבונג פון די דאָזיקע שטורמישע זיצונגען:

—„ס׳איז אַ האַמוינג! וועלן מיר קאָנען אַריינגיין? בירגער, לאָזט
דורכגיין! כאַווייַרים, איר זעט, איך ברענג אַ פרעמדן. דער געדויש
קאָן פאַרטויבן, מע זעט קיטאַט גאָרנישט. אָט די קליינע רויכיקע
פאַקלען מאַכן נאָר בולעט די נאַכט. וואָס פאַר אַ נעפּל הענגט
איבערן האַמוינג! די לופט איז פול מיט קוילעס און געשרייען. מאָד־
נע, גאָר מאָדנע איז דער ערשטער איינדרוק. מע קאָן זיך ניט פאָר־
שטעלן קיין מער בונטן האַמוינג. גוט געקליידעטע הערן, אַרבעטער,
סטודענטן, אפילע גאַלאָכים... אָבער מער פון אַלץ ליטעראַטן. איר
זעט דעם אויסער פון דער קאָמעדיע „פילינטאַ“ פאַבר ד׳עגלאַנטינ?
און אָט יענעם, מיט אַ שוואַרצער קוטשמע האָר—דאָס איז דער
רעפּובליקאַנער ראָבער. און יענע פיגור, אַ מענטש, נאָכן אויסזען, אַ
גראָבער? דאָס איז דער קומענדיקער „פיער דיושען“, דער רעדאַק־
טער פון דער רעוואָליוציאָנערער צייטונג עבער. ווייטער שטייט דער
דרוקער, דער פּאַטריאָט מאָמאָראָ. אָבער גיט אַ קוק: ווער איז דאָרטן
פאָרזיצער? ערנוואָרט די שרעק אליינ.“

ס׳אַרא גרויזאַמע פיזיאָנאָמיע עס האָט דאַנטאָן! וואָס איז דאָס —
אַ ציקלאָפּ, צי דער האַר פון גענעם? אַ פּאָנעם, מיט שפּורן פון
פּאָקן. אַ ריז מיט קליינע טונקעלע אויגן. אַן אַלגעמיינע געשטאַלט
פון אַ פינצטערן ווולקאַן. ניין, דאָס איז ניט קיין מענטש, דאָס איז
די סטיכיי פון אומרו אַליין. גיט אַ קוק, ער האָט פאַרקרימט זיין
מויל; פון זיין שטים ציטערן אַלע שויבן.

דאָס וואָרט האָט מאַראַס. ער פאָדערט אויף די פאַרזאַמלונג פון
די קאָרדעליערן צו אַ נייעם אויפשטאַנד. די בירגער באַגריסן מאַראַטן.
אָבער די אָנפירער פון דער פאַרזאַמלונג דאַנטאָן, לעזשאַנדר, דע־
מולען ענטפערן מיט סקעפּטישע שמייכלען אויף דעם טראַגישן פּאַטאָס
פון דעם פאָלקס-פריינט;

— שטענדיק בײסטו טראגיש, מאראט, — זאָגט דאַנטאָן, — איבער־טראגיש. מיר קאָנען דיר דאָס פאָרוואַרפן. איבעריקנס, מע קאָן דיך אנטשולדיקן, דײַן לעבן איז פול וואַנדערונגען איבער קאטאקאָמבעס. זאָג ערנסט, די טויזנטער קעפּ פון די פאָלקס־פײַנט, וואָס דו פאָדערסט, דארף מען זיי טאַקע? דארף מען דען האָבן א נײַעם אויפשטאַנד קעגן דער קאָמונע און דער נאַציאָנאַלער פארזאמלונג? איז ניט בעסער ענדיקן די זאַך פרידלעך, דערשלאָגן זיך א קלאָרן אויסדרוק פון דעם פאָלקס־ווילן? מע דארף ניט טאָן מיט א גרעסערער צאָל דאָס, וואָס מע קאָן טאָן מיט א קלענערער. איך מיין, אז אויב דרײַ־פיר קעפּ וועלן אראָפּפאַלן צו די פיס פון דער פרײַהײַט, וועט דאָס זײַן גענוג פאַר דעם סאָף פון די געשעענישן".

די דעמאָקראטן—די רעוואָליוציאָנערן האָבן זיך צונויפגעשטויסן אַפ דער פארזאמלונג פון די קאָרדעליערן מיט די ליבעראַלן, מיט די אָפּאָרטוניסטן. זייערע שטרײַטן וועלן זיך אינגיכן שוין ניט באַגרענעצן מיט ווערטער, זיי וועלן געלייזט ווערן אינעם בירגערקריג, זיי וועט לייזן די גיליאָטינע.

— ז —

אין דעקאַבער 1789—יאַנוואַר 1790 זײַנען אַפ דער טעריטאָריע פון די קאָרדעליערן פאָרגעקומען געשעענישן, וואָס האָבן באַזונדערס פאָפּולער געמאַכט דאַנטאָנען אין דער הויפּטשטאָט.

די קאָמונע פון פּאַריזש האָט אין נאָיאַבער—דעקאַבער 1789 פּעסט באַשלאָסן צו באַקעמפן די אַלע, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין די דיסטריקטן.

אָנהייב דעקאַבער האָט זיך אין פּאַריזש פאַרשפּרייט א קלאַנג, אז דאַנטאָן האָט אָפּגעקויפט די שטימען פון די קאָרדעליערן. דעם 11־טן דעקאַבער איז דער דיסטריקט ארויסגעטראָטן מיט אן אנטשײדענעם פּראָטעסט „קעגן באַליידיקן דעם הער דאַנטאָנס טאַלאַנטן און בירגערלעכע געפילן". „דער לעצטער,—לייענען מיר אינעם באַשלוס פונעם דיסטריקט, — אלס מיליטער־מענטש און אלס בירגער, האָט געגעבן ניט ווייניק בולטע באַווײַזן פון זײַנע פּאַטריאָטישע געפילן. די דאַנקבאַרקײַט פון די מיטגלידער פון די פארזאמלונגען

פונעם דיסטריקט צו זייער טײַערן פאָרזיצער, די גרויסע אכטונג צו זײַנע זעלטענע מײַלעס, דער צוטרוי, מיט וועלכן זיי האָבן פארצייכנט זײַנע פארדינסטן בײַ יעדע נײַע וואלן, צווינגען קאטעגאָריש אָפּצוּוואַרפן יעדן פארדאכט אין ניט־שיינע מײַסים פון זײַן זײַט. די פארזאמלונג פונעם דיסטריקט גראטולירט זיך דערמיט, וואָס צווישן איר איז פאראן אזא פעסטער פארטיידיקער פון דער פרײַהײַט, און האָפט, אז זי וועט האָבן די מעגלעכקײַט ניט איין מאָל ארויסצוּווײַזן אים איר צוטרוי". אָט דעם באשלוס האָט דער דיסטריקט פון די קאָרדעליערן באשלאָסן פאנאנדערשיקן אלע איבעריקע 59 דיסטריקטן פון דער הויפּטשטאָט.

מיר ווייסן ניט, וואָס איז געווען דער יעסאָד פון די רעכילעס. אָבער עס איז אויסער סאָפעק, אז בײַי און לאפאיעט האָבן ענערגיש פארשפּרייט אזוינע קלאנגען, כדי צו דיסקרעדיטירן דאנטאָנען אין די אויגן פון די מאסן.

דעם 15־טן דעצעמבער האָט דער דיסטריקט פון די קאָרדעליערן באשלאָסן צו פּראָטעסטירן קעגן דער פאָדערונג פונעם מוניציפּאליטעט צו באהאנדלען אין 24 שאָ דעם פּלאן פון דער קומענדיקער רעאָרגאניזירונג פון דער זעלבסטפארוואלטונג: דער פּלאן האָט געזאָלט פארפעסטיקן די מאכט פון דער בורזשואזער אריסטאָקראטיע און מאכן א סאָף צו דער „רעוואָליוציאָנערער אומאָרדענונג". דאנטאָן איז דעלעגירט געוואָרן צום באריער פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג דערקלערן א פּראָטעסט קעגן דעם באשלוס פון דער קאָמונע. אין עטלעכע טעג ארום האָט זיך דאנטאָן נאָכאמאָל צוזאמענגעשטויסן מיט דער קאָמונע. אָבער דאָס זײַנען אלץ געווען ניט מער ווי אוואנפּאָסט־געפעכטן. אינגיכן איז עס דערגאנגען צו א באוואָפנטן קאָנפליקט צווישן דעם דיסטריקט פון די קאָרדעליערן און דער קאָמונע.

איינער פון די סאמע פּאָפּולערע רעוואָליוציאָנערן פון דער דאָזיקער עפּאָכע, מאראט, האָט ניט אויפגעהערט פּראָפּאגאנדירן — שריפטלעך און מינדלעך — א נײַעם אויפשטאנד: און דער געריכט האָט אים פארפאָלגט. מאראט איז ארויסגערופן געוואָרן צום פּראָקוראָר, אָבער ער איז ניט געקומען. דעם זעלבן טאָג האָבן די בורזשואזע קווארטאלן פון דער הויפּטשטאָט אָנגעהויבן א קאמף קעגן אים, קעגן אלע דעמאָ-

קראטנ און זייער צענטער—דעם דיסטריקט פונ די קאָרדעליערנ. דער דיסטריקט פונ דער סאָרבאָנע האָט געטײַנעט, אז מאראט, דאנטאָנ און די אנדערע זײַנענ „שטערער פונ פרידנ און אגיטאטאָרנ קעגנ דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג". אינ יאנואר זײַנענ די פארפאָלגונגענ קעגנ מאראטנ דערגאנגענ ביז דער העכסטער מאדרײגע. אינ דער נאכט פונ 9־טנ אפנ 10־טנ יאנואר האָט מענ אים אומזיסט געפרוווט ארעסטירנ אפ דער גאס פונ דער אלטער קאָמעדיע, ווו ער האָט געוווינט און געדרוקט זײַנ צײַטונג. ער האָט זיכ געווענדט נאָכ הילפ צום דיסטריקט פונ די קאָרדעליערנ: דעם 11־טנ יאנואר האָט דער דיסטריקט אפ אנ אלגעמיינער פארזאמלונג פונ די בירגער אָנגענומענ א באשלוס ארויסצוטרעטנ צו פארטיידיקנ מאראטנ, אָבער די פאָליציי האָט אים ווײַטער פארפאָלגט.

מאראט האָט אָפגעוואָרפנ די פאָדערונגענ צו קומענ צום געריכט. ער האָט אָבער פארעפנטלעכט א שטורמיש ארטיקל קעגנ דעם העכסטנ געריכט פונ שאטלע, וואָס די רעוואָליוציע האָט נאָכ ניט רעפאָרמירט. אינ קאמפ האָט זיכ ארײַנגעמישט די נאציאָנאלע פארזאמלונג, זי האָט געפאָדערט אנ אנטשיידענעם קאמפ קעגנ דעם „אונטערהעצער". לאפאיעט האָט אפילו אָפגעשיקט אינ דיסטריקט פונ די קאָרדעליערנ אנ עקספעדיציע—א באטאליאָנ נאציאָנאלע גווארדיע פונ סענט־עטיענער דיסטריקט. די קאָרדעליערנ האָבנ אָבער באשלאָסנ ניט דערלאָזנ ארעסטירנ דעם פאָלקס־פרײַנט. דעם באשלוס פונעם דיסטריקט האָבנ אונטערגעשריבנ דער פאָרזיצער—פארע, וויצע־פאָרזיצער פאבר ד׳עג־לאנטינ און סעקרעטאר דאנטאָנ, און אינ אים איז געזאָגט געוואָרנ: „באשטייענדיק אפ די פרינציפנ פונ זײַנ באשלוס פונ 11־טנ יאנואר און נאָכ דער צווייטער באהאנדלונג פונ דער פראגע, וועלכע האָט געגעבנ א געלעגנהײַט פאר דעם דאָזיקנ באשלוס, האלט דער דיסטריקט, אז אינ אונדזער שווערער צײַט, וואָס רופט נאטירלעכ ארויס די באמיִונגענ פונ די פאטריאָטנ צו קעמפנ קעגנ די סאָנים פונ דער אופקומענדיקער קאָנסטיטוציע, איז דער דאָזיקער קאמפ די פליכט פונ אלע גוטע בירגער און בעסיילע אויכ פונ אלע דיסטריקטנ פונ פאריזש, וואָס האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ אזוי רומפול אינ דער רעזאָליוציע.

די אופגאבע פונ די דיסטריקטנ איז נאָכקוקנ, אז קיינ איינ מענטש אינ דער הויפטשטאָט זאָל ניט פארלירנ די פרײַהײַט אָנ א

גנעצלעכ באשטעטיקטער באשטימונג און אָנ א דערקלערונג פונ די סיבעס פונעמ ארעסט״... די קאָרדעליערנ האָבנ דעריבער געפאָדערט, אז יעדער אָרדער אפ ארעסטירנ א בירגער אפ דער טעריטאָריע פונעמ דיסטריקט זאָל מוזנ סאנקציאָנירט ווערנ פונ זייערע פאָר־שטייער—פונ די ספעציעל צוליב דעמ אויסגעווײלטע פינפ קאָמיסארנ—„היטער פונ דער פרײַהײַט״. אָט די קאָמיסארנ זײַנעג געווענ דאנ־טאָנ, סענטעל, שעפטעל און לאבלע; דעמ פינפטנס נאָמענ ווייס־מיר ניט.

דעמ 16-טנ יאנוואר האָט די קאָמונע געפאָדערט פונעמ פראָקו־ראָר, ער זאָל טייקעפ ארעסטירנ מאראטנ. די קאָמונע האָט געוואָלט אומ יעדנ פרײַז ברעכנ דעמ ווידערשטאנד פונעמ דיסטריקט פונ די קאָרדעליערנ, ווײַל מאראטס אידייענ פלעגנ ארײַנדרינגענ אינ די ווױ־נונגענ פונ די פאָשעטע האנטווערקער. דעמ 19-טנ יאנוואר באשטעטיקנ די קאָרדעליערנ ווידער זייער רעזאָליוציע. לויט דאנטאָנס פאָרשלאָג בלײַבט דער דיסטריקט אפ א שטרענג לעגאלנ באָדנ. דאנטאָנ פאָדערט אָפהיטנ דעמ געזעצ, די דעמאָקראטנ האָבנ נאָר געוואָלט מאכנ אנ אימפאָזאנטע דעמאָנסטראציע קעגנ באיי און דער קאָמונע, אָבער די קאָמונע האָט געזוכט א געלעגנהײַט צו צעגראָמירנ דעמ רעוואָליוצי־אָנערנ צענטער.

דעמ 22־טנ יאנוואר איז דער קווארטאל פונ אָדעאָנ,—די טערי־טאָריע פונ די קאָרדעליערנ,—פארפלייצט געוואָרנ פונ סאָלדאטנ. אינ דער עקספעדיציע האָבנ זיך באטייליקט 3000 מאנ. דאָס זײַנענ גע־ווענ נאציאָנאל-גוואַרדייער פונ די רײַכע בורזשואזע קווארטאלנ פונ פאריזש. אינ דער שפיצ פונ די מיליטער־טיילנ איז געשטאנענ דער גאָלדשמיד קארל, דער קאָמאנדיר פונעמ באטאליאָנ „היינריך דער 4־טער״. 8 אזייגער אינדערפרי איז דער אָטריאד צוגעקומענ צומ הויז, וווּ מאראט האָט געוווינט. די גווארדייער האָבנ געוואָלט מאכנ אנ אונטערזוכונג. די קאָמיסארנ פונעמ דיסטריקט מיט דאנטאָנען אינ דער שפיצ האָבנ זיי געמאָלדנ, אז דער באפעל וועגנ ארעסט איז אומגעזעצלעך.

דאָס פאָלק האָט זיך גיך גענומענ באוואָפענענ. די געפאר איז געוואקסנ. די לאגע האָט געקאָנט ווערנ גאָר ערנסט. א רוישיקער האמוינ האָט ארומגערינגלט קארלס באטאליאָנ. איינע פונ די פרויענ

האָט זיך געווענדט צו די סאָלדאַטן מיט אַזוינע ווערטער: „מײַן מאַן איז אַ גרענאַדער, אָבער ווען ער וואָלט געווען אַזוי נידערטרעכטיק און וואָלט אַרעסטירט דעם פֿאָלקס־פֿרײַנט, וואָלט איך אים געפּלעט דעם מויעך״.

דאַנטאָן האָט זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו דער שטימונג פֿונעם האַמוין, אָבער טרײַ זײַנע פּרינציפּן, האָט ער געמאָלדן די פֿאַרזאַמלטע, אַז ער פֿאַרטיידיקט די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג קעגן שאַטלע (דעם העכסטן קרימינאַל־געריכט) און קעגן דער קאָמונע, ריכטיקער קעגן באַיִי און לאַפֿאַיעטן. ער האָט באַלד דערקלערט דעם זין פֿון זײַן דראָונג: „אויב עס וועט קומען אַ האַמוין פֿון די פֿאָרשטעט, — האָט ער געזאָגט, — וועט דאָס זײַן אַן אומגליק. מע דאַרף ניט געברויכן קיין געוואַלד, מע דאַרף אָפּערירן בלויז מיט פֿאַרנינפֿטיקע אַרגומענטן״. קאַרל האָט דערפֿילט, אַז דאַנטאָן, דער אָנפֿירער פֿון דער באַוועגונג, איז גרייט צו גיין אַפּ האַנאָכעס. כאָטש דער האַמוין האָט פּראָטעסטירט, איז 6 אַזייגער אין אָוונט דאָך געמאַכט געוואָרן אַן אונטערזוכונג אין מאַראַטס הויז, דער פֿאָלקס־פֿרײַנט האָט זיך באַהאַלטן.

די פֿעסטקײַט פֿון דער מאַכט האָט געווירקט. די קאָרדעליערן האָבן באַפֿולמעכטיקט דאַנטאָנען, ער זאָל קומען אין דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג אין דער שפּיץ פֿון דער דעלעגאַציע פֿונעם דיסטריקט און דערשלאָגן זיך אַ גינסטיקן באַשלוס פֿון דער פֿאַרזאַמלונג. דער דיסטריקט האָט אין זײַן באַשלוס קאַטעגאָריש באַטאָנט, אַז ער וויל קלאָר ניט געבן קיין באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד דער מאַכט: „צום געווער איז ניט גערופֿן געוואָרן קיין איין איבעריקער מענטש״. די פֿאַרזאַמלונג האָט זיך באַקאַנט מיטן מאַטעריִאַל, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מע קאָן דעם איניען דערליידיקן גיך און שמערצלאָז און האָט זיך געווענדט צו די קאָרדעליערן מיט אַ פֿאָדערונג אויסצופֿילן דעם באַפֿעל וועגן אַרעסט. 8 אַזייגער אין אָוונט, ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם באַשלוס פֿון דער פֿאַרזאַמלונג, האָט דער דיסטריקט מיט פֿאַבר ד׳עגלאַנטין אין דער שפּיץ געשיקט דעלעגאַטן צו לאַפֿאַיעטן. דערמיט האָט זיך אויסגעלאָזט די „העלדישע״ קאַמפּאַניע פֿונעם דיסטריקט פֿון די קאָרדעליערן צו פֿאַרטיידיקן מאַראַטן.

אָבער די זיגער האָבן זיך דערמיט ניט באַנוגנט. דעם 27־טן

יאנוואר איז אָנגעהויבנ געוואָרנ א פּראָצעס קעגנ דאנטאָנענ. דאנטאָנס פּראָצעס איז געווענ א פאָרזעצונג פונ מאראטס פּראָצעס. דעמ 17-טנ מארט איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ א דעקרעט וועגנ ארעסטירנ אימ. דער דיסטריקט פונ די קאָרדעליערנ האָט מיט פארצווייפלונג געפאָדערט אופהערנ פארפאָלגנ די פּאטריאָטנ אונ פריִער פאר אלצ דאנטאָנענ.

אינ מעשעכ פונ צוויי וואָכנ איז פאריזש געווענ פארנומענ מיט דאנטאָנס פּראָצעס. דער גרעסטער טייל סעקציעס האָט זיכ ארויסגעזאָגט פאר דאנטאָנענ אונ נאָר עטלעכע סעקציעס, ווו עס איז געווענ שטארק די בורזשואזע אריסטאָקראטיע, האָבנ געפאָדערט געריכט־מיטלענ קעגנ דעמ טריבונ. באיִי אונ לאפּאיעט האָבנ, נאטירלעכ, אופגעבלאָזנ די גאנצע מײַסע. ווי מיר האָבנ געזענ, האָט דאנטאָנ אינ די שטורמישע טעג פונ 22־טנ אונ 23-טנ יאנוואר געפּרוווט געבנ א ווידערשטאנד דער געוואלט, בלײַבנדיק אפנ באָדנ פונעמ געזעצ. אינ זײַנ רעדע אפ א פארזאמלונג פונעמ דיסטריקט דעמ 22־טנ יאנואר 1790 האָט ער דערקלערט: „מײַנע הערנ! ווענ מיר זאָלנ זיכ לאָזנ פירנ בלויז פונ אונדזערע שטימונגענ, וואָלטנ מיר זיכ באוואָפנט ווי מיר האָבנ נאָר דערזענ, אז מיר זײַנענ אפ אונדזער טעריטאָריע באלאגערט פונ צוויי טויזנט באוואָפנטע סאָלדאטנ, וואָס האָבנ פארשפארט אלע אײַנגענג אונ ארויסגענג, אונ מיר וואָלטנ געענטפערט אפ געוואלד מיט קראפט; ווענ מיר וואָלטנ האָבנ אינ זינ בלויז די געזעצנ פונ מילכאָמע, וואָלטנ מיר פארטריבנ פונ אונדזער דיסטריקט די סאָלדאטנ, וואָס זײַנענ געקומענ אהערצו, קעדיי צו פארפאָלגנ אונדז. אָבער גאָט באהיט, מײַנע הערנ, איכ זאָל אײַכ פרידיקנ אזוינע זאכנ. די דאָזיקע סאָלדאטנ זײַנענ אונדזערע ברידער; זייער איינציקער פעלער איז, וואָס זיי ווארפנ זיכ אונטער בלינד די באפעלנ פונ זייער נאטשאלסטווע. באוואָפנטע, ווי מיר, צו פארטיידיקנ די פרײַהײַט, ווייסנ זיי גאָרניט, אז זיי פארטיידיקנ דעמ דעספּאָטיזמ. אָבער מאָרגנ, ווענ זיי וועלנ ווערנ אופגעקלערטע פּאטריאָטנ, וועלנ זיי לײַדנ דערפונ ניט ווייניקער פונ אונדז. דער בירגערקריג וואָלט געווענ אנ אומפארמײַדלעכער רעזולטאט פונ אונדזער ווידערשטאנד, — אונ דערצו, נאָר דערצו שטרעבנ אונדזערע סאָנימ, קעדיי צוצוגרייטנ די קאָנטררעוואָליוציע. איז לאָמיר צעשטערנ זייערע ני-

דערטרעכטיקע פּלענער, לאָמיר זיך באַנוצן נאָר מיט פאַרנינפטיקע ארגומענטן"...

דאַנטאָן האָט פאָרגעלייגט װענדן זיך צו דער נאַציאָנאַלער פאַר־זאַמלונג און אונטערװאַרפן זיך יעדן באַשלוס אירן. אַלץ באַװײַזט אין דער דאָזיקער אַרויסטרעטונג די פרידלעכע קאַװאָנעס פון א ליבעראַלן בורזשואַ, אפילע װען ער איז געצװוּנגען אָנצוּװענדן אין זײַן קאַמף פּראָטעסט־מיטלען.

אין פּאַריזש האָט מען אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז באַיי און לאַפאַיעט האָבן פאַרפירט א פּראָצעס קעגן דאַנטאָנען איבער באַזונ־דערע סיבעס, דאַנטאָנען האָט דער דאָזיקער פּראָצעס סאָפּקאָלסאָפּ געבראַכט נוצן. װי עס האָט ריכטיק באַמערקט דער היסטאָריקער לויִ מאַדלען, האָט דער פּראָצעס „געשאַפן דעם טומל, װאָס דאַנטאָן האָט געדאַרפט האָבן אַפּ צו װערן פּאָפּולער". דער פּראָצעס איז באָטל געװאָרן ערשט אין מײַ 1790, נאָך דעם װי די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמ־לונג האָט באַשלאָסן די פראגע װעגן אַנולירן דעם דעקרעט פון שאַ־טלע קעגן דאַנטאָנען. אָבער אין פּאַריזש האָט נאָך לאַנג צירקולירט א בראָשור (איר אויטער איז עפּשער געװען דאַנטאָן אַליין) מיטן נאָמען:

„א *גרויס* װאָרט װעגן דעם *גרויסן* פּראָצעס קעגן דעם *גרויסן* דאַנטאָן, װאָס איז פאָרגעקומען אינעם *גרויסן* דיסטריקט פון די *גרויסע* קאָרדעליערן און װעגן די *גרויסע* רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן פּראָצעס". די בראָשור האָט געמאַכט כויזעק פון דאַנטאָנס פאַרפאָלגער.

8.

דער קאַמף פון די קאָרדעליערן איז געװען ניט דער אָנהייב, נאָר דער לעצטער אויסברוך פון דער מוניציפּאַלער רעװאָלוציע, װאָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 14־טן יולי 1789 פון אײַנעמען באַסטיליע. שוין אין יאַנואַר 1790, אין רעכטן ברען פון קאַמף קעגן דער קאָ־מונע, איז דאַנטאָן אַרײַנגעטראָטן אין אירע רייען אלס דער פאַר־שטייער פונעם דיסטריקט פון די קאָרדעליערן. ער איז אַהינצו אַרײַן ניט גלײַך.

די דעמאָקראטיש־ . יסטריקטן האָבן געפאָדערט אַן אימפּעראַ־ טיוון מאַנדאַט, ד.ה. זיי האָבן געוואָלט בינדן זייערע פאָרשטייער מיט באַשטימטע פאַרפּליכטונגען פאַר זייערע וויילער. אין נאָיאַבער 1789 האָבן די קאָרדעליערן אָנגענומען אַ שוווּע, און אָפן כמאַל פון דער דאָזיקער שוווּע האָבן זייערע דעפּוטאַטן אין דער קאָמונע באַ־ דאַרפט אָפּגעבן אַ באַריכט און מע האָט זיי געקענט אָפּרופן אין פאַל, אויב דאָס האָבן געוואָלט זייערע וויילער. די פאָרמולע פון דער שוווּע האָט אונטערגעשריבן דאַנטאָן, אָבער נאָר צוויי פון די 5 פאָר־ שטייער פונעם דיסטריקט האָבן אײַנגעשטימט צו געבן אַזאַ שוווּע. די איבעריקע האָבן אָנגעגעבן אין דעמיסיע. מע האָט זיי גלײַך פאַר־ ביטן מיט אַנדערע. די קאָמונע האָט אָבער אַנולירט דעם באַשלוס פון די קאָרדעליערן און האָט געפאָדערט אומקערן יענע דרײַ דע־ פּוטאַטן, וואָס דער דעמאָקראַטישער דיסטריקט האָט פאַרטריבן דער־ פאַר, ווײַל זיי האָבן ניט געוואָלט געבן קיין שוווּע.

סאָף נאָיאַבער האָט זיך דער דאָזיקער קאַמף געענדיקט אין טאָג מיט אַ זיג פון דער קאָמונע. דאַנטאָן האָט דערבײַ, ווײַזט אויס, גע־ שפּילט די אַנטשיידנדיקע ראָליע. אינמיטן יאַנוואַר האָבן די קאָרדע־ ליערן באַנײַט זייער פאָרשטייערשאַפט, און אין דער קאָמונע זײַנען אויסגעוויילט געוואָרן דאַנטאָן, לעזשאַנדר און אַנדערע.

דעם 23-טן יאַנוואַר 1790 איז דאַנטאָן אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמונע. זײַן ראָליע אין דער קאָמונע איז קימאַט ביזן סאָף יאָר גע־ ווען אַ נישטיקע. אין משך פון זומער און האַרבסט 1790 האָט ער זיך געסטאַרעט בלײַבן אין שאָטן און האָט ווײַטער פּראַקטיקירט אַלס אַדוואָקאַט. דער טריבון טרעט ווידער אַרויס אין דער ראָליע פון אַ פרידלעכן בורזשוא. זײַנע קאָלעגן פון דער קאָמונע זײַנען געווען ניט ווייניק פאַרוווּנדערט, ווען זיי האָבן דערזען, אַז „דער טײַוול פונעם דיסטריקט פון די קאָרדעליערן איז אַ גוטער טײַוול". גראַקכ באַבעף האָט אין איינער פון זײַנע ווענדונגען צו דאַנטאָנען געשריבן: „דו שלאָפסט, ברוט, און רוים איז אין קייטן".

דער אַדוואָקאַט דאַנטאָן פירט איצט אַ פרידלעך פאַמיליען-לעבן פון אַ פאַרמעגלעכן בורזשוא. ער ווערט ביסלעכווײַז רײַך, ער צאָלט אויס שוין דעם ערשטן יאָר זײַנע כובֿות (בערך 60 טויזנט ליווער), אין מאַרץ און אַפּריל 1791 קויפט ער דרײַ „נאַציאָנאַלע" מאַיאָנטקעס

פאר 57 סויזנט ליווער. נאָכמער: דעם 13־טן אפּרעל 1791 קויפט ער בא דער מאדאם פּיאָ דע קורסעל א פּראכטפול הויז אין זײַן היים-שטאָט, אין ארסי; אהערצו קומט ער צו פאָרן אַפּ זומער אָפּ־רוען. פאַרן הויז האָט ער באצאָלט בא 25 טויזנט ליווער מעזומאָנים. אין דאנטאָנעס וואכן אוף די אינסטינקטן פון א פּויער — א באַלעגוף. ער קויפט איין איין ערד-פּלאַץ נאָכן אנדערן. אין דעם זעלבן יאָר 1791 באשטימט ער זײַן מוטער א רענטע פון 600 ליווער אַפּ איר גאנצן לעבן און א יערלעכע רענטע פון 100 ליווער פאַר זײַן אַם מארגאריטע גאריאָ.

זומער 1790, דעם 18-טן יוני, האָט דאַנטאָנס פרוי גאבריעל גע־באָרן א זון. און דאָס קינד האָט מען אין פאַריזש גערופן האַלב אין שפּאס, האַלב אין ערנסט „דער דאָפין (דער פּרינץ) פון די קאָר־דעליערן״.

די דיסטריקטן זײַנען אין יוני 1790 פאַרביטן געוואָרן אַפּ סעק־ציעס, — 48 סעקציעס פון פאַריזש. די קאָרדעליערן זײַנען אַרײַן אין באשטאנד פון דער „סעקציע פונעם פראנצויזישן טעאטער״. דער דיסטריקט פון די קאָרדעליערן איז רעפּאָרמירט געוואָרן אין א „קלוב פון קאָרדעליערן״, — אָדער א געזעלשאפט „פריינט פון רעכט פון דעם מענטשן און בירגער״. דאָרטן זײַנען דעמלט געווען טעטיק דאנטאָן, דעזשאנדר, מאראט, פוריע — דער אמעריקאנער, עבער, פאבר ד׳עגלאנטין, קלאָאָטס און די אנדערע שפּעטערדיקע טוער פון קאָנווענט. די עמבלעמע פון קלוב איז געווען א ברייט געעפנט וואכ־זאם אויג, און זײַן דעוויז — די פּאָפּולערע ווערטער: „פרײַהײַט, גלײַכהײַט, ברידערלעכקײַט״.

דאנטאָן איז אין דער זעלבער צײַט געווען א מיטגליד אויך פון דעם יאקאָבינישן קלוב, וואָס איז דעמלט געווען מעסיקער.

עס איז אויסער צווייפל, אז אין קלוב פון די קאָרדעליערן האָט ער געשפּילט א סאך א קלענערע ראָליע איידער סאָפּ 1789 אינעם דיסטריקט, כאָטש ער האָט ווײַטער געקעמפט קעגן לאפאיעטן.

ווי אלע ליבעראלן און דעמאָקראטן פון יענער עפּאָכע, איז ער ארויסגעטראָטן זומער 1790 צו פארטיידיקן די רעכט פון די סאָלדאטן.

אין מײַ 1790 איז ער ארויסגעטראָטן צו פארטיידיקן די סאָל־דאטן פון צוויי פּאָלקן, וואָס זײַנען געקומען קיין פאריזש קלאָגן

זיכ אפ דעב, וואָס מע גיט זיי אינ די קאזארמעס שלעכט געבאקנ ברויט, ער האָט אפילע דערקלערט, אז א סאָלדאט — א פאטרי־אָט האָט אינ אזא פאל דאָס רעכט אופצופאָדערנ די מיניסטאָרנ צו בלוטיקער פאראנטוואָרטלעכקייט. אונ אינ אווגוסט, ווענ די אדל-לייט, די אָפיצערנ, וואָס די בורזשואזע אריסטאָקראטיע אונ די רעגירונג פונ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג האָבנ זיי פראָטעזשירט, האָבנ דערשטיקט בלוטיק דעם אופשטאנד פונ די סאָלדאטנ אינ נאנסי, האָט זיכ דאנטאָנ פארייניקט צום פראָטעסט פונ די דעמאָקראטנ.

דעם 12-טנ אווגוסט 1790 איז באיי איבערגעוויילט געוואָרנ אלס מער פונ פאריזש מיט 12500 שטימענ פונ 14010, דאנטאָנ האָט באַ־קומענ סאכאקל 49 שטימענ. דאָס איז געווענ א ביטערע מאפאָלע פאר דעם געוועזענעם פאָרזיצער פונ דעם דיסטריקט פונ די קאָרדע־ליערנ. דעם 11-טנ אווגוסט האָבנ די אקטיווע בירגער (דה. די ביר־גער-די אייגנטימער) פונ דער סעקציע טונ פראנצויזישנ טעאטער אויסגעוויילט דאנטאָנען אלס איינעם פונ זייערע דריי פאָרשטייער אינ גענעראל־ראט פונ דער קאָמונע. אָבער זיינ קאנדידאטור האָט זיכ אָנגעשטויסנ אפ אנ אנטשיידענעם ווידערשטאנד אינ די אנדערע סעקציעס. פונ 47 סעקציעס האָבנ זיכ 42 ארויסגעזאָגט קעגנ אים. פונ 96 אויסגעוויילטע איז ער איינער פארטריבנ געוואָרנ. נאָכ דער דאָזיקער נייער מאפאָלע ווערט דאנטאָנ פארשווונדנ, ווענג אים הערט מענ גאָרנישט אינ פאריזש אינ משעכ פונ די נאָענטסטע צוויי כאדאָשים.

אינ נאָיאבער האָט מענ אים ווידער אויסגעוויילט פאר א קאָ־מאנדיר פונעם באטאליאָנ פונ די קאָרדעליערנ. דעם 10-טנ נאָיאבער 1790 האָט ער זיכ ווידער באוויזנ פארנ באריער פונ דער נאציאָנא־לער פארזאמלונג, אינ דער שפיצ פונ א דעפוטאציע פונ דער פא־ריזשער קאָמונע אונ האָט געפאָדערט, די מיניסטאָרנ זאָלנ אוועקגיינ אינ דעמיסיע. לאפאיעט שילדערט עס אינ זיינע מעמוארנ אלס א פלאנ, וועלכנ עס האָט אָרגאניזירט „א געהיימער קאָמיטעט פונ דער סעקציע" מיט דאנטאָנענ אינ דער שפיצ. אָבער ס'איז שווער צו גלייבנ, אז דאָס איז געווענ אזוי. די סעקציעס — אונ פריער פאר אלצ די דעמאָקראטישע סעקציע מאָנקאָנסיי, וואָס האָט געשטרעבט צו באזייטיקנ די מיניסטאָרנ, — האָבנ געהאנדלט אונטער דער וויר־קונג פונ דעם רעוואָליוציאָנערנ פראָטעסט, וועלכנ עס האָט ארויס־

גרופן אין פאריזש דאָס צעמיימעסן די סאָלדאטן און די פאטריאָטן, די בירגער פון נאנסי. ווען די 48 סעקציעס האָבן זיך פארזאמלט און האָבן באשלאָסן באהאנדלען די פראגע וועגן דערלאנגען א פעטיציע דער נאציאָנאלער פארזאמלונג, איז צווישן די אקטיווע פארטיידיקער פונעם פאָרשלאָג פון דער סעקציע מאָנקאָנסיי געווען דאנטאָן. ער איז געווען דער סעקרעטאר פון דער פארזאמלונג. מעגלעך, אז דאנ-טאָן האָט אויך רעדאגירט דעם אנטשיידעניקן אדרעס, אָבער יעדנ-פאלס איז ער ארויסגעטראָטן פארן באריער פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג אינעם נאָמען פון דער דעפוטאציע פון דער קאָמונע.

דאנטאָנען האָט מען געשטערט ריידן, אָבער ער האָט ענערגיש פאר-טיידיקט זיין שטאנדפונקט. יעדער פון די מיניסטאָרן האָט באקומען אין זיין רעדע גאָר ניט קיין פיינע כאראקטעריסטיק. יעדן פון זיי האָט ער באשולדיקט אין פארטיידיקן דעם דעספאָטיזם. ער האָט פארענדיקט זיין רעדע, ווענדנדיק זיך צו די מיניסטאָרן: „איר זייט ניט ווערט קיין גע-זעלשאפטלעכן צוטרוי שוין דערפאר אליין, וואָס איר בלייבט בא דער מאכט, ווען מיר האָבן פארפירט קעגן אייך א פראָצעס“.

זיין רעדע האָט געמאכט א שטארקן איינדרוק.

די טריבונע פון פארלאמענט איז געוואָרן דאנטאָנס סטיכיע. ער האָט געשטרעבט צו איר; זיין אָנטייל אין דער דעמאָקראטישער באוועגונג פון די דיסטריקטן איז געווען ניט מער ווי א פאָרשטופע צו דער פאר-לאמענטארישער קאריערע. די דאָזיקע קאריערע האָט זיך אים דערווייל ניט איינגעגעבן.

אין אָקטיאבער-נאָיאבער 1790 האָט ער געטרוימט נאָר וועגן א דעפוטאטן-פאָטעל אין דער קאָמונע, אָדער אין דער פארזאמלונג פונעם דעפארטאמענט. די דעפארטאמענט-פארזאמלונג פון פאריזש, אָדער ריכ-טיקער, פון דער סענע, איז די פארזאמלונג פון פאָרשטייער צו פאר-וואלטן מיט די עניאָנים פון דער געגנט. דער דאָזיקער אנשטאלט האָט געהאט א סאך א קלענערע באדייטונג איידער, לאָמיר זאָגן, די קאָמונע פון פאריזש און יעדנפאלס א קלענערע איידער די נאציאָנאלע פאר-זאמלונג. אָבער נאָך א ריי דורכפאלן האָט אפילו דער טיטל פון א דע-פוטאט פון א דעפארטאמענט-ראט געהאט א געוויסן אינטערעס פאר דאנ-טאָנען. אין אָקטיאבער האָט די סעקציע פון פראנצויזישן טעאטער אויס-געוויילט דאנטאָנען אלס איר דעפוטאט אין דער פארזאמלונג פון די

וואל-מענער פונעם דעפּאַרטאַמענט. ער האָט זיך דאָ אָנגעשטויסן אַף אַ גרוי־סער אומפּריַינטשאַפט. אַלץ איז געטאָן געוואָרן, קעדיי ניט צו דערלאָזן, אַז ער זאָל אויסגעוויילט ווערן. אַ לאַנגע צײַט האָט דאַנטאָן געליטן איין מאַפּאַלע נאָך דער אַנדערער. און ערשט סאָף אָקטיאַבער איז ער אויסגעוויילט געוואָרן מיט 144 שטימען אַלס אַדמיניסטראַטער פונעם דעפּאַרטאַמענט. ער איז געווען דער 22-טער פון 36. אַף דעם דאָזיקן פּאָסטן איז ער געבליבן ביזן 7-טן דעקאַבער 1791, ווען ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם פּראָקוראָר פון דער קאָמונע.

אין דעפּאַרטאַמענט־ראַט האָט דאַנטאָן קיין שום ראָליע ניט געשפּילט.

ווי-זשע האָט דאָס פּאַסירט, אַז נאָך אַזויפיל מאַפּאָלעס איז דאַנטאָן פּאָרט אויסגעוויילט געוואָרן? מיר ווייסן דאָס ניט. מע באַהויפּט אַז אין דעם פּראָס האָט אים געהאָלפן מיראַבאָ, וועלכער האָט באַדאַרפט האָבן אין באַשטאַנד פון דעפּאַרטאַמענט-ראַט לאָפּאַיעטס אַ פאַרביטערטן סוינע.

דאַנטאָן האָט זיך צוגעפּאַסט צו די לעגאַלע באַדינגונגען פון דער פּאַרלאַמענט-טעטיקייט און האָט פריִער פאַר אַלץ געטרוימט וועגן דערשלאָגן זיך אַנערקענונג צווישן די מעלוכע־מענער פון דער בורזשואַזיע, ניט רײַסנדיק אין דער זעלבער צײַט זײַנע פאַרבינדונגען מיט דער ליבעראַלער און דער דעמאָקראַטישער אָפּאָזיציע, מיט די, וואָס זײַנען געזעסן אין יאַקאָבינישן קלוב און אין קלוב פון די קאָרדעליערן.

דאַנטאָנס שטימונגען אין יענער צײַט קאָן מען זען פון זײַן בריוו פון 1-טן פעוורואַל 1791 צום פּאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג פון די וואַל-מענער פונעם דעפּאַרטאַמענט. דאַנטאָן פאַרזיכערט אין דעם דאָזיקן בריוו די רעגירונג, אַז ער וועט ניט אָפּנאַרן אירע האָפענונגען און וועט פּאָלגן נאָר די פּאָדערונגען „פון דער פאַרנינפטיקער מעסיקייט“, וואָס איז נייטיק „צו געניסן די פּרוכט פון אונדזער שיינער רעוואָליוציע“. דאַנטאָן האָט פאַרזיכערט זײַנע קאָלעגן פונעם דעפּאַרטאַמענט, אַז ער איז מיט לײַב און לעבן טרײַ „דער נאַציע, דעם געזעץ און דעם קיניג“ און ער וועט טאָן אַלץ, קעדיי „אָפּצוהיטן די קאָנסטיטוציע“.

אָבער זײַנע פאַרזיכערונגען האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן. ערשט אין מײַ האָט מען דאַנטאָנען ענדלעך צוגעלאָזן אַלס מיטגליד אין איינער פון די דעפּאַרטאַמענט-קאָמיסיעס – אין דער קאָמיסיע צו אָנפירן

מיט די געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן און אַכטונג געבן אַז זיי, דערמיט האָבן זיך באַגרענעצט זייערע פונקציעס.

אין מאַרט-אַפּריל 1791 טראָגט דאַנטאָן אַריבער דעם צענטער פון זיין טעטיקייט אין יאַקאָבינישן קלוב.

9

ס'איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1791. די בורזשואַזיע האָט גראָד אין דעם יאָר פאַרענדיקט איר טעטיקייט צו אָרגאַניזירן די מעלוכע. אין פרילינג 1791 זיינען פאַרניכטעט געוואָרן די טאַמאָזשנע-באַריערן, עס האָט זיך אָנגעהויבן א פרייע צירקולאַציע פון טוווע און סכוירעס און עס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן די צעכן. אין האַרבסט 1791 האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פאַרעפנטלעכט די קאָנסטיטוציע, פאַר וועלכער די דעפּוטאַטן פון דריטן שטאַנד האָבן דריי יאָר צוריק געפירט א קאַמף קעגן דעם קיניג. די דאָזיקע קאָנסטיטוציע איז ניט געווען אויסן די אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן, די אינטערעסן פון דער דע-מאָקראַטיע. זי האָט פאַרפעסטיקט די פּאָזיציעס פון די גרויסע אייגנטי-מער, די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע, וואָס איז געקומען אָנשטאָט דער פעאָדאַלער עקספּלואַטאַציע. די לייבקנעכטשאַפט-באַציונגען אין דאָרף זיינען פאַרניכטעט געוואָרן פונקט אַזוי אַזויפיל, אַז וויפל דאָס האָבן באַדאַרפט די גרויסע אייגנטימער, צו באַפרייען זיך אַן אָרט צווישן די ערדבאַזיצער, אויפקויפנדיק די ערד פון דעם קלער און דעם אדל. אין די שטעט זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אַלע פעאָדאַלע מעניעס פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם האַנדל און דער אינדוסטריע, — פונקט אַז אַזויפיל, אַז וויפל דאָס איז געווען נייטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אין די אינטערעסן פונעם גרויס-קאַפּיטאַל.

די בורזשואַזע קאָנטררעוואָלוציע האָט אין יאָר 1791 געהאַלטן אין אויסקעמפן איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער, און איינער פון די עקסטרעמע ליבעראַלן פון יאָר 1789, דער יונגער באַרנאַוו, דער טעאָרעטיקער פון דער בורזשואַזיע, האָט אין זיינע רעדעס געפּליישט זיך צו באַגרינדן דאָס: „די רעוואָלוציע קאָן מער ניט מאַכן קיין טריט, ניט שטעלנדיק זיך אין געפאַר. אַפּן וועג פון דער פרייהייט וועט דער

ערשטער ווײַטערדיקער אקט זײַנ די אָפּשאפונג פונ דער קיניגלעכער מאכט. אָבער דער ערשטער אקט, וואָס וואָלט געקאָנט קומענ אפנ ווענ פונ גלײַכהײַט, וואָלט געווענ אנ אטענטאט אפנ אייגנטום. וואָס פאר א נאכט פונ 4-טנ אווגוסט דארפ מענ איצט דורכמאכנ? אלע דארפנ איצט קלאָר באנעמענ, אז דער אלגעמיינער אינטערעס פאָדערט, די רעוואָליוציע זאָל אָפּגעשטעלט ווערנ"...

דאָס איז געווענ די אייצע פונ די זיגער, אָבער די ארבעטנדיקע מאסנ פונ שטאָט אונ דאָרפ, אלע קליינע מענטשעלעכ פונ פראנקרײַכ, זײַנענ ווײַט ניט געווענ צופרידנ פונ דער געזעצגעבונג פונ 4-טנ אווגוסט 1789, ווײַל זי האָט אינ בעסטנ פאל נאָר איבערגעפאָרבנ דעמ פאסאד פונ דער אלטער אָרדענונג. צוויי דריטל פונ דער נאציע האָבנ זיכ געקלאָגט, אז די מעלוכע „איגנאָרירט אינגאנצנ די מערהײַט" אונ באנוגנט זיכ מיט פוסטע צוזאָגנ. די אָרעמעלײַט האָבנ אײַנגעזעענ, אז די געזעצגעבונג פונ די ערשטע יאָרנ פונ דער רעוואָליוציע האָט אפילע פארענדערט די פאנאנדערטיילונג פונ די שטײַערנ אָבער זי האָט איבערגעלאָזנ זייער גאנצע לאסט פארנ אָרעמאנ. די נאציאָנאלע ערד, די ערד פונ דעמ קלער, האָט אופגעקויפט די בורזשואזיע. די פויערים האָבנ זיכ מיט איר ניט געקאָנט באנוצנ.

מאראט האָט דערפונ געמאכט אזא אויספיר:

„די אלע פריווילעגיעס, וואָס די רײַכע לײַט געפינענ אינ זייערע באזיצנ אונטער דער שוץ פונ אונדזערע געזעצנ, עקזיסטירנ ניט פאר אונדז, אונ אינ דעמ פראט בלײַבנ מיר אזוי פרעמד דער רעוואָליוציע, ווי מיר וואָלטנ גאָר אינגאנצנ ניט ארײַנגעגאנגענ אינ באשטאנד פונ דער מעלוכע". די „דעקלאראציע וועגנ די רעכט פונ א מענטשנ אונ א בירגער" איז אזויארום געבליבנ נאָר א צוואָג, אינ דער צײַט, ווענ די קאָנסטיטוציע פונ יאָר 1791 האָט באפעסטיקט די פראנצויזישע מעלוכע.

א קלאס איז געשטאנענ קעגנ א קלאס, בארנאוו — קעגנ מאראטנ.

אפ דער גאנצער טעריטאָריע פונ פראנקרײַכ האָבנ די פאָלקס-מאסנ פונ די שטעט אונ די דערפער געגעבנ אנ אקשאָנעסדיקנ ווידערשטאנד דער קלאסנ-געזעצגעבונג פונ דער בורזשואזיע. קעגנ דער פויערשער באוועגונג, קעגנ דער שטרײַק-באוועגונג אינ די אינדוסטריעלע צענטרענ האָט די בורזשואזיע געמוזט לאָזנ אינ גאנג די נאציאָנאלע גווארדיע.

אינ יאָר 1791 האָט די נאציאָנאלע פארזאמלונג פארבאָטנ די ארבע-

טער בילדן פאריינען צו שיצן זייערע אינטערעסן; פארן אָרגאַניזירן אזוינע פאריינען האָט זי באַשטימט שטראָף און טורמע. די סאָציִאַלע געזעצגעבונג פון די ערשטע צוויי יאָר רעוואָלוציע, וואָס האָט געוואָלט עטוואָס אָפּשוואַכן די נויט און פארקלענערן די ארבעטלאָזיקייט, איז איצט אנולירט געוואָרן. וואָס גרעסער עס איז געווען די נויט, אַלץ גרעסער איז געווען דער אָנבאָט פון ארבעטקראַפט, און דאָס האָט געלוינט די אונטערנעמער: זיי האָבן אזויאַרום געקאָנט דיקטירן געזעצן זייערע ארבעטער.

די ארבעטער פון די שרייבפּאַפּיר־פּאַבריקן, די ניט-געהאָרכזאַמע גע-זעלן פון דער הויפּטשטאָט האָבן געמוזט צאָלן 100 ליווער שטראָף יעדעס מאָל, ווען זיי פלעגן פארלאָזן זייער באַלעבאָס, ניט מעלדנדיק אים וועגן דעם וויניקסטנס מיט 6 וואָכן פריִער. רעפּרעסיווע מיטלען קעגן די ארבעטער האָט פריִער פאַר אַלץ געפאָדערט די קאָמונע פון פּאַריז. און אונטער איר דרוק האָט די נאַציִאָנאַלע פארזאַמלונג דעם 14-טן יוני 1791, אין רעכטן ברעג פון פּאָליטישן קאַמף, אָנגענומען א געזעץ קעגן שטרייקן און ארבעטער-פאריינען („לע-שאַפּעליעס געזעץ"). די ארבעטער-מאַסן, די שטאָטישע און די דאָרפישע אָרעמשאַפט, זיינען אנטוואָפנט געוואָרן. די אַלטע אָרדענונג איז פארשוואונדן געוואָרן, ס'איז איינגע-שטעלט געוואָרן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע.

ווי האָבן בא אזוינע באַדינגונגען באַהאַנדלט די שיכטן פון דער מיטל-בורזשואַזיע און פון דער ליבעראַלער אינטעליגענץ, די אידעאָ-לאָגן פון דעם מערכטיקן און דעם פארמעגלעכן טייל פונעם קליינבירגער-טום, פאַר וועלכע די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע איז געווען נייטיק? ווען דער קיניג און דער אדל וואָלטן שאָלעם גע-מאַכט מיט דער עקזיסטירנדיקער לאַגע און וואָלטן זיך אונטערגעוואָרפן דעם ווילן פון דער בורזשואַזיע, ווען די בורזשואַזע אריסטאָקראַטיע וואָלט אַנטקעגנגעקומען זייערע פאָדערונגען, וואָלטן זיי געפונען א געמיינ-זאַמע שפּראַך קעגן די פאָלקס-מאַסן. אָבער דער קיניג און דער אדל האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפן. זיי האָבן נאָר געזוכט א געלעגנהייט פאַר א קאָנטררעוואָלוציִאָנערער אויסטרעטונג, די גרויסבורזשואַזיע האָט געשטרעבט איבערצולאָזן דער קיניגלעכער מאַכט אזוינע פּאָזיציעס, וואָס זאָלן איר דערלויבן צו געבן א ווידערשטאַנד די פאָלקס-מאַסן. לודוויג דער זעכצנטער, מאַריע-אַנטואַנעטע און די גאַנצע הויף-קאַמאַריליע האָבן

מיט אקשאַנעס געגריט אַן אָנפאל אף דער רעוואָליוציע. אויסערלעך האָט דער קיניג אין אלץ אויסגעדריקט זיין אונטערטעניקייט דער קאָנ-סטיטוציע, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער דורך זיינע אגענטן געוואָרנט די אייראָפּעיִשע פעאָדאלן, זיי זאָלן ניט צוגעבן קיין באדיי-טונג זיינע מעלדונגען. מאריע-אנטואנעטע האָט געפאָדערט בא איר ברודער, דעם עסטרייכישן קייסער, ער זאָל ארויסשיקן 15 טויזנט מאַן צוהילף דער ארמיי פון די עמיגראנטן. אנטקעגן דער דאָזיקער ארמיי האָט עס דעם 20-טן יוני 1791 באדארפט ארויספאָרן דער קיניג מיט זיין גאנצער מישפּאָכע, נאָך דעם ווי ער האָט געליִען בא די פאריזשער באנקירן געלט צו אנטלויפן. דער קלאסנקאמף אין לאנד האָט לאַנג געהאלטן אין אָנרייסן, און אין יוני-אויגוסט 1791 איז שוין פראנקרייך גע-שטאנען אפן שוועל פון בירגערקריג.

בא אזוינע באדינגונגען ווערט אונדז פארשטענדלעך דאַנטאָנס טעטיקייט און די טעטיקייט פון דער גאנצער ליבעראלער בורזשואזיע אין יענעם פעריאָד.

10

אין מארט 1791 הייבט דאנטאָן אָן „לינקן" ווערן. ווי יעדער אָפּאָר-טוניסט אין דער פּאָליטיק, איז ער געבליבן אף די פּאָזיציעס פון מעסי-קייט ביז דעם מאָמענט, ווען די ארויסטרעטונגען פון די פאָלקס-מאסן און די פארכיפונג פון קלאסנקאמף האָט אים געצוווּנגען צו פארלאָזן די דאָזיקע פּאָזיציעס. פון מארט-אפּרעל 1791 איז ער געצוווּנגען ארויס-צוטרעטן אין דער ראָליע פון א פירער פון דער אָפּאָזיציע קעגן דער רעגירונג.

דאנטאָנס דונער-דיקע שטים, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פון דער טריבונע פון יאקאָבינישן קלוב, האָט אָנגעהויבן צוציִען צו זיך די אויפמערק-זאמקייט פון גאנץ פראנקרייך. אָבער זיינע רעדעס האָבן נאָך דערווייל ניט פארמאָגט קיין „דונער"-אינהאלט. דאנטאָן האָט ניט באריִרט די קאָנ-סטיטוציע, ער האָט ניט געפאָדערט קיין רעפּובליק. ער איז געווען גאנץ מעסיק און איז דערווייל אָנגעפאלן נאָר אפן קיניגלעכן הויף.

דעם דריטן אפּרעל 1791 איז אומגעריכט געשטאָרבן מיראבאָ. אין זיין רעדע וועגן מיראבאָס טויט האָט דאנטאָן געפאָדערט צונויפרופן

אַ נײַע געזעצגעבערישע פֿאַרזאַמלונג ניט שפּעטער ווי אין מײַ פֿון קומענ-דיקן יאָר. דאָס איז אויך געווען אַ גאַנץ מעסיקע פֿאָדערונג (די געזעצ-געבערישע פֿאַרזאַמלונג האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַ סך פֿריִער, איידער דאָס האָט „געפֿאָדערט" דאַנטאָן).

דעם 18-טן אַפּרעל 1791, ווען לודוויג XVI האָט געמאַכט דעם ערשטן פּרוּוו צו אַנטלויפֿן קיין סען-קלו, האָט דאַנטאָן, ווײַזט אויס, געשפּילט אַ געוויסע ראָליע אין דעם ווידערשטאַנד, וואָס דער באַטאַ-ליאָן פֿון די קאָרדעליערן האָט געגעבן דעם דאָזיקן פּרוּוו. דעם זעלבן אָוונט האָט ער אין יאַקאָבינישן קלוב זיך באַנוגנט מיט אַ מילדן פּראָ-טעסט; ער האָט אַנטשולדיקט דאָס פֿאָלק, אָבער ער האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפֿן זײַן פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַר דער געוואַלט איבערן קיניג. נאָך מער: לויט דער קאַטעגאָרישער פֿאָדערונג פֿונעם דעפּאַר-טאַמענט-ראַט איז ער דעם 7-טן מײַ 1791 געווען געצוווּנגען אונטער-צושרײַבן אַ מעלדונג, אַז לאַפֿאַיעט און דער מער פֿון פּאַריז באַיי זײַנען ניט שולדיק אין קיין שום אַטענטאַט אױף די פֿאָלקס-מאַסן, כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, אַז זיי האָבן אונטערגענומען אַנטשיידענע טריט צו צעגראָמירן די פֿאָלקסבאַוועגונג.

עס זײַנען געקומען די טעג פֿון יוני — יולי 1791.

דער קיניג האָט זיך געגרייט צו אַנטלויפֿן, און זײַן מיין האָט ניט געקאָנט בלײַבן קיין סוד. נאָך לאַנג איידער דער קיניג איז אַנטלאָפֿן, האָט זיך מאַראַט דערוווּסט פֿון דעם געליבטן פֿון דעם קיניגס וועשערן וועגן דעם גאַנצן פּלאַן און האָט געגעבן צו וויסן וועגן דעם די אײַנוווי-נער פֿון פּאַריז. איבעריקנס, האָבן דאָס אויך געוווּסט באַיי און לאַפֿאַיעט, אָבער זיי האָבן גאָרנישט אונטערגענומען די שטערן דעם קיניג. ס'איז איצט לעכערלעך צו לייענען די באַשרײַבונג פֿון דעם דאָזיקן אַנטלויפֿן. די קיניגלעכע פֿאַמיליע האָט געזאָלט אַרויספֿאָרן אין אַ קאָלאָסאַלער קאַרעטע, וואָס איז ספּעציעל צוליב דעם געמאַכט געוואָרן, און דאָס האָט געמוזט צוציִען צו זיך די אויפֿמערקזאַמקײַט. צוויי קאַרעטעס מיט נײַע פּאַסאַזשירן, עלף פֿערד, דרײַ קוריערן אין נײַע העל-געלע קורטקעס, וואָס איינער פֿון זיי זיצט אויף דער קעלניע, דער צווייטער רײַט גאַלאָפּ בײַ דער טיר פֿון דער קאַרעטע, און דער דריטער לויפֿט פֿאָרויס צו אָנ-גרייטן נײַע פֿערד. אַזוי „געהיים" איז דער קיניג אַנטלאָפֿן פֿון פּאַריז. די אַדל-לײַט און די גאַלאָכים האָבן געהאָפֿט, אַז באַלד וועט זיך דער

גענעראל לאפאיעט

1834 — 757

דאָס איַינעמען באַסטיליע

14 יול 1789

קיניג אומקערן אין דער שפּיץ מיט אויסלענדישן מיליטער און וועט דערשטיקן די רעוואָליוציע. אייניקע ליבעראַלע בורזשוא, דערונטער אויך דאַנטאָן האָבן געהאָפט, אז דעם קיניגס אנטלויפן וועט זיי העלפן פאַרניכטן די אריסטאָקראַטישע קאָנסטיטוציע. נאָר זיי האָבן אלע מוירע געהאַט, אז דעם קיניגס אנטלויפן זאָל ניט זײַן קיין געלעגנהײַט פאַר א נײַער רעוואָליוציע, פאַר א נײַעם פאָלקס-אויפשטאנד.

אָבער די דעמאָקראַטן פון יאקאָבינישן קלוב און פונעם קלוב פון די קאָרדעליערן, — האָבן זיי דען געקאָנט פאַרבלײַבן גלײַכגילטיק צו דער נײַער פּאָליטישער סיטואַציע, האָבן זיי דען ניט באַדאַרפט וואָס גיכער אויסנוצן דעם מאָמענט צו דערשלאָגן זיך האנאָכעס פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג?

ווען באַרנאוו האָט אין יאקאָבינישן קלוב געמאָלדן דעם 21-טן יוני: „אלע רײַסערײַען זײַנען פאַרגעסן, אלע פּאַטריאָטן זײַנען געוואָרן אייניק. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג איז אונדזער אָנפירער. די קאָנסטיטוציע איז דער לאָזונג, וואָס פאַראייניקט אונדז", — איז ארויסגעטראָטן ראָבעספּיער און האָט אויספירלעך דעמאַסקירט דעם קיניגס פאַרשווערונג, די פאַרשווערונג פון די מיניסטאָרן און פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, — „פון דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז גרייט געווען צו פאַרפירן די בירגער, דערווײַזנדיק, אז דער קיניג איז ניט שולדיק, אז מע האָט אים געצוווּנגען צו אנטלויפן". ראָבעספּיערס רעדע איז אין יאקאָבינישן קלוב אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם. דאַנטאָן האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט דער אלגעמיינער מיינונג.

אין יאקאָבינישן קלוב האָט דאַנטאָן אנטשיידן געפאָדערט ניט דערלאָזן אין זײַנע רייען די פאַרעטער — די מיניסטאָרן און די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. נאָכאמאָל און ווידעראמאָל פאָדערט ער צוציִען לאַפּאַיעטן צו פאַראַנטוואָרטלעכקײַט אלס דעם דירעקטן שולדיקן אין דעם קיניגס אנטלויפן.

דעם 23־טן יוני, באַם באַהאַנדלען די פראַגע, וואָס די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג זאָל טאָן אין פאַל, ווען דער קיניג וועט זיך אומקערן, האָט דאַנטאָן געמאָלדן:

„דער מענטש, וואָס טראָגט דעם טיטל קיניג פון פראַנקרײַך, האָט געשוואָרן צו היטן די קאָנסטיטוציע, און נאָכדעם איז ער אנטלאָפן: איך הער דאָ און מיך וווּנדערט, וואָס מע האָט נאָך ביז

איצט ניט אָפגענומענ בא אים זײַנ קרוינ. אָט דער מענטש, וואָס טראָגט דעם טיטל קיניג פונ פראנקרײַכ, האָט אונטערגעשריבנ א דאָקומענט, וווּ ער מעלדעט, אז ער וועט זענ געפינענ מיטלענ צו פארניכטנ די קאָנסטיטוציע. מע דארפ פובליקירנ דעם דאָזיקנ דאָקומענט צו אלגעמײנער קענטעניש. אויב דער קיניג וועט זיכ ניט אָפזאָגנ צו אנערקענענ די אאוטענטישקײט פונ דעם דאָזיקנ דאָקומענט, איז ער א פארברעכער; אניט וועט מענ אים מוזנ האלטנ פאר אנ אידיאָט. אָבער האָבנדיק פאר זיכ אזא אלטערנאטיוו,—צי האלטנ דעם קיניג פאר א פארברעכער אָדער פאר א מעשוגענעם,—דוכט מיר, אז מיר וועלנ מוזנ אויסוויילנ דאָס לעצטע, אניט ריזיקירנ מיר צו באגײנ דעם גרעסטנ פעלער פאר גאָר דער וועלט. דער מענטש, וואָס האָט געטראָגנ דעם טיטל „קיניג,“ קאָנ מער ניט זײַנ קײנ קיניג, זינט ער איז אנערקענט געוואָרנ פאר א גערירטנ, אונ מיר דארפנ איצט האָבנ ניט קײנ רעגענט, נאָר א ראט פונ אפעטראָפסים. דער דאָזיקער ראט קאָנ ניט אויסגעטײלט ווערנ פונ די מיטגלידער פונ דעם געזעצגעבערישנ קאָרפוס. מע דארפ צונויפרופנ א פארזאמלונג לויט די דעפארטאמענטנ צום אויסוויילנ וואל-מענער, אונ די וואל-מענער ווידער זאָלנ אויסוויילנ 10—12 מאנ, וואָס זאָלנ ארײַנגײנ אינ דעם דאָזיקנ ראט. די מיטגלידער פונ ראט, ווי די מיטגלידער פונ דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג, דארפנ איבערגעוויילט ווערנ יעדע צוויי יאָר“.

דאנטאָנס פראקטישע פאָרשלאָגנ זײַנענ געווענ גאנצ מעסיק.

עס איז גאָר ווארשײַנלעכ, אז דאנטאָנ איז געווענ סאָלידאריש מיטנ שרײַבער לאקלאָ (דער אווטער פונ דעם בוכ „געפערלעכע פארבינדונגענ“) אונ האָט געמײנט, אז א ראט פונ 10—12 מאנ, אויסגעוויילטע פונ די דעפארטאמענטנ, וועט האָבנ אינ דער שפיצ דעם הערצאָג אָרלעאנ, דעם קיניג פונ דער בורזשואזיע. דער אָרלעאניזם איז אינ יענע יאָרנ געווענ ניט בלויז א פראָגראם פונ דעם הערצאָג אָרלעאנס געדונגענע אגענטנ, ווי דאָס שילדערנ ביז איצט די בורזשואזע היסטאָריקער. דאָס איז געווענ די פּאָליטישע פראָגראם פונ דעם טײל פונ דער ליבעראלער בורזשואזיע, וואָס האָט זיכ אי[illegible] אינ דער מאָנארכיע אונ האָט ניט געוואָלט קײנ רעפוב-
[illegible] אָט דער טײל פונ דער ליבעראלער בורזשואזיע האָט געטרײבנ

וועגן א רעגירונג פון „גאָלדענעם מיטן". זײַן אידעאַל איז פאַר-
ווירקלעכט געוואָרן א סאך שפּעטער, נאָך דער יולי־רעוואָלוציע פון
יאָר 1830. סאָף יאָר 1791 האָט דאַנטאָן געהאַט די זעלבע אָרלעאַ-
ניסטישע אילוזיעס. דאַנטאָנס גרויזאַמע רעדעס אין יאַקאָבינישן קלוב
קעגן דעם קיניג האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער אופּאָדע-
רונג פון די קאָרדעליערן צום טיראַנען־מאָרד, וואָס איז דעמאָלט
געווען פאַרשפּרייט אין פּאַריז.

ווי באַוווסט, האָט מען דעם קיניג געכאַפּט אין עם שטעטל וואַ-
רען אַפּן וועג צו דער גרענעץ. מיט שאַנד זײַנען די אַנטלאָפענע
געקומען צו פאָרן צוריק קיין פּאַריז. אַף די ווענט פון דער הויפּט-
שטאָט זײַנען געווען אויסגעקלעפּט פּלאַקאַטן: „ווער עס וועט אַפּלאָ-
דירן דעם קיניג, וועט באַקומען קלעפּ, ווער עס וועט אים באַליי-
דיקן, דעם וועט מען אויפהענגען". דאָס פאָלק האָט באַגעגנט דעם
קיניג מיט טויט־שטילקייט. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט געהאַלטן
די ביקסן גלײַך אַזוי ווי אין א טרויער־טאָג.

די פאָדערונג פון א רעפּובליק האָבן דעמאָלט געשטיצט נאָר
איינצלנע פאָרשטייער פון די דעמאָקראַטן.

דעם 10-טן יולי איז בריסאָ אַרויסגעטראָטן אין יאַקאָבינישן קלוב
מיט א רעדע וועגן דער מאָנאַרכיע. ער האָט געזאָגט: „לודוויג דעם
XVI דאַרף מען מישפּטן". „וואָס אָנבאַלאַנגט דער פראַגע וועגן
דעם, וואָס פאַר א נוצן מע האָט פון א קאָנסטיטוציאָנעלן מאָנאַרך, פון א
מאָנאַרך, — אַן אַוטאָמאַט, איז די, וואָס זײַנען אַזוי זיכער אין דעם דאָזיקן
נוצן, וואָלטן באַדאַרפט חייניקסטנס א טראַכט טאָן צו מאַכן ביליקער
די דאָזיקע סיסטעם און דערמאָנען זיך וועגן די אײַנוווינער פון
עגיפּטן: יענע האָבן אָנערקענט די קיניגלעכע מאַכט פאַר א גוטע
זאַך, אָבער די קיניגן פאַר א שלעכטע זאַך, און האָבן פאַרביטן
דעם קיניג אַף א שטיין. אָדער דעם בײַשפּיל פון די סייקן:
יענע לייגן אַוועק אַפּן טראָן דעם קאָראַן און א שאַבליע און זיי
לעבן זיך ווי רעפּובליקאַנער. יעדנפאַלס וואָלט דאָס געווען א מיטל
צו פאַרקירצן די ציווילע ליסטע"... אָט די רעדע האָבן די היסטאָ-
ריקער, ווער ווייסט פאַרוואָס, אָנגערופן א „רעפּובליקאַנישע". איר
אינהאַלט באַווײַזט, אַז בריסאָ איז געווען גרייט אײַנצושטימען צו
פאַרבײַטן דעם קיניג אָבער ער איז אויך געווען גרייט איבערצו-

לאָזנ די קיניגלעכע מאַכט. פאַר דער גאַנצער גרופּע דעמאָקראַטנ־אָפּאָרטוניסטנ, פאַר דאַנטאָנען, פאַר בריסאָ און די אַנדערע האָט זיכ געהאַנדלט װעגנ פאַרבײַטנ לודװיג XVI אַפּ אַ קאָנסטיטוציאָנעלנ קיניג.

דעמ 13־טנ יול האָט דאַנטאָנ אינ יאַקאָבינישנ קלוב געהאַלטנ אַ מוירעדיקע רעדע, אָבער ער האָט אױכ אַבסאָליוט ניט געפאָדערט קײנ רעפּובליק.

די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט גענומענ לודװיג XVI אונטער איר שוץ. צומ געריכט זײַנענ צוגעצויגנ געוואָרנ נאָר די, װאָס האָבנ דעמ קיניג מיטגעהאָלפנ צו אַנטלויפנ.

11

דעמ 15־טנ יול 1791 האָט לאַקלאָ פאָרגעלײגט אינ קלוב פונ די יאַקאָבינער אָנצוגעבנ אַ פּעטיציע װײניקסטנס מיט צענ מיליאָנ אונטערשריפטנ: „זאָל דעמלט די פאַרזאַמלונג זאָגנ, אַז די, װאָס װילנ אַראָפּװאַרפנ דעמ קיניג, זײַנענ בונטאַרנ“. דאַנטאָנ האָט אַנטשײדנ געשטיצט דעמ דאָזיקנ פאָרשלאָג. „יאָ, — האָט ער געזאָגט, — איכ האָב ליב שאָלעמ, אָבער ניט קײנ שאָלעמ פונ קנעכט. װאָס איז דאָס רעכט פונ פּעטיציעס, אויב ניט דאָס רעכט אויסצודריקנ די אײגענע מײנונגנ? װי דאַרפנ מיר זיכ באַציִענ צו די דעקרעטנ? מיר דאַרפנ זיכ צו זײ באַציִענ מיט אַכטונג און פאָלגנ זײ. אָבער קײנער קאָנ אונדז ניט פאַרבאָטנ אַרויסזאָגנ אינ אַ פּעטיציע אונדזער באַציִונג צו דעמ אָדער יענעמ דעקרעט“. אַזוי פאָרזיכטיק איז דאַנטאָנ צוגעגאַנגענ צו דער פראַגע װעגנ דעמ קאַמפּ קעגנ דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און דער קיניגלעכער מאַכט.

פּראַקטיש האָט די דיסקוסיע אינ יאַקאָבינישנ קלוב אַרויסגערוקט פאַר די בורזשואַ די דעמאָקראַטנ — בריסאָ, לאַקלאָ, דאַנטאָנ — די נײטיקײַט טײקעפּ אויסצואַרבעטנ אַ פּעטיציע, שטעלנ זיכ אינ דער שפּיצ פונ די, װאָס האָבנ זי אונטערגעשריבנ, און מעלדנ, אַז דער קיניג איז אַראָפּגעװאָרפנ.

דעמ 16-טנ יול האָט זיכ אינ יאַקאָבינישנ קלוב אַרײַנגעריסנ אַ האַמוינ פונ עטלעכע טויזנט מאַנ. ס'איז מעגלעכ, אַז דאָס איז צוגעגרײט געװאָרנ פאָרויס. בריסאָ האָט מענ „געצוװוּנגענ“ שרײַבנ די פּעטיציע. ער האָט געװאָלט נאָר אײנ זאַכ, אַז „דער װילנ פונ פאָלק־

זאָל אויסגעדריקט ווערן אין דער פאָדערונג פון „קאָנסטיטוציאָנעלע כאַפּיטלען" און זאָל עפענען דעם וועג פאר א נייעם קאנדידאט אפן קיניגלעכן טראָן—פאר דער קרעאטור פון דער בורזשואזיע.

אָט איז דער טעקסט פון דער פעטיציע:

„נעמענדיק אין אכט, אז איבער די פראגן, מיט וועלכע עס איז פארבונדן דאָס געזעלשאפטלעכע וויל, האָט דאָס פאָלק רעכט אויסצו-דריקן זיין פארלאנג, צו אינפאָרמירן און אָנפירן מיט זיינע באפעל-מעכטיקטע;

אז קיינמאָל איז נאָך ניט געווען קיין מער וויכטיקע פראגע, איידער די פראגע וועגן דעם קיניגס אנטלויפן;

אז אין דעם דעקרעט, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן דעם 15-טן יול איז ניטאָ קיין שום פאראָרדענונג וועגן לודוויג XVI;

אז צום אויספילן דעם דאָזיקן דעקרעט איז גאָר וויכטיק צו אָנעמען גיך א באשלוס וועגן דעם גורל פון דעם דאָזיקן מענטשן;

אז דעם יעסאָד פארן באשלוס דארפן בילדן דעם קיניגס מעשים;

אז זיין ברעכן די שבועה, זיין אנטלויפן און זיין פראָטעסט האָבן די זעלבע באדייטונג, ווי דאָס פאָרמעלע אָפּזאָגן זיך פון טראָן;

אז די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָט אים געמישפּעט, האָט פאר-כאפּט די אויספיר-מאכט, אָפּגעשטעלט די פונקציעס פון דער קיניגלעכער מאכט און האלט דעם קיניג ארעסטירט;

אז לודוויג XVI נייע צוזאָגן זיינען קלאל ניט קיין גאראנטיע קעגן א נייער פארשווערונג;

צולעצט, אז דער ערלעכקייט פון דער נאציע און אירע אינטערעסן וואָלט געווען דערווידער צו אָנטרויען פון איצט אָן דעם רודער פון דער רעגירונג א שבועה-ברעכער, א פארעטער און א דעזערטיר;—

פאָדערן מיר, די אונטן אונטערגעשריבענע פראנצויזן, מיטגלידער פון סוווערענעם פאָלק, פאָרמעל און קאטעגאָריש, אז די נאציאָנאלע פארזאמלונג זאָל אין נאָמען פון דער נאציע אָנעמען לודוויג XVI אבדיקאציע, וואָס ער האָט געמאָלדן דעם 21-טן יוני, און זאָל זען פאר-בייטן אים, באנוצנדיק אלע קאָנסטיטוציאָנעלע מיטלען.

די אונטן אונטערגעשריבענע מעלדן, אז זיי וועלן קיינמאָל ניט אנערקענען לודוויג XVI פאר זייער קיניג, סיידן אויב די מערהייט

פון דער נאציע וועט אויסדריקן א ווּנטש, וואָס איז דערווידער דער דאָזיקער פּעטיציע".

דאנטאָן האָט געמעגט זיין צופרידן. בריסאָ האָט אויסגעדריקט זיי־ער ביירונס שטאנדפּונקט.

דעם 16-טן יול, 10 אזייגער אינדערפרי, האָבן 500 מאן אפּן מארס-פעלד — צווישן זיי לעזשאנדר, בריסאָ, דאנטאָן — פּראָקלאַמירט די פאָדע־רונג וועגן אראָפּוואַרפן דעם קיניג. די פּעטיציע האָט פאָרגעלייענט דאנ־טאָן פון א ספּעציעל אויפגעבויטן אלטאר. דאנטאָן איז געווען אָנגעטאָן אין א גרויסן אָנצוג. מיט זיין גאנצער אויסערלעכקייט, מיט זיין דונערדיקער שטים האָט דאנטאָן געמאכט א שטארקן איינדרוק. דער המון האָט אים אויפגענומען מיט ענטוזיאזם און האָט אים באגלייט מיט אויסגעשרייען פון אנציקונג.

דאנטאָן האָט געהאלטן, אז דערמיט איז זיין מיסיע אין טאָג פאר־ענדיקט. דאָס פאָלק האָט ענערגיש אויסגעדריקט זיין פאָדערונג, אָבער אפן וועג פון בונט איז עס ניט ארויסגעטראָטן... גאָר אנדערש איז גע־ווען די שטימונג בא די מאסן אין די פאריזער פאָרשטעט.

א קאָלאָסאלער המון, בעראָש מיט די קאָרדעליערן, האָט זיך נאָך דעם 16-טן יול צונויפגעזאמלט אפן מארס-פעלד, ווארטנדיק, מע זאָל ברענגען פון יאקאָבינישן קלוב די פּעטיציע צום אונטערשרייבן זי. אָבער ווען די דאָזיקע פּעטיציע איז דורכגעלייענט געוואָרן און דאָס פאָלק האָט זיך דערוווּסט, אז מע האָט באשלאָסן באזייטיקן לודוויג XVI „מיט געזעצלעכע מיטלען", איז געוואָרן אן אומגעהייערער טומל. די פּעטיציע איז גענומען געוואָרן צוריק, מע האָט זי אָפּגעשטעלט אינ־מיטן דרוקן.

דעם 17-טן יול האָבן זיך מאסן איינוווינער פון פאריזער געלאָזט צום מארס-פעלד, ניט וויסנדיק, אז די פּעטיציע פון יאקאָבינישן קלוב איז שוין פון בעכטן אָן ניטאָ. פּלוצעם האָט זיך צווישן דעם המון דערהערט א געשריי: „מע האָט אונדז פאראטן". עפּעס א יונגערמאן האָט אנטדעקט אונטערן אלטאר צוויי מענטשן און לעבן זיי פּראָוויזיע און וויין. דער המון האָט באשלאָסן, אז דאָס זיינען שפּיאָנען, ספּע־ציעל אונטערגעשיקטע מיט א פעסל פּולווער צו אויפרייסן דעם אלטאר. דער המון איז געווען אויפגערייצט, די צוויי מענטשן האָט מען געטויט. דער קלאנג וועגן דער געשעעניש האָט זיך פארשפּרייט אין

גאנצ פאריז. דאָס מארס־פעלד האָט געקאָכט. ווען דער ראט פון דער קאָמונע האָט זיך דערוווּסט וועגן דער געשעעניש, האָט ער זיך דערמאָנט וועגן דעם קריגס־געזעצ. לאפאיעט אינ דער שפיצ פון די אָטריאדן פון דער נאציאָנאלער גווארדיע איז שנעל אוועק צום אָרט פון דער געשעעניש. ניט געקוקט אפ זײַנ גרויסער אופרעגונג, האָט דער אומבאוואָפנטער האמוינ דאָך ווי באשלאָסנ גאָרנישט אונטערצונעמענ. עמעס, אינעם האמוינ האָט מענ געקאָנט זענ ניט ווייניק רעפובליקאנער — מאָמאָראָ, שאָמעט, אנריאָ, עבער, ראָבער, — אָבער זיי האָבנ נאָך ניט געהאט ניט קיינ פלאנ, ניט קיינ באשטימטנ מיינ צו אָנהייבנ וועלכע־עס־איז אקטיווע אָפעראציעס. צווישנ דעם האמוינ איז ניט געווענ ניט מאראט ניט קאמיל דעמולענ ניט דאנטאָנ. עס האָט זיך באוויזנ א קוריער פון יאקאָבינישנ קלוב, און גלײַך אפנ אָרט, אפנ אלטאר, וואָס איז אָנגערופנ געוואָרנ „דער אלטאר פונעם פאָטערלאנד", איז באשלאָסנ געוואָרנ אָנשרײַבנ א נײַע פעטיציע, א פעטיציע פונ רעפובליקאנער. די פעטיציע האָט געפאָדערט צו דערקלערנ לודוויג XVI פאר א פארברעכער, אָנעמענ זײַנ אבדיקאציע און צונויפרופנ א נײַע גרינדונג־פארזאמלונג צו מישפעטנ דעם קיניג.

אָבער עס האָט געהאלטנ באם פינאל. די מוניציפאלע מאכט בעראָש מיט באיי האָט באשלאָסנ מאכנ א סאָפ צו דער פאָלקס־באוועגונג. 5 אזייגער אינ אָוונט איז דערקלערט געוואָרנ קריגס־צושטאנד, האלב זעקס האָט איבערנ ראָטהויז געפלאטערט א רויטע פאָנ, דער סימבאָל פון דערשטיקנ א בונט.

עס האָט זיך דערהערט, ווי עס פויקט דער באראבאנ. צום מארס־פעלד זײַנענ ארויסגעטראָטנ באטאליאָנענ פונ פארשיידענע קווארטאלנ פון פאריז. ס'איז באשלאָסנ געוואָרנ ארומצאמענ דאָס מארס־פעלד. דער האמוינ האָט ניט פארשטאנענ, וואָס עס ווארט אפ אים. אינ די רייענ פון דער נאציאָנאלער גווארדיע איז געגאנגענ באיי, ער האָט געפירט הינטער זיך אנ אָטריאד פריזירער, אָנגעטאָנענע אינ מיליטערישע מונדירנ. זיי האָבנ געטראָגנ א רויטע פאָנ, אָבער זיי האָבנ די פאָנ באהאלטנ אזוי, אז דער אומבאוואָפנטער האמוינ זאָל זי ניט זענ. עס האָבנ זיך דערהערט געשרייענ: „אראָפ די באגנעטנ!" באיי האָט באפוילנ שיסנ. אינ דעם האמוינ האָט מענ איינער דעם אינדערנ בארויקט: „זיי שיסנ מיט פוסטע קוילנ". אָבער די ארבעטער

פון די פאָרשטעט האָבן געהאט א טאָעס. ווען דער רויך איז זיך צעגאנגען, איז דער „אלטאר פון פאָטערלאנד" געווען איינגאנצן אין בלוט. ס'איז שווער צו זאָגן, וויפל מאן עס האָבן געליטן. איינע רופן אָן די ציפער פון 200 מאן, אנדערע 2000. דער ראט פון דער קאָמונע האָט באהויפּטן, אז ניט מער ווי 24. מאראט האָט דערוויזן, אז עס איז געווען א סאך מער. א סאך טויטע קערפערס זיינען ארייַנגעוואָרפן געוואָרן אין דער סענע.

אפן וועג פון מארס-פעלד צוריק האָט די נאציאָנאלע גווארדיע כויזעק געמאכט פון יאקאָבינישן קלוב און האָט באליידיקט זיינע מיטגלידער. אפ מאָרגן האָט זיך אָנגעהויבן א רעאקציע.

דעם 18־טן יול האָט באיי אין נאָמען פון דער קאָמונע געמאָלדן פון דער טריבונע פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג: „עס זיינען באגאנגען געוואָרן פארברעכנס, און דער געזעץ איז געלאָזן געוואָרן אין גאנג. מיר קאָנען אייך פארזיכערן, אז דאָס איז געווען נייטיק". די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָט איינגעשטימט מיט דער דאָזיקער באהויפּטונג; עס זיינען אָנגענומען געוואָרן מיטלען צו פארפאָלגן ענערגיש די בונטארן.

דאנטאָן איז דעם 17־טן יול ניט געווען אפן מארס־פעלד. צוזאמען מיט פרעראָן און קאמיל דעמולען איז ער אוועקגעפאָרן באצייטנס אויסער דער שטאָט, קיין פאָנטען-סו־בוא. זיי זיינען דאָרטן רויק געזעסן בא דאנטאָנס שווער, בא א טאס קאווע און האָבן געווארט אפ יעדיעס.

דאנטאָן האָט שפעטער ניט איין מאָל געמאָלדן, אז זיין „אָנטייל אינעם פארפאסן די טראגיש־בארימטע פעטיציע איז כימעריש", אָבער דאָס האָט אים ניט געהאָלפן, און ער האָט זיך געמוזט אויסבאהאלטן אז מע קלייבט זיך אים ארעסטירן, האָט אים געגעבן צו וויסן זיין נאָענטער פריינט, דער קאָנסטיטוציאָנאליסט אלעקסאנדער לאסעט. ווי מיר וועלן זען שפעטער, האָבן זיי איינער דעם צווייטן געטאָן ניט ווייניק טויוועס.

דעם 26־טן יול 1791 איז דאנטאָן געקומען צו פאָרן צו זיך אין זיין געבורטס-שטאָט, קיין ארסי. די ערשטע טעג האָט ער זיך אויסבאהאלטן אין דאָרף בא זיינעם א קאָרעוו, און שפעטער אין ארסי, בא זיין פריינט קורטואַ. אויב מע זאָל גלייבן די מענטשן פון יענער צייט,

האָט דאָ דאנטאָן וויַטער געלעבט, ווי א פרידלעכער בורזשוא. ער האָט געלאָזן זײַנע פרײַנט פארטיידיקן זײַן גוטן נאָמען. קורטוא האָט אָפּגעשיקט אן ארטיקל אין בריסאָס זשורנאל מיט אן אפּאָלאָגיע פון דאנטאָנען. „דער דרייסטער, רומפולער דאנטאָן, — האָט ער געשריבן, — וועט בעסער וועלן וווינען אין מידבער, איידער זײַן צוזאמען מיט די, פאר וועמען דאָס וואָרט „רעפּובליק" איז געוואָרן א טוים־באליידיפאר קונג". עס איז ביז איצט ניט קלאָר, פארוואָס די רעגירונג האָט ניט אָנגענומען קיין מיטלען צו ארעסטירן אים, כאָטש זי האָט באקומען גענויע ידיעות, אז ער געפינט זיך אין ארסי. דעם 29-טן יול האָט אן אגענט פונעם געריכט פון שאטלע מיטגעטיילט קיין פאריזש, אז דאנטאָן האָט אין זײַן געבורטס־שטאָט אפּ זײַן זײַט די סימפּאטיעס פונעם פעבל, און מע דארף האָבן ניט ווייניק קרעפטן צו כאַרהאלטן דאנטאָנען. „דארף מען עפּשער, — האָט דער אגענט געפרעגט — געארויסרופן אן אָטריאד פון טרוא?" דאָך האָט מען דאנטאָנען אָפּגעשיקט קיין ארסי' קיין טרוא, און אין א לאָוט צורו. ער איז אוועקגעפאָרן פון ארסי' קיין טרוא, און אין א געוויסער צײַט ארום איז ער אָפּגעפאָרן מיט זײַן קאָרעוו קיין ענגלאנד צוליב האנדל־אָפּעראציעס: ער האָט געוואָלט שפּעטער א ביסל עפענען אפּן נאָמען פון זײַנעם א נאָענטן מענטשן א שפּין־פאבריק אין ארסי. וועגן זײַן אופהאלטן זיך אין לאָנדאָן אין אווגוסט 1791 ווייסן מיר גאָרנישט. קיין פראנקרײַך האָט ער זיך אומגעקערט ניט שפּעטער פון דעם 9-טן סעפּטעמבער.

וואָס האָט דאנטאָנען געגעבן די מעגלעכקײַט אומצוקערן זיך אומבאשטראָפט? מעגלעך, אז די סעקציע פון פראנצויזישן טעאטער האָט אים באשטימט אלס א וואלמאן פון דער וואל־פארזאמלונג פון פאריזש צום אויסוויילן א נײַעם פארלאמענט. ס'איז אויך מעגלעך, אז ער איז געקומען קיין פאריזש, ווײַל אומעטום איז פארשפּרייט געוואָרן א קלאנג וועגן אמניסטיע.

דעם 12-טן סעפּטעמבער האָט זיך דאנטאָן באוויזן אין יאקאָביניש: קלוב, און מע האָט אים באגעגנט מיט אפּלאָדיסמענטן. אפ דער באַזיצונג פון 14-טן דעקאבער האָט ער פארטיידיקט זײַן רעכט צו טיילקן זיך אין אויסוויילן די געזעצגעבערישע פארזאמלונג, ביז'ראס נאָך, אז דעם 13-טן איז דערקלערט געוואָרן די אמניסטיע.

דאנטאָנס פראָצעס איז אנולירט געוואָרן, אָבער די פרווון ארײַנ-

צוטרעטנ אינ פארלאמענט זײַנענ אלצ ניט געלונגענ. בא די וואלנ אינ דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג האָט ער באקומענ ניט מער ווי עטלעכע צענדליק שטימענ. פאריזש האָט געשיקט אינ דער פאר־זאמלונג מעסיקע ליבעראלנ. עמעס, צווישנ זיי זײַנענ געווענ בריסאָ, קאָנדאָרסע אונ עראָ־דע־סעשעל, אָבער דאָס איז געווענ א נישטיקע מינדערהײַט. דאנטאָנ האָט געמוזט זוכנ אנדערע מעגלעכקײַטנ פאר זײַנ פּאָליטישער קאריערע.

באם באנײַענ פונ דער קאָמונע איז דאנטאָנ אויסגעוויילט געוואָרנ (דעמ 7־טנ דעקאבער 1791 אלס שטעלפארטרעטער פונעמ פּראָקוראָר. די אויפגאבע פונעמ פּראָקוראָר אונ פונ זײַנע שטעלפארטרע־טער איז געווענ פארטיידיקנ די אינטערעסנ פונ דער קאָמונע. קיינ איינ מאָסמיטל פונ דער קאָמונע האָט ניט געקאָנט דורכגעפירט ווערנ אינ לעבנ אָנ דעמ אָנטייל פונעמ פּראָקוראָר אונ פונ זײַנע שטעל־פארטרעטער. צומ באדויערנ האָט מאנועל, דער פּראָקוראָר, באשלאָסנ פעסט פארנעמענ זיכ מיט זײַנ ארבעט. אזוי האָט אויכ געטאָנ זײַנ ערשטער שטעלפארטרעטער דעמיסאָ. פאר דאנטאָנענ איז געבליבנ ווייניק ארבעט.

דאנטאָנ האָט ניט פארלאָרנ דעמ מוט. ער איז צוגעטראָטנ צומ אויספירנ זײַנע פליכטנ אינ יאנואר 1792 אונ האָט אָנגעהויבנ פונ א פּאָליטישער דעקלאראציע, וואָס האָט געזאָלט איבערגעבנ זײַנ פּראָג־ראמ פאר די נאָענטסטע כאדאָשימ. „איכ פארנעמ מײַנ אָרט צווישנ אײַכ, — האָט ער געזאָגט, — ווײַל דאָס איז דער פארלאנג פונ די פרײַנט פונ דער פרײַהײַט אונ פונ דער קאָנסטיטוציע. די נאטור האָט מיר געגעבנ אטלעטישע פאָרמענ אונ א פּאָנעמ א הארבס, ווי די פרײַהײַט. איכ האָב געהאט דעמ גליק צו געבאָרנ ווערנ ניט צווישנ דער פּריווילעגירטער ראסע... איכ האָב פארהיט מיט מײַנ ארבעט מײַנ גאנצע נאטור־קראפט. האָבנדיק געשאפנ מײַנ לאגע אינ דער געזעלשאפט, האָב איכ סײַ אינ מײַנ פּערזענלעכנ לעבנ סײַ אינ מײַנ פּראָפעסיע, וואָס איכ האָב אויסגעוויילט, אפ קיינ איינ מינוט ניט אָנגעוואָרנ די קאלטבלוטיקײַט פונ דער פארנונפט, דעמ ברענ פונ דער נעשאָמע אונ די פעסטקײַט פונעמ כאראקטער".

נאָכ אזא גאָר ניט באשיידענער כאראקטעריסטיק, אינ גײַסט פונ א בורזשוא פונ XVIII יאָרהונדערטס, האָט דאנטאָנ ווײַטער געזאָגט:

„איכ בינ אויסגעוויילט געוואָרנ צו קעמפנ פאר אָפּהיטנ די קאָנסטיטוציע, פאר אויספילנ די געזעצנ, וואָס דאָס פאָלק האָט באשטעטיקט. אויסגעצייכנט! איכ וועל היטנ מײַנ שווּע; איכ וועל אויספילנ מײַנע פליכטנ. אלע מײַנע קויכעס וועל איכ אָפּגעבנ צו פארטיידיקנ די פרײַהײַט, די גלײַכהײַט אונ דאָס פאָלק". פאָדערנדיק צו פארטיידיקנ די קאָנסטיטוציאָנעלע געזעצנ, האָט דאנטאָנ אינ דער זעלבער צײַט געפונענ פאר נייטיק צו דערקלערנ, אז דער קיניג איז געטרײַ דער קאָנסטיטוציע אונ אָפּהיטנ דעמ קיניגס מאכט איז אלזאָ איינע פונ די גרונט-אויפגאבנ פונ דער רעוואָליוציע. „די נאציעס, — האָט ער געזאָגט, — בײַטנ קיינמאָל ניט זייער רעגירונג איידער די געוואלט צווינגט זיי ניט דערצו. די קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע וועט עקזיסטירנ אינ פראנקרײַכ א סאכ לענגער, איידער דאָס דעכפּאָטישע קיניגרײַכ. ניט די דענקער, די שעפער פונ די פילאָסאָפישע סיסטעמענ וואקלענ די אימפעריע, נאָר די הויפלײַט, די טיראנענ, וואָס פארשקלאפנ דאָס פאָלק אינעמ נאָמענ פונ די קיניגנ. אָט זיי צווינגענ די רעגירונג צו ענדערונגענ, מער איידער די מענטשנ-פרײַנט, וואָס פּויידיקנ די אידייענ פונ אבסאָליוטער פרײַהײַט".

די דאָזיקע מעסיקע דעקלאראציע האָט דאנטאָנ פארענדיקט מיט א פײַערלעכנ צוזאָג: „וואָס פאר א מיינונג איכ פּערזענלעכ זאָל ניט האָבנ וועגנ דער רעוויזיע פונ דער קאָנסטיטוציע, וואָס פאר א מיינונג איכ זאָל ניט האָבנ וועגנ זאכנ אונ מענטשנ, איז איצט, ווענ די דאָזיקע קאָנסטיטוציע איז אָנגענומענ געוואָרנ, בינ איכ גרייט צו ווינטשנ דעמ טויט דעמ, וואָס הייבט אופ זײַנ פארשווערנדיקע האנט צומ קאמפ קעגנ איר, — מעג דאָס זײַנ מײַנ ברודער, מײַנ פרײַנט אונ אפילע מײַנ זונ. דאָס זײַנענ מײַנע געפילנ". עס איז אריבער 1792 סאכאקל עטלעכע כאדאָשימ, אונ דער טריבונ האָט אינ אווגוסט פונקט אזוי פײַערלעכ געגעבנ א שווּע דער רעפּובליק. דאָס איז ניט דאנטאָנס פּערזענלעכע שולד. דאָס איז די נאטור פונ א ליבעראלנ בורזשוא, וואָס דאָ הייבט ער זיכ אופ, דאָ לאָזט ער זיכ אראָפּ צוזאמענ מיטנ אויפברויז אונ מיטנ פאלנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער כוואליע.

דעם 12־טנ סענטיאבער האָט דאנטאָנ געביטנ זײַנ באַשײדענע דירע אפ א מער קאָמפאָרספולע אינ דעם זעלבנ הויז.

אינ אָקטיאבער אונ נאָיאבער 1791 האָט ער פארגרעסערט זײַנע ערד־גיטער אינ זײַנ געבורטס־שטאָט. ער האָט געקויפט א שטיק נא-ציאָנאלע ערד אומגעפער פאר 3160 ליווער. דאנטאָנ איז גרייט גע־ווענ אויסצונוצנ יעדנ איבערײַס אינ זײַנ פּאָליטישער טעטיקײַט, אפ צו פארנעמענ זיכ מיט זײַנ ווירטשאפט. אינ ארסי האָט ער פאר-בראכט עטלעכע כאדאָשים: פונ 14־טנ סענטיאבער ביזנ 14 דעקא-בער 1791. ער האָט זיכ אומגעקערט אהערצו נית איינ סאָף אויכ אינ 1792, אפילע ערעוו דער נײַער רעוואָלוציע פונ 10-טנ אווגוסט, דער רעוואָלוציע, וואָס האָט פארניכטעט די מאָנארכיע אינ פראנקרײַכ.

אינ זײַנ נײַער דירע האָט זיכ דאנטאָנ געפילט גליקלעכ. דעם 2-טנ פעיוראל 1792 האָט גאבריעלע געבוירנ א צווייט קינד.

דאנטאָנ אינ קאמפ פאר א בורזשואז-דעמאָקראטישער רעפובליק

[illegible]

1

די בלוט-באָד אויפנ מארס-פעלד דעמ 17-טנ יולי 1791 איז געווענ דער סאָפ פונעמ ערשטנ פארהעלטנמעסיק פרידלעכנ עטאפ פונ דער רעוואָליוציע. די דאָזיקע געשעענישׂ איז געוואָרנ דער אויסגאנג-פונקט פאר א נייער עפּאָכע, פאר דער עפּאָכע פונ בירגערקריג.

דער עקאָנאָמישער אויפשטייג פונ 1791 האָט זיכ פארענדיקט. אינ 1792 איז אָנגעקומענ א ביז גאָר טיפער עקאָנאָמישער אונ פּאָליטישער קריזיס. דאָס פאפיר-געלט, וואָס די רעגירונג האָט ארויסגעלאָזט, האָט באלד אָנגעהויבנ פאלנ, די פרייזנ אפ סכוירעס האָבנ גענומענ שטייגנ, ס'איז אויכ געשטיגנ דער יאקרעס אונ די אנארכיע פונ דער ווירטשאפט. דער קריזיס איז געווענ ניט קיינ רעזולטאט פונ צופעל-ליקע פּאָליטישע סיבעס, זיינע וואָרצלענ האָבנ געשטעקט אינ דער סאָציאל-עקאָנאָמישער אָרגאניזאציע גופא, וואָס די האלבע רעפאָרמעס פונ די ערשטע יאָרנ פונ דער רעוואָליוציע האָבנ געשאפנ. דער קרי-זיס איז געווענ ארויסגערופנ דערפונ, וואָס עס איז געבליבנ די פעאָדאלע אָרדענונג, וואָס די בורזשואזיע איז געווענ אומפעיִק צו לייזנ די פויערישע פראגע. וואָס ווייטער די „רעפאָרמעס" האָבנ פארהאלטנ די רעוואָליוציאָנערע לייזונג פונ דער פראגע, אלצ מער פארפּלאָנטערט זיינענ געוואָרנ די סאָציאל-עקאָנאָמישע באציִונגענ אינ לאנד; עס זיינענ פארשארפט געוואָרנ די קלאסנ-ווידערשפּרוכנ אינ שטאָט אונ אינ דאָרפ, עס האָבנ גענומענ צעפאלנ יערנ די פארבינדונגענ צווישנ

דער לאנדווירטשאפט און דער אינדוסטריע, — דער בירגערקריג איז געוואָרן אומפאַרמײַדלעך און נייטיק.

אומזיסט זײַנען געווען די אויפֿאָדערונגען צו אָרדענונג, צו פֿאַרענדיקן די רעוואָליוציע. גאָר גיך, שוין אין פֿרילינג 1792, האָבן די גרויסע אייגנטימער דערפֿילט די נייטיקייט צו אָרגאַניזירן זייער זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג. „כאַפּט זיך אויף, מענטשן, — האָט געשריבן דער אויטער פֿון איינעם א פּאַמפֿלעט, — איר אַלע, וואָס פֿאַרמאָגט אייגנטום, כאַפּט זיך אויף פֿון הינערפֿלעט, אין וועלכער איר זײַט פֿאַרזונקען שוין איבער צוויי יאָר. זאָמט ניט קיין איין מינוט. אַז אײַערע קעפּ רוקן זיך אָן פֿון אַלע זײַטן כמארעס... אייגנטימער, ווער איר זאָלט ניט זײַן, האַלט זיך אָפּ פֿון פֿאַרטיידיקן די פֿאַלשע לערע: די מענטשן, וואָס האָבן גאָרנישט, זײַנען ניט גלײַך צו אײַך".

וועגן וואָס פֿאַר אַן אייגנטום האַנדלט זיך דאָ? עס האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן דעם פֿעאָדאַלן אייגנטום פֿון דער אַלטער אָרדענונג, נאָר אויך וועגן דעם נײַעם געזעצלעך־געשיצטן אייגנטום פֿון דעם בורזשואַ. די שרעק פֿון דעם אייגנטימער פֿאַר דער פּלעבייִשער מאַסע האָט געשטערט דער רעוואָליוציע צו מאַכן אַ סאָף צו דער פֿעאָדאַלער פֿאַרגאַנגענהייט, אָט די שרעק האָט געשטערט דעם זיג פֿון דער רעוואָליוציע.

די פֿאָלקס־מאַסן האָבן ניט געוואַרט אויף דער אויפֿאָדערונג פֿון די פּאַריזער בורזשואַזע פּאָליטיקער. זיי האָבן אַרויסגעוויזן רעוואָליוציאָנערע איניציאַטיוו, זיי האָבן געהאַנדלט אַנטשיידן און ענערגיש.

פֿון פֿרילינג 1792 האָט זיך אומעטום אָנגעהויבן אַ קאַטאַסטראָפֿישער יאָקרעס אויף ברויט; די פּרײַזן זײַנען דערגאַנגען ביזן ניוואָ פֿון יאָר 1789. דערנערונג־אומרוען זײַנען געוואָרן אַ געוויינ־לעכע דערשײַנונג. אומעטום האָט דאָס פֿאָלק לויט זײַן אייגענער איניציאַטיוו אָנגענומען מיטלען צום אַראָפּזעצן די פּרײַזן אויף ברויט. די דערנערונג־אומרוען פֿלעגן גיך איבערוואַקסן אין אַ פּאָליטישן קאַמף קעגן דעם דעספּאָטיזם און דער ספּעקוליאַציע.

די דערנערונג־אומרוען אין די שטעט האָבן זיך אין יאָר 1792 צונויפֿגעשלאָסן מיט דער פּויערישער באַוועגונג אין די דערפֿער:

„פֿאַרוואָס דאַרפֿן די בירגער פֿאַרטיידיקן די קאָנסטיטוציע?

לייענען מיר אין איינער א פויערישער פעטיציע. — א גרויסער אומגליק פארן פאָלק זײַנען די פעאָדאלע באציִונגען, און די דאָזיקע באציִונגען האָט די גרינדונג-פארזאמלונג ניט נאָר ניט צעשטערט, נאָר זי האָט זיי פארהייליקט... קימאס אלע בורזשוא פונעם קיניגרײַך האָבן גענומען אפ זיך צו פארטיידיקן די אדל-לײַט אָדער דעם קלער. אפ אונדזער זײַט זײַנען קימאס נאָר די פויערים, און אויב זיי שטיצן נאָך דערווײַל די קאָנסטיטוציע, איז דאָס דערפאר, ווײַל זיי האָפן צו באפרײַט ווערן אינגיכן פון אלערליי פעאָדאלע רעכט און פליכטן״.

די געזעצגעבערישע פארזאמלונג איז באשטאנען פון פאָרשטייער פון די „אקטיווע בירגער״-אייגנטימער, און זי האָט אין טאָך גאָרנישט געטאָן צו ענדערן די לאגע. עס האָט געמוזט קומען דער שטורעם פון 10-טן אווגוסט, אז די פראנצויזישע בורזשואזיע זאָל אײַנגיין אפ ווײַטערדיקע האנאָכעס.

2

דער עקאָנאָמישער קריזיס איז אויסגעבראָכן אין דעם יאָר, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן א מילכאָמע מיט דער גאנצער פעאָדאלער אייראָפע. די מילכאָמע איז געווען אומפארמײַדלעך. די רעוואָליוציע גופע, וואָס האָט זיך געשטעלט פאר אן אופגאבע צו פארניכטן די פעאָדאלע אָרדענונג, האָט פאָרויס באשטימט די מילכאָמע. די פעאָדאלע אייראָפע האָט געהאסט די רעוואָליוציע און האָט מוירע געהאט פאר איר, דער ניצאָכן פון דער רעוואָליוציע איז פאר דער אלטער אָרדענונג געווען א טויט-אורטייל. אָן די פעאָדאלן האָבן זיך אָנגעשלאָסן די אידעאָלאָגן פון דער בורזשואזער אריסטאָקראטיע פונעם „פרײַען ענגלאנד״; זיי האָבן אָפגעהיט זייער פאָליטישע אָרדענונג, — די אָרדענונג פון שטאנד-פריווילעגיעס, — קעגן די פאָלקס-מאסן, קעגן דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע. דער טאלאנטפולער פירער פון דער אייראָפייִשער קאָנטררעוואָליוציע עדמונד בערק האָט געטײַנעט אין ענגלישן פארלאמענט, אז די פראנצויזישע רעוואָליוציע איז א צאָרע, אז די מאגייפע פון דער רעוואָליוציע איז א געפאר פאר דער גאנצער וועלט. ער האָט אופגעפאָדערט צום קאמפ קעגן דעם לאנד, וואָס האָט „אראָפגעוואָרפן

די מעלוכע״ און האָט געהאַט די האָוע צו פאַרעפנטלעכן „די דעקלאַ-ראַציע וועגן די רעכט פון אַ מענטשן און אַ בירגער.״.

די מילכאָמע קעגן דער פעאָדאַלער אייראָפּע איז פאַר דער רעוואָליו־ציע געווען אומפאַרמײַדלעך. עס האָט זיך געהאַנדלט נאָר וועגן דעם, ווען מע זאָל זי אָנהייבן און ווער עס זאָל זײַן דער אָנפאַלנדיקער צאַד.

דער קיניג און זײַן פּאַרטיי, דער אדל און די גרויס-בורזשואַזיע האָבן געוואָלט אַ מילכאָמע אַלס אַ מיטל צו אײַנצוימען די רעוואָליוציע. אַ מילכאָמע האָט אויך געוואָלט דער ליבעראַלער טייל פון דער בור-זשואַזיע מיט די זשיראָנדיסטן אין דער שפּיץ. לויט זייער מיינונג, האָט די מילכאָמע געקאָנט לייזן אַלע פּראָגן פון דער רעוואָליוציע אָן אַ בירגערקריג און אָן אַ פאָלקס-אויפשטאַנד. בריסאָ, איינער פון די סאַמע פאַרברענטע פאַרטיידיקער פון אַ מילכאָמע קעגן אייראָפּע, האָט דערקלערט: „אַ מילכאָמע דאַרף מען האָבן צו פאַרפעסטיקן די פרייַ-הײַט, צו אָפּרייניקן זי פון די זינד פונעם דעספּאָטיזם און פון די מענטשן, וואָס קאָנען זי דעמאָראַליזירן... מיר דאַרפן כאָרעוו מאַכן די מערדער-נעסט פון די פעאָדאַלן, אויב מיר ווילן ניט, אַז די פאַרשווע-רונגען, אויפשטאַנדן און סרייפעס זאָלן דויערן אייביק, און די באַרימטע-רישע פּרעכטקײַט פון די אַריסטאָקראַטן זאָל נאָך מער שטײַגן... ווילט איר מיט איין קלאַפּ צעשלאָגן די אַריסטאָקראַטן, די דעזערטירן, — מאַכט כאָרעוו קאָבלענץ. דעמלט וועט דער הויפּט פון דער נאַציע זײַן געצוווּנגען צו רעגירן לויט דער קאָנסטיטוציע״...

אָט די אידיי וועגן אַ מילכאָמע קעגן די פעאָדאַלן צום אָראָפּ-רײַסן די פאָלקס-רעוואָליוציע האָט אַרויסגערופן אַ ווידערשטאַנד מיצאַד די דעמאָקראַטן. ראָבעספּיער און מאַראַט, די פאָלקס־מאַסן פון פראַנק־רײַך זײַנען אַרויסגעטראָטן פאַר אַ רעוואָליוציע און קעגן אַ מילכאָמע. „איך פאָדער אויך אַ מילכאָמע, — האָט ראָבעספּיער געזאָגט, — איך פאָדער אַ מילכאָמע ניט אויף לעבן, נאָר אויף טויט, אַ העראָישע מילכאָמע, וועלכע עס קאָן פירן דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלק אַליין אין דער שפּיץ מיט זײַנע אייגענע פירער, און ניט אַזאַ מילכאָמע, וועלכע עס ווילן די אינטריגאַנטן״. אָבער די מילכאָמע, וועגן וועלכער ראָבעספּיער האָט געטרוימט, האָט זיך געקאָנט אָנ-הייבן ערשט נאָכן ניצחון פון דעם רעוואָליוציאָנערן פאָלק.

אין אַפּריל 1792 האָט די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג דער-

קלערט בילכאָמע אייראָפּע. די מילכאָמע האָט זיכ אָנגעהויבנ פאר פראנקרייכ ניט געלונגענ. דער פרייסישער ארמיי, א גוט באוואָפנטער און אָרגאניזירטער ארמיי פונ 171 טויזנט מאנ פוסגייער און 41 טויזנט מאנ קאוואלעריע, האָט פראנקרייכ געקאָנט אינ בעסטנ פאל קעגנשטעלנ 80 טויזנט ניט־אָרגאניזירטע קריגער. די פראנצויזישע ארמיי האָט ניט געהאט קיינ קאָמאנדע-פערסאָנאל, און זומער 1792 האָט זי געליבנ איינ מאפּאָלע נאָכ דער אנדערער. דעמ 25־טנ יול האָט דער הערצאָג פונ בראונשווייג געמאָלדנ דעמ אָנהייב פונ אנ אלגעמיינעמ מארש קעגנ ·דער רעוואָליוציע. ער האָט געפאָדערט, אז פאריזש זאָל זיכ טייקעפ אונטערווארפנ דעמ קיניג, „געבנ אימ פולשטענדיקע פרייהייט און באוואָרענענ לודוויג XVI און אלע קיניגלעכע פערזאָנענ די אומבארירלעכקייט און די אכטונג, וואָס אונטערטאנענ דארפנ האָבנ צו זייערע קיניגנ“...

דער דאָזיקער מאניפעסט איז געווענ דער לעצטער טראָפּנ, וואָס האָט איבערפולט דעמ בעכער פונ געדולד בא די פאָלקס־מאסנ. אינ מעשעכ פונ פיל כאדאָשימ האָט דער קיניג און זיינ קאמארילע געפירט א סיסטעמאטישע קאָרעספּאָנדענצ מיט די אייראָפּייִשע הויפנ, קעדיי צוגרייטנ די ארויסטרעטונג פונ דער פעאָדאלער קאָאליציע. נאָכ מער: דער רעכטער פליגל פונ דער בירזשואזער אריסטאָקראטיע, דערונטער אויכ לאפאיעט, האָט געהאלטנ אינ איינ איבערצייגנ דעמ קיניג, אז מע דארפ געבנ א ווידערשטאנד די רעוואָליוציאָנערע מאסנ, אז מע דארפ אפנ וואָרט אָנשליסנ זיכ אָנ דער אָנפירנדיקער פארטיי פונ דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג און „אָנטאָנ אפ זיינ קיניגלעכנ קאָפּ די רויטע קארמאניאָלקע, קעדיי אזויארומ מאכנ דעמ קיניג פאר א „נאציאָנאלנ“ און פארשטאָפּנ דאָס מויל דער מאסע אגיטאטערס“. אָט דאָס כיטרע שפּיצל האָט זיכ איינגעגעבנ, אָבער נאָר ביז א געוויסנ מאָמענט. ווענ די קיניגלעכע מאכט האָט געמאכט א פּרווו ארופצולייגנ א וועטאָ אפ די געזעצנ פונ דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג, וואָס זיינענ געווענדט געווענ קעגנ דעמ אדל און קעגנ דעמ קלער. ווענ דער קיניג האָט אָנגעהויבנ פארווירקלעכנ זיינ פּראָגראמ פונ אקטיוונ ווידערשטאנד קעגנ דער רעוואָליוציע און ביפראט ווענ ער האָט אָפּגעוואָרפנ דעמ דעקרעט וועגנ שאפנ בא פאריזש א מי-

ליטער-לאגער פון 20 טויזנט נאַציאָנאַלע גוואַרדייער, איז דער גורל פון דער קאָנטררעוואָליוציע באַשטימט געוואָרן.

אין יולי 1792 זײַנען אפילו די זשיראָנדיסטן געווען געצוווּנגען צו פּראָקלאַמירן דעם קיניג אַלס „די סיבה פון אַלע אומגליקן". ווערניאָ, איינער פון די סאַמע גלענצנדיקע רעדנער פון דער רעוואָ-ליוציע, האָט דעם 3־טן יולי געסאַלדן פון דער טריבונע פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג: „די פראַנצויזישע פּרינצן האָבן גע־פּרוּווט אויפהייבן אַלע אייראָפּייִשע הויפן קעגן דער פראַנצויזישער נאַציע, האַנדלענדיק אין דעם קיניגס נאָמען... ווען דער קיניג פון בעמען און אונגאַרן פירט קעגן אונדז אַ מלחמה און דער פּרײַ-סישער קיניג גרײַפט אָן אויף אונדזערע גרענעצן, האַנדלען זיי קעגן אונדזער נאַציע און קעגן דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג נאָר קעדיי אָפּצוהיטן דעם טראָן. אויף דער פרײַהייט פאַלט מען אָן אין דעם קיניגס נאָמען... מיט איין וואָרט, די געלעגנהייט אָדער די סיבה פון אַלע אומגליקן, פאַר וועלכע מיר דאַרפן מוירע האָבן אין דער צו־קונפט, איז נאָר דעם קיניגס נאָמען".

פונדעסטוועגן האָט די זשיראָנדע ניט אויפגעהערט צו פירן אונ-טערהאַנדלונגען מיטן קיניג אפילו סאַמע ערעוו דער רעוואָליוציע פון 10-טן אויגוסט. נאָך דעמלט האָט זי אים געוואָלט איבערצײַגן, אַז מע דאַרף גיין אויף האַנאָכעס, קעדיי אויסצומײַדן אַ פאָלקס-אויפ־שטאַנד. אָבער די רעוואָליוציע האָט מען ניט געקאָנט אויסמײַדן ניט דורך פּראָקלאַמירן אַ מלחמה, ניט דורך אַ קאָמפּראָמיס מיט דער קיניגלעכער מאַכט.

ס'איז שוין מער ניט געווען קיין איינהייטלעכער דריטער שטאַנד, אויף וועלכן די רעוואָליוציע וואָלט זיך געקאָנט שטיצן. דאָס האָט באַמרויִקט ניט בלויז די זשיראָנדיסטן, נאָר אויך די דעמאָקראַטן. וועגן דעם האָט אין פעברואַר 1792 געשריבן דער נײַער מער פון פּאַריזש פּעטיאָן, אַ מעסיקער יאַקאָבינער: אינעם דריטן שטאַנד,— האָט ער געזאָגט,—איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג; „צווישן דער בור־זשואַזיע, דעם דאָזיקן צאָלרײַכן און פאַרמעגלעכן קלאַס, און דעם פאָלק האָט זיך געבילדעט אַ טהאָם. די בורזשואַזיע האָט זיך דער-הויבן איבערן פאָלק, זי האָט זיך דערפילט גלײַך מיטן אדל, וואָס פאַר־אַכט זי און וואַרט נאָר אויף אַ גינסטיקן מאָמענט צו דערנידעריקן זי".

פּעטיאָן האָט רעקאָמענדירט די ליבעראַלן צו דערנענטערן זיך צום פֿאָלק און רײַסן זייער בונד מיטן אָדל.
אָט-דעם וועג האָט אויך דאַנטאָן אויסגעוויילט אין יענער צײַט.

3

מיר געדענקען, אַז דאַנטאָן האָט זיך אין יאַנוואַר 1790 רעקאָ-מענדירט פֿאַר דער קאָמונע פֿון פּאַריז אַלס אַ מעסיקער קאָנסטיטו-ציאָנאַליסט.

דעם 4-טן מאַרט האָט דער קיניג געשענקט 110 ליווער פֿאַר די פֿאַמיליעס פֿון די סאָלדאַטן פֿון שאַטאָוויע, - פֿון די סאָלדאַטן, וואָס זײַנען דערשאָסן געוואָרן לויט זײַן באַפֿעל... אין סעפּטעמבער 1790. דאַנטאָן האָט פֿון דער טריבונע פֿון יאַקאָבינישן קלוב דערקלערט מיט צאָרן: „ווי וואַגט דאָס די קיניגלעכע פֿאַמיליע צו געבן אונדז אַ נעדאָווע! ווי קאָנט איר אַזוינס דערלאָזן?!" אַפֿילע ראָבעספּיער איז געווען פֿאַרווונדערט פֿון דאַנטאָנס אומגעריכטער אַרויסטרעטונג. אין מײַ פֿאַרטיידיקט ער ראָבעספּיערן און דערמיט גופֿע באַפֿורעמט ער זײַן אַריבערגאַנג אַפֿן צאַד פֿון די דעמאָקראַטן - די יאַקאָבינער, אָבער אין דער זעלבער צײַט רײַסט ער אויך ניט זײַנע פֿאַרבינדונגען מיט בריסאָ און די אַנדערע זשיראָנדיסטן. דער ענדגילטיקער אײַנרײַס מיט דער פֿרידלעכער טעטיקײַט פֿון קאָנסטיטוציאָנאַליזם, ווייניקסטנס אויסערלעך, איז באַפֿורעמט געוואָרן אין זײַן רעדע פֿון דעם 13-טן יוני 1792.

דער קיניג האָט דערוויטערט פֿון מיניסטעריום דעם ליבעראַל קלאַוויער, דעם קריגס-מיניסטער סערוואַן און דעם פֿרידלעכן בורזשוא ראָלאַן. ווי נאָר די דאָזיקע ידיעה האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין פּאַריז, האָט דער יאַקאָבינישער קלוב צונויפֿגערופֿן אַן עקסטרע-זיצונג. די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן שטורמיש. דאַנטאָן האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דער טריבונע און האָט געמאָלדן מיט זײַן דונערנדיקער שטים: „איך לייג פֿאָר, אַז די דיסקוסיע, וואָס האָט זיך הײַנט אָנגעהויבן, זאָל ווײַטער געפֿירט ווערן מאָרגן 9 אַזייגער. די אויספֿיר-מאַכט איז געוואָרן דרייסט נאָר ווײַל מיר זײַנען געווען צו שוואַך". און אַף מאָרגן, דעם 14-טן יוני, האָט דאַנטאָן

דערמאָנט די פראנצויזנ דעם אלטנ רוימישנ געזעצ, וואָס וואלעריוס פובליקאָלא האָט ארויסגעגעבנ נאָכ דעם, ווי עס איז פארטריבנ געוואָרנ טארקוויניוס, — דעם געזעצ, וואָס האָט דערלויבט יעדנ בירגער צו הארגענענ יעדנ פײַנט פונ דער מעלוכע אונ האָט נאָר געפאָדערט שפעטער געבנ צו וויסנ דער מאכט וועגנ די סיבעס פונ דעם מאָרד. דאנטאָנ האָט געפאָדערט אָנעמענ אזוינע מיטלענ צו אָפהיטנ די פאָלקס-רעכט: אײַנפירנ א שטײַער, וואָס זײַנ לאסט זאָל פאלנ אפ די רײַכע. אונ צווינגענ דעם קיניג ארויסשיקנ זײַנ פרוי קיינ ווינ צו אירע קרויווים.[1]

אינ זײַנ קאמפ קעגנ דעם קיניג אונ זײַנ פארטיי איז דאנטאָנ געווענ געצווונגענ, נאטירלעכ, פריער פאר אלצ ארופצוווארפנ זיכ אפ לאפאיעטנ, וואָס איז אינ יענער צײַט געוואָרנ די באוואָפנטע שטיצע פונ דער קיניגלעכער פאָליטיק. דעם 18-טנ יונ האָט דאנטאָנ געוואָרנט די פראנצויזנ: „לאפאיעט וויל ארויסגעבנ געזעצנ". פאר דאנטאָנענ איז געוואָרנ קלאָר, אז שפעטער דארפנ די געשעענישנ באקומענ א רעוואָליוציאָנערע ווענדונג: „אויב מיר וועלנ זיכ ניט א לאָז טאָנ אינ די סעקציעס, וועלנ מיר גאָרנישט ניט אופטאָנ, ווײַל אונדזערע פײַנט וועלנ ניט אופהערנ באהויפטנ, אז מיר זײַנענ נאָר א נעבעכדיק הײַפעלע בונטארנ. דעריבער דארפנ מיר מאסנווײַז קומענ אינ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג. מיר זײַנענ פאָליטישע געזעלשאפטנ — אויב ניט לויטנ געזעצ, איז לויטנ רעכט פונ דער רעוואָליוציע".

אינ צוויי טעג ארום האָבנ זיכ די פאָלקס-מאסנ פונ די פאָרשטעט ארײַנגעריסנ אינ פאלאצ, אונ דער קיניג האָט דערזענ, אז ער האָט צו טאָנ ניט מיט עפעס א בונט, נאָר מיט א נײַער רעוואָליוציע.

די באוועגונג פונ 20-טנ יונ 1792 איז געווענ א סטיכייִשע, די דעמאָקראטנ האָבנ זי ניט צוגעגרייט. ס'איז אפילע מעגלעכ, אז עמעצער האָט באוווסטזיניק געפרווט פראָוואָצירנ א פריצײַטיקע ארויסטרעטונג פונ פאָלק, אָבער די ארויסטרעטונג האָט באוויזנ, אז דער אופשטאנד איז אומפארמײַדלעכ, אז די רעוואָליוציע איז ניט ווײַט.

אינ די סעקציעס זײַנענ געווענ טעטיק אייגענע העלדנ. צווישנ

1 איבעריקנס, דאָס לעצטע ביטל איז גאָר פארדעכטיק. איז דאָס ניט געווענ אינ די אינטערעסנ פונ דער קיניגינ גיופעז? זי האָט דאָכ נאָר געטרוימט וועגנ דעם, ווי זיכ ארויסצוקלײַבנ פונ פאריז.

זיי איז געווען סאַנטער, דער זון פון א פלעבײשן בירבויער און
אליינ א בירברײַער, א רײַכער האַנטוועדקער און א באַלעבאָס פון
א טראַקטיר. ער איז געווען פּאָפּולער בא די מאסן אדאנק זײַן אנט-
שלאָסנקײַט און זײַן סינע צום אדל. צווישן זיי איז געווען דער
קאצעוו לעזשאנדר. ער איז אָפּגעווען צען יאָר א מאטראָס אף א
שיף; א גראָבער און אן אומגעצוימטער, פלעגט ער ארויסגיין פון
טאָמבאַנק צום האַמוינ און אופאָדערן צום קאמף קעגן דער קיניג-
לעכער מאכט. צווישן זיי איז געווען הוגענען אן אדוואָקאט, וואָס
איז אמאָל פארטריבן געוואָרן פון זײַן שטאַנד און איז נאָכדעם פון
א סאָלדאט געוואָרן א האַנדלס-אָנגעשטעלטער; דער דרוקער מאָמאָראָ,
מאַראט, וואָס האָט געפירט אן אונטערערדיש לעבן פון א רעוואָ-
ליוציאָנער, און א סאך, א סאך אנדערע. צווישן זיי איז אויך געווען
דאַנטאָן. סאָף יונ האָט ער אריבערגעטראָגן דעם שווערפּונקט פון
זײַן טעטיקײַט אין די פאָרשטעט, ווײַל ער האָט אויסגעצייכנט פאַר-
שטאַנען, אז אין די פאָרשטעט פון פאַריזש ווערט געלייזט דער גורל
פון דער רעוואָליוציע.

די פאָלקס-מאסע פון די פאָרשטעט, פון די שטינקעדיקע גאסן
און געסלעך פון דער הויפּטשטאָט, האָט זיך א לאָז געטאָן אין קי-
ניגלעכן פאַלאַץ, זינגענדיק דאָס רעוואָליוציאָנערע לידל Ca ira („סא
אירא"). די אינסורגענטן האָבן געזונגען דאָס לידל אין כאָר, פאָכנדיק
מיט געווער. דאָס איז ניט געווען קיין געווער פון א רעגולערער
ארמיי. פּיקעס, טעבעפע שווערדן, קיך-שפּיזן, ארופגעזעצטע אף הענט-
לעך, מעסערס, טעסלער-העק, האַמערס פון מויערער, נאָלן פון שוס-
טערס, פּרעס-אײַזנס, ברעך-אײַזנס, זעגן, לאָפּעטעס, צווענגלעך, בראָכ-
שטיקער פון אלטן אײַזן,—דאָס אלץ איז צוניץ געקומען דעם בא-
וואָפנטן פאָלק. פאָנען האָבן געוויוועט איבערן האַמוין. אף די פאָנען
האָבן געפלאַטערט די אויפשריפטן: „ציטער, טיראַן! דײַן שאָ איז
געקומען!" די סאַנקיולאָטן פון די פאָרשטעט טראָגן א טליע, אף
וועלכער עס באָמבלט זיך דעם קיניגס פאָר[illegible]ט מיט אן אויפשריפט:
„אף דער לאַמטערנע!"

אָט די ארמיי האָט מיט שנעלע טריט געשפּאַנט צום פאַלאַץ.
זי האָט זיך ארײַנגעריסן אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. די פאַר-
זאַמלונג פון מעסיקע בורזשוא האָט דערזען פאַר זיך א האַמוין פון

30 טויזנט פעטיציאָנערנ. דאָס פאָלק האָט ניט ארויסגעוויזנ קיינ
אכטונג צו דער פארזאמלונג; אינ די לאָזונגענ פונ די סאנקיולאָטנ
איז געווענ אָנ אנ ערעכ מער האז, איידער קאָוועד. צולעצט זײַנענ
אָפּגעראמט געוואָרנ אלע באריערנ. די אינסורגענטנ זײַנענ געשטאנענ
אינ קיניגלעכנ פּאלאצ פּאָנעמ על פּאָנעמ מיט לודוויג XVI. דער האמוינ
האָט געצוווּנגענ אָנטאָנ דעמ קיניג אפנ קאָפּ א קארמאניאָלקע. דאָס פאָלק
האָט זיכ דערפילט אלס זיגער, אָבער עס האָט ניט געוווסט, וואָס
ווײַטער צו טאָנ. די דעמאָקראטנ זײַנענ ניט געווענ גרייט צו באנוצנ
זיכ מיט דער סטיכייִש אופגעברויזטער כוואליע פונ צאָרנ. די דע־
מאָקראטנ האָבנ ניט געקאָנט אנטקעגנשטעלנ דעמ אָרגאניזירטנ ווי־
דערשטאנד פונ די ליבעראלנ א פּראָגראמ פונ רעוואָליוציאָנערער
האנדלונג. פּעטיִאָנ האָט אפילע פארשפּעטיקט, אָבער ער איז דאָכ
געקומענ צוהילפ דעמ קיניג. אזוי האָט זיכ געענדיקט די פאָלקס־
דעמאָנסטראציע דעמ 20־טנ יול.

דאָס איז געווענ ניט מער ווי אנ אָנהייב פונ גרויסע געשעענישנ.
קיינ פּאריזש האָט מארשירט אנ אדמיי פרײַוויליקע פונ מארסעל,
מערסטנטייל האנטווערקער. זיי זײַנענ געגאנגענ אינ דער הויפּט־
שטאָט צו פארטיידיקנ די רעוואָליוציע אונ נאָכדעמ אָפּפאָרנ אפנ
פראָנט. זיי זײַנענ געגאנגענ, זינגענדיק אפנ וועג די מונטערנ־
דיקע ווערטער פונעמ רעוואָליוציאָנערנ הימנ — פונ דער מאר־
סעליעזע.

4

דער אומגעלונגענער אויסגאנג פונ דער פאָלקס־באוועגונג דעמ
20-טנ יול 1792 האָט ניט געקאָנט אָפּשטעלנ דעמ אָנגריפ פונ דער
רעוואָליוציע. דער פרווו פונ דעמ קיניג אונ פונ דער פארטיי פונ
די קאָנסטיטוציאָנאליסטנ, בא דער אקטיווער שטיצע פונ דער גרויס־
בורזשואזיע, צו דערשטיקנ מיט געוואלט די רעוואָליוציאָנערע באווע-
גונג פונ די דיסטריקטנ, האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ. לאפאיעט
האָט זיי געוואָלט געבנ די באוואָפנטע קראפט פונ די בור-
זשואזע באטאליאָנענ, אָבער ער האָט זיכ אָנגעשטויסנ אפ א
ווידערשטאנד פונ דער גאנצער פראנצויזישער דעמאָקראטיע. ער

האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער ארמיי קאָנטררעוואָליוציאָנערע עמי־
גראנטן און איז ארויסגעוואָרפן געוואָרן אויסער די גרענעצן פון
פראנקרייך.

די מאַסאָלעס אַף די פראָנטן האָבן געפאָדערט פון דער רעוואָ-
ליוציע אנטשיידענע מיטלען. דעם 11־טן יול האָט די געזעצגעבערישע
פארזאמלונג געמאָלדן אין א ספעציעלן באשלוס: „דאָס פאָטערלאנד
איז אין געפאר!" דער דאָזיקער באשלוס איז פארעפנטלעכט געוואָרן
אין דער הויפטשטאָט דעם 22־טן יול. דאָס זיינען געווען די טעג
פון קאָלאָסאלן רעוואָליוציאָנערן אופברויז פון די מאסן, — ניט פון
קיין נאציאָנאלן אופשטייג, ווי די בורזשואזע היסטאָריקער פרווון
שילדערן די געשעענישן פון די דאָזיקע טעג, נאָר פון א רעוואָ־
ליוציאָנערן אופשטייג. אין געפאר איז געשטאנען דאָס רעוואָ־
ליוציאָנערע פאָטערלאנד, די רעוואָליוציע אינעם פאָטער־
לאנד. ווען דער דעקרעט איז פארעפנטלעכט געוואָרן, האָט ער ארויס-
גערופן פאָלקס־דעמאָנסטראציעס. פון אינדערפרי אָן, יעדע שאָ, אין
משך פון גאנצן טאָג, האָט א סיגנאל־קאנאָן אופגעפאָדערט די
בירגער ארייַנצוטרעטן אין די רייען פון דער פרייוויליקער ארמיי.
אפן גרעוו־פלאץ האָט זיך דער גארניזאָן פון פאריזש, אין דער שפיץ
מיט די מיטגלידער פון דער קאָמונע, געברידערט מיטן פאָלק. קאָלאָ־
סאלע מאסן אַף ביידע ברעגעס פון דער סענע האָבן פארפולט די
שמאָלע גאסן פון אַלטן פאריזש, פארהילכנדיק זיי מיטן קלאנג פון
געווער, מיטן דונער פון פויקן און מיט אויסגעשרייען: „דאָס פאָ־
טערלאנד איז אין געפאר!".

ס׳איז אריבער ניט מער ווי עטלעכע טעג, — און אין נאָמען פון
דער ארמיי פון דער אייראָפּייִשער פעאָדאלער קאָאליציע האָט דער
הערצאָג פון בראונשווייג אָפן געמאָלדן, אז ער גייט מיט א מארש
אַף פראנקרייך. אין דער זעלבער צייט, שטיצנדיק זיך אַפן פויערטים,
וואָס האָט זיך אנטוויקלט אין דער רעוואָליוציע, האָט זיך די ראָיאַ־
ליסטן איינגעגעבן אופצוהייבן אין די ווייטע ראנד־געגנטן אן אופשטאנד.
עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פויערשער אופשטאנד אין וואנדיע, וואָס
האָט אונטערגעריסן די קרעפטן פון דער רעוואָליוציע אין משך פון א
סאך יאָרן, ביזוואנען די ענדגילטיקע לייזונג פון דער פויערישער
פראגע, די פארניכטונג פון די לייבקנעכטשאפטלעכע באציונגען האָט

איינמאָל פאר אלעמאל צוגעצויגן דאָס לאנדווירטשאפטלעכע פראנקרייַך אפ דער זייַט פון דער רעפובליק.

אין די שטעט, צווישן די פלעבייִשע מאסן, איז געוואָקסן דער האס און דער פארלאנג צו נעמען נעקאָמע פון די, וואָס זייַנען שולדיק אין די מאפאָ״עס פון דער רעוואָליוציע. די פלעבייִשע מאסן זייַנען געווען גרייט צו נעמען אפ זייערע פלייצעס די גאנצע לאסט פון קאמף פאר פארפעסטיקן די דעמאָקראטיע.

בא אזוינע באדינגונגען האָט דאנטאָן אָנגעהויבן זייַן אקטיווע טעטיקייַט אין די סעקציעס פון פאריז. ער האָט געוואָלט לייזן צוויי אויפגאבן: פון איין זייַט, ניט איבעררייַסן מיט דער בורזשואזיע און אפילע מיט דער קיניגלעכער מאכט, און פון דער אנדערער זייַט, ניט פארלירן די פארבינדונגען מיט די פאָלקס-מאסן.

די פאָרשטייער פון דער האנדל-אינדוסטריעלער בורזשואזיע האָבן ערעיו דער נייַער רעוואָליוציע געטרוימט וועגן א שאָלעם מיט דער קיניגלעכער מאכט. דעם 25-טן יולי האָט בריסאָ פון דער טריבונע פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג אטאקירט די „אנארכיע" און האָט געפאָדערט טויטשטראָף פאר די, וואָס האָבן געשטרעבט צו א רעפובליק. ער האָט געפאָדערט, אז דער שווערד פון געזעץ זאָל זיך אראָפּלאָזן אפ די קעפ פון די, וואָס ברעכן די קאָנסטיטוציע. דעם ערשטן אווגוסט האָבן די דעמאָקראטן אין קלוב פון די יאקאָבינער מיטגעטיילט איינער דעם אנדערן מיט צאָרן, אז בריסאָ האָט געוואָלט איבערגעבן צום געריכט ראָבעספיערן. די געזעצגעבערישע פארזאמלונג האָט גיך אָפּגעשאפט דעם באשלוס פון דער סעקציע מאָקאָנסיי פון 4-טן אווגוסט, וואָס האָט געפאָדערט אראָפּצוווארפן דעם קיניג. נאָכמער: די זשיראָנדיסטן גאדע און זשאנסאָנע זייַנען אריינגעטראָטן אין באציונגען מיטן קיניג. אפילע דעם 9-טן אווגוסט און אין דער נאכט אפן 10-טן איז דער מער פון פאריז פעטיאָן, א מעסיקער דעמאָקראט, געווען גרייט צו געבן א ווידערשטאנד דער פאָלקס-באוועגונג. און דעם 10-טן אווגוסט, אין דעם טאָג פון דער רעוואָליוציע, ווען דער קיניג האָט זיך אויסבאהאלטן אינעם לאָקאל פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג, האָט אים ווערניאָ אויפגענומען אין נאָמען פון בורזשואזן פראנקרייַך ניט אלס פארברעכער, נאָר אלס פארבינדעטן. „אייַער מאיעסטעט, — האָט ער געזאָגט, — די

פאַרזאמלונג האלט פאר איר הייליקער פליכט צו שטיצנ די עקזיסטירנדיקע מאכט. מיר וועלנ שטארבנ אפ אונדזערע פּאָסטנס, אויספילנדיק די דאָזיקע פליכט".

ווענ די פאָלקס־מאסנ פונ שטאָט און דאָרפ וואָלטנ געקאָנט האנדלענ לויט זייער איניציאַטיוו, לויט די אָנווייזונגענ פונ זייער רעוואָליוציאָנערער פארטיי, וואָלט די רעוואָליוציע פונ 10־טנ אווגוסט געווענ געווענדט ניט בלויז קעגנ דעם קיניג און דער בורזשואַזער אריסטאָקראטיע, נאָר אויכ קעגנ איר פארבינדעטנ, קעגנ דער זשיראָנדע, וואָס האָט מוירע געהאט פאר א פאָלקס־רעוואָליוציע. דאָס איז גענוג אפ צו פארשטיינ דאנטאָנס טאקטיק. די פרידלעכע איבערקערעניש, וואָס די פעדעראטנ וואָלטנ דורכגעמאכט בא דער שטילשווייגנדיקער שטיצע פונ די סעקציעס, וואָלט פאר אים געווענ גענוג. דאנטאָנ וואָלט זיכ געקאָנט באנוגענענ מיט א באַשלוס וועגנ רעווידירנ די קאָנסטיטוציע פונ יאָר 1791 און מיט ווייטערדיקע האנאָכעס מיצאד דעם קיניג. לאפאיעט דערציילט, אז גראָד דעמאָלט האָבנ די אגענטנ פונ דער קיניגנ געפירט מיט דאנטאָנענ אונטערהאנדלונגענ. דאָס איז גאנצ מעגלעכ. עמעס, לאפאיעט איז ניט קיינ אָביעקטיווער איידעס, אָבער מיר ווייסנ, אז דאנטאָנס נאָענטער פרייַנט, דער שפּעטערדיקער סעקרעטאר פונ זייַנ מיניסטעריום, פאבר ד׳עגלאנטינ, האָט געוויס געפירט אונטערהאנדלונגענ מיטנ קיניגלעכנ הויפ. אינ דעם פאל האָט די גרופּע דאנטאָניסטנ געהאנדלט ווי זייערע פארבינדעטע — די זשיראָנדיסטנ. דאָס זייַנענ ניט געווענ קיינ אקטנ פונ פערזענלעכנ פאראט, דאָס איז געווענ א ליניע פונ פּאָליטישער אופירונג, א פּרווו אראָפּצורייַסנ דעם אופשטאנד פונ 10־טנ אווג[...]

דעם 13־טנ יול, באם באהאנדלענ די [...]י וועגנ די פעדעראטנ, האָט דאנטאָנ אינ יאקאָבינישנ קלוב ג[...]ט עפנטלעכ מעלדנ וועגנ זייַנע פארבינדונגענ מיט די רעוואָליו[...]אָנערע סעקציעס און מיט די מארסעלער פעדעראטנ. ער האָט געפאָדערט א נייַע פעטיציע, אזא, ווי די, וואָס ער האָט דורכגעלייענט דעם 16־טנ יול 1791 אפנ מארס־פעלד. אָבער דאָס מאָל האָט מענ זיכ, נאטירלעכ, ניט געקאָנט באנוגענענ מיט קיינ פעטיציע. אינ זייער פעטיציע צו דער נאציאָנאלער פארזאמלונג, אינ פיר טעג ארום נאָכ דאנטאָנס ארויסטרעטונג, האָבנ די סעקציעס אנטשיידנ געמאָלדנ: „די פעלקער שאפנ

קינינג, זיי זאָלנ זיי גוט דינענ, אינ ניט קעדיי זיי זאָלנ זיי אונ־
טערדריקנ אונ קעפנ די פארשווערער". דעם 19-טנ יול האָט ראָבעס־
פיער געפאָדערט אינ יאקאָבינישנ קלוב, אז לודוויג XVI זאָל זיכ אָפּ־
זאָגנ פונ טראָנ, ווײַל ער איז „דער קוואל פונ אלע צאָרעס", אונ
מאראט האָט אינ זײַנ צײַטונג ניט אופגעהערט אופצופאָדערנ צו א
רעוואָליוציאָנערנ אופשטאנד, אָרגאניזירנדיק די מאסנ, אינסטרוק־
טירנדיק זיי, צוגרייטנדיק צום באוואָפנטנ קאמפ.

בא אזא סיטואציע האָט די סעקציע פונ פראנצויזישנ טעאטער
דעם 30-טנ יול 1792 פארעפנטלעכט א באשלוס, אונטערגעשריבנ פונ
דעם פאָרזיצער דאנטאָנ, זײַנ שטעלפארטרעטער אנאקסאגאָר שאָמעט
אונ דעם סעקרעטאר מאָמאָראָ, ווו זי האָט געמאָלדנ: „דאָס פאָטער־
לאנד איז אינ געפאר. אלע פראנצויזנ זײַנענ בארופנ צו פארטיידיקנ
עס, אונ די בירגער, וואָס געווייגלעכ, אפ דער אריסטאָקראטישער
שפראכ רופט מענ זיי „פאסיווע", דארפנ אופגעפאָדערט ווערנ אלס
פאטריאָטנ אינ די רייענ פונ דער נאציאָנאלער גווארדיע; זיי דארפנ
באוואָפנט ווערנ אינ די סעקציעס, מע דארפ זיי געבנ שטימרעכט
אינ אלע גרונט־פארזאמלונגענ פונ די ווײלער". שטיצנדיק זיכ אפנ
רעכט פונ רעוואָליוציאָנערער איניציאטיוו, האָט די סעקציע פונ פראנ־
צויזישנ טעאטער אזויארום אָפּגעשאפט די קאָנסטיטוציע פונ יאָר 1791.
דער דאָזיקער באשלוס האָט געהאט א קאָלאָסאלע באדײַטונג. ער איז,
נאטירלעכ, ניט געווענ דער איינציקער אינ דעם מינ. דאָס איז גע־
ווענ די שטימונג פונ אלע דעמאָקראטישע סעקציעס פונ דער הויפּט־
שטאָט. דאָס איז אויכ געווענ ראָבעספיערס אונ מאראטס פאָדערונג.
שאָמעט זאָגט, אז ווענ דער דאָזיקער באשלוס איז פאנאנדערגעקלעפט
געוואָרנ, האָט די סעקציע באקומענ א סאכ נײַע געטרײַע אָנהענגער.
דער דאָזיקער באשלוס האָט געהאָלפנ שאפנ אנ ארמיי פאטריאָטנ,
וואָס זײַנענ גרייט צו קעמפנ פאר זייערע רעכט.

5

דעם 1־טנ אווגוסט איז דאנטאָנ ניט געווענ אינ פאריז. אינ
די סאמע שטורמישע טעג פונ צוגרייטנ דעם אופשטאנד איז ער
אוועקגעפאָרנ צו זיכ אהיים קיינ ארסי, אונ דאָ, בא א נאָטאריוס,
האָט ער באפורעטס דעם שענק־בריוו פאר זײַנ מוטער אונ האָט

איר באַשטימט אַ יערלעכע רענטע. שפּעטער, פאַרענטפערנדיק זיך
פאַרן רעוואָליוציאָנערן טריבונאַל, האָט דאַנטאָן דערקלערט זײַן אָפּ־
וועזנהײַט פון פּאַריז אין יענע טעג דערמיט, וואָס ער „אַלס אַ
גוטער זון" האָט פאַרבראַכט דרײַ טעג אין זײַן געבורטס־שטאָט,
קעדיי צו זאָגן „אַדיע" זײַן מוטער און אײַנרעגולירן אייניקע ענינ־
נים. די מאָטיוון, וואָס האָבן דאַנטאָנען דיקטירט זײַן אויפֿפירונג אין
די דאָזיקע טעג, ווייסן מיר ניט. מיר ווייסן קנאַפּ וואָס וועגן דאַנ־
טאָנס אָנטייל אינעם צוגרייטן די רעוואָליוציע פון 10־טן אויגוסט.
מיר האָבן פולקום רעכט אָפּצוּוואַרפן די באַהויפּטונגען פון די בור־
זשואַזע היסטאָריקער, אַז דאַנטאָן „האָט צוגעגרייט דעם 10־טן אוי־
גוסט", אַז דער 10־טער אויגוסט איז געווען „זײַן טאָג". אין די
טעג, ווען דער אויפֿשטאַנד האָט אַרומגענומען פּאַריז, האָט דער
אָפּאָרטוניסט דאַנטאָן געטרוימט וועגן אויסנוצן די פאָלקס־באַוועג־
גונג פאַר אַ קאָמפּראָמיס מיט דער הערשנדיקער מאַכט. ער האָט
דערמלט אויסגעוואַרט אָפּן אויסגאַנג פון די געשעענישן און האָט צו־
געקוקט די טאַטן פונעם רעוואָליוציאָנערן פאָלק פונדערווײַטנס, זאָרגנ־
דיק אין דער זעלבער צײַט וועגן זײַן פּערזענלעכן וווילשטאַנד. דעם
9־טן אויגוסט אינדערפרי איז דאַנטאָן געקומען קיין פּאַריז. אין
דעם אויסגאַנג פון דעם אויפֿשטאַנד האָט מען שוין ניט געקאָנט
צווייפלען.

מאַדאַם זשוליען, אַ בורזשואַזקע פון דאָפינע, וואָס איז געקו־
מען צו פאָרן קיין פּאַריז צוליב דער דערציִונג פון איר זון, האָט
שוין דעם 8־טן אויגוסט געשריבן צו איר מאַן:

„זיבן האָריזאָנט ווערן איצט געדיכטער די כמאַרעס, זיי מוזן
אַרויסרופן אַ שרעקלעכן אויפֿרײַס... די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג שײַנט
מיר צו זײַן צו שוואַך צו שטיצן דעם פאָלקס־ווילן, און דאָס פאָלק
שײַנט מיר צו זײַן צו שטאַרק, עס זאָל זיך לאָזן אײַנצוימען פון דער
פאַרזאַמלונג. פון דעם דאָזיקן קאָנפליקט, פון דער דאָזיקער שלאַכט
מוז וואָס אַרויסקומען — די פרײַהײַט אָדער די קנעכטשאַפֿט פון
25 מיליאָן מאַן..."

אין אַ טאָג אַרום, דעם 9־טן אויגוסט, שרײַבט זי:

„עס קלינגט דער אַליאַרם־גלאָק. די פּויקן פּויקן איבער דעם גע־
נעראַל־מאַרש. אַן אַליאַרם אין גאַנץ פּאַריז. די נאַכט זײַנען פיל

מיט מענטשן, די פרויען שטייען בא די פענצטער דערשראָקענע און ווענדן זיך צו די פאַרבײַגייער מיט פראַגן: „וואָס וועט עס זײַן?"...

און באַנאַכט זײַנען פון דער פאָרשטאָט געגאַנגען מענגעס באַוואָפנטע אַרבעטער, האַנטווערקער און קליינבירגער. זיי זײַנען געאַנגען שטורעמען דעם קיניגלעכן פּאַלאַץ. 7 אַזייגער אינדערפרי עם 10-טן אווגוסט האָט זשוליען געשריבן:

„איך בין געווען די גאַנצע נאַכט אָפ די פיס און איצט שלאָף איך. איך מוז דיר זאָגן, אַז מיר זײַנען שטאַרק ניט צופרידן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. זי האָט אַרויסגעוויזן אַן אַפּאַטיע, וואָס וועט אונדז אומברענגען, אויב דאָס פאָלק און די דעפּאַרטאַמענטן וועלן זיך ניט אויפהייבן נאָכאַמאָל צו געבן שטיצע דער הויפּטשטאָט".

דער 10־טער אווגוסט האָט געבראַכט דעם פאָלק א ניצאָכן. מאַדאַם זשוליען האָט געשריבן:

„דעם 10־טן אווגוסט האָט אין פּאַריזש געזאָלט אויסברעכן די קאָנטררעוואָליוציע. אונדזערע קעגנער, אומפאַרנינפטיקע, ווי שטענדיק, האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן אונטערקויפן אייניקע פירער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, און בא דער שטיצע פון די ראָיאַליסטן און די שווייצאַרישע לאַנדקנעכט, פון אַלע לאַקייען פון טיולערי, וועלן זיי דאָס אָנוואַרפן א שרעק אָפ די אומבאַוואָפנטע סאַנקיולאָטן. אָבער די סאָנים זײַנען דערשטיקט געוואָרן. ווייניקער ווי אין 2 שאָ איז לוווּר גענומען געוואָרן מיט שטורעם און דער ניצאָכן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן... די קאָמונע האָט אָפּגעטאָן אַן אויסגעצייכנטע אַרבעט... דאָס פאָלק האָט אַלץ אין פּאַלאַץ צעגראַמירט. עס האָט צעטראָטן מיט די פיס די גאַנצע פּראַכט פון די קיניגן"...

6

צוגעגרייט און דורכגעפירט אין לעבן די רעוואָליוציע פון 10־טן אווגוסט 1792 האָט די אינסורגענטישע קאָמונע — די פאָרשטייער פון די דעמאָקראַטישע סעקציעס פון פּאַריזש, וועלכע האָבן אַוועקגעוואָרפן די לעגאַליטעט און האָבן באַזײַטיקט די „קאָמונע פון די אַקטיווע בירגער". די רעוואָליוציע פון 10-טן אווגוסט האָט געצוווּנגען

די געזעצגעבערישע פארזאמלונג צוצוײַלן זיך מיטן אראָפװארפן דעם קיניג. דער אקטיװער אָנטײלנעמער און אָנפירער פון דער באװעגונג אין די טעג פונעם אופשטאנד איז געװען דאָס קלײנבירגערטום פון פאריזש, אָבער צװישן די קאָרבאָנעס זײַנען געװען הונדערטער ארבעטער און האנטװערקער. געהאנדלט האָט זיך װעגן דעם, װעמעס קלאסן-אינטערעסן עס װעט דינען די נײַ-געשאפענע רעפובליק.

דאנטאָן האָט אין דער פראגע געשפילט אן אנטשײדנדיקע ראָליע.

װאָס האָט ער געטאָן דעם 9-טן און 10-טן אװגוסט, װען ער האָט זיך אומגעקערט קײן פאריזש? דאנטאָן אלײן זאָגט, אז אין דער נאכט פון 9-טן אװגוסט אפן 10-טן איז ער געװען אין קלוב פון די קאָרדעליערן; ער זאָל האָבן געזאָגט דעם שפעטערדיקן מיניסטער קלאװיער: „מיר פאָדערן אום צום אופשטאנד".

דאנטאָן האָט פארזיכערט, אז אין די דאָזיקע לעצטע אנטשײדנדיקע שאָען האָט ער גענומען אן אקטיװן אָנטײל אין די שלאכטן פון די סעקציעס. אײנס אזײגער באנאכט איז ער אװעק אין דער קאָמונע און האָט דאָ ארויסגעטראָגן א טויט-אורטײל דעם אָנפירער פון דער בורזשואזער נאציאָנאלער גװארדיע, דעם מאָנארכיסט מאנדא. ער האָט פון אים געפאָדערט, ער זאָל זיך אָפזאָגן פון קאָמאנדירן און האָט אים מיטגעשלעפט מיט זיך אין ראט פון דער קאָמונע. מאנדא האָט גראָב געענטפערט, אז ער „אנערקענט ניט די קאָמונע פון די פארשװערער און בונטאָװשטשיקעס". דעמלט האָט אים דאנטאָן געכאפט פארן האלדז: „פארעטער! — האָט ער א געשריי געטאָן, — זי װעט דיך צװינגען צו פאָלגן, אָט די קאָמונע, זי ראטעװעט דאָס פאָלק, קעגן װעלכן דו קאָנספּירירסט מיטן טיראן". מאנדא האָט מען פארהערט, — און אָן א געריכט, דאָ אפן אָרט האָט אים דערהארגעט מיט א שאָס פון א פיסטויל דער האנטװערקער-געזעל ראָסיניאָל (שפעטער אין דער עפּאָכע פונעם קאָנװענט, א גענעראל, האָט אָנגעפירט מיט די אָפעראציעס צו דערשטיקן דעם װאנדײער אופשטאנד).

װוּ איז דאָ דער עמעס אין דער לעגענדע װעגן דאנטאָנס אקטיװע מײַסים אין דער נאכט פון 9-טן אפן 10-טן אװגוסט? מיר װײסן דאָס ניט, און װער װײסט, צי מיר װעלן דאָס זיך װען-עס-איז דערװיסן. איבעריקנס, איז פאראן אײן דאָקומענט, װאָס גיט די מעג-

לעכקייט אויפֿצושטעלן בעערעך א בילד פֿון דעם, וואָס דאנטאָן און זײַנע נאָענטע פֿרײַנט האָבן געטאָן אין יענער צײַט. דאָס איז דער טאָגבוך פֿון ליוסיל, די פֿרוי פֿון קאמיל דעמולען, דאנטאָנס נאָענטן פֿרײַנט. אָט וואָס עס איז פֿארשריבן אין דעם דאָזיקן טאָגבוך פֿון 12-טן אויגוסט:

„דעם 8-טן אויגוסט בין איך געקומען צוריק פֿון דאָרף. אין אלע מויכעס האָט שוין געהערשט א שטארקע יוירונג. מע האָט געוואָלט דערהארגענען ראָבעספּיערן. דעם 9-טן האָבן בא מיר געגעסן מיטיק די מארסעלער, מיר זײַנען געווען גאנץ לוסטיק. נאָך מיטיק זײַנען מיר אלע געווען באם הער דאנטאָן. די מוטער האָט געוויינט, זי איז געווען אומעטיק, וואָס אומעטיק הייכט; איר קינד האָט אויסגעזען טעמפּ; דאנטאָן איז געווען פֿול אנטשלאָסנקייט. איך אליין האָב געלאכט, ווי א משוגענע. זיי האָבן מוירע געהאט, אז פֿון דעם וועט גאָרנישט ניט ארויס. כאָטש איך בין געווען ווײַט ביט זיכער, האָב איך זיי געזאָגט, ווי איך וואָלט דאָס געוווּסט באשטימט, אז אלץ וועט זיך אײַנגעבן. „אָבער ווי קאָן מען אזוי לאכן?", — האָט מיר געזאָגט מאדאם דאנטאָן. „אָך, — האָב איך געענטפֿערט, — דאָס קאָן זײַן א סימען, אז הײַנט צוונט וועל איך א סאך וויינען". אין אָוונט האָב איך באגלייט אהיים מאדאם שארפּאנטיע. דער וועטער איז געווען א שיינער; מיר האָבן שפּאצירט איבער די גאסן; ס'איז געווען א סאך מענטשן. מיר האָבן זיך ווידער אומגעקערט און האָבן זיך אָפּגעשטעלט פֿאר דער קאפֿע. פֿארבײַ אונדז זײַנען אדורך עטלעכע סאנקיולאָטן מיט געשרייען: „לעבן זאָל די נאציע!", נאָכרעם רײַטער-מיליטער, צולעצט, א קאָלאָסאלע מאסע אוילעם. מיך איז באפֿאלן אן אימה. איך האָב געזאָגט דער מאדאם דאנטאָן: „לאָמיר זיך אומקערן אהיים". זי האָט געלאכט פֿון מײַן שרעק; אָבער מײַנע רייד האָבן בא איר ארויסגערופֿן אן אימה, און מיר זײַנען אוועק. איך האָב געזאָגט צו איר מוטער: „זײַט זיכער, באלד וועט איר דערהערן די קלאנגען פֿונעם אליארם-גלאָק". ווען מיר זײַנען געקומען צו די דאנטאָנס, האָב איך דאָרטן דערזען די מאדאם ראָבער און א סאך אנדערע. דאנטאָן איז געווען אויפֿגערעגט. איך בין צוגעלאָפֿן צו דער מאדאם ראָבער און האָב געפֿרעגט: „עס וועט זײַן אן אליארם-גלאָק?" — „יאָ, — האָט זי געזאָגט, — נאָך אין אָוונט". באלד האָב איך דערזען, ווי אלע האָבן זיך באוואָפֿנט. קאמיל, מײַן טײַערער קאמיל, איז געקומען מיט א ביקס. אָ, גאָט, איך האָב זיך באהאלטן אין בעט, איך האָב באהאלטן מײַן פּאָנעם אין די הענט און האָב גענומען וויינען; אָבער דאָך האָב איך ניט געוואָלט ארויסווײַזן מײַן שוואכקײַט און האָב זיך ניט אנטשלאָסן צו זאָגן קאמילן, אז מיר ווילט זיך ניט, ער זאָל זיך מישן אין די איניאָנים. אָבער איך האָב געפֿונען א מינוט, ווען איך האָב געקאָנט ריידן מיט אים, ניט מוירע האָבנדיק, מע זאָל אונדז אונטערהערן, און איך האָב אים ארויסגעזאָגט אלץ, פֿארוואָס איך האָב געהאט מוירע. ער האָט מיך בארויִקט און האָט געזאָגט, אז ער וועט דאנטאָנען ניט פֿארלאָזן. דערווײַל האָב איך זיך דערוווּסט, אז ער איז געווען אין געפֿאר.

פֿרעראָן האָט ארויסגעזען אזוי, ווי ער וואָלט זיך אנטשלאָסן צו גיין אין טויט

„איך בין מיד געוואָרן צו לעבן; — האָט ער געזאָגט, — איך וויל נאָר דעם טויט“. ווען א פאַסטוך פלעגט זיך באַווייזן, פלעג איך מיינען, אַז איך זע זיי דאָס לעצטע מאָל.

איך בין אריבער אין ליידיקן גאַסטצימער, קעדיי ניט צו זען די אַלע צוגרייטונגען: דאָרטן האָט ניט געברענט קיין פייער. אפֿן גאַס איז געווען פּוסט. אַלע זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אַהיים. אונדזערע פּאַטריאָטן האָבן זיך געקליבן אַוועקצוגיין. איך האָב זיך געזעצט בײַ דעם בעט, א דערדריקטע, א פאַרניכטעטע. עטלעכע מאָל בין איך איינגעשלאָפֿן, און ווען איך האָב געפּרוווט ריידן, האָט זיך באַקומען בלויז נאָרישקייטן. דאַנטאָן האָט זיך צוגעלייגט. ער האָט ניט אויסגעזען ווי א פאַרנומענער מענטש, ער איז קימאַט גאָר ניט אַרויס פֿון שטוב. עס האָט געהאַלטן בײַ האַלבער נאַכט. עטלעכע מאָל איז מען געקומען צו אים. צולעצט איז ער אַוועק אין דער קאָמונע. עס האָט געקלונגען דער גלאָק פֿון די קאָרדעליערן, ער האָט געקלונגען לאַנג. איינע אַליין, אין טרערן, אויף די קני בײַם פֿענצטער, אַרײַנגעשטעקט דאָס פּנים אין טיכל, האָב איך זיך צוגעהערט צום קלאַנג פֿון דעם דאָזיקן פאַטאַלן גלאָק. אומזיסט זיינען געקומען מענטשן טרייסטן מיך. מיר האָט געשיינט, אַז דער טאָג פֿאַר דער דאָזיקער פאַטאַלער נאַכט איז געווען דער לעצטער. דאַנטאָן האָט זיך אומגעקערט. מאַדאַם ראָבער האָט זיך זייער באַאומרויִקט פֿאַר איר מאַן, ער איז אַוועק קיין לוקסעמבורג, וווּ ער איז געווען א דעפּוטאַט פֿון זײַן סעקציע. זי איז צוגעלאָפֿן צו דאַנטאָנען; ער האָט איר געגעבן בלויז א גאָר ניט־באַשטימטן ענטפֿער. ער האָט זיך א וואָרף געטאָן אויפֿן בעט. מע איז געקומען עטלעכע מאָל מיט גוטע און שלעכטע ידיעות. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך שטויס זיך אָן ווען זייער פּלאַן צו גיין אין טויליערי. שלוכצנדיק, האָב איך זיי געזאָגט וועגן דעם. איך האָב געפֿילט, אַז איך פֿאַל אין חלשות. אומזיסט האָט מאַדאַם ראָבער געפֿרעגט וועגן איר מאַן. קיינער האָט איר גאָרניש ניט געקאָנט זאָגן. זי האָט געמיינט, אַז ער איז אַוועק מיט די פֿאָרשטעט. „אויב ער וועט אומקומען, — האָט זי מיר געזאָגט, — וועל איך דאָס ניט איבערלעבן. אָבער אָט דער דאַנטאָן, — ער איז דער צענטער פֿון אַלץ. אויב מײַן מאַן וועט אומקומען, וועל איך זײַן קאַפּאַבל אים צו דערשטעכן“. אירע אויגן האָבן געפֿינקלט. פֿון דעם כאָמענט אָן הייב איך זי מער ניט פֿאַרלאָזן. מיר איז ניט איינגעגאַנגען דער שלאָף; ווער ווייסט, וואָס עס האָט געקאָנט פּאַסירן! ווער קאָן וויסן, אָט וואָס זי איז געווען פֿעיִק?

אַזוי האָב איך פֿאַרבראַכט די נאַכט אין ביטערער אומרועניש. קאַמיל איז געקומען איינס אַזייגער באַנאַכט; ער איז איינגעשלאָפֿן בײַ מיר אויפֿן אַקסל. מאַדאַם דאַנטאָן איז געווען לעבן מיר; זי האָט זיך אַזוי ווי געגרייט צו באַקומען א ידיעה וועגן דעם טויט פֿון איר מאַן. „ניין, — האָב איך איר געזאָגט, — איך קאָן מער ניט אויסהאַלטן“. ווען עס איז געוואָרן טאָג, האָב איך איר פֿאָרגעלייגט גיין מיט מיר און אָפּרוען בײַ מיר. קאַמיל האָט זיך געלייגט. איך האָב געהייסן שטעלן אין גאַסטצימער א פֿעלד־בעט מיט א מאַטראַץ און א קאָלדרע. זי האָט זיך א וואָרף געטאָן אויפֿן בעט און האָט עטוואָס אָפּגערוט. איך האָב זיך אויך געלייגט

אונ בינ אנשלאָפנ געוואָרנ באַם קלאַנג פונעם אַליאַרמ־גלאָק, וואָס האָט איצט געהילכט פונ אַלע זײַטנ. נאָכדעם האָבנ מיר זיכ אויפגעהויבנ. קאַמיל איז אוועק אונ האָט מיכ פאַרזיכערט, אַז ער וועט ניט זײַנ אינ געפאַר. מיר האָבנ זיכ געזעצט עסנ פרישטיק. דער זייגער האָט געשלאָגנ 10, 11, אונ מיר האָבנ גאָרנישט ניט געוווּסט. מיר האָבנ גענומענ עטלעכע נעכטיקע צײַטונגענ, האָבנ זיכ געזעצט אפנ דיוואַנ אינ גאַסטצימער אונ האָבנ גענומענ לייענענ זיי.

זי האָט מיר געלייענט אפנ קול אַנ אַרטיקל; פלוצעמ האָט זיכ מיר אויסגעדוכט, אַז עס האָט זיכ דערהערט אַ שאָס פונ אַ קאַנאָנ. אינגיכנ האָב איכ דערהערט נאָכ עטלעכע שאָסנ, אָבער איכ האָב גאָרנישט ניט געזאָגט; די שיסערײַ איז געוואָרנ אָפטער. דעמאָלט האָב איכ איר געזאָגט: „מע שיסט פונ האַרמאַטנ". זי הערט זיכ צו, זי הערט, זי ווערט בלייכ, זי פאַלט אונ פאַרלירט דעמ באַוווּסטזײַנ. איכ האָב זי אויסגעסאָגנ. איכ האָב אַליינ געהאַלטנ באַמ כאַלעשנ, אָבער די נייטיקײַט צו געבנ איר הילפ האָט מיר צוגעגעבנ קויכעס. ענדלעכ איז זי געקומענ צו זיכ. זשאַנעט האָט געשריִענ, ווי אַ ציג. זי האָט זי געוואָלט אָפשטײַסנ דערפאַר, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז קאַמיל איז שולדיק אינ אַלצ. מיר האָבנ געהערט געשרייענ אונ אַ געוויי אפנ גאַס, מיר האָבנ געמיינט, אַז גאַנצ פאַריז שווימט אינ בלוט. נאָכדעם האָבנ מיר זיכ געמאַכט קוראַזש אונ מיר זײַנענ אַוועק צו די דאַנטאָנס. מע האָט געשריִענ: „צומ געווער". יעדער האָט געאײַלט צומ ראָטהויז. מיר האָבנ געפונענ די טויערנ פונ האַנדל־געריכט פאַרשפאַרט. מיר האָבנ געקלאַפט, געשריִענ — קיינער האָט אונדז ניט געעפנט. מיר האָבנ געוואָלט אַרײַנגיינ אַהינצו דורכ דער בעקערײַ, אָבער דער בעקער האָט פאַרהאַקט די טיר פאַר אונדזער נאָז. איכ בינ געווענ אויסער זיכ. צולעצט האָט מענ אונדז געעפנט. מיר האָבנ אַ לאַנגע צײַט גאָרנישט ניט געוווּסט. נאָכדעם זײַנענ געקומענ מענטשנ אונ האָבנ אונדז געזאָגט אַז מיר האָבנ געזיגט. 1 אַזייגער זײַנענ אַלע געקומענ אונ האָבנ דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומענ. עטלעכע מאַרסעלער זײַנענ געהאַרגעט געוואָרנ. די יעריִקס זײַנענ געווענ ביטערע. קאַמיל איז געקומענ אונ האָט מיר דערציילט, אַז דער ערשטער קאָפ, וואָס איז אַראָפגעפלויגנ פאַר אימ אינ די אויגנ, איז געווענ סיולאָס קאָפ. ראָבער איז געווענ אינ ראָטהויז אונ האָט געזענ די שוידערלעכע סצענע, ווי מע האָט דערהאַרגעט די שווייצער. נאָכ מיטיק האָט ער אונדז באַשריבנ די שרעקלעכע געשעענישנ, וואָס ער האָט צוגעזענ, אונ אַ גאַנצנ טאָג האָבנ מיר געהערט נאָר וועגנ די פאַסירונגענ פונ טאָג. אַמ מאָרגנ, דעמ 11־טנ, האָבנ מיר געזענ די לעווײַע פונ די מאַרסעלער. אָ, גאָט! וואָס פאַר אַ סצענע! ווי דאָס האַרצ האָט בײַ אונדז פאַרקלעמט! קאַמיל אונ איכ זײַנענ געשלאָפנ בײַ ראָבערנ. איכ ווייס ניט, מיכ האָט אַרומגענומענ עפעס אַ שרעק, מיר האָט זיכ געדוכט, אַז אינ דער היימ זײַנענ מיר ניט זיכער.

אַמ מאָרגנ, דעמ 12־טנ, האָב איכ זיכ דערוווּסט, אַז דאַנטאָנ איז געוואָרנ מיניסטער".

אָט דער דאָקומענט, אַ נאַיִווער אונ אומיטלבאַרער, גיט זיכער איבער די עמעסע לאַגע. ליוסיל פאַרגעסט נאָר צוצוגעבנ איינ כאַראַקטע-

די פּאריזשער פאָרשטעט אפּ דער וואך פון דער רעוואָלוציע

11—12 יולי 1789

מאראט אף דער טריבונע

ריסכישע דעטאל: דאנטאָנ האָט דעם גאנצנ טאָג, ווײַזט אויס, אַקטיוו געאַרבעט אינ די פאָרשטעט. א פארמאַטערטער, איז ער, נאָכ פארנ אויסגאנג פונ די געשעענישנ, א-שלאָפנ געוואָרנ מיט א פעסטנ שלאָפ. 3 אזייגער אינדערפרי האָבנ אימ אומגעריכט אופגעוועקט זײַנע פרײַנט, — קאמיל דעמולענ צונ פאבר.

— שטיי אופ, — האָבנ זיי אימ געשריגנ, — דו ביסט א מיניסטער!

פאבר האָט דערבײַ צוגעגעבנ איראָניש: „דו מוזט מיכ אונבאדינגט מאכנ פאר א סעקרעטאר פונ מיניסטעריום”. דעמולענ האָט נאָכ געזאָגט:

— אונ מיכ פאר איינעמ פונ דײַנע סעקרעטארנ.

א פארשלאָפענער, דרייענדיק זיכ פונ איינ זײַט אפ דער צווייטער האָט דאנטאָנ געזאָגט אומצופרידנ:

— הערט נאָר, איר זײַט זיכער, אז איכ בינ מיניסטער?

— יאָ, געוויס יאָ, — האָבנ אימ געענטפערט זײַנע פרײַנט.

דעמלט איז ער אופגעשפרונגענ פונ בעט אונ אוועק אויספילנ זײַנע פליכטנ.

7

דאנטאָנ איז איצט געווענ ניט בלויז מיניסטער. ער איז פאקטיש געווענ דער הויפט פונ דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. די געזעצגע-בערישע פארזאמלונג האָט אויסגעוויילט א צײַטווײַליקנ אויספיר-ראט פונ 6 מאנ. דאנטאָנ איז אויסגעוויילט געוואָרנ פאר א יוסטיצ-מיניסטער אינ דעמ דאָזיקנ ראט מיט 222 שטימענ פונ 282. די מעסיקע דעפּוטאטנ האָבנ קימאט איינשטימיק אויסגעוויילט פאר א מיניסטער דעמ מענטשנ, וואָס איז פאר זיי נעכטנ געווענ א פארהאסטער דעמאגאָג. זײַנע קאָלעגנ פונ מיניסטעריום, — מאָנזש, ראָלאנ, סערוואנ אונ קלאוויע, — מעסיקע בורזשוא, זײַנענ געווענ טויט-דערשראָקנ פונ דער רעוואָלוציע אונ האָבנ געקלערט נאָר וועגנ איינ זאכ — ווי צוימט מענ זי אײַנ. דאנטאָנ האָט זיי, נאטירלעכ, גענומענ אונטער זײַנ ווירקונג. מיר ווייסנ פונ קאָנדאָרסע, פארוואָס די בורזשוא האָבנ זיכ אזוי איינשטימיק אָפּגעשטעלט אפ דאנטאָנס קאנדידאטור: דאָס האָט געזאָלט באַרויִקנ די אינסורגענטנ אונ אונטערוואַרפנ זיי דעמ ווילנ פונ דער בורזשואזער רעגירונג. אזויארומ איז דאנטאָנ, „דער מאנ פונ 10-טנ אווגוסט”, געוואָרנ דער אָנפירער פונ דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג.

שוינ פונ די ערשטע טעג האָט ער אנטוויקלט א פיבערהאפטע טעטיקײַט. דעם 11־טנ אוגוסט 1792 האָט דאנטאָנ פונ דער טריבונע פונ דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג געשוואָרנ טרײַהײַט דער רעוואָליוציע אונ האס צו די סאָנים פונ פאָלק. ער האָט פײַערלעכ געמאָלדנ: „איכ נעם אפ זיכ פאר דער נאציאָנאלער פארזאמלונג די פליכט צו פארטיידיקנ אירע מיטגלידער. איכ וועל גײנ אינ דער שפיץ פונ זײ, איכ בינ פאראנטוואָרטלעכ פאר זײ... אינ אלע צײַטנ, — האָט ער פאָרגעזעצט, — דאָרטנ, ווו עס הײבט זיכ אָנ די יוסטיץ, דארפ אָפגעשטעלט ווערנ די נעקאָמע פונ פאָלק".

די דאָזיקע רעדע איז געווענ די פאָליטישע פראָגראם פונ א בורזשוא, וואָס האָט באהערשט די אָנפירונג מיט דער רעוואָליוציע.

דעם 19־טנ אווגוסט האָט זיכ דאנטאָנ געווענדט מיט א צירקוליאר צו אלע געריכטנ פונ פראנקרײַכ. דער יוסטיץ־מיניסטער, דער מיטגליד פונ דער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג, האָט אינ דער דאָזיקער אינסטרוקציע דערקלערט דעם פאָלק זײַנ פראָגראם. פריער פאר אלץ האָט ער באדארפט סאנקציאָנירנ די מאכט, וואָס די רעוואָליוציע האָט באשאפנ, אונ, נאטירלעכ, אויכ זײַנ אײגענע מאכט. דעריבער באטאָנט דאנטאָנ דאָס רעכט פונ דער אינסורגענט־שער קאָמונע פאָרצושטעלנ דאָס פאריזשער פאָלק, אָבער ער פארגעסט ניט צוצוגעבנ: „די פראנצויזישע נאציע האָט באשטימט נײַע מיניסטאָרנ אינ נאָמענ פונ דער פארזאמלונג פונ די פאָלקס־פאָרשטײער". אזויארום האָט דאָס רעוואָליוציאָנערע רעכט פונ פאָלק באדארפט באקומענ א באשטעטיקונג בא דער „געזעצלעכער" פארזאמלונג פונ די דעפוטאטנ פונ די אקטיווע בירגער. נאָכ דעם דאָזיקנ פאָרוואָרט גײט א רעוואָליוציאָנערע דעקלאראציע: „דער פאָסטנ, אפ וועלכנ איכ בינ בארופנ דורכ דעם רומפולנ וואָטום פונ דער נאציע, וווּהינ איכ בינ ארײַנגעדרונגענ דורכ דער עפענונג, וואָס האָט זיכ געבילדעט אינעם שלאָס טיוליערי, באם דונערנ פונ די קאנאָנענ, — בא אָט דעם לעצטנ ארגומענט פונ פאָלק, — האָט מיכ ניט געענדערט; אפנ פאָסטנ פונ א מיניסטער וועל איכ זײַנ דער זעלבער, ווי ווענ איכ בינ געווענ פאָרזיצער אינ דער סעקציע פונ פראנצויזישנ טעאטער, אינ דער סעקציע, וואָס האָט אזויפיל אויסגעטאָנ בײַם דער רעוואָליוציע פונ

14־טנ יול 1789 אלס דער דיסטריקט פונ די קאָרדעליערנ, אונ דעם 10־טנ אווגוסט אלס דער דיסטריקט פונ מארסעל. די ריכטער פונ פראנקרײַכ וועלנ זיכ קאָנענ איבערצײַגנ, אז איכ שטרעב נאָר צו פאָליטישער אונ פערזענלעכער פרײַהײַט, צום אָפּהיטנ די געזעצנ אונ צו געזעלשאפטלעכער רו, צו דער אייגהײַט פונ די 83 דעפּארטא־מענטנ אונ דעם אויפבלי פונ דער מעלוכע, צום געדײַענ פונ פראנ־צויזישנ פאָלק אונ ניט צו דער כימערישער אונ אומעגלעכער גלײַכ־הײַט פונ פארמעגנ, — איכ שטרעב צו דער גלײַכהײַט פונ רעכט אונ גליק".

אינ די טעג, ווענ די רעוואָליוציע האָט נאָכ פארטיידיקט אירע פּאָזיציעס, שטעלט איר שוינ דאנטאָנ ראמענ, ער פרווט באגרענעצנ די ווירקונג אונ די רעאלע מאכט פונ די פלעבייִשע מאסנ. אָבער אינ דער זעלבער צײַט געדענקט ער גוט, אז אינ מאָמענט פונ שרעק־לעכער געפאר, ווענ די ארמייענ פונ דער אייראָפּייִשער קאָאליציע האָבנ זיכ ארײַנגעריסנ אפ דער טעריטאָריע פונ פראנקרײַכ, איז ניי־טיק, אז די רעוואָליוציאָנערע ענערגיע פונ די פּאָרשטעט זאָל ניט אָפּגעשוואכט ווערנ.

דעם 25־טנ אווגוסט, אינ א פּראָקלאמאציע צום פאָלק, דערמאָנט דאנטאָנ, אז די געזעצגעבער וועלנ מוזנ ניט ווייניק ענדערנ אינ דער מעלוכישער אָרדענונג. אינ נאָמענ פונ די דאָזיקע רעפאָרמעס דארפ מענ אָפּהיטנ די אייגהײַט; די דאָזיקע אייגהײַט וועט העלפנ דעם ניצאָכנ פונ דער רעוואָליוציע איבערנ סוינע. „בירגער, — לייע־נענ מיר אינ דער דאָזיקער פּראָקלאמאציע, — קיינ איינ פאָלק אפ דער וועלט קאָנ ניט באקומענ קיינ פרײַהײַט אָנ קאמפ. צווישנ אונדז איז פאראנ ניט ווייניק פארעטער. ווענ ניט זיי, וואָלט דער קאמפ געווענ לאנג געענדיקט... זײַט אייגהײַטלעכ אונ רויִק. באטראכט קלוגשאפטלעכ די פראגע וועגנ די מיטלענ פונ זעלבסטפארטיידיקונג, באשליסט די פראגעס דרייסט — אונ אײַער ניצאָכנ איז געזיכערט". ער דערמאָנט די פראנצויזנ די גרונט־אויפגאבע פונ דער רעוואָליוציע: פארווירקלעכנ די גלײַכהײַט.

דעם 20־טנ אווגוסט האָט די פרײַסישע ארמיי באלאגערט לאָנג־ווי; דעם 23־טנ איז די פעסטונג געפאלנ. די קאָמונע האָט פאר־באָטנ ארויספאָרנ פונ פאריז. דאנטאָנ האָט געפאָדערט עפענענ די

טויערן, אָבער ער האָט פאַרגעלייגט געבן דער קאָמונע דאָס רעכט צו מאַכן הויז־זוכונגען, קעדיי אָפּצונעמען דאָס געווער און ארעסטירן די פאַרדעכטיקע פערזאָנען. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט ער דעם 28-טן אויגוסט געהאַלטן פון דער טריבונע פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג איינע פון די רעדעס זײַנע, וואָס האָבן געמאַכט זײַן נאָמען אומשטערבלעך. ער האָט געזאָגט:

„אונדזערע סאָנים האָבן פאַרנומען לאָנגווי, אָבער לאָנגווי איז נאָך ניט גאַנץ פראַנקרײַך. אונדזערע אַרמייען זײַנען נאָך גאַנץ. איר מוזט אײַנשטימען, אַז די מוירע פאַר אונדזער לאַגע איז שטאַרק איבערגעטריבן. מיר האָבן נאָך אַרמייען. מיט אַ מעכטיקער אָנשטרענגונג פון זײַן ווילן האָט דאָס פאָלק אַראָפּגעוואָרפן דעם דעספּאָטיזם אין דער הויפּטשטאָט. מיט אַ קאָנוולסיווער באַוועגונג פון דער גאַנצער נאַציע וועלן מיר אַראָפּוואַרפן די דעספּאָטן. (אַפּלאָדיסמענטן). ביז איצט איז געפירט געוואָרן אַ פיקטיווע מילכאָמע, אַ־לאַ־לאַפאַיעט. איצט דאַרפן מיר אָנהייבן אַן אמתע מילכאָמע, די מילכאָמע פונעם פאָלק קעגן די דעספּאָטן. ס׳איז געקומען די צײַט צו זאָגן דעם פאָלק, אַז עס דאַרף מיט זײַן גאַנצער מאַסע אַרויפוואַרפן זיך אַפן סוינע. (אַפּלאָדיסמענטן). בײַ אַ שיפּ־ברוך וואַרפן די מאַטראָסן אין יאַם אַלץ, וואָס עס קאָן פאַרגרעסערן די געפאַר. פונקט אַזוי דאַרף מען אַרויסוואַרפן פון דער נאַציע אַלץ, וואָס עס קאָן איר ברענגען שאָדן, און אַלץ, וואָס עס קאָן איר ברענגען נוצן, דאַרף מען איבערגעבן אין רעשוס פון דעם מוניציפּאַליטעט מיט דעם באַדינג, אַז די אייגנטימער זאָלן באַקומען אָנטשעדיקונג. מיר בעטן נאָכאַמאָל די פאַרזאַמלונג דערלויבן הויז־זוכונגען צו אײַנבערצייַלן דאָס געווער, וואָס איז פאַראַן בײַ די בירגער. האָבן מיר דען רעכט צו וואַרטן אַפן סוינע, אויסבאַהאַלטנדיק זיך הינטער די ווענט פון שטאָט, אויב אונדזער אַוואַנגאַרד וועט צעקלאַפּט ווערן? מיר דאַרפן אַלע גיין אַנטקעגן אים. און די דאָזיקע מיטלען, און דער ווענדונג צום פאָלק, וועט איר גאָרנישט ניט דערגרייכן. אין פּאַריז דאַרפן זיך אײַנגעפינען 80 טויזנט ביקסן, וואָס טויגן צום געברויך. אויסגעצייכנט! ס׳איז נייטיק, אַז אַלע, וואָס זײַנען באַוואָפנט, זאָלן לויפן צו דער גרענעץ. ווי האָבן זיך באַנוצט מיט דער פרײַהײַט די פעלקער, וואָס האָבן זי אויסגעקעמפט? זיי פלעגן זיך לאָזן אַנטקעגן דעם פײַנט, און פלעגן גאָרניט וואַרטן אַף אים“.

האָט מען דען געקאָנט צווייפלען, אַז אַזוינע רעדעס וועלן אויפהייבן דאַנטאָנס אויטאָריטעט בײַ די ברייטע קליינבירגערלעכע און פּלעבעיִשע מאַסן פון דער הויפּטשטאָט?

8

ס'איז אריבער צוויי וואָכנ נאָכ דזם, ווי ס'איז אראָפּגעוואָרפנ
געוואָרנ די קינינלעכע מאכט, און די רעוואָליוציע האָט נאָכ אלץ
ניט געהאט געזיגט. די ליבעראלנ זיינענ געווענ גרייט צו גראטולירנ
דאָס פאָלק מיטנ ניצאָכנ, אָבער די רעוואָליוציאָנערנ, די דעמאָקראַ־
טנ פונ די פאָרשטעט, האָבנ אויסגעצייכנט פארשטאנענ, אז דער ני-
צאָכנ איז ווייט ניט געזיכערט. דער סאמע ווייטזיכטיקער פונ זיי,
מאראט, איז ארויס פונ אונטער דער ערד און האָט געוואָרנט די
פאטריאָטנ: „איר פרייט זיכ מיט דער זעלטענער ענדערונג, איר
אפלאָדירט דעם אויסגעצייכנטנ גענע', איר בענטשט די זאָרגנ און די
פאָטערלעכע אופזיכט פונ דער מאכט. איר פראָקלאמירט דעם ניצאָכנ.
וו אזוי, פרעג איכ אייכ, איז פאָרגעקומענ די דאָזיקע מעטאמאָרפאָ־
זע מיט אונדזערע דעפוטאטנ? האָט זי דענ ניט ארויסגערופנ דער
דונער פונ די קאנאָנענ־זאלפנ, וואָס האָבנ געטראָפנ די מויערס פונ די
פארעטער, אָדער די סצענע, ווענ דאָס פאָלק האָט געטראָגנ ארום
דעם באריער פונ מאניעוש די קעפ פונ עטלעכע פונ זיירע קאָמ-
פאניאָנענ?.. די נידערטרעכטיקע שווינדלער האָבנ נאָכ ערעוו יענעם
טאָג געוואָלט דעקרעטירנ די קאָנטררעוואָליוציע, פאראטנ דאָס פאָלק
מיטנ קינזשאל פונ געדונגענע סאָלדאטנ און באגראָבנ פאריזש אונ־
טער די כורוועס. זיי זיינענ פלוצעם געוואָרנ ערלעכע לייט, גוטע
בירגער, פאטריאָטנ, ניט אונטערצוקויפנ זיי. צווייפלט ניט, די סאָנים
פונ דער פרייהייט וועלנ אייביק זיינ אָנהענגער פונעם דעספּאָטיזם.
די פארעטער וועלנ שטענדיק פלאנעווענ דעם טויט פונ דעם היים־
לאנד"...

די אינסורגענטישע קאָמונע פונ פאריזש, וואָס אינ אירע רייענ
האָט געארבעט מאראט מיט זיינע אָנהענגער, איז קעגנגעשטאנענ
דער בורזשואזער נאציאָנאלער פארזאמלונג. ווער וועט זיינ דער זי־
גער? די דאָזיקע פראגע האָט געקאָנט געלייזט ווערנ נאָר אינ די
קלאסנ-שלאכטנ פונ די נאָענטסטע וואָכנ.

מאראט, דער פירער פונ די רעוואָליוציאָנערע פאָרשטעט, האָט
געהאלטנ, אז נאָכנ 10-טנ אווגוסט דארפנ קומענ אנדערע געשעע-
נישנ. געהאנדלט האָט זיכ ניט בלויז וועגנ דעם קיניג, נאָר פריער

פאר אלץ וועגן דער גיזעצגעבערישער פארזאמלונג. דעם 11־טן אוי־גוסט האָט דער פארלאמענט געמאָלדן, אז עס ווערט צונויפגערופן א קאָנווענט אפן יעסאָד פון אלגעמיינעם וואלרעכט, אָבער די גרונט־פאָדערונגען פון דער רעוואָלוציע זיינען ניט געלייזט געוואָרן. די געזעצגעבערישע פארזאמלונג האָט געהאנדלט ניט־אנטשלאָסן אין דער פראגע וועגן אָפּשאפן דאָס פעאָדאלע רעכט, אין דער פראגע וועגן קאמף קעגן ספעקוליאציע. די פארזאמלונג האָט זיך אפילו ניט אנט־שלאָסן צו פּראָקלאמירן א רעפּובליק. דער אויספיר־ראט האָט זיך גערעכנט אלס א צייטווייליקער מאכט־אָרגאן. דעם ווייטערדיקן גורל פון דער רעוואָלוציע האָט געזאָלט אנטשיידן די רעאלע קעגנזייטיקע פארהעלטעניש פון די קלאסן־קויכעס.

די קאָמונע האָט לויט איר אייגענער איניציאטיוו פארמאכט די פּאריזשער טויערן, האָט איבערגעגעבן צום געריכט דעם קיניגס נאָ־ענטע מענטשן, האָט ארעסטירט די פּעיאנעס,[1] וואָס האָבן פּראָטעס־טירט קעגן די געשעענישן פון 20־טן יוני; זי האָט געשיקט 2 טויזנט פעדעראטן קיין רואן צו קעמפן קעגן דער קאָנטררעוואָליוציע. לויט מאראטס פאָדערונג האָט די קאָמונע ארעסטירט אלע צייטונג־ארויס־געבער, אָנהענגער פון דער מאָנארכיע, האָט קאָנפיסקירט זייערע דרוקערייען. אין אויגוסט איז געמאָלדן געוואָרן א מאָביליזאציע פון פרייוויליקע אין דער ארמיי. פון די קירכן־גלאָקן און די בראָנזע־סטאטועס האָט מען געגאָסן קאנאָנען.

אין דער קאָמונע גופא האָט אן אנטשיידנדיקע ראָליע געשפּילט דער אופזיכט־קאָמיטעט אין דער שפּיץ מיט מאראטן, פאניס און סער־זשאן. פאניס און סערזשאן זיינען פאר דער רעוואָלוציע געווען קלערקן באם אדוואָקאט דאנטאָן. זיי זיינען איצט אויך געווען גרייט צו שטיצן זייער פּאטראָן.

וואָס פאר א פּאָזיציע וועט דאנטאָן פארנעמען אינעם קאמף צווישן דער קאָמונע און דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג? מיר האָבן געזען, וואָס ער האָט געטאָן אלס יוסטיץ־מיניסטער אין אוי־גוסט 1792. זיין פּאָליטיק איז באשטאנען אין אונטערוואַרפן די קאָ־מונע אונטער דער אָנפירונג פון דער בורזשואזיע, כאָטש ער האָט

---

1 פּעיאנעס, מיטגלידער פונעם מאָנארכיסטישן קלוב.

געוואָלט, אז די בורזשואזיע זאָל איינגיינ אפ אייניקע האנאָכעס פאר די פאָלק־מאסנ.

דאנטאָנ האָט אויסגעצייכנט פארשטאנענ, — אונ אינ דעם פראט איז ער געווענ א סאכ ווייטזיכטיקער פונ די זשיראָנדיסטנ, — אז דעם גורל פונ דער רעוואָליוציע אנטשיידט פאריזש, זיינע פאָרשטעט. דעם 24־טנ אווגוסט, נאָכ דעם ווי לאָנגווי איז געפאלנ, ווענ די דערשראָקענע דעפוטאטנ אונ מיניסטאָרנ האָבנ געפאָדערט, אז דער קאָנווענט זאָל צונויפגערופנ ווערנ ערגעצ אינ דער פראָווינצ אונ, ווי דער זשיראָנדיסט בארבארו האָט געזאָגט, אויב ס׳וועט נייטיק זיינ — אפילע אפנ אינדזל קאָרסיקע, האָט דאנטאָנ אנטשיידנ געמאָלדנ: „פראנקרייכ איז דאָ, אינ פאריזש“. ער האָט צוגעגעבנ: „איכ האָב געצוווּנגענ מיינ זיבעציק־יאָריקע מוטער קומענ צו פאָרנ קיינ פאריזש. איכ האָב אהערצו געבראכט מיינע קינדער. זיי זיינענ נעכטנ געקומענ. איידער די פרייסנ וועלנ ארייַנקומענ אינ פאריזש, זאָל אומקומענ מיינ פאמיליע. זאָלנ צוואנציק טויזנט פאקלענ אונטערצינדנ די שטאָט פונ אלע עקנ אונ פארוואנדלענ זי אינ אש“. ער האָט זיכ העפטיק א קער געטאָנ צו רעָלאנענ: „ראָלאנ! היט זיכ ריידנ וועגנ אנטלויפנ. היט זיכ, דאָס פאָלק זאָל דיכ ניט דערהערנ!“

מיט זיינ ווילנ צו מייסים אונ מיט זיינ אנטשלאָסנהייט האָט ער זיכער איבערגעשטיגנ אלע זיינע קאָלעגנ. דעם 29־טנ אווגוסט זיינענ — לויט זיינ איניציאטיוו — פאנאנדערגעשיקט געוואָרנ קאָמיסארנ איבער די דעפּארטאמענטנ צו זיכערנ די ווערבירונג פונ פרייוויליקע. פונ אלע זייטנ האָט מענ זיכ געקלאָגט, אז די קאָמיסארנ, מערסטנטיילס געוועזענע קאָרדעליערנ, פירנ זיכ גראָב. דאנטאָנ האָט איראָניש געענטפערט די אומצופרידענע: „וואָס מיינט איר, אז מיר וועלנ אייכ שיקנ פרייליכע?“ לויט זיינ פאָרשלאָג איז דעם 28־טנ אווגוסט באשלאָסנ געוואָרנ אָנצוהייבנ הויז־זוכונגענ אינ פאריזש. די קאָמונע האָט זיכ אָנגעכאפט פאר דעם מיטל, ווי פאר א מיטל צו „ראטעווענ די רעוואָליוציע“. זי האָט באקומענ דאָס רעכט אָנצופירנ מיט דער אָפעראציע.

קיינמאָל איז די רעוואָליוציע אינ פראנקרייכ ניט געווענ אזוי נאָענט צום אומקומענ, ווי אינ די ערשטע טעג פונ סעפּטעמבער. דער אָנפירער פונ די מיליטערישע קריכעס, דער גענעראל דיומוריע, איז

געקומען אפֿן פראָנט און האָט זיך איבערצײַגט, אז די 23 טויזנט דעזאָרגאַניזירטע סאָלדאַטן פֿון דער פראַנצויזישער אַרמיי זײַנען מער ניט פֿײַיק בײַצושטיין קעגן דער אַרמיי פֿון דער אייראָפּעיִשער קאָא-ליציע, וואָס איז באַהעפֿט מיט דער פֿעאָדאַלער דיסציפּלין. אַף דער סצענע זײַנען נאָך ניט אַרויסגעטראָטן די פֿרײַוויליקע פֿון יאָר 1792, די רע-וואָליוציאָנערע פֿרײַוויליקע פֿון אַלע עקן פֿראַנקרײַך. דער גורל פֿון דער רעוואָליוציע האָט געקאָנט אַנטשיידט ווערן שוין די נאָענטסטע טעג. דערוווּסט זיך, אַז די פֿײַנטלעכע אַרמייען רוקן זיך אין לאַנד אַרײַן, האָט די פּאַריזער קאָמונע דעם 2-טן סעפּטעמבער פֿאָרגעלייגט דער געזעצגעבערישער פֿאַרזאַמלונג אָנצוהייבן געמיינזאַמע אַקציעס, באַהאַנדלען אויסעראָרדנטלעכע מיטלען צו ראַטעווען די רעוואָליוציע. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט זיך אַף דער טריבונע פֿון דער גע-זעצגעבערישער פֿאַרזאַמלונג באַוויזן דאַנטאָן, און בײַ דער טויט-שטיל-קײַט פֿון דער גאַנצער פֿאַרזאַמלונג האָט ער געהאַלטן אַ באַגײַס-טערטע רעדע, וואָס האָט באַקומען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין גאַנצן לאַנד, אַ רעדע, וואָס איז אַרײַן אין די אַנאַלן פֿון דער געשיכטע אַלס אַ מוסטער פֿון רעוואָליוציאָנערער דרייסטקײַט. אָט וואָס דאַנטאָן האָט געזאָגט דעם 2-טן סעפּטעמבער די פֿראַנצויזן:

— מיט אַ געפֿיל פֿון טיפֿער באַפֿרידיקונג אײַל איך, אַלס מיניסטער פֿונעם פֿרײַען פֿאָלק, מיטצוטיילן אײַך די פֿריידיקע בשורה, אַז די רעטונג פֿונעם פֿאָטערלאַנד איז ניט ווײַט. גאַנץ פֿראַנקרײַך איז געקו-מען אין באַוועגונג, אַלע ברענען מיטן פֿאַרלאַנג צו קעמפֿן.

איר ווייסט שוין, אַז ווערדען איז נאָך ניט אין די הענט פֿון דעם סוינע; איר ווייסט, אַז דער גאַרניזאָן האָט געשוואוירן צו פֿאַר-ניכטן יעדן, ווער עס וועט וואַגן צו ריידן וועגן אונטערגעבן זיך, אַלע בירגער פֿון דער הויפּטשטאָט וועלן אײַנגעטיילט ווערן אין דרײַ אָטריאַדן: איינע וועלן זיך לאָזן צו די גרענעצן, — דאָס זײַנען די, וואָס האָבן געווער, די אַנדערע וועלן גראָבן טראַנשייען, די דריטע וועלן בילדן די קאָלאָסאַלע מאַסע, וואָס איז באַוואָפֿנט מיט פּיקעס: זייער זאַך וועט זײַן באַשיצן די שטאָט.

פּאַריז איז פֿולשטענדיק גרייט צו שיצן די גרויסע אָנשטרענ-גונגען פֿונעם פֿאָלק. איצט, ווען איך רייד מיט אײַך, לאָזן אַרויס די קאָמיסאַרן פֿון דער קאָמונע אַ פֿײַערלעכן אויפֿרוף, וואָס פֿאָדערט

פון די בירגער צו באַוואָפֿענען זיך און גיין פֿאַרטיידיקן דאָס פֿאָ-
טערלאַנד.

אין דעם דאָזיקן אַנטשיידענעם מאָמענט, מײַנע הערן, מוזט איר אָפֿן אָנערקענען, ווי גרויס עס איז דער פֿאַרדינסט פֿון פּאַריזש פֿאַר גאַנץ פֿראַנקרײַך. אין דעם מאָמענט דאַרף די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג ווערן אַן עכטער מיליטערישער קאָמיטעט.

מיר בעטן אײַער מיטהילף אין אונדזער אַרבעט: העלפֿט אונדז אַ קער טאָן אָפּן געהעריקן וועג דעם דאָזיקן גרויסן פֿאָלקס-אויפֿברויז, באַשטימט זאַכלעכע קאָמיסאַרן, וואָס זאָלן אונדז העלפֿן אין די דאָזיקע גרויסע מאָסמיטלען. מיר פֿאָדערן טויט-שטראָף פֿאַר די, וואָס וועלן זיך אָפּזאָגן צו גיין קעגן דעם סוינע אָדער אַרויסגעבן דאָס פֿאַראַנענע געווער. מע דאַרף אָננעמען אָנראַכמאָנעסדיקע מיטלען: ווען דאָס פֿאָטערלאַנד איז אין געפֿאַר, האָט קיינער ניט קיין רעכט אָפּצוזאָגן זיך צו דינען אים... מיר פֿאָדערן, עס זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן אינסטרוקציעס, וואָס זאָלן אָנווײַזן די בירגער זייערע פֿליכטן. מיר פֿאָדערן, אַז עס זאָלן געשיקט ווערן קורירן אין אַלע דעפּאַרטאַמענטן צו געבן צו וויסן די בירגער וועגן אַלע דעקרעטן, וואָס איר גיט אַרויס. דער אַליאַרם-גלאָק, וואָס איז שוין גרייט צו לאָזן זיך הערן, וועט אָפּקלינגען ניט אַלס סיגנאַל פֿון אומרו, נאָר אַלס אַ סיגנאַל צו אַטאַקע אויף אונדזערע סאָנים (אַפּלאָדיסמענטן). כּדי צו באַזיגן זיי, מײַנע הערן, דאַרפֿן מיר האָבן דרייסטקייט און נאָכאַמאָל דרייסטקייט — און פֿראַנקרײַך וועט געראַטעוועט ווערן". (אַ נײַער אויסברוך פֿון אַפּלאָדיסמענטן).

די דאָזיקע דרייסטקייט האָט די קאָמונע אַרויסגעוויזן. האַלב צוויי אַזייגער האָבן זיך געהערט די ערשטע קלאַנגען פֿון אַליאַרם-גלאָק. די קאָמונע האָט באַשטימט מעלדן אַן אַלגעמיינע אַרויסטרעטונג פֿון די פּאַריזשער בירגער. איבערן ראָטהויז איז אויפֿגעהויבן געוואָרן אַ שוואַרצע פֿאָן.

די פּאַטריאָטן האָבן געטראַכט ניכטער און קלוגשאַפֿטלעך: „אויב אונדז איז באַשערט אומצוקומען, זאָל זשע ניט בלײַבן לעבן קיין איינער פֿון אונדזערע פֿײַנט. ווען מיר וועלן ניט זײַן, קאָנען זיי דאָך אויסקוילען אונדזערע פֿאַמיליעס און זיגן". וועגן דעם, וואָס פּאַריזש האָט איבערגעלעבט אין יענע טעג, גיט אַ פֿאָרשטעלונג אַ בריוו,

וואָס די אויבנ דערמאָנטע מאדאם זשוליענ האָט געשריבנ צו איר מאנ דעם צווייטנ סענטיאַבער, דעם טאָג, ווענ די פאריזשער איינוווינער האָבנ אָנגעהויבנ זייער מישפעט איבער די קאָנטררעוואָליוציאָנערנ, צו פאַר-טיידיקנ דערמיט גופא די קאָמונע.

„....צו מיטיק-צייט שיסט א קאנאָנ צו אליארם, עס קלינגט דער אליארם-גלאָק, די פויקנ פויקנ אויס דעם גענעראל-מארש... די פאטעטישע פראָקלאמאציעס פונ דער שטאָט-פארוואלטונג האָבנ געווענדט די אופ-מערקזאמקייט פונ פאָלק אפ איינ פונקט אונ האָבנ גערירט זיינ הארצ: „איילט צו הילפ אייערע ברידער. צום געווער, צום געווער!“ יעדער איילט, לויפט. קורצ גערעדט, היינט אינ אָוונט טרעטנ ארויס 40 טויזנט מאנ, וואָס ווילנ זיכ ווארפנ אפ די פרייסנ. בא ווערדענ אָדער נאָכ וויי-טער, איבער זיי וועלנ זיכ רוק: פאָרויס. די קאמפ-לוסט, וואָס האָט ארומ-גענומענ די פאריזשער איינוווינער, איז ווונדערלעכ: פאָטערס פונ פא-מיליעס, פאָשעטע בירגער, סאָלדאטנ, סאנקיולאָטנ, — אלע נעמענ זיכ צום געווער. דאָס פאָלק האָט געזאָגט: „מיר לאָזנ אינ דער היים אונדזערע פרויענ, אונדזערע קינדער צווישנ אונדזערע פיינט; לאָמיר צוערשט אָפרייניקנ פונ זיי דעם באָדנ פונ דער פרייהייט“...

...הער אויס די איינצלהייטנ, וואָס עס גיבנ מיר איבער 6 מו-ליערס, וועלכע קומענ פונ דער ארבעט. שטייענדיק פאר דער געפאר, אז אינ פאל פונ א געלונגענער פארשווערונג אָדער ווענ די פרייסנ וועלנ צוקומענ, וועלנ די ארעסטירטע פונ די טורמעס ארויספאלנ אפ אונדז, האָט דאָס פאָלק אויסגעוויילט די ריכטער אלס זיינע באגליי-טער אונ איז מיט זיי ארומגעגאנגענ אינ די טורמעס. מע האָט בא-טראכט אלע ליסטעס פונ די א"עסטירטע: עס זיינענ דערהארגעט געוואָרנ אלע גאנאָווים אונ פאלשמינצער; עס זיינענ באפרייט גע-וואָרנ די, וואָס זיינענ ארעסטירט געוואָרנ פאר פארשייטקייט; יונגע-לייט, ארעסטירטע פאר לייכטזיניקע מייסים, זיינענ ארייגענומענ גע-וואָרנ אינ אָטריאַד, אזויארום זיינענ אָפגערייניקט געוואָרנ אלע טור-מעס, אפילע די טורמע ביסעטר, ווו עס איז נאָכ ניט אלצ פארענדיקט געוואָרנ. די נאציאָנאלע זשאנדארמעריע אונ די אנדערע מיליטער-טיילנ האָבנ געזאָגט די בירגער: „כאווערים, מיר לאָזנ אייכ איבער אונ-דזערע פרויענ, אונדזערע קינדער, פארטיידיקט זיי קעגנ די אינער-לעכע סאָנים, וואָס קאָנענ זיי דערהארגענענ אינ דער צייט, ווענ

מיר וועלנ זייַנ ווייַס, קעדיי צו באַקעמפנ אונדזערע סאָנימ. אָט די נייַע עקזעקוציע פונ דער גרויזאַמער אונ באַרבאַרישער יוסטיצ איז פאָרגעקומענ, ווי מע זאָגט, מיט אומגעווייַנלעכער רו. א סאַכ גאַלאָכימ זייַנענ געפאַלנ א קאָרבנ פונ דער פאָלקס-נעקאָמע. די דאָזיקע מוליערס האָבנ געזוענ באַ די טויערנ פונ טורמע בערג מיט טויטע קערפערס"...

9

די געשעענישנ פונ 2־טנ סענטיאַבער זייַנענ געווענ געווענדט ניט בלויז קעגנ די פריַיסנ, נאָר אויכ קעגנ דער אינערלעכער קאָנטררעוואָליוציע. אינ געשטאַלט פונ איר אופזיכט־קאָמיטעט, אונטער מאַראַטס אָנפירונג, האָט די קאָמונע געשטרעבט אָפצוריייַניקנ די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג. זי האָט געמיינט די זשיראָנדיסטנ. לויט דער באַשטימונג פונעמ אופזיכט־קאָמיטעט איז באַשלאָסנ געוואָרנ צו מאַכנ אַנ אונטערזוכונג באַ בריסאָ; זייַנע פאַפירנ האָט מענ איבערגעריַיעט. נאָכמער: דעמ 3־טנ סענטיאַבער האָבנ זיכ די רעוואָליוציאָנערנ אַרייַנגעריסנ אינ אינערנ-מיניסטעריומ מיט א מאַנדאַט צו אַרעסטירנ ראָלאַנענ. דאַנטאָנ האָט אימ געראַטעוועט. אינ א געוויסער צייַט אַרומ האָט ער דערמאָנט פעטיאָנענ: „איר ווייסט, וואָס זיי האָבנ געוואָלט טאָנ? מאָלט אייַכ, זיי זייַנענ געקומענ מיט א מאַנדאַט צו אַרעסטירנ ראָלאַנענ. נו, אָט א ווילדער קאָמיטעט! איכ האָב צוגענומענ דעמ מאַנדאַט. אויסגעצייכנט! אָט איז ער, — האָב איכ זיי געזאָגט, — אָבער מיר קאָנענ ניט דערלאָזנ אַזוינע מייַסימ. צומ טייַוול, אַזוי פירנ זיכ בענעגייע א מיטגליד פונ אויספיר־ראַט! איכ האָב געפרוווט אייַנגעבנ זיי סייכל".

די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט זיכ פאַרטיידיקט מיט אקשאָנעס. זי האָט געפאָדערט פונ דער קאָמונע אָפצוהיטנ די אומבאַרירלעכקייַט פונ פערזאָנ אונ דעמ פאַרמעגנ פונ די בירגער.

די פאַקטיק, וואָס די געשעענישנ האָבנ אונטערגעזאָגט דאַנטאָנענ, איז געווענ קלאָר. ניט ער אונ ניט קיינער פונ די זשיראָנדיסטנ, אַפילע פונ די סאַמע מעסיקע, האָט ניט געוואַגט אַנטקעגנשטעלנ זיכ דער רעוואָליוציאָנערער יוסטיצ, כאָטש שפּעטער האָבנ זיי אַרופגעוואָרפנ די שולד איינער אפנ אַנדערנ. די אופגאַבע איז באַשטאַ־

נענ נאָר אינ באהערשנ דעמ אופשטאנד אונ אָפציִענ דאָס פֿאָלק פֿונעמ קאמפֿ פֿאר דעראָבערנ די מאכט צומ „פאטריִאָטישנ לינטש־געריכט“, אינ נאָמענ פֿונ פֿארטיידיקנ דאָס פֿאָטערלאנד.

דעמ 2־טנ סענטיאבער, 9 אזייגער אינדערפֿרי, האָט דאנטאָנ געפֿאָדערט, אז די בירגער זאָלנ זיכ צונויפֿקומענ אפֿנ מארס־פֿעלד. „ווי? — האָט אויסגעשריִענ איינער פֿונ די, וואָס זײַנענ בײַגעווענ בא דער דאָזיקער פֿאראָרדענונג, — אינ אזא מאָמענט א געזעמל אפֿנ מארס־פֿעלד? דאָס וועט דאָכ איבערגעבנ פֿאריזש אינ די הענט פֿונ די באנדעס!“ ניינ, — האָבנ געענטפֿערט דאנטאָנס פֿרײַנד, — פֿארקערט: דער מיניסטער וויל דערמיט אָפציִענ די מאסנ“. ווענ פֿריודאָמ, א באוווסטער פאטריִאָט — א זשורנאליסט, האָט געפֿאָדערט פֿונ דאנטאָנענ, ער זאָל אָנעמענ מיטלענ קעגנ די לינטש־געריכטנ, האָט דער מיניסטער דערווידערט: „יעדעס מיטל פֿונ בארויִקונג איז אומנוצלעכ. די סינע פֿונ פֿאָלק האָט אירע גרענעצנ. ארײַנמישנ זיכ איז געפֿערלעכ. ווענ דאָס פֿאָלק וועט אָנזעטיקנ זײַנ סינע, וועט מענ אימ קאָנענ אײַנגעבנ סייכל“. דעמ 3־טנ סענטיאבער, אינ סאמע רעכטנ ברענ פֿונ דער באוועגונג, באמ מיטיק מיט בריסאָ אונ זשאנסאָנע, האָט ער געזאָגט א דעלעגאציע פֿונ פֿאריזשער אײַנוווינער, וואָס זײַנענ געקומענ צו אימ פֿרעגנ וואָס צו טאָנ מיט 80 ארעסטירטע אינ דער טורמע לאפֿאָרס: „טוט, ווי איר פֿארשטייט“, אונ האָט זיי דערלאנגט בראָנפֿנ.

ערשט נאָכ דעמ ווי דער צוועק איז דערגרייכט געוואָרנ, האָט דאנטאָנ פֿעסט אונ אנטשלאָסנ, צומ אונטערשייד פֿונ אלע איבעריקע אפ כויט-דערשראָקענע מיניסטאָרנ, פֿאָרגעלייגט אָנצונעמענ מיטלענ צו אָפשטעלנ די באוועגונג. ווענ איינער פֿונ די בײַוועזנדיקע, טעאָפֿיל מאנדא, דער אָנפֿירער פֿונ דער סעקציע טאמפל, האָט זיכ פֿאר אימ געקלאָגט אפ די פאכריִאָטנ, האָט אימ דאנטאָנ שארפ א קוק געגעבנ אינ די אויגנ אונ האָט קאלט באמערקט: „פֿארמאכ דאָס מויל, דאָס איז געווענ נייטיק!“

אזוי האָט דאנטאָנ באהערשט די באוועגונג, וואָס האָט, דאכט זיכ, געמוזט ברענגענ צומ זיג פֿונ דער רעוואָליוציאָנערער דיקטאטור נאָכ א סאכ כאדאָשימ פֿאר דער „דריטער רעוואָליוציע“ כונ צווייטנ יונ 1793.

די סענטיאבער-טעג זײַנען דורכ װי א שטורעם איבערנ גאנצנ לאנד. ניט בלויז אינ פאריזש, נאָר אויכ אינ שאלאָנ, אינ אָרלעאנ, אינ רײמס, — אומעטום האָבנ די פאָלקס־מאסנ געפרווט דערפירנ ביזנ סאָפ די רעוואָליוציע פונ 10־טנ אווגוסט. אינ רײמס האָבנ די ארבעטער־וועבער פונ די פאָרשטעט אָרגאניזירט באטאליאָנען פרײַ־וויליקע צו אָפווערנ דעמ דראנג פונעמ פײַנט, וואָס איז ארײַנגע־טראָטנ אינ די גרענעצנ פונ שאמפאנ.

אינ דער אטמאָספער פונ דער רעוואָליוציאָנערער סרײַפע האָט פראנקרײַכ געוויילט דעפוטאטנ אינ קאָנווענט. די פארלאמענט־וואלנ זײַנען דעמלט געווענ א רעוואָליוציאָנערער אקט. אײנער פונ די אויס־געווײלטע קאָנווענט-מיטגלידער פונ רײמס, פריער, שילדערט אזוי די פארזאמלונג פונ די וואלמענער: „אָנשטאָט א גלאָק, ליגט פארנ פאָרזיצער אפנ טיש אנ אָנגעלאָדענע צווײ־רעריקע ביקס. טאָמער קומט צו דער סוינע, זאָל ער זײַנ גרײט א וואָרפ צו טאָנ זיכ אינ די רײענ פונ די העלדנ, וואָס קומענ צו גײנ פונ אלע זײַטנ אונ פילנ אָנ די שטאָט. די נאָענטקײַט פונ דעמ סוינע, — ער געפינט זיכ פיר מײַל פונ שטאָט, — די אָנוועזנהײַט פונ דער פארזאמלונג, וואָס זיצט טאָג אונ נאכט, דער פאלשער אליארמ, וואָס פארשפרײט זיכ יעדע מינוט, די אופרעגונג פונעמ פאָלק צווישנ אזוינע געפארנ, די אופרעגונג, וואָס ווערט אונטערגעהיצט פונ דעמ מאנגל אינ דערנערונג, די שכילע אינטריגעס מיצאד די פײַנט פונ דער רעוואָ־ליוציע, — איז גרײט ארויסגורופנ אינ שטאָט א סרײַפע".

די פראנצויזישע אײגנטימער זײַנען געווענ אינ טויטשרעק פונ די געשעענישנ. זײ האָבנ געשיקט קײנ פאריזש בעסיקע בורזשוא, וואָס האָבנ אינ זײער מערהײַט געטרויכט ווענג אײַנצאמענ די רעוואָליוציע. נאָר די מינדערהײַט דעפוטאטנ פונ לאנד האָט געבילדעט דעמ רעוואָ־ליוציאָנערנ טײל פונ דער פארזאמלונג. אנדערש איז געווענ אינ פא־ריזש. כאָטש דער אופשטאנד פונ 2-טנ—3-טנ סענטיאבער האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ, האָבנ די סעקציעס דאָכ אויסגעווײלט אנטשײדענע פא־טריאָטנ. דאנטאָנ האָט געשריבנ דערצו, אז די וואלנ אינ פאריזש זאָלנ ברענגענ צומ פארפעסטיקנ דעמ בונד צווישנ די מעסיקע אונ די

עקסטרעמע דעמאָקראטנ. ער האָט געוואָלט דורכפירנ אינ קאָנווענט גלײַכצײַטיק פעטיאָנעס און ראָבעספיערנ. דאנטאָנ אליינ איז אויסגעווילט געוואָרנ מיט אנ איבערוועגנדיקער מערהײַט שטימענ; פונ 700 וויילער האָבנ פאר אים געשטימט 638. צוזאמענ מיט אים זײַנענ דורכגעגאנגענ אלע זײַנע פרײַנט.

11

דאנטאָנס טאקטיק אינ קאָנווענט האָט באשטימט דער עצם באשטאנד פונעם פארלאמענט. אינ דער פארזאמלונג איז געווענ וויניקסטנס 165 זשיראָנדיסטנ, און א היפשער טייל פונ זיי האָט געהערט צום רעכטנ פליגל. די מאָנטאניארנ זײַנענ דערווײַל געווענ שוואכ; זייער קראפט איז געווענ אינ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פונ די פאָלקס-מאסנ פונ די פאָרשטעט. דער שווערפונקט פונ קאָנווענט איז געווענ אינ דער צאָלרײַכער פראקציע וואקלדיקע דעפוטאטנ פונ כאָל, — דעפוטאטנ פונעם „זומפ". די דאָזיקע דעפוטאטנ פונעם „זומפ", — בורזשוא, אָנגעשראָקענע פונ דער רעוואָליוציע און פונ די פאראכנ פונ דער קיניגלעכער מאכט,ווארטנ אויס, קוק: זיכ צו. איינער פונ זיי, דיוראנ דע מאיאנ, האָט געשריבנ וועגנ זײַנע אידייענ-כאווירים: „ווי איכ, פלעגנ זיי שטענדיק בלײַבנ אומבאוועגלעכ בא שלעכטע דעבאטנ". „שלעכטע דעבאטנ" זײַנענ פאר זיי געווענ די סאמע שטורמישע רעוואָליוציאָנערע טעג פונעם קאָנווענט.

דאנטאָנ האָט געפרוווט געווינענ די סימפאטיעס פונ דער דאָזיקער פאָרמלאָזער מאסע דעפוטאטנ. ער איז געווענ זייער העלד. ער האָט זיכ געשטיצט אפ זיי, ווענ ער האָט געשטרעבט צו מאכנ שאָלעמ צווישנ די זשיראָנדיסטנ און די מאָנטאניארנ. אינ די סענטיאבער-טעג, נאָכ דעמ ווי דער פרווו פונ א פאָלקס-אופשטאנד איז אראָפגעריסנ געוואָרנ בא זײַנ אקטיוונ אָנטייל, האָט ער באם עפענענ דעמ קאָנווענט באשלאָסנ פארעפנטלעכנ זײַנ פאָליטישע פלאטפאָרמ — די פלאטפאָרמ „פונ א קלוגשאפטלעכנ רעוואָליוציאָנער". ווענ טאליענ, א מיטגליד פונ יאקאָבינישנ קלוב, האָט פאָרגעלייגט די דעפוטאטנ געבנ א שווּער, אז זיי וועלנ ניט פארלאָזנ זייער פאָסטנ ביזוואנענ זיי וועלנ ניט אויסארבעטנ קיינ נײַע

קאָנסטיטוציע „אפנ באָדנ פונ גלײַכהײַט אונ פרײַהײַט“, — האָט אים דאנטאָנ געשטיצט. ער האָט געמאָלדנ, אז די אופגאבע פונ דער פאַר־זאמלונג באשטײט אינ אויסארבעטנ א קאָנסטיטוציע, וואָס „די מערהײַט גרונט־פארזאמלונגענ זאָל זי אָנעמענ כעקסטועל אונ בא א נאָמענט־לעכער אָפשטימונג“. לעגאלקײַט — דאָס איז געווענ זײַנ פאָליטישע פראָגראם. ער האָט באשײדנ באמערקט, אז ער זאָגט זיכ אָפ פונ זײַנע פולמאכטנ פונ א מיניסטער אונ טרעט ארויס פארנ קאָנווענט נאָר אלס „באפולמעכטיקטער פונעם פאָלק“. דער געזעצ אונ די קאָנסטיטוציע — אָט דאָס איז די גאראנטיע פונעם ניצאָכנ. וועגנ דעם דארפ דער קאָנווענט מעלדנ דעמ פאָלק: „דעמלט וועלנ פארשווינדנ ווערנ אלע פאלשע געשפענסטער פונ דער דיקטאטור, די אומגעלומפערטע קלאנגענ וועגנ א טריומוויראט, — אָט די גאנצע פלוידערײַ, וואָס איז צוגעטראכט געוואָרנ צום אָנשרעקנ די מאכנ, — ווײַל אלס א קאָנסטיטוציאָנעלער געזעצ וועט אנערקענט ווערנ נאָר דאָס, וואָס דאָס פאָלק אליינ האָט אָנגענומענ“.

מע האָט באדארפט מיט וואָס־עס־איז בארויִקנ דאָס פאָלק, דאָס זעלבע פאָלק, וואָס הינטער די ווענט פונ קאָנווענט, אפ די טריבונעס פונ דער פארזאמלונג, האָט עס זיכ אויפמערקזאם אונ שטרענג צוגעהערט צו די ארויסטרעטונגענ פונ די נײַע דעפוטאטנ. דאנטאָנווארפט אים א האנאָכע: „דער געזעצ דארפ באשטראָפנ אלע שולדיקע, אונ דעמלט וועט דאָס פאָלק זײַנ אינגאנצנ צופרידנ“ (אפלאָדיסמענטנ).

חער האָט אפלאָדירט? די בורזשוא, וואָס האָבנ געטרוימט, אז דער געזעלשאפטלעכער געריכט וועט זײ באפרײַענ פונ דעם נײַעם רעוואָליוציאָנערנ לינטש־געריכט, צי די כאנקיולאָטנ, וואָס האָבנ געהאלטנ, אז דאנטאָנ זאָגט זײ צו דעם זיג פונעם רעוואָליוציאָנערנ געזעצ? ווי עס ווײַזט אויס, האָבנ אפלאָדירט סײַ די כײַ יענע, אָבער נית וועגנ די סאנקיולאָטנ האָט זיכ געהאנדלט. זײ זײַנענ צײַטווײַליק בארויִקט געוואָרנ, אָבער די אײַגנמיכער, די דעפוטאטנ פונ „סאָל“, — זײ האָט מענ באדארפט צוציִענ אפנ צאד פונ פאָלק, בארויִקנ זײ, פארזיכערנ זײ, אז די רעוואָליוציע איז אינ „קלוגשאפטלעכע“ אונ שטארקע הענט. צו זײ זײַנענ געווענדט דאנטאָנס פאָלגנדיקע קלאָרע ווערטער: „פילע, אפילע די סאמע ערלעכע בירגער, האָבנ ארויסגעדריקט זײער מוירע, אז די היציקע פרײַנט פונ דער פרײַהײַט קאָנענ ברענגענ א שרעקלעכנ שאָדנ

דער בעזשעשאפטלעכער אָרדענונג, מאַכן איבערגעטריבענע אויספירן פון זייערע פרינציפן. אַלזאָ, לאָמיר זיך אָנטשיידן דאָ אָפּזאָגן פון אַלערליי עקסטרעמען. לאָמיר פּראָקלאַמירן, אַז יעדעס אייגנטום — ערד־אייגנטום, פּערזענלעכן אייגנטום, אינדוסטריעל אייגנטום — דאַרף אַף אייביק בלייבן אומבאַרירט" (שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן).

די אייגנטימער פריידן זיך, זיי זיינען רויִק. אָבער דאַנטאָן פאַרגעסט ניט דעם צווייטן פאַרבינדעטן. ער גיט אַ וואָרף די טריבונע: „לאָמיר ווייטער דערמאָנען, אַז מיר דאַרפן אַלץ רעווידירן, אַלץ אַרויסגעבן פונדאַסניי און אַז די רעכט־דעקלאַראַציע גופא איז ניט גאָר פריי פון פעלערן, און דאָס עמעס פרייע פאָלק דאַרף זי אויך רעווידירן" (אַ נייער אויסברוך פון אַפּלאָדיסמענטן). איצט האָבן אַפּלאָדירט די סאַנקיולאָטן: זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אין די דאָזיקע ווערטער שטעקט אַ צוזאָג צו רעווידירן די רעכט־ דעקלאַראַציע אין די אינטערעסן פון די אָרבעטנדיקע מאַסן.

דאַנטאָנס רעדע האָט געמאַכט אין קאָנווענט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. קאָנדאָרסעס צייטונג האָט אויסגעדריקט די אַלגעמיינע מיינונג פון דער בורזשואַזיע, ווען זי האָט געשריבן דעם 23־טן סעפּטעמבער: „דער בירגער דאַנטאָן איז אויסגעקראָכן אַלס יוסטיץ־מיניסטער. ער האָט גערעדט אייערנעכטן ווי אַ גערעכטיקער מענטש. די ערנלאָזע בירגער וועלן ניט וואַגן צו האַלטן אים פאַר זייערן". איינער פון די מעסיקע, אַ דעפּוטאַט פונעם דעפּאַרטאַמענט, באָזש, האָט געשריבן דעם 28־טן סעפּטעמבער צו זיינע פריינט: „מיך האָבן פאַרוווּנדערט דאַנטאָנס העלדנטאַטן. דער דאָזיקער מענטש פאַרמאָגט אַ גלענצנדיקע און אַ שיינע רעדנער־קונסט, ער האָט געאָפּערט זיין מיניסטאָרן־שטעלע צו ווערן אַ דעפּוטאַט פון קאָנווענט. דער דאָזיקער שריט וועט אים באַרשאַפן ניט ווייניק ערע! ביז איצט איז דאָס דער איינציקער רעדנער אין קאָנווענט, וואָס האָט מיך פאַרוווּנדערט".

פון דער זייט זיינע דאַנטאָנס פּאָזיציעס, דאַכט זיך, געווען פאַרפעסטיקט. מע האָט געדאַרפט גיכער פאַרפעסטיקן די פּאָזיציעס פון דער אַנדערער זייט. אַם מאָרגן האָבן די קאָמיסאַרן פון אָרלעאַן מיטגעטיילט באַם באַריכט פון קאָנווענט וועגן די אומאָרדענונגען אין זייער שטאָט. דאָס פאָלק האָט באַשולדיקט דעם מאָנאַרכיסטיש־געשטימטן מוניציפּאַליטעט אין ספּעקולירן מיט טווּע. דאָס ראַטהויז פון אָרלעאַן האָט

געגעבנ א באוואָפנטנ ווידערשטאנד דעמ פאָלק. דאנטאָנ האָט גענומענ אונטער זײַנ שוצ די אינסורגענטנ. „אויב עס וועט דערוויזנ ווערנ,—האָט ער געזאָגט, — אז די מוניציפּאלנ פונ אָרלעאנ האָבנ געפּרוווט טאָנ דאָס, וואָס דער דעפּארטאמענט פונ פּאריז האָט געוואָלט טאָנ דעמ 20-טנ יונ, זאָלנ זײערע קעפּ פאלנ אונטער די קלעפּ פונעמ שווערד פונעמ געזעצ”.

ווער האָט עס נאָכ אזא ארויסטרעטונג געקאָנט כוישעד זײַנ דאנ־טאָנענ, אז ער וויל אײַנרײַסנ מיט דער קאָמונע, מיט די דעמאָקראטישע סעקציעס פונ פּאריז? זײַנע דעמאָקראטישע סימפּאטיעס זײַנענ געווענ זיכער. דעמ זעלבנ טאָג איז אינ קאָנווענט באהאנדלט געוואָרנ די פראגע וועגנ אויסוויילנ ריכטער, אונ דאנטאָנ האָט געשטיצט דעמ פאָרשלאָג פונ דעמ אמעריקאנישנ פּאטריאָט טאָמאס פּענ וועגנ דעמאָקראטיזירנ די אָרדענונג פונ געריכט. אלײנ אנ אדוואָקאט, האָט ער געוווסט, אז דער געריכט־שטאנד איז א פאָלקס־פײַנטלעכע קאסטע. „דעמ פאָלק,—האָט דאנ־טאָנ באהויפּט, — דארפ געגעבנ ווערנ דאָס פולקומע רעכט אויסצוויילנ זײַנע באאמטע. די ריכטער דארפנ ניט האָבנ קײנ שומ ספּעציעלע בילדונג; א ריכטער קאָנ זײַנ יעדער ערלעכער בירגער”.

אזוי האָט דאנטאָנ ענערגיש געפּרוווט אײַנהאלטנ זיכ אפּ זײַנע פּאָליטישע פּאָזיציעס איבער דעמ געראנגל פונ די גרונט־קרעפטנ פונ דער רעוואָליוציע. וועט זיכ אימ דאָס אײַנגעבנ?

12

אינעמ אויספיר־ראט איז דאנטאָנ נאָכ אלצ די צענטראלע פיגור. דער זשיראָנדיסט ראָלאנ איז פארנומענ מיט פּרײַדיקנ מאָראל. מאָנזש איז גרײט טאָנ, וואָס דאנטאָנ הײסט נאָר. אָט דער געלערנטער ענטפערט אפּ אלע טײַנעס: „אזוי וויל דאנטאָנ! אויב איכ וועל ניט אײַנשטימענ, וועט ער מיכ הײסנ אופהענגענ”. דאנטאָנ איז ניט נאָר יוסטיצ־מיניס־טער, ער פירט אויכ פאקטיש אָנ מיט דער אויסערלעכער פּאָליטיק. ער גיט די ריכטונג לעברענס טעטיקײַט. אינעמ קריגס־מיניסטעריומ איז ער סערוואנס נאָענטסטער אונ אקטיווער געהילפ, ווײניקער פאר אלנ ארבעט ער אינ זײַנ יוסטיצ־מיניסטעריומ. אונ סאָפּקאָלסאָפּ, וואָס פאר א באדײַ־טונג האָט אָט דאָס מיניסטעריומ אינ אזוינע שטורמישע טעג? דאנטאָנ

קראפט און ענערגיע אנטשײדט אלצ, זי שאפט אימ רומ און פארפעס-
טיקט זײַנ מאכט. א רעוואָליוציאָנערער פירער, שטײט ער אינ דער
שפיצ פונ דער רעוואָליוציע אויכ נאָכנ 11־טנ אָקטיאבער, ווענ ער גײט
ארויס פונעמ אויספיר-ראט. דעמ 23-טנ סעפטיאבער, ווענ עס האָט זיכ
געשטעלט די פראגע וועגנ באזײַטיקנ דעמ גענעראל מאָנטעסקיו, האָט
דאנטאָנ געמאָלדנ פײַערלעכ בא אלגעמײנע אפלאָדיסמענטנ פונ
דער פארזאמלונג: „ס'איז געקומענ די צײַט ארויסצוזאָגנ זיכ וועגנ באזײַ-
טיקנ מאָנטעסקיו. מיר דארפנ זײַנ גרויזאמ. מע דארפ האָבנ א ווילנ
צומ אײַנהיטנ די פרײַהײַט". אינ א טאָג ארומ האָט ער געפאָדערט אינ
קאָנווענט אָפשיקנ גיכער די פרײַוויליקע: „זאָל דער פײַנט וויסנ, אז עס
איז פאראנ א נאציאָנאלער קאָנווענט. ביז איצט איז דאָכ נאָכ גאָרנישט
געטאָנ געוואָרנ צו געבנ צו פארשטײנ דעמ פײַנט, אז די נאציע האָט
אונדז געגעבנ קאָלאָסאלע פולמאכטנ. פריִער פאר אלצ דארפנ מיר האָבנ
א באוואָפנטע קראפט!"

אָבער דאנטאָנס דערפאָלג גופא מוז אימ אומפארמײַדלעכ ברענגענ
צומ פאלנ. די באגײַסטערטע געשרײענ פונ די בורזשוא דארפנ אונדז
ניט נארנ. דאנטאָנס קראפט איז געלעגנ אינ דער שטיצע פונ די אונ-
טערשטע פאָלק-שיכטנ. אָבער גראָד דאָס האָט געשראָקנ די בורזשואזיע.
זי האָט ניט דערווידערט אינ אווגוסט-סעפטיאבער 1792, ווענ דער טרי-
בונ האָט מיט אלע מיטלענ אײַנגעהאלטנ די פאָלקס-מאסנ. זי האָט זיכ
געשעצט זײַנע פארדינסטנ, באזונדערס נאָכ דער שלאכט בא מאל-
ווי, ווענ דער רעוואָליוציאָנערער אויפברויז פונ די פראנצויזישע מאסנ
האָט אָפגעשטעלט די באוועגונג פונ דער ארמײ פונ דער אײראָפײִשער
קאָאליציע און האָט געהאלטנ באמ אָפווארפנ דעמ סוינע אפ יענער
זײַט גרענעצ פונ דער פראנצויזישער טעריטאָריע. אָבער ווײַטער? דאנ-
טאָנס דואליסטישע פאָזיציע האָט געקאָנט ברענגענ דערצו, אז די פלע-
בײִשע מאסנ זאָלנ אימ צווינגענ צו האנדלענ אינ זײערע אינטערעסנ
אָדער אָפווארפנ אימ און אײַנשטעלנ א רעוואָליוציאָנערע דיקטאטור.
פונדאנענ שטאמט דער פארבאָרגענער האס צו דאנטאָנענ מיצאד דעמ
טײל זשיראָנדיסטנ, וואָס אינ דער שפיצ פונ אימ שטײט ראָלאָנ.

דער פאלנ ראָלאנ און זײַנ פרוי, די בארימטע מאדאמ ראָלאנ, דאָס
הארצ און דער קאָפ פונ דער זשיראָנדיסטישער פאָליטיק, האָבנ פאראכט
דעמ „דעמאגאָג" דאנטאָנ פאר זײַנע פארבינדונגענ מיט די פלעבײַענ

פונ די פאריזשער פאָרשטעט. מאדאם ראָלאנ האָט געוואָלט, אז מיט דער רעוואָליוציע זאָלנ אָנפירנ סאָלידע בורזשוא און די גלענצנדיקע פאָליטיקער פונעם האנדל-אינדוסטריעלנ פראנקרײַכ. פאנאטיש געטרײַע דעם אידעאל פונ א בורזשואזער געזעלשאפט: גאדע, בארבארו, ביוזאָ. די זעפּטיאבער-טעג האָבנ איר באוויזנ, פאר וואָס א פרײַז דאנטאָנ האָט געקויפט זײַנ ניצאָכנ. מאדאם ראָלאנ האָט מוירע פאר אים, זי און אלע אירע פרײַנט האָבנ געטרוימט וועגנ באזײַטיקנ דאנטאָנענ צוזאמענ מיט אלע פירער פונ די פאריזשער סעקציעס. דער זשיראָנדיסט ביוזאָ האָט אינ נאָמענ פונ די מעסיקע געפאָדערט אינ קאָנווענט, מע זאָל שאפנ א דעפּארטאמענט-גווארדיע צו באשיצנ דעם פארלאמענט קעגנ די רעוואָליוציאָנערע מאסנ. די דאָזיקע פאָדערונג האָט אינ דער זעלבער צײַט באדארפט אויסדריקנ דעם אומצוטרוי פונ די זשיראָנדיסטנ צו פאריזש אלס צענטער פונ דער רעוואָליוציע. דעם 24-טנ סעפּטיאבער האָט דער קאָנווענט, אונטער דער ווירקונג פונ די זשיראָנדיסטנ, באשלאָסנ צו באשטימענ 6 קאָמיסארנ, זיי זאָלנ צושטעלנ א באריכט וועגנ דעם צושטאנד פונ דער רעפּובליק און פונ פאריזש, א פּראָיעקט פונ א געזעצ קעגנ מאָרדנ און א באריכט וועגנ די נייטיקע מאָסמיטלענ צו שאפנ א באוואָפנטע קראפט פונ די דעפּארטאמענטנ. דאָס האָט געהייסנ דערקלערנ קריג פאריזש, די סעקציעס און דאנטאָנענ, וואָס איז נאָכ דערווײַל געווענ שטארק אראנק דער שפּיצע פונ די סעקציעס.

13

דער שטורעם האָט אויסגעבראָכנ אפ דער זיצונג פונ קאָנווענט דעם 25-טנ סעפּטיאבער. מארלענ דע טיאָנוויל האָט געפאָדערט, מע זאָל אָפּשאפנ דעם אָנגענומענעם דעקרעט. ער האָט מיטגעטיילט דעם קאָנווענט, אז דער מעסיקער זשיראָנדיסט לאסורס האָט אים דערציילט וועגנ א פּראָיעקט אײַנצושטעלנ א דיקטאטור פונ ראָבעספּיער, דאנטאָנ און מאראט. אָנשטאָט צו איבערכאזערנ עפנטלעכ זײַנע באשולדיקונגענ, איז לאסורס ארויסגעטראָטנ מיט א דעקלאראציע קעגנ דעם רעזשים פונ רעוואָליוציאָנערנ טעראָר. דאנטאָנ האָט זיכ באנוצט מיט לאסורס ארויסטרעטונג און האָט געזאָגט: „א גליקלעכער טאָג פארנ פאָלק, א גליקלעכער טאָג פאר דער פראנצויזישער רעפּובליק, א טאָג, וואָס

וועט ברענגענ מיט זיכ ברידערלעכע דערקלערונגענ אינ דער דאָזיקער פארזאמלונג גופע... אויב עס זײַנענ פאראנ שולדיקע, אויב ס'איז אינ דער ווירקלעכקײַט פאראנ אזא ערנלאָזער מענטש, וואָס וויל דעספּאָטיש הערשנ איבער די פאָלקס-פאָרשטייער, זאָל זײַנ קאָפּ פאלנ אפנ עשא-פאָט, ווי נאָר זײַנ פארברעכנ וועט אופגעדעקט ווערנ. דאָ רעדט מענ וועגנ דיקטאטור, וועגנ א טריומוויראט. אזוינע באשולדיקונגענ דארפנ ניט זײַנ אומבאשטימט אונ אומבאגרינדעט. דער, וואָס האָט געוואָרפנ אזא באשולדיקונג, דארפ זיכ אונטערשרײַבנ אונטער איר. איכ וואָלט זיכ ניט פארטראכט צו טאָנ דאָס, אפילע ווענ מײַנ דערקלערונג זאָל קאָסטנ דאָס לעבנ מײַנ בעסטנ פרײַנט". דאנטאָנ האָט געטײַנעט, אז עס איז פארברעכעריש צו באשולדיקנ אים אינ דער שטרעבונג פונ פערזענלעכער דיקטאטור, אָבער ער האָט אויסגעצייכנט פארשטאנענ, אז עס האנדלט זיכ וועגנ דער דיקטאטור פונ די רעוואָלוציאָנערע אונטערשטע פאָלק-שיכטנ. דעריבער האָט ער זיכ ניט זשענירט אונ איז גרייט געווענ ארויסגעבנ מאראטנ דער פארזאמלונג פונ פארביטערטע בורזשוא. „איכ מיינ, — האָט ער געזאָגט, -- אז דאָס לעבנ אונטער דער ערד, ווו מאראט האָט געמוזט זיכ אויסבאהאלטנ, האָט פארביטערט זײַנ נעשאָמע... אָבער לאָמיר ניט באשולדיקנ דעם גאנצנ באשטאנד פונ דער פאריזשער דעלעגאציע אינעם קאָנווענט איבער צוויי-דרײַ ניטגלײַכגעוויכטיקע מענטשנ. וואָס אָנבאלאנגט מיר, געהער איכ ניט פאריזש, קיינער פונ אונדז געהערט ניט דעם אָדער יענעם דעפּארטאמענט. מיר זײַנענ בארופנ צו פארטיידיקנ די אינטערעסנ פונ גאנצ פראנקרײַכ". ער האָט פאָרגעלייגט דעם קאָנווענט ארויסצוגעבנ א געזעצ, וואָס דראָעט מיט טויט-שטראָפ יעדנ, ווער עס וועט פאָדערנ אײַנצושטעלנ א דיקטאטור אָדער ברעכנ די איינהײַט פונ פראנקרײַכ. ער האָט ווידער אונ ווידער אופגעפאָדערט די זשיראָנדיסטנ צו איינהײַט: „זאָלנ ציטערנ די עסטרײַכער, צוזעענדיק די דאָזיקע הייליקע אייניקײַט, זאָלנ ציטערנ די בונטאָווּשטשיקעס אינ לאנד אונ די געקרוינטע באנדיטנ, וואָס לייגנ ארופ אלע זייערע האָפענונגענ אפ אונדזערע מיינונגפארשיידנהײַטנ".

אָבער דאנטאָנס מי איז געווענ אומזיסט. די בורזשואזיע האָט די דאָזיקע איינהײַט ניט באדארפט. די בורזשואזיע האָט באדארפט האָבנ פולקומע געהאָרכזאמקײַט פונ די פאָלק-מאסנ. דאנטאָנס „קלוגשאפטלעכער זפאָרטוניזמ" האָט סאָפ סענטיאבער, אינ אָקטיאבער אונ נאָיאבער 1792

אנטפלעקט זײַנ גאנצע שוואכקײַט, זײַנ אומפײַקײַט צו באהערשנ די רעוואָליוציע אינ דעם כאָמענט, ווענ דער קלאסנקאמפ האָט געהאלטנ אינ אריבערוואקסנ אינ א בירגערקריג. דעם 29-טנ סענטיאבער האָט ער געשוואָרנ פונ דער טריבונע פונ קאָנווענט, אז ער איז גרייט צו אנערקענענ ראָלאנס פארדינסטנ. איבעריקנס, האָט ער באלד צוגעגעבנ בייז: „אָבער אויב איר לאדט איינ אים, לאדט אויכ אײַנ מאדאם ראָלאנ, ווײַל די גאנצע וועלט ווייסט, אז הער ראָלאנ איז ניט געווענ אליינ אינ זײַנ דעפארטאמענט. וואָס אָנבאלאנגט מיר, האָב איכ געהאנדלט אליינ".

דאָס האָט אויסגעזענ, ווי דאנטאָנ וואָלט וועלנ דערקלערנ א מילכאָמע די זשיראָנדיסטנ, אָבער דאָס איז גיכער געווענ א באווײַז אז פונ זײַנ לאגע איז ניטאָ קיינ אויסוועג אונ מע קאָנ זיכ ניט דערשלאָגנ קיינ שאָלעם.

די זשיראָנדיסטנ האָבנ געלאָזנ אינ גאנג באשולדיקונגענ קעגנ דאנטאָנס פערזענלעכער אָפירונג. זיי האָבנ אים פאָרגעוואָרפנ, אז ער האָט צוגענומענ פאר זיכ א טייל מיטלענ, וואָס זײַנענ געווענ אסיגנירט פאר דעם מיניסטעריום. דעם 28־טנ אווגוסט האָט די געזעצגעבערישע פארזאמלונג אסיגנירט דעם אויספיר-ראט 2 מיליאָנ ליווער פאר געהיימע הויצאָעס, רעכענענדיק אומגעפער, אז יעדעס מיניסטעריום וועט אויסגעבנ ביז 400 טויזנט ליווער. אינ נאָמענ פונ קאָנווענט האָט קאמבאָנ געפאָדערט א באריכט. ער האָט באהויפּט, אז דאנטאָנ האָט אויסגעגעבנ א טייל געלט אונ האָט ניט צוגעשטעלט קיינ באריכט־דאָקומענטנ. די זשיראָנדיסטנ האָבנ זיכ אָנגעכאפּט אָנ דער דאָזיקער באשולדיקונג. זיי האָבנ ניט געוואָלט נעמענ אינ אכט דאנטאָנס דערקלערונגענ; זיי האָבנ באדארפט האָבנ זײַנ קאָפּ, אונ ניט קיינ כעזשבוינעס. דאנטאָנ האָט זיי דערמאָנט די אויסערגעוויינלעכע אומשטענדנ, וואָס האָבנ געפאָדערט אויסערגעוויינלעכע הויצאָעס אינ אווגוסט אונ סענטיאבער: „דאָס פאָטערלאנד איז געווענ אינ געפאר, אונ איכ פלעג אָפט זאָגנ אינ אויספיר-ראט, אז מיר דארפנ אָפּגעבנ א באריכט נאָר וועגנ דער פרײַהײַט. מיילע, מיר האָבנ אײַכ אינגאנצנ געדעקט דעם דאָזיקנ כעזשבנ! איכ באהויפּט, אז איכ האָב צוגעשטעלט דעם ראט א רעכענונג פונ אלע מײַנע הוצאָעס אונ איכ מיינ ניט, אז עס זאָל קאָנענ אנטשטיינ וואָסער־עס-איז סאָפעק אינ מײַנ פּאָליטישער אופירונג".

אָבער ס'איז יאָ אנטשטאנען א סאָפּעק, און ער איז געבליבן ניט אופגעקלערט אין מעשעכ פון א סאַכ כאדאָשים. אינעם פּאָליטישן קאמפּ קעגן דאנטאָנען האָבן די זשיראָנדיסטן ניט איין מאָל געפאָדערט א באריכט וועגן די אויסגעגעבענע מיליאָנען, און דעם באריכט האָט'מען ניט געקאָנט צושטעלן, אגעוו, אויכ דערפאר, ווייל דער מיניסטער דאנטאָן האָט זיכ ברייט באנוצט מיט געלט אין זיין געהיימען קאמפּ קעגן דער קאָנטררעוואָליוציע און צום באצאָלן זיינע אגענטן. ס'איז כאראקטעריסטיש, אז די זשיראָנדיסטן האָבן דעמלט ארויסגערוקט קעגן אלע טוער פון דער קאָמונע א באשולדיקונג אין גנייוועס. פון 10־טן אווגוסט איז אין דער קאָמונע, געוויער — אינעם קאָמיטעט פאר אופזיכט, — געלעגן א סאַכ ווערטן. א באריכט וועגן די דאָזיקע ווערטן האָט עס געפאָדערט דער זשיראָנדיסטישער קאָנ־ווענט. די זשיראָנדיסטן האָבן אזויארום געפּרווט פארבינדן דאנ־טאָנס פערזענלעכן גוירל מיט דער קאָמונע, אפילע קעגן זיין ווילן.

דער טריבון איז געווען געצוווּנגען אריבערצוגיין אין א קאָנ־טראטאקע. דעם 16־טן אָקטיאבער, ווען מאנועל, דער געוועזענער פּראָקוראָר פון דער קאָמונע, האָט פאָרגעלייגט איבערצוגעבן די פראגע וועגן דער רעפּובליק צום אונטשיידן דעם פאָלק, איז דאנטאָן קאטע־גאָריש ארויסגעטראָטן קעגן דעם דאָזיקן „דעמאָקראטישן" מיטל: „דארפ מען דען האָבן וועלכע־עס־איז א ספּעציעלע פאָלק־סאנקציע צו פּראָקלאמירן די רעפּובליק? — האָט ער געפרעגט. — די רעפּובליק האָט באשטעטיקט דאָס פאָלק, די ארמיי, דער געני פון פרייהייט, וואָס ווארפט אָפּ אלע קיניגן". פאר די זשיראָנדיסטן איז דאָס געווען גענוג. אין צוויי טעג ארום האָט ראָלאן דעמאָנסטראטיוו צוגעשטעלט דעם קאָנווענט א כעזשבן פון אלע געהיימע הויצאָעס, וואָס ער האָט געמאכט אין די סעפּטיאבער־טעג. דאנטאָנס סוינע, דער זשיראָנדיסט רעבעקי, האָט אויסגעשריען: „זאָלן אלע מיניסטאָרן אָפּגעבן זייערע כעזשבוינעס, ווי ראָלאן, און אלץ וועט זיין אויסגעצייכנט". דאָס איז געווען אן ארויספאָדערונג צו דאנטאָנען. ער האָט זיכ א ריס געטאָן צו דער טריבונע און האָט געמאָלדן בא די אפּלאָדיסמענטן פון די מאָנטאניארן: „עס זיינען פאראן הויצאָעס, וועגן וועלכע מע קאָן דאָ ניט ריידן. עס זיינען פאראן באצאָלטע אגענטן, וואָס אָנרופן זיי וואָלט געווען ניט פּאָליטיש און ניט גערעכטיק. עס זיינען פאַ־

ראַן רעװאָליוציאָנערע אָפּטראָגן נײטיקע פֿאַר דער פֿרײַהײט און אומפֿאַרמײַדלעך פֿאַרבונדענע מיט קאָלאָסאַלע געלט־קאָרבאָנעס. װען דער פֿײַנט האָט פֿאַרכאַפּט װערדען, װען די פֿאַרצװײפֿלונג האָט ארומגענומען די בעסטע און די סאַמע דרײסטע בירגער, האָט אונדז די געזעצגעבערישע פֿאַרזאַמלונג געזאָגט: „שפּאָרט ניט! ברענגט אויס געלט, אויב מע דאַרף דאָס האָבן, כּדי צו אויפֿלעבן דעם צוטרוי און געבן אַן איספּולס גאַנץ פֿראַנקרײַך. מיר האָבן דאָס געטאָן“...

די זשיראָנדיסטן האָט אַזאַ דערקלערונג ניט געקאָנט באַפֿרידיקן. דאַנטאָנס לאַגע איז געװאָרן שװער, אויסװעגלאָז.

ס׳איז קײן צװײפֿל ניט, אַז דאַנטאָן, אַלס דער היפּט פֿון דער רעװאָליוציאָנערער רעגירונג, האָט געמוזט פֿירן אַ געהײמע שפּיל הינטער דעם רוקן פֿון די פֿאָלקספֿאָרשטײער. עס פֿרעגט זיך נאָר, צוליב װעמעס אינטערעסן איז די דאָזיקע שפּיל געפֿירט געװאָרן. צום ערשטן מאָל האָט ער געמוזט באַנוצן אויסעראָרדנטלעכע און געהײמע מאָסמיטלען קורץ פֿאַרן 10־טן אויגוסט. דעמלט האָט ער דורך אונטערקױפֿן אַנטדעקט און פֿאַרכאַפּט די פֿעדעם פֿון אַ ראָיאַליסטישער פֿאַרשװערונג. צו דאַנטאָנען האָבן געפֿילט צוטרױ די מענטשן פֿון פֿאַרשײדענע ריכטונגען. אין יול 1792 האָט אים לאַטוש, אַ יונגער דאָקטער פֿון ברעטאַן, דערצײלט בעסאָד־סוידעס, אַז זײַן פּאַציענט לאַ־דוערי האָט אים איבערגעגעבן אַ פּאַקעט פֿאַלשע אַסיגנאַציעס צום אויסטוישן אויף גאָלד; נאָך גאָלד האָט לאַ־דוערי געשיקט זײַנעם אַ פּלימעניק. דער פּלימעניק האָט װער װײסט פֿאַרװאָס אָנגענומען לאַטושן פֿאַר אַ פֿאַרשװערער און האָט אים אין אַ שמועס דערצײלט די אײנצלהײטן פֿון דעם אויפֿשטאַנד, װאָס װערט צוגעגרײט. דאַנטאָן האָט גיך מיטגעטײלט װעגן דעם די מיניסטאָרן — די זשיראָנדיסטן, אָבער זײ האָבן גאָרנישט ניט אונטערגענומען. דעמלט האָט זיך דאַנטאָן באַשלאָסן צו האַנדלען זעלבשטענדיק. ער האָט אײַנגערעדט לאַטושן ניט צו רײַסן די פֿאַרבינדונגען מיט די ראָיאַליסטן, כּדי אויפֿצודעקן אַלע דעטאַלן פֿון דער פֿאַרשװערונג. לאַטוש איז אָפּגעפֿאָרן קײן ברעטאַן, האָט דאָרטן געפֿונען לאַ־דוערי און האָט — לויט דאַנטאָנס אײצע — אײַנגעאָרדנט אַלץ אַזױ, אַז די פֿאַרשװערער זאָלן אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון דער רעװאָליוציאָנערער מאַכט. דאָס איז געװען שוין נאָך דער רעװאָליוציע פֿון 10־טן אויגוסט.

האָפנדיק אַז דער שפּיצע פון דער אויסלענדישער אַרמיי, זיינען די פאַרשווערער פון ברעסטאַן געווען גרייט אַרייַנצוברעכן אין דער הויפּטשטאָט דורך די עליזיי-פעלדער, אין דער צייַט, ווען די פּרייַסן וואָלטן אַרייַנגעגאַנגען דורך די טויערן סען-מאַרטען און סען-דעני. עס איז אויסער ספק, אַז נאָר דער ניצחון פון פאָלק האָט אַראָפּגעריסן די קאָנטררעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונג.

דאַנטאָן איז דורך לאַפּושן געווען אויסגעצייכנט אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע. דאָ האָט געשפּילט אַ ראָליע דאָס געלט, וואָס דאַנטאָן האָט געוואָרפן אָן איבעריקער שפּאָרעוודיקייַט. אַזוי האָט ער אויך געהאַנדלט, ווען ער האָט געקויפט דעם צווייטן אַגענט פון די ראָיאַליסטן מאַריאָ. איבעריקנס, ווי מישלע האָט באַוויזן, האָט דאַנטאָן באַקומען זייער צוטרוי ניט בלויז מיט גאָלד, נאָר אויך מיט דער קראַפט פון איבערצייַגונג: „די ווידער, וועמען עס האָט ניט גענומען ניט קיין גאָלד און ניט קיין וואָרט, פלעגט ער לייגן אַפן פלייצע זייַן האַנט, און זיי פלעגן אויפהערן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד...". אַלץ פלעגט פאַרשווינדן פאַר דאַנטאָנס פּרייַנטלעכער צערטלעכקייַט". אָט דער „פרייַנטלעכער גלעט"—מישלע האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען — איז געווען אַ דאָפּלטע שפּיל. דאַנטאָן פלעגט אַרייַנטרעטן אין אונטערהאַנדלונגען מיט די קאָנטררעוואָליוציאָנערן. אין דער סולער מאָס האָט זיך די דאָזיקע טאַקטיק דאַנטאָנס אַרויסגעוויזן שפּעטער: אין די פראַגן פון אויסערלעכער פּאָליטיק און אין דער פראַגע וועגן דעם קיניגס גורל.

14

דעם קיניגס קאָפּ האָט פאַר דער רעוואָליוציע געהאַט אַ באַדייַטונג נאָר אַפּ אַזויפיל, אַפּ וויפל ער איז נאָך געווען אַ סימבאָל אין די פּלענער פון דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער אייראָפּע. דאַנטאָן איז ניט געווען קיין רעפּובליקאַנער, די זשיראָנדיסטן גלייַך—ניט. די רעפּובליק האָט זיי אָנגעבונדן דער פאָלקס-אויפשטאַנד. אָבער די זשיראָנדיסטן זייַנען אַפילו איצט, נאָכן 10-טן אויגוסט, געווען גרייט צו זוכן וועגן צו דער פאַרגאַנגענהייַט, דאַנטאָן אָבער האָט געוואָלט ענדגילטיק מאַכן אומשעדלעך די דאָזיקע פאַרגאַנגענהייַט. אָנגעווענדט האָט ער

נים קיין צעשטערנדיקן קלאפ פון א רעוואָליוציאָנער, נאָר דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען פון אַן אָפּאָרטוניסט.

דאַנטאָנס אופירונג אין דער פראגע וועגן דעם קיניג האָט פאר אונדז דעריבער א באזונדערן אינטערעס.

סאָפּ אָקטיאַבער איז צו אים געקומען צו פירן אונטערהאַנדלונגען טעאָדאָר לאַמעט, איינער פון די פאָרשטייער פון די פעיאַנען, א דעפּי. טאַט פון דער גרינדונג-פאַרזאַמלונג. אין זיינע מעמוארן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1913, דערציילט לאַמעט וועגן זיין באַגע-געניש מיט דאַנטאָנען:

„אינדערפרי בין איך אוועק צו דאַנטאָנען. ער איז שוין נים געווען קיין יוסטיץ-מיניסטער. געוווינט האָט ער אין א באשיידענער דירה אַפּ דער גאַס פון די קאָרדעליערן. זיין יונגע, שיינע פרוי, א פרוי מיט אָנגענעמע מאַנירן, האָט מיך דורכגעפירט צו אים אין צימער, וווּ ער איז געלעגן אַפּ א לעדערנעם דיוואַן.

— וואָס טוט איר אין פאַריז — האָט מיך דאַנטאָן געפרעגט. — איך האָב געמיינט, אַז איר האָט זיך געראַטעוועט. פונוואַנען קומט איר?

— פון לאָנדאָן, האָב איך געענטפערט.

— איר זייט פון זינען אראָפּ! איר האָט פאַרגעסן דעם דעקרעט וועגן טויטשטראָף?

— ניין איך געדענק וועגן אים. אָבער איר האָט דאָך געראַטעוועט מיין ברודערס לעבן. דאָס איינציקע, מיט וואָס איך קאָן איך אויס-דריקן מיין דאַנקבאַרקייט, איז אָפּגעבן מיין לעבן אין אייערע הענט, נו, אָט בין איך אין אייער מאַכט.

— אָבער איך האַלט דאָס נים פאַר קיין באַזונדערער מילע, ווייל אויב איך ווייס נים אַלע פאַרברעכנס, אַפּ וועלכע איר זייט פעיִק, ווייס איך אויסגעצייכנט אַפּ וועלכע פאַרברעכנס איר זייט נים פעיִק.

— איר האָט מיך קיינמאָל נים געשוינט.

— איך בין גרייט אָנצונעמען אַלדאָס גוטע, וואָס מע קאָן ארויס-דרינגען פון אייערע ווערטער. איך האָפּ, אז איך וועל קאָנען זיין צו-פרידן. איבעריקנס, איר זייט אהערצו געוויס געקומען צו פאָרן צוליב א זאַך אייניגע. וואָס דאַרפט איר?

— איר האָט מיר אַרויסגעוויזן אַ גרויסן צוטרוי. איר האָט מיר אויך באַוויזן דעם איינציקן וועג פון רעטונג, וואָס איז פאַר אײַך געבליבן, ווײַל איר וועט אומברענגען זיך, אויב איר וועט אומברענגען פראַנקרײַך.

— אײַערע אידייען זײַנען נעבעכדיקע.

— איך קאָן דערווײַזן דעם היפּעך.

— איר פאַרשטייט ניט, — האָט דאַנטאָן געזאָגט אָנטשיידן און שאַרף, — אַז מע דאַרף דורכגיין דורכן זאַל פון דער דעמאָקראַטיע, קעדיי צו קומען צו דער פרײַהײַט.

— איך מיין דאָס ניט. איבעריקנס, דער אָנטייל, וואָס איר האָט גענומען אין די אַלע געשעענישן, איז געווען טרויעריק.

— יאָ, אַלץ האָט אָבער אַ גרענעץ, איך וועל פירן נאָך זיך דעם רײַסוואָגן פון דער רעוואָלוציע.

— אָ, דאַנטאָן, איר האָט אַ טעות. דער דאָזיקער רײַסוואָגן וועט אײַך נאָכשלעפּן נאָך זיך.

— יאָ, איר זײַט גערעכט, איך ווייס דאָס. צוריקציִען זיך וועט זײַן שווער. אָבער צו דער זאַך — דעקט אויף אײַערע סעקרעטן.

— ווען איר זעט מיך דאָ אין פראַנקרײַך, שטויסט איר זיך אַליין אָן, פאַרוואָס איך האָב געקאָנט לויפן.

— יאָ, אַפּאָנעם, עס האַנדלט זיך וועגן דעם קיניג".

ווײַטער האָט לאַמעט געפּרוווט איבערצײַגן דאַנטאָנען אין דעם קיניגס מײַלעס אין דעם, אַז די באַשולדיקונגען קעגן דעם קיניג זײַנען ניט קיין גערעכטע: אין ערגסטן פאַל האָט דער קיניג אַרויסגעוויזן נאָר שוואַכקײַט. לאַמעט האָט אַפילו געבראַכט אַזאַ „שטאַרקן" אַרגומענט:

— די רעוואָלוציע האָט ניט קיין רעכט צו מישפּטן דעם קיניג, ווײַל ער איז ניט אין איר קאָמפּעטענץ.

דאַנטאָן האָט דערווידערט:

— ס'אַראַ נאַיִווקײַט! וואָס פאַר אַ באַדײַטונג האָבן די דאָזיקע ווערטער פאַר דעם, וואָס וויל און קאָן. איז דען קאַרל דער ערשטער דערהאַרגעט געוואָרן לויטן געזעץ?

דאַנטאָן האָט באַהויפּט, אַז דער געריכט איבערן קיניג און זײַן קעפּונג זײַנען אומפאַרמײַדלעך. לאַמעט האָט אים דערמאָנט, אַז אין קאָנווענט האָבן די זשיראָנדיסטן אַ מערהײַט און זיי זײַנען גרייט צו

ראטעווען דעם קיניג. דאנטאָן האָט אָפּגעענטפערט מיט א געלעכטער:

— אַן אויסגעצייכנט מיטל! די זשיראָנדיסטן, — אָט ווער עס איז שול-דיק אין דעם קיניגס איצטיקער לאגע. זיי זיינען אָנגעשראָקן, זיי וועלן האלטן גלענצנדיקע רעדעס און וועלן אויסלאָזן דערמיט, אז זיי וועלן אים אלע פארמישפּעטן צום טויט".

לאמעט איז געוואָרן פארצווייפלט. ער האָט געבעטן דאנטאָנען, ער זאָל אים זאָגן, צי איז ניטאָ עפּעס א מיטל צו ראטעווען דעם קיניג:

— לודוויג XVI קעפּונג וועט דאָך ארויסרופן די ביטערסטע סינע פון גאנץ אייראָפּע צו פראנקרייך.

דאנטאָן האָט איראָניש דערווידערט:

— זאָגט דאָס ראָבעספּיערן און מאראטן און זייערע פארערער.

איבעריקנס האָט דער מיניסטער פון דער רעוואָלוציע דאָך גע-געבן לאמעטן האָפענונג:

— איר פרעגט מיך, וואָס איך טראכט וועגן דעם, וואָס איך וויל? אין דער לאגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך. קאָן דען וואָס-עס-איז צוזאָגן אפילו דער סאמע פּאָפּולערסטער מענטש? לאָמיר ענדיקן אונ-דזער שמועס, איך וויל ניט אויסזען ניט ריינער ניט בעסער, ווי איך בין ווירקלעך. איך טרוי אייך. איז אָט וואָס איך טראכט און וואָס איך מיין: איך בין ניט איינשטימיק, אז דער קיניג איז פריי פון פאַרוואורפן, אָבער איך האלט פאר גערעכטיק און צוועקמעסיק ארויסצורייסן אים פון דער לאגע, אין וועלכער ער געפינט זיך, איך וועל זיך באמיען צו טאָן אלץ, וואָס איך וועל קאָנען, פאָרזיכטיק און דרייסט. איך וועל טאָן אלץ, וואָס עס וועט זיך לאָזן טאָן, אויב איך וועל האָבן כאָטש איין שאנס אפּ דערפאָלג. אָבער אויב איך וועל פארלירן יעדע האָפ-נונג, מעלד איך אייך, איך וויל ניט, אז מיין קאָפּ זאָל פאלן צוזאמען מיט זיין קאָפּ. איך וועל זיין צווישן די, וואָס וועלן אים פארורטיילן.

— אָבער, דאנטאָן, — האָט אויסגעשריען לאמעט, — צו וואָס האָט איר צוגעגעבן די דאָזיקע לעצטע ווערטער?

— קעדיי צו זיין אופריכטיק, ווי איר האָט פון מיר געפאָדערט, איבעריקנס, — האָט ער פּלוצעם איבערגעריסן, — ניט א טראכט וועגן זיך...

אין דעם דאָזיקן שמועס, — אפילו אויב לאמעט זאָל אים האָבן עטוואָס צוגעפּוצט אין זיינע מעמוארן, — איז דער גאנצער דאנטאָן. ער האָט

אליין דערציילט וועגן זײַן פּאָליטישער פּאָזיציע, וועגן זײַן אומצופֿרידנקייט צו דער רעוואָלוציאָנערער קראַנק פֿון די פֿאָלקס-מאַסן, וועגן זײַן פֿײַנטשאַפֿט צו די זשיראָנדיסטן. דער אָפּאָרטוניסט דאַנטאָן האָט אָפּ זײַן אייגענער ריזיקע געוואָלט דערפֿירן די רעוואָלוציע צו אַזאַ סאָף, וואָס זאָל לוינען פֿאַר דער בורזשואַזיע. זײַן מיין קאָן מען קלאָר זען אויך פֿון אַן אַנדער שמועס, וועגן וועלכן די היסטאָריקער טיילן אונדז מיט.

דער דאָזיקער שמועס איז פֿאָרגעקומען אומגעפֿער אין דער זעלבער צײַט צווישן דאַנטאָנען און דעם הערצאָג פֿון שאַרטר, דעם קומענדיקן קיניג לוי-פֿיליפּ. דער הערצאָג איז נאָמינירט געוואָרן פֿאַר אַ גענעראַל פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, אָבער ער האָט ניט געוואָלט פֿאַרלאָזן דעם גענעראַל קעלערמאַנס מיליטער-טיילן און איז געקומען קיין פּאַריז בעטן, מע זאָל אים אומקערן. דער קריגס-מיניסטער האָט אים אָפּגעזאָגט, אָבער דאַנטאָן האָט גענומען דעם יונגן פּרינץ אונטער זײַן שוץ. דער קומענדיקער „קיניג פֿון דער בורזשואַזיע" האָט זיך פֿאַר אים געקלאָגט אויף די סעפּטעמבער-טעג. דאַנטאָן האָט געפּרוּווט דערוואַרעמען אים דעם הייבעכ. ער האָט געזאָגט:

— אויף אײַך קוקט מען פֿון אַלע זײַטן. אײַער פֿאָטער איז אַ פֿאַ-שעטער דעפּוטאַט פֿון קאָנווענט, און זײַן לאַגע איז ניט אַזוי באַדײַטנ-דיק, ווי אײַער לאַגע אין דער אַרמיי. צו אײַערע איבערצײַגונגען שטעלט מען ניט אַרויס קיינע שום פֿאָדערונגען. היט זיך אַרויסצוזאָגן אײַער מיינונג וועגן אַנדערע. באַנוגנט זיך מיט דער פּראָפֿעסיע פֿון אַ סאָלדאַט און מישט זיך ניט אַרײַן אין אונדזערע ענינים, אין אונדזער פּאָליטיק. דאָס איז וויכטיק פֿאַר אײַך, פֿאַר אַלע אײַערע, דאָס איז וויכטיק פֿאַר אײַך און פֿריִער פֿאַר אַלץ—פֿאַר אײַער פֿאָטער.

וועגן דעם דאָזיקן שמועס האָט אין אַ סאַך יאָרן אַרום דערציילט לוי-פֿיליפּ אַליין. ס'איז שווער נאָכצופֿאָרשן, וואָס עס איז עמעס אין דער דאָזיקער דערציילונג, אָבער אַזאַ שמועס האָט געקאָנט פֿאָרקומען. ער איז אין גײַסט פֿון דאַנטאָנס פּאָליטיק. אין סעפּטעמבער—אָקטיאַבער 1792 האָט דאַנטאָן צוזאַמען מיט דער גאַנצער בורזשואַזיע נאָך ניט געקענט אָנגענומען די רעפּובליק, ער איז ווײַט ניט געווען זיכער, אַז דאָס פֿאָלק וועט בײַ איר בלײַבן. יעדנפֿאַלס, דער ניצאָכן בײַ וואַלמי און זשעמאַפּ, דער ניצאָכן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, וואָס

פארניכטעט די געפאר פון כועמדער אינוואזיע, איז ניט געווען גענוג ארויסצורופן בא דאנטאָנען, ווי בא דער גאנצער ליבעראלער בורזשואזיע, א האָפענונג אף דער פעלדזונפעסטקייט פון דער רעפובליק.

דעריבער, אין די זעלבע טעג, ווען עס איז פאָרגעקומען דער אינטימער שמועס צווישן אים און לאמעטן, האָט ער, דעם 23-טן אָקטיאבער, דערקלערט פון דער טריבונע פון קאָנווענט, אז ער שליסט זיך אָן ביזואָס פאָרשלאָג וועגן פארבאָטן די עמיגראנטן אומצוקערן זיך קיין פראנקרייך. „אָן סאָפעק, — האָט ער געדונערט פון דער טריבונע, — אין דער צייט, ווען די פרייהייט איז אין געפאר, לעכצט די פרייהייט נאָכן בלוט פון דער טיראניע. אָבער ווען די פרייהייט גייט איבער אין אָנגריף און זי ווערט א געפאר פאר די פיינט, דארפן די געזעצן ארויסגעגעבן ווערן קאלטבלוטיק און אין פולשטענדיקער רו. דאָס איז מעגלעך, ווען מע זאָל אָננעמען א געזעץ אין גייסט פון ביזואָס פאָרשלאָג. די עמיגראנטן האָבן זיך אליין פארורטיילט, זיי האָבן זיך אליין פארטריבן. ארויסגעצייכנט! לאָמיר פראָקלאמירן פאר אייביק דעם אָסטראקיזם, אף וועלכן זיי האָבן זיך אליין פארורטיילט".

פאר די זשיראָנדיסטן איז דאנטאָנס דואליסטישע פּאָליטיק אמאָל געווען נוצלעך, איצט האָט זי זיי נאָר גערייצט. זיי האָבן ניט געקאָנט פארגעסן, אז דאנטאָן האָט ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק געווענדט זיך צו פאריזש מיט אזוינע ווערטער: „די רעגירער פון פאריזש, וואָס מיר האָבן אראָפגעוואָרפן, האָבן געוואָלט פארוואנדלען די הויפטשטאָט אין א שטאָט פון לוקסוס, רייכטום און פארגעניגנס, זאָל זשע די הויפטשטאָט ווערן, אדאנק דעם ווילן פון איר נייער מאכט, א שטאָט פון ארבעטנדיקע, דער בינשטאָק פון גאנץ פראנקרייך. אין דעם איצטיקן מאָמענט האנדלט זיך פאָשעט וועגן בייטן די ערטער: מע דארף אופהייבן ארופצו דאָס, וואָס איז געווען אונטן. פריער האָבן די רייכע לייט דאָמינירט אין פאריזש, איצט איז עס דאָס אָרט פון די אָרעמע לייט. ס'איז געקומען די צייט פון זייער הערשאפט".

די דאָזיקע ווערטער האָבן געקלונגען שטאָלץ, אריב דאָס איז אפילע געווען ניט מער ווי דעמאגאָגיע. און דעם 29-טן אָקט־אבער, ווען ראָלאן איז ארויסגעטראָטן אין קאָנווענט מיט א באריכט, באשולדיקנדיק פאריזש און זיין קאָמונע אין אופשטאנד און מאָרד, האָבן די זשיראָנדיסטן דערמאָנט דאנטאָנס אופאָדערונגען. ראָבעספיערן האָט כמעט ניט

געלאָזט ריידן. דאַנטאָן האָט געפּאָדערט אַ וואָרט, קעדיי צולעצט דערקלערן אַלץ. ער האָט געפּאָדערט זײַן רעכט צו געבן דערקלערונגען אינעם נאָמען פונ רעוואָליוציאָנערן פאָלק. באַ שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן פונ גאַנצן קאָנווענט האָט ער געפּאָדערט צו פאַרורטײלן די, וואָס שטערן אײַנשטעלן די אײנהײַט. ווי אַ פּאָלקומער אָפּאָרטוניסט, האָט ער גיך אַ וואָרף געטאָן זײַנע אָפּאָנענטן דעם קאָפּ פונעם פירער פונ דער רעוואָליוציע — מאַראַטס קאָפּ. די לעצטע כאַדאָשים האָט ער דאָס געטאָן ניט איין מאָל. „איך דערקלער דעם קאָנווענט און דער גאַנצער נאַציע, אַז איך האָב קלאַל ניט ליב מאַראַטן. איך מוז אָפּן זאָגן, אַז איך האָב אָפּ זיך דערפילט זײַן טעמפּעראַמענט — ער איז ניט נאָר היציק און אָנגעבײיזערט, נאָר ער קאָן אויך ניט הויזן מיט מענטשן. נאָך אַזאַ אָנערקענונג זאָל מיר דערלויבט זײַן צו זאָגן, אַז איך שטיי אויסער אַלע פּאַרטייען און פאַרשווערונגען״.

וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן, דאַנטאָן האָט מער געקאָנט „הויזן מיט מענטשן״ אײדער מאַראַט, אָבער דאָס האָט אים ניט געהאָלפן. די זשיראָנדיסטן האָבן אים ניט געוואָלט אָנטרויען די אָנפירונג מיט דער רעוואָליוציע. פאַרוואָס? אַלץ איבער דער זעלבער סיבע. אָט, אין דער רעדע פונ 29-טן אָקטיאַבער, האָט ער דאָך ווידער געוואָלט איבערצײַגן די זשיראָנדיסטן: „עס האָט קײנמאָל ניט פּאַסירט, אַז טראָנען זאָלן פאַלן, און אונטער זײערע כורוועס זאָלן ניט באַגראָבן ווערן עטלעכע פרידלעכע בירגער״. דאַנטאָן האָט נאָך אַלץ געהאַלטן, אַז די רעוואָליוציע, אָדער ווי ער פלעגט זאָגן, „דער נאַציאָנאַלער פיבער״ קאָן אופטאָן וווּנדער, וואָס וועלן אַרויסרופן אַנציקונג באַ די שפּעטערדיקע דורות. אַפּ אַזאַ באָדן האָט קײן אײנהײַט צווישן אים און די זשיראָנדיסטן ניט געקאָנט זײַן.

אין נאָיאַבער זײַנען ווײַטער אָנגעגאַנגען די אונטערהאַנדלונגען צווישן דאַנטאָן און די זשיראָנדיסטן. סאָפּ נאָיאַבער, אויב מע זאָל גלייבן מישלע, איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג. באַנאַכט, אין אַ הויז אויסער שטאָט, פיר ליע פונ פּאַריזש, זײַנען זיך צונויפגעקומען די זשיראָנדיסטן ווערניאָ, קאָנדאָרסע, — מעגלעך, אויך בריסאָ, — וואָס זײַנען געווען גרייט אַפּ אַ פאַרשטענדיקונג מיט דאַנטאָנען. קעגן דאַנטאָנען זײַנען געווען געשטימט ראָלאַנס פרײַנט: ביוזאָ, באַרבאַרו און די דעפּוטאַטן פונ באָרדאָ, די יונגע אַדוואָקאַטן גאַדע, דיוקאָ, און סאָנ-

פרעד. די לעצטע האָבנ בגזונדערס אנכשיידנ דערווידעריט קעגנ יעדער פארשטענדיקונג. וואָס איז פאָרגעקומענ אפ דער דאָזיקער גאראטונג, ווייסנ מיר ניט, אָבער אינ דער געשיכטע זײַנענ געבליבנ דא.טאָנס ווערטער. דער טריבונ האָט געבעטנ די בײַוועזנדיקע אײַנגיינ אפ הצ-נאָכעס, שאָלעמ מאכנ מיט אימ, אונ אפ גאדעס צאָרניקער רעפליק האָט ער געענטפערט: „גאדע, גאדע, דו ביסט ניט גערעכט, דו קאָנסט ניט מויכל זײַנ, דו קאָנסט ניט ברענגענ דײַנ צאָרנ פאר א קאָרבנ דעמ פאָטערלאנד... דו ביסט אנ אקשנ, אונ דו וועסט אומקומענ"...

א בונד מיט די זשיראָנדיסטנ האָט ניט געקאָנט דערגרייכט ווערנ אפילע פאר אזא פרײַז, ווי די רעדע, וואָס ער האָט געהאלטנ דעמ 30־טנ נאָיאבער 1792, ווענ אינ קאָנווענט איז באהאנדלט געוואָרנ די פראגע וועגנ אופהערנ צאָלנ געהאלט די גאלאָכימ. דאנטאָנ האָט דעמאָלט פארטיידיקט די נייטיקײַט צו צאָלנ די גאלאָכימ ווײַטער זייער געהאלט. ער האָט דעמאָלט געזאָגט: „לאָזט דעמ פאָלק זײַנ אָבערגלויבנ"... די האָ-נאָכעס האָבנ ניט געהאָלפנ. די פראגע וועגנ דעמ קיניגס פראָצעס איז געוואָרנ אלצ שארפער. אפנ אורטייל האָבנ געווארט אלע. די פאטרי-אָטנ זײַנענ געווענ אופגעבראכט פאר דעמ פרווו אראָפצורײַסנ אָדער פארשלעפנ דעמ געריכט. די ראָיאליסטנ האָבנ געהאָפט צו ראטעווענ דעמ קיניג אונ האָבנ ניט געקארגט קיינ מיטלענ. אינ זײַנ רעדע דעמ 30-טנ נאָיאבער האָט דאנטאָנ אלייג אזוי געשילדערט די לאגע: „די פארטייענ שטרײַטנ. די ראָיאליסטנ זשאלעווענ ניט קיינ געלט. די רע-פובליקאנער דראָענ מיט געווער. דער דאָזיקער קאמפ פונ קעגנזעצלעכע שטרעמונגענ רופט ארויס א כאאָס. נעמענדיק אינ אכט די אומשטענדנ, פארכאפט דער רײַכער מאנ, דער קאפיטאליסט, אלצ אינ זײַנע הענט אונ שמייכלט, פרייענדיק זיך אפ דעמ אלגעמיינעמ אומגליק. דאָס פאָלק ווערט אופגעבראכט אונ דראָעט מיט נעקאָמע". עס וואָלט געווענ לע-כערלעך צו מיינענ, אז בא אזוינע באדינגונגענ וועלנ די זשיראָנדיסטנ אײַנגיינ אפ האנאָכעס פאר דאנטאָנענ.

אינ דעקאבער איז דאנטאָנ אוועקגעפאָרנ אפנ פראָנט. דאָ, צווישנ דער רעוואָליוציאָנערער ארמיי, וואָס האָט באפרײַט די פראנצויזישע טעריטאָריע אונ האָט איצט, בא די קלאנגענ פונ דער מארסעליעזע, זיגרײַך פארכאפט די פראָווינצנ פונ די אייראָפײַשע פעאָדאלנ, — האָט ער ווידער דערפילט אונ פארשטאנענ, אז דאָס פאָלק אונ זײַנ ענער-

גיע אנטשיידנ אלצ. פאר אנ אָפּאָרטוניסט האָט דאָס געהאט אנ אנטשיידנדיקע באַדײַטונג. די זשיראָנדיסטישע גלאטע צינגער, וואָס זײַנענ געווענ גרייט מאקריוו צו זײַנ די רעוואָליוציע אינ נאָמענ פונ די פּרינציפּנ פונ דער בורזשואזער רעכט-אָרדענונג, זײַנענ אים געוואָרנ נאָכ מער פרעמד. דאנטאָנ האָט זיכ איצט אָריענטירט אפ זײַנע פארבינדעטע פונ לינקס, — אפ די מאָנטאניארנ.

אינ יאנוואָר 1793, א קורצע צײַט איידער עס איז ענדגילטיק אנטשיידט געוואָרנ די פראגע וועגנ דעם קיניג, איז דאנטאָנ געקומענ צוריק קיינ פאריז. ס'איז געקומענ דער מאָמענט, וועגנ וועלכנ ער האָט געהאט געוואָרנט לאמעטנ: ראטעווענ דעם קיניג איז געווענ אומעגלעכ. דעם 16-טנ יאנואר, בײַ די דעבאטנ אינ קאָנווענט, האָט דאנטאָנ געפאָדערט א גיכע אנטשיידונג. ער האָט דערקלערט, אז אויב די רעפּובליק איז געשאפנ געוואָרנ מיט אנ איינפאכער מערהײַט שטימענ, קאָנ מענ אויכ פונקט אזוי פּאָשעט לייזנ די פראגע וועגנ קעפּנ דעם הויפּט פונ דער קאָנטררעוואָליוציע. איבעריקנס, האָט ער באלד צוגעגעבנ: „מיר נעמענ אָנ א באשלוס אלס פאָרשטייער פונ פאָלק, וועלכע ער האָט גערופנ צײַטווײַליק, צו אויסדריקנ זײַנ ווילנ (א געלעכטער, א געמורמל). יאָ, צײַטווײַליק, ווײַל די מאכט געהערט נאָר דעם פאָלק". ווונדערבאר ווי דער דאָזיקער טעמפּעראמענטפולער רעדנער האָט אפ דער טריבונע געקאָנט ריידנ פאָרזיכטיק, שטענדיק בויענדיק פראזעס מיט א טאָפּלטנ זינ. ריידנדיק וועגנ א „צײַטווײַליקער" מאכט, האָט דאנטאָנ אי געכאנפעט דעם פאָלק אי געסטראשעט דעם קאָנווענט.

ווי מיר ווייסנ, האָט דאנטאָנ נאָכ גאָר ניט לאנג געהאט א שמועס מיט לאמעטנ. אָבער בײַ דער נאָמענטלעכער אָפּשטימונג האָט ער פּײַערלעכ דערקלערט: „איכ געהער ניט צו די מעלוכע-מענער, וואָס פארשטייענ ניט, אז מיט די טיראנענ שליסט מענ ניט קיינ פארשטענדיקונג, וואָס פארשטייענ ניט, אז די קיניגנ דארפ מענ טרעפנ נאָר אינ קאָפּ, אז די אייראָפּייִשע דעספּאָטנ קאָנ מענ אונטערטעניק מאכנ נאָר מיט דער קראפט פונ געווער. איכ בינ פאר טויטנ דעם טיראנ".

„מעלוכע-מענער" האָט דאנטאָנ אָנגערופנ די זשיראָנדיסטנ. ער האָט זיכ מיט זיי אָפּגערעכנט, ווארפנדיק זיי דעם קיניגס קאָפּ אלס א הענטשקע. איינפאכער האָבנ אפ דער זעלבער זיצונג פונ קאָנווענט גע-

אפֿן מאַרס־פֿעלד

17 יולי 1791



מאקסימיליאן ראָבעספּיער

1758 – 1794

לױתגענ מאראטס װערטער: „טיפ איבערצײַגט, אז לודװיג איז דער הױפט-שולדיקער אינ די פארברעכנס, װאָס האָבנ ארױסגערופנ די בלוטפאר-גיסונג פונ 10-טנ אױגוסט, אונ פונ אלע בעסטיאלישע פארברעכנס, װאָס האָבנ פארשװעכט דעמ באָדנ פונ פראנקרײַכ זינט דעמ אָנהײב פונ דער רעװאָלוציע, שטימ איכ פאר קעפנ דעמ טיראנ אינ 24 שעה".

דעמ קיניגס קאָפּ האָט קוים באװיזנ ארָפּצופאלנ פונ עשאפאָט, װי א ראָיאליסט האָט דערהארגעט דעמ דעפּוטאט פונ קאָנװענט לע-פּעלעטיע דע-סענ-פארזשאָ. דאָס איז געװענ אײנער פונ די גלענצנדיקע פאָרשטײער פונ די מאָנטאניארנ. געשטאמט האָט ער פונ אנ אריסטאָ-קראטישער סװיווע. א געבילדעטער אונ א קולטורעלער, האָט ער זיכ אָנגעשלאָסנ אָנ דער ראדיקאלער דעמאָקראטיע, אונ אינ אירע רײענ האָט ער געקעמפט פאר דער רעװאָלוציאָנערער באנײַונג פונ פראנק-רײַכ. זײַנ טױט איז געװענ א װאָרענונג פאר אלע, װאָס האָבנ גע-שטימט פאר קעפנ דעמ קיניג. דאנטאָנ האָט פארשטאנענ די צװעקנ פונ די ראָיאליסטנ. ער האָט געװאָלט צו דערקלערנ דעמ 21-טנ יאנואר פונ דער טריבונע פונ קאָנװענט די געשאפענע פּאָליטישע סיטואציע: „לע-פּעלעטיעס לעבנ איז געװענ פראכטפול. זײַנ טױט װעט דינענ דער רעפּובליק... ער האָט באװיזנ פראנקרײַכ, אז אינ געפאר שטײענ פרײַער פאר אלצ די פונ אונדז, װאָס גיבנ זיכ אָפּ אינגאנצנ דער פרײַהײַט". דאנטאָנ האָט אופגעפאָדערט די דעפּוטאטנ פונ קאָנװענט, זײ זאָלנ געבנ א שװוּע ניט צו פארלאָזנ דעמ פאָסטנ, ביז װאנענ דאָס פאָלק װעט ניט באקומענ קײנ נײַע קאָנסטיטוציע. „איכ שטאָלציר דערמיט, װאָס איכ בינ אײנער פונ יענע בירגער (ער האָט אָנגעװיזנ אפ די בענק פונ די מאָנטאניארנ), װאָס די רעכילעס-טרײַבער האָבנ שטענדיק געשילדערט אלס סאָנימ פונ דער רעגירונג. אָבער דאָס איז א ליגנ"...

ער האָט זיכ װידער באנוצט מיט זײַנ רעדע צו פארטײדיקנ זיכ, צו אָנפאלנ אפ די זשיראָנדיסטנ: „איכ פארשװער אײַכ, אײַכ, פּעטיאָנ, אונ אײַכ, בריסאָ. איכ פארשװער אײַכ אלעמענ! איר מוזט מיכ אמאָל אױסהערנ. איר מוזט מיכ אמאָל דערקענענ". אָבער די זשיראָנדיסטנ האָבנ אימ ניט געװאָלט הערנ. ער האָט געװאָגט צו פאָדערנ פונ די זשיראָנדיסטנ, זײ זאָלנ באזײַטיקנ ראָלאנענ. זײ האָבנ געװאָלט מאַק-רעװ זײַנ ראָלאנענ, קעדײ צו געװינענ דאנטאָנענ. נאָכמער: ער האָט

געפאָדערט צו שאפן א קאָמיטעט פון געזעלשאפטלעכער זיכערקייט אלס אָרגאן פון דער רעוואָליוציאָנערער מאכט.

דאנטאָן האָט געפאָדערט פירן ווייטער א רעוואָליוציאָנערע מילכאָמע קעגן די טיראנען פון גאנץ אייראָפע. זיין רעדע באוויזט אן איבעריק מאָל, אז דער שאָלעם צווישן דיביידע גרויסע גרופירונגען פון קאָנווענט איז געווען אוממעגלעך. דאנטאָן איז געווען געצוווּנגען צו דערנעענטערן זיך מיט מאראטן און ראָבעספיערן.

15

די רעוואָליוציע האָט אוממעדלעך געבראכט פראנקרייך צו א קריג-צוזאמענשטויס מיט דער קאָאליציע פון די פעאָדאלע מעלוכעס פון אייראָפע.

„די גרויסע רעוואָליוציעס, — האָט געשריבן לענין, — אפילו ווען זיי פלעגן זיך אָנהייבן פרידלעך, ווי די גרויסע פראנצויזישע רעוואָליוציע, פלעגן זיי זיך ענדיקן מיט ווייסטע מילכאָמעס, וועלכע עס פלעגט אָנהייבן די קאָנטררעוואָליוציאָנערע בורזשואזיע“.[1]

ס'איז אויסער סאָפעק, אז דער זיג פון די רעוואָליוציאָנערע ארמייען איבער די סאָנים פון דער רעפובליק איז געווען ענג פארבונדן מיטן דערפאָלג פון דער רעוואָליוציע אין געביט פון די סאָציאל-פאָליטישע רעפאָרמעס. „א ווירקלעך רעוואָליוציאָנערע נעקאָמע פון דעם אָפגעלעבטן פעאָדאליזם — האָט לענין געשריבן, — דער אריבערגאנג פון גאנצן לאנד, און דערביי — מיט ווירקלעך רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראטישער שנעלקייט, אנטשלאָסנקייט, ענערגיע, איבערגעגעבנקייט, — צו א העכערן פראָדוציר-אויפן, צו א פרייען פויערישן ערדבאזיץ — דאָס זיינען די מאטעריעל-עקאָנאָמישע באדינגונגען, וואָס האָבן געראטעוועט פראנקרייך מיט א „וווּנדערבארער“ שנעלקייט, איבערגעבוירנדיק, באנייענדיק איר ווירטשאפטלעכע באזיס“.[2] די אינערלעכע און די אויסערלעכע אויפגאבן פון דער פראנצויזישער רעוואָליוציע זיינען אזוי ארום געווען ענג פארבונדן איינע מיט די אנדערע.

---

1 לענין. ווערק, ב. XXIV ז. 297.

2 לענין. ווערק, ב. XXI, ז. 189.

די מילכאָמע האָט זיכ אָנגעהויבנ פרילינג 1792 — קעגנ דעמ ווילנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראטיע. זי האָט געוואָלט אָפּציִענ די פאָלקס-מאסנ פונ קאמפּ קעגנ דעמ אינערלעכנ סוינע, אָבער די מילכאָמע האָט געבראכט די דאָזיקע מאסנ צו א בירגערקריג. ביז סענטיאבער, אינ מעשעכ פונ א האלב יאָר צײַט, האָט די פראנצויזישע ארמיי געליטנ איינ מאפּאָלע נאָכ דער אנדערער. קיינ אָרגאניזירטע מיליטערישע קראפט האָט די רעוואָליוציע ניט געהאט קימאט ביזנ סאָפּ יאָר 1793. פאר איר דיסציפּלינ אונ אָרגאניזירונג האָט די רעוואָליוציאָנערע ארמיי צו פארדאנקענ ניט גענעראלנ, נאָר דעמ ניצאָכנ פונ פאָלק, דעמ טעראָר אינ דער אינערלעכער פּאָליטיק, דער דיקטאטור פונ די רעוואָליוציאָנערע אונטערשטע פאָלק-שיכטנ. אינ סענטיאבער, ווענ די רעפּובליק האָט זיכ דערפילט מער פעסט, זײַנענ אירע ארמייענ אריבער אינ אָנגריפ. די טעריטאָריע פונ פראנקרײַכ איז אָפּגערייניקט געוואָרנ פונ די סאָנימ, די סאנקיולאָטנ האָבנ פארנומענ בעלגיע, סאוואָי, ניצע, א ריי קליינע דײַטשישע פירשטנטומס. די ניצכוינעס פונ די רעפּובליקאנער האָט ארויסגערופנ צווישנ אנדערע דער טעראָר פונ דער פעאָדאלער ארמיי. אפילע פערזענ, דער געליבטער פונ דער קיניגנ מאריע-אנטואנעטע, איינער פונ די פירער פונ דער קאָנטררעוואָליוציע, האָט געמוזט מוידע זײַנ זיכ: „אונדזער ארמיי האָט אָנגעטאָנ א גרויל, זי האָט גערויבט אונ רויִנירט אלצ אינ טרירער געביט... נאריש זײַנענ זיי אומגעהייער... ווענ מע זאָל אָפּגעבנ אינ זייער רעשוס די פראנצויזישע בירגער, וואָלטנ זיי פארוואנדלט גאנצ פראנקרײַכ אינ א גרויזאמענ בעסאלמענ". דארפ מענ זיכ ניט וווּנדערנ, אז אינ אָקטיאבער איז אינ דער לאגע אפנ פראָנט פאָרגעקומענ אנ איבערברוכ; די רעוואָליוציאָנערע ארמיי האָט אָנגעהויבנ אירע דעראָבערונג-מארשנ.

אזוי האָט זיכ געצויגנ ביז פעברואר 1793, ווענ די קלאסנ-פּאָליטיק פונ דער פראנצויזישער בורזשואזיע אונ פונ אירע פאָרשטייער, די זשיראָנדיסטנ, האָט ארויפגעריסנ דעמ ניצאָכנ. דער פאראט פונ זייער קרעאטור, דעמ גענעראל דיומוריע, האָט ווידער געשטעלט פראנקרײַכ פאר דער אינוואזיע פונ די פײַנט, אונ דאָס פאָטערלאנד אונ די רעוואָליוציע זײַנענ ווידער געשטאנענ אינ געפאר. אינ מארט-אפּרעל 1793 האָט פראנקרײַכ ווידער איבערגעלעבט געשעענישנ, ענלעכע צו די, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ ערעוו דער רעוואָליוציע

פון 10־טן אווגוסט. אָבער איצט האָט זיך געהאַנדלט ניט וועגן קאַמף קעגן דעם קיניג, נאָר וועגן קאַמף קעגן די פאָרשטייער פון דער האַנדל־אינדוסטריעלער בורזשואַזיע; אין טאָג־אָרדענונג איז געשטאַנען די אַרויסטרעטונג פון די פּלעבייִשע מאַסן. קעדיי צו ראַטעווען די רעוואָליוציע, האָט מען באַדאַרפט מאַכן א סאָף צו דער מאַכט פון די זשיראָנדיסטן. א נײַע רעוואָליוציע איז געשטאַנען אין טאָג־אָרדענונג. זי האָט אויסגעבראָכן סאָף מײַ — דעם 31-טן מײַ — דעם 2־טן יונ.

ס'איז אויסער ספק, אז אין די אַלע פּעריפּעטיעס פון קאַמף האָט דאַנטאָן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. נאַטירלעך, ניט ער האָט אַנטשיידט דעם גאַנג און דעם אויסגאַנג פון די געשעענישן, אָבער די פּאָליטיק פון די דאַנטאָניסטן און פון דעם „זומפּ" האָט אין די דאָזיקע כּאַדאָשים געהאַט א קאָלאָסאַלע באַדײַטונג.

ווי די זשיראָנדיסטן, אַזוי האָט אויך דאַנטאָן געהאָפט, אַז די מילכאָמע וועט אָפּציִען די פאָלקס־מאַסן פון קאַמף קעגן דעם אינערלעכן סוינע. אָבער דאַנטאָן איז געווען ווײַטזיכטיקער פון די זשיראָנדיסטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קעדיי צו געווינען די מילכאָמע, האָט מען געמוזט צוציִען די פאָלקס־מאַסן פאַר יעדן פּרײַז, אין פאַל פון נויט — אפילו מיט לאָזונגען פון סאָציאַלער דעמאַגאָגיע.

ביידע קעמפנדיקע צדאָדים האָבן אָפּן וואָרט פּראָפּאַגאַנדירט די נייטיקײַט אײַנצונעמען אײראָפּע דורך א רעוואָליוציע, אָבער גע־טרוימט האָבן זיי וועגן פּאַ־כאַפּן ערד, וועגן קעמפן „קעגן דעם כוי־נע פון דאַר־דויוערס" — עסטרײַך און ענגלאַנד. ביידע צדאָדים האָבן געטרויט דעם גענעראַליטעט און האָבן געפּרוווט באַקומען די שטיצע פון דיומוריע — דעם הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי, אַן אַלטן סאָל־דאַט, וואָס איז געווען נאָענט צו דער קיניגלעכער קאַמאַרילע. אָבער דעם אויסגאַנג פון די געשעענישן האָט אַנטשיידט אין דער אונטער־שטער שורע ניט דאַנטאָנס אויפירונג, צי בריסאָס אויפירונג, נאָר די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פון די פאָלקס־מאַסן.

אין דעקאַבער 1791 איז אין יאַקאָבינישן קלוב לעבהאַפט באַ־האַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן מילכאָמע. דאַנטאָן האָט זיך גע־האַלטן אָן א זײַט פון די געשעענישן. ס'איז שווער צו זאָגן, צי ער

איז דעמלט געווענ מיט בריסאָ אָדער מיט ראָבעספיערנ. דעמ 14־טנ דעקאבער האָט ער באהויפט פונ דער טריבונע פונ יאקאָבינישנ קלוב, אז די מילכאָמע ברענגט מיט זיכ געפארנ, אָבער ער האָט געסטראשעט, אז ער וועט אופדעקנ די פארשווערונג פונ דער אייראָפייִשער קאָאליציע. דעמ 16-טנ דעקאבער האָט ער פאר די יאקאָבינער גערימט בריסאָ, „אָט דעמ אטלעט פונ דער פרײַהײַט, דעמ מענטשנ, וואָס מיר דערווארטנ פונ אימ גרויסע כויוועס פארנ פאָטערלאנד און וואָס וועט געוויס ניט אָפנארנ אונדזערע האָפענונגענ". ער האָט גערעדט פאָרזיכטיק, ניט פאר מילכאָמע און ניט קעגנ מילכאָמע: „אויב די פראגע באשטייט אינ דעמ, אז מע זאָל ענדגילטיק וויסנ, צי עס וועט זײַנ א מילכאָמע, ענטפער איכ: יאָ, די מילכאָמע-טרומייטנ וועלנ שאלנ... איכ טרעט ניט ארויס קעגנ אנטשלאָסנקײַט, אָבער, מײַנע הערנ, די פראגע איז, ווענ די מילכאָמע וועט זײַנ? נאָכ דעמ ווי מיר וועלנ זיכ אופמערקזאמ באקענענ מיט דער סיטואציע און מיר וועלנ אלצ אָפוועגנ? נאָכ דעמ ווי מיר וועלנ אײַנשטעלנ אלע קאוואָנעס פונ דער אויספיר-מאכט, וואָס וועט אונדז פאָרלייגנ א מילכאָמע?" דאָס אלצ איז געווענ ניט קלאָר און אומבאשטימט. אזוי ווײַט אומבאשטימט, אז אינ 3 יאָר ארומ, ביים דעמ געריכט איבער דאנטאָנענ, האָט ראָבעספיער געשריבנ אינ זײַנע נאָטיצנ, אז פונ אָנהייב איז דאנטאָנ געווענ אפנ צאד פונ בריסאָ, און ערשט שפעטער, אונטערנ דרוק פונ פאָלק, מוירע האָבנדיק אָנצוווערנ די פאָפולערקײַט, האָט ער זיכ אָנגעשלאָסנ אָנ די פאטריאָטנ.

די פראגע פונ מילכאָמע און שאָלעמ איז אנטשיידט געוואָרנ. די מילכאָמע האָט זיכ אָנגעהויבנ. איידער זי איז דערקלערט געוואָרנ, אינ מארט 1792, האָט באדארפט צופגעפאָדערט ווערנ צומ אויספילנ די פליכטנ פונ מיניסטאָרנ א גרופע זשיראָנדיסטנ, צווישנ זיי אויכ דיומוריע. אויב מע זאָל גלייבנ אייניקע דאָקומענטנ, האָט דיומוריע דעמלט געפרוווט צוציִענ אינ דער רעגירונג דאנטאָנענ.

עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ די שווערע וואָכנ פונ אויגוסט־סענטיאבער 1792, ווענ די וואָלאָנטיאָרנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער ארמיי האָבנ געליטנ איינ מאפּאָלע נאָכ דער אנדערער. מיר וויסנ די ראָליע, וואָס דאנטאָנ האָט געשפילט אינ יענע וואָכנ באמ אָרגאניזירנ די רעוואָליוציאָנערע קרעפטנ צו פארטיידיקנ דאָס פאָטערלאנד.

דער אויספיר־ראט, ווו דאנטאָן איז געווען אי יוסטיץ-מיניסטער אי קריגס־מיניסטער אי אויסער־ן־מיניסטער, האָט געשטרעבט צו באגרע־נעצן די מילכאָמע, צו דערשלאָגן זיך דורך דיפּלאָמאטישע מיטלען, אז עס זאָל צעפאלן ווערן די אייראָפּעיִשע קאָאליציע, און פריער פאר אלץ צו זיכערן די נייטראליטעט פון ענגלאנד. אין דער דאָזי-קער פּאָליטיק איז ניט געווען קיין מיינונגפארשיידנהייטן צווישן דאנטאָנען, דיומוריע און די זשיראָנדיסטן. די אייראָפּעיִשע מעלוכעס האָבן זיך סאָפּקאָלסאָפּ קאָפּ וואָס אינטערעסירט מיט לודוויג XVI גורל. זיי האָבן געוואָלט פארניכטן די רעוואָליוציע, צעטיילן צווישן זיך די פראנצויזישע טעריטאָריע, אָבער זיי האָבן אויך ניט פארגעסן די אנדערע צוועקן פון זייער פּאָליטיק, — וועגן צעטיילן פּוילן. וואָס ווערט זיך איינגעבן גרינגער, דאָס האָט געקאָנט אנטשיידן די צייט; די געשעפטע לאגע האָט געהאָלפן די דיפּלאָמאטן פון דער רעוואָ-ליוציע צו דערגרייכן די אייניקייט פון דער קאָאליציע. עסטרייך האָט פּיינט געהאט פרייסן. ביידע האָבן זיי מוירע געהאט פאר רוס־לאנד. ארויסטרעטנדיק מיט א מארש קעגן דער רעוואָליוציע, זיינען די „פארבינדעטע" ניט געקומען צו קיין פארשטענדיקונג ניט וועגן די צוועקן ניט וועגן די מעטאָדן פון דער מילכאָמע. בא אזוינע בא־דינגונגען איז די מאפּאָלע פון די פרייסן דעם 20־טן סענטיאבער בא וואלמי געווען אומפארמיידלעך. דאָס איז געווען א קליינער גע־פעכט, אָבער ער האָט געהאט א קאָלאָסאלע באדייטונג. געטע איז ביי געווען בא דער שלאכט, און ער האָט געזאָגט זיינע פריינט: „פון דעם טאָג אָן און אפ דעם אָרט הייבט זיך אָן א נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער וועלט. איר וועט קאָנען זאָגן: „איך בין דאָרטן אויך געווען דערביי".

דיומוריע האָט זיך באנוצט מיט זיין ניצאָכן, און אין עטלעכע טעג ארום נאָך וואלמי האָט ער — מיט דאנטאָנס צושטימונג — אָנגע-הויבן אונטערהאנדלונגען מיט די פרייסן. ער האָט געסטראשעט די פיינט און אין דער זעלבער צייט האָט ער פארוואָרפן א ווענטקע צו פירן דיפּלאָמאטישע אונטערהאנדלונגען. דערום איז באפּולמעכטיקט גע-וואָרן גענעראל וועסטערמאן, א מענטש מיט א גאנץ פארדעכטיקער פארגאנגענהייט, וואָס האָט געדינט אלס אן אגענט בא דאנטאָנען און בא דיומוריע. די אונטערהאנדלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן. דיומו-

ריע האָט אינ זײַנע כעזשבוינעס געהאַט איינ טאָעס. ער האָט ניט גענומענ אינ אכט, אז א רעוואָליוציאָנערע מילכאָמע איז ניט ענלעכ אפ די פריערדיקע מילכאָמעס. „אינ XVIII יאָרהונדערט, — זאָגט סאָרעל, — האָבנ די מיליטער־לײַט געהאַלטנ, אז א מילכאָמע איז עפּעס א מינ מיטלזאכ צווישנ א דועל אונ א פּארטיע אינ שאָכ". ווי דאַנטאָנ, אזוי האָט אויכ דיומוריע געהאָפט אפנ דערפאָלג פונ די דיפּלאָמאטישע אונטערהאנדלונגענ מער ווי אפנ דערפאָלג פונעם רעוואָליוציאָנערנ געווער. ווענ ער האָט זיכ דערוווּסט, אז דעם פּרײַסישנ קיניג פעלט אויס צוקער אונ קאַווע, האָט ער אימ דעם 27-טנ סענטיאבער געשיקט ביידע זאכנ אונ האָט צוגעלייגט א מעמאָראנדום, ווו ער האָט געפּרוּווט איבערצײַגנ דעם קיניג אָפּצוזאָגנ זיכ פונ א בונד מיט עסטרײַכ. אָנשטאָט צו פארפאָלגנ דעם קעגנער אונ צעקלאפּנ אימ ביזנ סאָפ, איז דיומוריע ארײַנגעטראָטנ מיט אימ אינ אונטערהאנדלונגענ.

דאנטאָנ איז אינ טאָכ געווענ אײַנשטימיק מיט דיומוריעס טאקטיק. סאָפ סענטיאבער, ווענ ער האָט זיכ דערוווּסט וועגנ די מיינונגפארשיידנהײַטנ צווישנ דיומוריע אונ דעם גענעראל קעלערמאנ, האָט ער געשיקט זײַנ פרײַנט פאבר ד׳עגלאנטינ מאכנ שאָלעם צווישנ זיי. ער האָט צוגעזאָגט דיומוריע, אז ער וועט אים באשטימענ פאר א גענעראליסימוס, אונ קעלערמאנענ — פאר א מארשאל. דאָס אלצ — אלס א מאטאָנע ניט בלויז פאר די קריג־ניצכוינעס, נאָר אויכ פארנ דיפּלאָמאטישנ דערפאָלג. די דאָזיקע „קלוגשאפכלעכע" בורזשואזע פּאָליטיקער זײַנענ אזוי ווײַט געווענ גענארט אינ זיכ, אז זיי האָבנ מיט היספּײַלעס געלייענט וועסטערמאנס מיטיילונגענ: „איכ בינ געווענ אינ פּרײַסישנ לאגער אונ האָב געגעסנ מיטיק מיטנ פּרײַסישנ קיניג, איכ האָב אופגעטאָנ מער, איידער מע האָט ווענ־עס־איז געקאָנט וואַרטנ פונ מיר. איצט בינ איכ אלמעכטיק. אלצ גייט גוט; די פּרײַסנ פארלאָזנ די עסטרײַכער, אלע זייערע ארמייענ זײַנענ צעקלאפּט. די רעפּובליק פארפעסטיקט זיכ, ניט געקוקט אפ קיינ זאכ".

דעם 3-טנ אָקטיאבער איז וועסטערמאנ געקומענ קיינ פּאריזש ראַפּאָרטירנ דעם אויספיר־ראט וועגנ זײַנע דערפאָלגנ. אָבער די דיפּלאָמאטישע איליוזיעס האָבנ געבראכט נוצנ נאָר די פּרײַסנ. די רעפּובליקאנישע ארמייענ האָבנ פארלאָרנ צײַט אפ אונטערהאנדלונגענ. שטערנ דעם צוריקמארש פונ די פּרײַסנ האָט מענ שוינ מער ניט געקאָנט. די

אונטערהאנדלונגענ זײַנענ געפירט געוואָרנ גראָד דעמאָלט, ווענ די דעמאָראליזאציע האָט זיכ אָנגעהויבנ ניט בלויז אינ די רייענ פונ דער פרײַסישער ארמיי. אינ דער עסטרײַכישער ארמיי איז אויכ געוואָקסנ די צאָל סאָלדאטנ, וואָס האָבנ מיטגעפילט דער רעוואָליוציע. דעמ 23-טנ אָקטיאבער 1792 האָט א דרײַמאָליקער סאלוט פונ די קאנאָנענ פונ לאָנגווי אָנגעזאָגט, אז די טעריטאָריע פונ פראנקרײַכ ווערט אָפ־גערייניקט פונ דעמ סוינע. דער גענעראל קיוסטינ האָט אײַנגענומענ מײַנצ, אונ די פראנצויזישע ארמיי איז ארויסגעטראָטנ אפנ לינקנ ברעג פונ ריינ. אָבער די לעבעדיקע קויכעס פונ דער אייראָפּײִשער קאָאליציע האָבנ זיכ געראטעוועט אונ האָבנ געווארט אפ א נײַער מעגלעכקײַט צו אָנפאלנ אפ דער רעוואָליוציע.

פירנדיק אונטערהאנדלונגענ מיט די פרײַסנ, האָט דאנטאָנ דורכ זײַנע אגענטנ — דעמ אבאט נאָעל אונ טאלאָנ — אָנגעקניפט פארבינדונגענ אויכ מיט די ענגלענדער.

עס איז אויסער יעדנ סאָפעק, אז דאנטאָנ האָט אינספירירט די מײַסימ פונ זײַנע אגענטנ; זיי האָבנ אויסגעפילט זײַנ דירעקטיוו: „אינ די אונטערהאנדלונגענ מיט די מעלוכעס דארפ מענ זיכ באנוצנ מיט פארשלאָגנ, מיט סעקרעטנ אונ מיט געלט“. דער דאָזיקער פאָליטיק דאנטאָנס האָט באדארפט מיטהעלפנ מאלייראנ אונ אזא — אינ אלע הינזיכטנ פארדעכטיקער — מענטש, ווי טאלאָנ, וואָס איז גלײַכצײַטיק געווענ אנ אגענט פונ דער רעוואָליוציע אונ א פארטרויטער מענטש פונ דער ווײַסער עמיגראציע.

פונ די נאָטיצנ, וועלכע עס האָט איבערגעלאָזנ פיטס אגענט ווילליאמ מיילז, דערוויסנ מיר זיכ דעמ אינהאלט פונ די אונטערהאנדלונגענ. געהאנדלט האָט זיכ וועגנ דעמ, אז דער אויספיר-ראט זאָל אויסדריקנ גרייטקײַט צו שליסנ שאָלעמ מיט ענגלאנד, אָפזאָגנ זיכ צוליב דעמ פונעמ געריכט איבער לודוויג XVI אונ מאקריוו זײַנ דעמ אינדזל טאבאגאָ. ס'איז שווער צו זאָגנ, צי דאנטאָנ איז אָנגערופנ געוואָרנ בא די דאָזיקע אונטערהאנדלונגענ. מיילז דערמאָנט ניט זײַנ נאָמענ, אָבער נאָעל האָט אינפאָרמירט דאנטאָנענ וועגנ אלע דעטאלנ פונ זײַנע אונטערהאנדלונגענ. די אונטערהאנדלונגענ זײַנענ באלד איבערגעריסנ געוואָרנ, ווײַל די ענגלישע רעגירונג האָט ניט געוואָלט, מע זאָל זי כוישעד זײַנ, אז זי שטיצט די קיניגלעכע מאכט אינ פראנקרײַכ.

וועגנ די דאָזיקע אונטערהאנדלונגענ האָט מענ דעמ פאָלק גאָר־
נישט ניט מיטגעטיילט. וועגנ זיי האָט זיכ אָנגעשטויסנ מאראט. אינ
זײַנ צײַטונג האָט ער פראָטעסטירט קעגנ דעמ פרוּוו פונ דער זיג־
רײַכער ארמיי ארײַנצוטרעטנ איז א פארשטענדיקונג מיטנ ניט דער־
שלאָגענעמ סוינע. מאראטס אָנשוינגענ האָבנ אינ דעמ פאל אויכ
אנטשפראָכנ די אָנשוינגענ אונ די שטימונגענ פונ די רעוואָליוציאָ־
נערע מאסנ. דאנטאָנ האָט ניט געקאָנט ניט נעמענ אינ אכט די דאָ־
זיקע שטימונגענ, אונ ווענ דער זשיראָנדיסט לוווע האָט פונ דער
טריבונע פונ קאָנווענט פאָרגעלייגט ארויסצוגעבנ א פראָקלאמאציע,
וווּ עס זאָל געמאָלדנ ווערנ אלע אייראָפּייִשע פעלקער, אז דאָס
רעוואָליוציאָנערע פאָלק פונ פראנקרײַכ, פירנדיק א מילכאָמע קעגנ
די דעספאָטנ, פארמעסט זיכ ניט אפ דער סוווערעניטעט פונ די נא־
ציעס, האָט דאנטאָנ מיט זײַנ כאראקטעריסטישער אנטשלאָסנקײַט
אויסגערופנ: „כאָטש איכ האלט זיכ פרינציפּיעל אויב בא דער
מיינונג, אז יעדעס פאָלק האָט דאָס רעכט אויסצווויילנ א רעגירונג,
וואָס אנטשפרעכט זײַנ פארלאנג, בינ איכ דאָכ ניט אײַנשטימיק מיט
די אויספירנ, וועלכע עס האָט געמאכט איינער פונ די פאָריקע רעד־
נער. איכ דערקלער, אז מיר האָבנ דאָס רעכט צו זאָגנ אָפנ די
פעלקער: „איר וועט מער ניט האָבנ קיינ קיניגנ" (א געמורבל
צווישנ די דעפּוטאטנ). די פראנצויזנ וועלנ ניט דולדנ, אז די פעל־
קער, וואָס לעכצנ נאָכ פרײַהײַט, זאָלנ האָבנ רעגירער, וועלכע דריקנ
ניט אויס זייערע אינטערעסנ, אונ אופשטעלנדיק בא זיכ טראָנענ, זאָלנ אונדז
די דאָזיקע פעלקער קעסיידער צושטעלנ נײַע טיראנענ אונ אפנ קעמפנ קעגנ
זיי וועלנ מיר דארפנ פאטערנ אונדזערע קויכעס (דער געמורמל ווערט
שטארקער). שיקנדיק אונדז אהערצו, האָט דאָס פראנצויזישע פאָלק
געשאפנ א גרויסנ קאָמיטעט פונ אנ אלגעמיינעמ אופשטאנד קעגנ
אלע טיראנענ פונ דער גאנצער וועלט (אפּלאָדיסמענטנ פונ די טרי־
בונעס)... איכ לייג פאָר, אז דער קאָנווענט זאָל אופאָדערנ די פעלקער אויס־
צוקעמפנ די פרײַהײַט אונ זיי אָנווײַזנ אלע מיטלענ צו פארניכטנ די
טיראניע אינ אלע אירע פאָרמענ אונ אנטפלעקונגענ".

דאָס איז געווענ די פראָגראמ פונ א רעוואָליוציאָנערער מילכאָ־
מע, וואָס האָט געצוווּנגענ דאנטאָנענ אינ אָקטיאבער צו פראָקלאמירנ
אונ פראָפאגאנדירנ א רעוואָליוציאָנערע מילכאָמע? עס איז אויסער

יעדן צווייפל: די דערפאָלגן פון די רעפובליקאַנישע ארמייען. די זשיראָנדיסטן, וואָס האָבן אמאָל געטרוימט וועגן א דעראָבערונג-מילכאָמע, האָבן זיך איצט געוואקלט, זיי האָבן מוירע געהאַט, אז דער זיג פון דער רעוואָליוציע איבער פראנקרייך קאָן ברענגען צום ניצאָכן פון רעוואָליוציאָנערן פאָלק אינעווייניק אין לאַנד. זיי זיינען געווען גרייט צו שטיצן די בורזשואזיע פון די איינגענומענע לענדער, קעדיי אזויארום צו פארפעסטיקן אירע פּאָזיציעס אינעווייניק אין פראנקרייך און צעשמעטערן דעם ווידערשטאַנד פון די פאריזשער פאָרשטעט, אָבער דאנטאָן באנוצט זיך מיט די ניצחוינעס פון דער רעוואָליוציע צו פראָקלאמירן די פראָגראַם פון רעוואָליוציאָנערע דער-אָבערונגען און אזויארום שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון דער מאכט פון די זיגרייכע פאָלקס-מאסן.

דעם 17-טן אָקטיאבער, אין צוזאמענהאנג מיט דער פראגע וועגן דערקלערן א מילכאָמע שפּאניע, האָט דאנטאָן דערקלערט: „מיר דארפן נית ווארטן, אז די סאָנים זאָלן פארכאפּן אונדזער טעריטאָריע. מיר פארשטייען אויסגעצייכנט וואָס עס הייסט פארלויפן זיי דעם וועג. מיר וועלן אָנעמען מיטלען צו פירן די מילכאָמע בא זיי, אף זייער טעריטאָריע און אף זייער כעזשבן".

צוליב דער דאָזיקער מילכאָמע האָט ער מאָביליזירט די רעוואָליוציאָנערע ענערגיע פון די בירגער. די פרייוויליקע, וואָס האָבן געוואָלט פארלאָזן די פאָנען און אומקערן זיך אהיים, האָט ער איבער-צייגט אָפּצוואָגן זיך פון זייער פארלאנג. די ארמיי האָט מען בא-דארפט פארפעסטיקן, קעדיי אריבערצוגיין פון פארטיידיקונג צום אָנגריף. דאָס איז דער זין פון דעם מערקווירדיקן ענטפער, וואָס ער האָט געגעבן די סאוואָיער רעפּובליקאנער. דעם 28-טן אָקטיאבער האָט ערגעץ-דע-סעשעל מיטגעטיילט דעם יאקאָבינישן קלוב, אז 300 סאוואָיער רופן אויס א טאָסט לעקאָוועד דער אלוועלטלעכער רעפּובליק; זיי פאָדערן די ברידערלעכע איינהייט פון פראנקרייך און סאוואָיע. דאנטאָן איז געווען פאָרזיצער אף דער פארזאמלונג און ער האָט זיי געענטפערט:

„ס'איז נייטיק, אז ביידע פעלקער זאָלן זיך צונויפגיסן אינאיינעם. אויב מיר וועלן באטראכטן די נאטירלעכע גרענעצן פון אונדזערע לענדער פון פאָליטישן שטאנדפונקט, וועלן מיר זיך אי-

בערצײַגנ אין דער נייטיקײַט צו קאָאָרדינירנ אונדזערע אינטערעסנ. דעמלט וועלנ מיר פײַערנ דעם גרויסנ זיג פונ דער פאריייני־קונג, וואָס איז אזוי געווונטשנ פאר אונדז אלעמענ. סאוואָיער, איר האָט געשוואָרנ אָפּצוזאָגנ זיך אפ אײביק פונ אײַער קיניג. האלט וואָרט, אונ מיר וועלנ האלטנ אונדזער וואָרט".

די דאָזיקע רעדע איז אינ יאקאָבינישנ קלוב אופגענומענ געוואָרנ מיט ענטוזיאזם. פונקט אינ א כוידעש ארום, דעם 27־טנ נאָיאבער, איז אינ קאָנווענט באשלאָסנ געוואָרנ צו פאריייניקנ סאוואָיע צו פראנק־רײַך. אלס ענטפער אפ דער רעפליק פונ איינעם א דעפּוטאט: „קיינ שום דעראָבערונגענ!" — האָט דאנטאָנ אנטשיידנ דערווידערט: „דאָס איז די דעראָבערונג פונ דער פארנונפט".

דער מיינ פונ זײַנ אויסערלעכער פּאָליטיק האָט קיינ צווייפל ניט ארויסגערופנ. אינ דעם דאָזיקנ געביט האָט ער זיך געהאלטנ בא די פּרינציפּנ, בא וועלכע ער האָט זיך געהאלטנ אינ זײַנ אינערלעכער פּאָליטיק. די מאָטיווו, וועלכע האָבנ געצוווּנגענ דאנטאָנענ אינ יאנ־ווּאר צו פאָדערנ קעפּנ דעם קיניג, האָבנ אים געשטויסנ צו שטיצנ אנטשיידנ די פּראָגראם פונ א רעוואָליוציאָנערער דעראָבערונג־מילכאָמע.

דעם 16־טנ יאנוואר 1793, ווענ דער זשיראָנדיסט ווערניאָ האָט געמאָלדנ, אז עס איז אָנגעקומענ א דעפּעש פונ דער שפּאנישער רעגירונג אונ בריוו פונ דעם קיניגס פּארטיידיקער, האָט דאנטאָנ אי־בערגעהאקט גאראנ־דע־קולאָנס רעדע אונ האָט זיך אימפּעטפול א וואָרפ געטאָנ צו דער טריבונע: „איך האָב באמערקט, אז אינ דעם מאָמענט, ווענ עס האָט זיך אָנגעהויבנ די נאָמענטלעכע אָפּשטימונג," — האָט ער אָנגעהויבנ, אָבער דאָ האָט אים איבערגעהאקט דער זשיראָנ־דיסט לוווע: „דו ביסט נאָך ניט קיינ קיניג, דאנטאָנ (א שטאַרקער געמורמל), פארוואָס אזא פּריווילעגיע?" דאנטאָנ רעדט ווײַטער: „איך פאָדער, אז דער דאָזיקער כאָצעפּ, וואָס וואגט צו באהויפּטנ, אז איך בינ נאָך ניט קיינ קיניג, זאָל גערופנ ווערנ צו אָרדענונג אונ זאָל ארויסגעשלאָסנ ווערנ צײַטווײַליק פונ קאָנווענט"... ער האָט זיך דער־שלאָגנ, אז דער קאָנווענט האָט באהאנדלט די דעפּעש פונ דער שפּא־נישער רעגירונג; לודוויג קאָנ אָפּוארטנ: „וואָס אָנבאלאנגט שפּאניע, מוז איך זיך מוידע זײַנ, אז איך בינ פארוואונדערט פונ דער כוצפּע פונ דער רעגירונג, וואָס דערלויבט זיך פרווונ דריקנ אפ אונדזער

באשלוס. ווענ אלע וואָלטנ געווענ איינ מיינונג מיט מיר, וואָלטנ מיר געשטימט פאַר דערקלערנ שפּאניע מילכאָמע. ח׳, זיי אנערקענענ ניט אונדזער רעפּובליק, זיי ווילנ איר דיקטירנ געזעצנ, זיי רעכענענ זיכ ניט מיט איר?... זאָל דער קאָנווענט זאָגנ, אז די זיגער בא זשעמאַפּ וועלנ ניט דערנידעריקנ דעם דעראָבערטנ רום און וועלנ געפינענ אינ זיכ גענוג קראַפט ניט נאָר צו זיגנ, נאָר אויכ אָפּצומעקנ פונ דער וועלט אלע קיניגנ פונ אייראָפּע, וואָס טרעטנ ארײַנ אינ א פאַרשווערונג קעגנ אונדז״.

ארויסטרעטנדיק קעגנ א וועלכער־עס־איז פאַרשטענדיקונג מיט די אייראָפּעיִשע טיראַנענ, האָט דענ דאנטאָנ געקאָנט וועלנ א פאַרשטענדיקונג מיט לודוויג XVI?

די דערפאָלגנ פונ די רעוואָליוציאָנערע מיליטער־טיילנ האָבנ ניט בלויז דאנטאָנענ געצוווּנגענ מיטגעריסנ צו ווערנ פונ דער דעראָבערונג־פּראָגראם. דער קאָנווענט אינגאנצנ גענומענ האָט זיכ אָנגעשלאָסנ אָנ דעם זיגרײַכנ מארש. דעם 19־טנ נאָיאבער, נאָכ א לעבהאפטער דיסקוסיע, האָט דער קאָנווענט דערקלערט, אז ער איז גרייט „געבנ ברידערלעכע הילפ אלע פעלקער, וועלכע ווילנ אומקערנ זיכ די פרײַהײַט״. די קאָמאנדירנ פונ דער פראנצויזישער ארמיי האָבנ באדארפט געבנ מעגלעכע הילפ די פּאטריאָטנ פונ די אײַנגענומענע לענדער. דערווײַל איז דאָס געווענ ניט מער ווי א דעקלאמאציע; אינ א כוידעש ארום, דעם 16־טנ דעקאבער 1792, האָט דער דעקרעט פונ קאָנווענט פּראָקלאמירט אינ נאָמענ פונ פראנצויזישנ פאָלק „דאָס אָפּשאפנ די עקזיסטירנדיקע שטײַערנ און אָפּגאָבנ, — דעם מײַסער, די פעאָדאלע רעכט, די שטענדיקע און די אײַנמאָליקע, רעאלע און פּערזענלעכע פליכטנ, די אויסשליסלעכע רעכט פונעם אדל אפ געיעג און אלע פּריווילעגיעס ביכלאל״. דער קאָנווענט האָט פײַערלעכ געמאָלדנ די פעלקער, אז „ער טראָגט זיי שאָלעם, הילפ, ברידערלעכקײַט, פרײַהײַט און גלײַכהײַט״. אָבער די דאָזיקע דעקלאראציע איז ניט געווענ פרײַ פונ אייגננוצנ. דער 7־טער פּונקט פונעם דעקרעט פונ 16־טנ דעקאבער 1792 האָט פאָרגעלייגט די נאציאָנאלע קאָמיסארנ צונויפרײַדנ זיכ מיט דער אָרטיקער אויסגעווײַלטער מאכט „וועגנ די פארטיידיקונג־מיטלענ און די מיטלענ צו זיכערנ די באקליידונג און די דערנערונג פונ די מיליטער־טייל, פונ דער רעפּוב־

ליק. צו דעקן די הויצאָעס, וואָס זײַנען ארויסגערופן געוואָרן און העלן ארויסגערופן ווערן פון דעם אופהאלטן די ארמײ אף דער געגעבענער טעריטאָריע״.

דעם 1־טן דעקאבער זײַנען דאנטאָן און דעלאקרוא ארויסגעפאָרן אפן פראָנט. אין בעלגיע האָבן זײ געטראָפן די קאָמיסארן פון קאָנווענט, און צוזאמען מיט זײ זײַנען זײ צוגעטראָטן צו שטודירן אופמערקזאם די געשאפענע סיטואציע. געהאנדלט האָט זיך וועגן דורכפירן פראקטישע מאָסמיטלען צו פארווירקלעכן די פראָגראם פון קאָנווענט, וואָס איז שפעטער פאָרמולירט געוואָרן אינעם דעקרעט פון 16־טן דעקאבער: „אין אײראָפע וועט מער ניט זײַן קײן פעסטונגען, קײן גרענעצן, קײן פרעמדע פעלקער״.

דאנטאָן איז שוין פון די ערשטע טעג אָן ארײַנגעפאלן אין א סיטואציע, וואָס איז פאר אים געווען אויסערגעוויינלעך גינסטיק. ארומגערינגלט מיט ליבע און אופמערקזאמקײַט, האָט ער געזען די אנציקונג פון די באפרײַטע בירגער, דעם ענטוזיאזם פון די רעוואָליוציאָנערע מיליטער-טײלן; דער ניצאָכן פון דער רעפובליק האָט געשײַנט צו זײַן פעלדזן־פעסט.

אין בעלגיע האָט זיך דאנטאָן געפילט אלס באלעבאָס. ער האָט באטראכט די אײַנגענומענע לענדער, ווי א גרויסן מאיאָנטעק פון דער רעפובליק. דער אפעטיט קומט מיטן עסן. דאנטאָן האָט געהאלטן פאר נײטיק צו פארברײטערן די פראָגראם פון רעוואָליוציאָנערע דעראָבערונגען. ער האָט באגריסט און האָט אינספּירירט דעם באשלוס פון קאָנווענט. פאר אים איז דער זיג פון דער ארמײ געווען די בעסטע לײזונג פון די אינערלעכע פראָבלעמען פון דער רעוואָליוציע, ביפראט נאָך, אז די דיפלאָמאטישע אונטערהאנדלונגען מיט די פאָרשטײער פון די פײַנטלעכע קויכעס פון דער קאָנטררעוואָליוציע האָבן ניט געגעבן קײן רעזולטאטן. די זשיראָנדיסטן, וואָס האָבן אמאָל פראָקלאמירט די פראָגראם פון אויסערלעכע דעראָבערונגען, זײַנען געווען אָנגעשראָקן פון דער יאקאָבינישער פאָליטיק אין די דערוואָרבענע לענדער — פון דער פאָליטיק, וואָס איז געווענדט קעגן די רײַכע.

דעם 14-טן יאנואר 1793 איז דאנטאָן געקומען צוריק קײן פאריזש. דעם 21-טן יאנואר איז ער ארויסגעטראָטן מיט א רעדע וועגן

דער פראָגראַם פון א רעוואָליוציאָנערער מילכאָמע. צוליב דעם האָט
ער זיך באַנוצט מיט לעפּעלעטיעס טויט (פיר האָבן וועגן דעם גע-
רעדט אויבן). „לאָמיר האַלטן מילכאָמע מיט אייראָפּע,—האָט ער גע-
זאָגט,—אָבער לאָמיר אופהערן אונדזערע קעגנזייטיקע ריסערייען...
ס'איז ניט גענוג אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ דעם טיראַן. ס'איז געקומען
די צייט צו ווענדן אַלע אונדזערע געדאַנקען, אונדזער גאַנצע ענער-
גיע אף דער מילכאָמע... אַלזאָ הייבט זיך אוף אַליין אף דער הייך,
וואָס די רעוואָליוציע פאָדערט, און הייבט אוף דאָס גאַנצע פאָלק
אף דער הייך, אף וועלכער עס דאַרף שטיין. רעאָרגאַניזירט אייערע
אַרמייען, פראָגט אַרײַן אָרדענונג אין די פינאַנצן, ווײַל איידער מע
שאַפט די קאָנסטיטוציע, דאַרף מען האָבן מיטלען צו אָפּהאַלטן א
זיג איבער דעם פײַנט. די נאַציע עקזיסטירט, אויב זי קאָן אָפּהאַלטן
ניצחוינעס, אַזוינע ווי די, וואָס זײַנען אויסגעפאַלן אף אונדזער גוירל
אין דער לעצטער קאַמפּאַניע“.

אין 10 טעג אַרום, דעם 31־טן יאַנוואַר, נאָך דעם ווי דער
קאָנווענט האָט לויט קאַמבאָנס פאָרשלאָג באַשלאָסן צו פאַרייניקן צו
פראַנקרײַך ניצע, האָט דאַנטאָן זיך געײַלט צו פאַרלויפן דעם וועג
די זשיראָנדיסטן און האָט געפאָדערט אַרויסצוגעבן אַזא דעקרעט אויך
וועגן די בעלגישע פּראָווינצן. ער האָט גערעדט ניט בלויז אין זײַן
נאָמען, נאָר אויך אינעם נאָמען פון די בעלגישע פּאַטריאָטן און די
קאָמיסאַרן פונעם קאָנווענט: „איך האָב ניט אף אײַער ענטוזיאַזם, נאָר
בלויז אף אײַער פאַרנונפט, אפן פאַרלאַנג אָפּצוהיטן די אינטערעסן
פון דער יונגער רעפּובליק“. געגבן דעם פאָלק פרײַהייט האָט, לויט
דאַנטאָנס מיינונג, געהייסן אויך ווײַטער געבן אים שטיצע, וואָס איז
אין טאָג געווען א כאַראַקטעריסטיק. נאָכדעם איז געגאַנגען די באַ-
רימטע טיראַדע, ווו עס איז פאָרמולירט געוואָרן די פּראָגראַם פון
די פראַנצויזישע נאַציאָנאַליסטן און אימפּעריאַליסטן ביז אונדזערע
צײַטן: „איך באַהויפּט, אַז אומזיסט האָט מען מורא פאַר דער צו
גרויסער פאַרברייטערונג פון דער רעפּובליק, אירע גרענעצן האָט באַ-
שטימט די נאַטור גופא. מיר וועלן זיך באַגרענעצן פון אַלע פיר
זײַטן פון האָריזאָנט: פון דער זײַט פון ריין, פון דער זײַט פון
אָקעאַן, פון דער זײַט פון די אַלפּן און פון די פּירענייען. די גרע-
נעצן פון אונדזער רעפּובליק דאַרפן זיך ענדיקן בא די דאָזיקע ראַ-

מענ, אונ קיינ שומ קראפט וועט אונדז ניט שטערנ צו דערגרייכנ דאָס". ער האָט, איבעריקנס, צוגעגעבנ דאָס, אַפ וואָס עס זײַנענ, נאַטירלעכ, ניט פֿייִק די נאַציאָנאַליסטנ פֿונ דער נאָכ רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע. ער האָט געזאָגט: „אײַכ דראָענ די קיניגנ, איר האָט זיי דערקלערט מילכאָמע, איר האָט געוואָרפֿנ זיי די הענטשקע, אונ די דאָזיקע הענטשקע איז געווענ דעמ טיראַנס קאָפּ" (אַלגעמיינער געלעכטער).

דאַנטאָנ האָט דערמאָנט דעמ קאָנווענט, אַז ענגלאַנד דראָעט מיט א מילכאָמע, אַז די רעפּובליק דאַרפ אַלזאָ צוײַלנ זיכ מיטנ אָנגריפ. ביפראַט נאָכ, אַז די אָרעמעלײַט אונ די ערדאַרבעטער פֿונ בעלגיע ווילנ זיכ אָנשליסנ אָנ פֿראַנקרײַכ. דאַנטאָנ האָט זיכ פֿאַרופֿנ אַפ זײַנע פּערזענלעכע אַכטגעבונגענ אינ נאַמיור. דער רעזולטאַט פֿונ אָפּשאַפֿנ די פֿעאָדאַלע רעכט אונ אָפּגאָבנ, די מיטײַלונג וועגנ אַלגעמיינעמ וואַלרעכט, — דאָס אַלצ האָט די אָרטיקע באַפֿעלקערונג אויפֿגענומענ מיט ענטוזיאַזמ. אויב אַזוי, קאָנ מענ דאַנ צווייפֿלענ, אַז די בעלגיער זײַנענ רײַפ געוואָרנ פֿאַר דער פֿרײַהײַט? „זאָל דער אָנשלוס פֿונ ליעזש ווערנ א פֿאַקט", — אַזוי האָט ער פֿאַרענדיקט זײַנ רעדע.

דעמ 1-טנ פֿעווראַל האָט דער קאָנווענט דערקלערט מילכאָמע ענגלאַנד אונ האָלאַנד. אָבער אינ פֿעווראַל אונ אינ מאַרט, גאָר אוממגעריכט פֿאַר די זיגער, האָט די רעוואָליוציאָנערע אַרמיי אָנגעהויבנ לײַדנ איינ מאַפּאָלע נאָכ דער אַנדערער. די פֿראַנצויזנ האָבנ איינגיכנ געמוזט פֿאַרלאָזנ בעלגיע אונ באַלד נאָכדעמ אויכ דעמ לינקנ ברעג ריינ.

מיט וואָס לאָזט זיכ דערקלערנ דער דאָזיקער איבערבראָכ? ער וועט ווערנ פֿאַרשטענדלעכ, אויב מיר וועלנ זיכ דערמאָנענ, אַז די לעבעדיקע קראַפֿט פֿונ די אייראָפּעיִשע פֿעאָדאַלע אַרמייענ איז גאַנצ געבליבנ מאַכטעט דיומוריעס אונ דאַנטאָנס דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגענ אינ אָקטיאַבער 1792. אָבער עס זײַנענ אויכ געווענ מער מאַמאָשעסדיקע סיבעס. די רעוואָליוציאָנערע פּראָזעלאָגיע פֿונ די זיגרײַכע פֿראַנצויזישע בורזשואַ האָט מאַסקירט אייגננוציקע קלאַסנצוועקנ. די אינסטרוקציע כונעמ אײַכפּיר־ראַט פֿאַר די קאָמיסאַרנ פֿונ די בעלגישע פּראָווינצנ אינ יאַנוואַר 1793, — אינ דעמ טאָג, ווענ דאַנ-

מאָן האָט פאַרעפנטלעכט די פּראָגראַם פון דעראָבערן די נאַטירלעכע גרענעצן,—האָט דערקלערט, אַז דער אָנשלוס פון בעלגיע דאַרף פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג פון פראַנקרייַך אַף 3 מיליאָן מאַן, העכערן די מעטאַל־דעקונג פון פּאַפּיר־געלט אַף איין מיליאַרד ליווער, אדאַנק דעם פאַרקויף פון די נאַציאָנאַלע ערד־גיטער, פאַרגרעסערן די האַכנאָסעס פון פראַנקרייַך ביז 40 מיליאָן ליווער און פאַרשטאַרקן די באַוואָפנטע קראַפט פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. די דאָזיקע אינסטרוקציע האָט אויפגעדעקט דעם פאַרבאָרגענעם מיין פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזער פּאָליטיק.

בעלגיע איז פאַרלאָרן געגאַנגען אויך דערפאַר, ווייַל די אָרטיקע בורזשואַזיע האָט קלאָר ניט געוואָלט ווערן קיין קאָרבן פון איר פראַנצויזישע קלאַסן־ברידער, און די פלעבייִשע מאַסן פון דער באַפרייַטער טעריטאָריע זייַנען נאָך ניט אַרייַנגעצויגן געוואָרן אין קאַמף קעגן זייער נאַציאָנאַלער בורזשואַזער אַריסטאָקראַטיע. ס'איז ניט קיין וווּנדער, אַז די זיגרייַכע מילכאָמע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין סעפּטעמבער 1792, האָט זיך געענדיקט אין פעברואַל און מאַרט מיט אַ קאַטאַסטראָפע. אין מאַרט 1793 האָט דער קאָנווענט ווידער געמוזט דערקלערן, אַז די רעוואָליוציע און דאָס פאָטערלאַנד שטייען אין געפאַר.

16

אין די דאָזיקע טעג האָט די רעוואָליוציע געטראָפן אַ נייַער אומגליק—דיומוריעס פאַראַט. דיומוריע—דער אַוואַנטיוריסט האָט איצט געשפּילט אַן אָפענע שפּיל. אויסנוצנדיק זייַנע אויטאָריטעט, האָט ער געשלאָסן אַ בונד מיט די סאָנים פון דער רעוואָליוציע—מיט די עסטרייַכער; ער האָט באַשלאָסן פירן די אַרמיי אַף פּאַריז, פאַרניכטן די רעפּובליק און ווידער אויפשטעלן אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. זייַן פּראָגראַם האָט ער פאָרמולירט אַזוי: „איך האָב זיך געוואָלט אַרייַנרייַסן אין האָלאַנד. דאָרטן וואָלט איך פאַרמאָגט די נייטיקע מיטלען. פאַרמאָגנדיק האָלאַנד, ווו איך וואָלט עפּשער דערלויבט ראַבירן, וואָלט איך אָפּגעקליבן די רעפּובליקאַנישע מיליטערטיילן, אַף וועלכע איך וואָלט זיך געקאָנט פאַרלאָזן, און וואָלט זיי

פאנאנדערגעטיילט צווישן די אינפאנטעריע-טײלן, וועלכע האָבן מיר אויסגעפעפלט. מיט אזא גרויזאמער ארמיי וואָלט איך ארײַנגעטראָטן קיין בעלגיע. איך וואָלט זי באפרײַט א צווייט מאָל פון אירע נײַע טיראנען — פון די מיטגלידער פונעם קאָנווענט. די בעלגיער וואָלטן מיר געגעבן נײַע קרעפטן, מיט זיי וואָלט איך אטאקירט די עסט-רײַכער, איך וואָלט זיי געצוווּנגען אָפּטרעטן קיין דײַטשלאנד, און נאָכדעם, אין דער שפיץ פון א צאָלרײַכער אומבאזיגבארער ארמיי, וואָלט איך ארײַן קיין פראנקרײַך מיט א קאָנסטיטוציע אין די הענט. איך וואָלט פארניכטעט די רעפובליק, איך וואָלט אויסגעראָטן אירע אָנהענגער, איך וואָלט אויפגעשטעלט דעם קיניגס געזעצן אין מײַן פאָטערלאנד און וואָלט נאָכדעם דיקטירט אייראָפּע שאָלעם".

האָט דאנטאָן געוווּסט וועגן דיומוריעס פארעטערישע קאוואָנעס? ס'איז שווער צו זאָגן. אָבער אין דער גרונט-פראגע, אין דער פראגע וועגן פארכאפן האָלאנד צו האלטן א מילכאָמע מיט ענגלאנד, זײַנען דאנטאָן און דיומוריע אוואדע געווען סאָלידאר. דעם 8-טן מארט האָט זיך דאנטאָן געווענדט פון דער טריבונע פון קאָנווענט צו פראנקרײַך: „אויב איר וועט ניט קומען גיך צוהילף אײַערע ברידער אין בעלגיע, אויב דיומוריע וועט ארומגערינגלט ווערן אין האָלאנד, אויב ער וועט זײַן געצוווּנגען צו לייגן דאָס געווער, — ווער קאָן פאָרויסזען, ווי גרויס דער אומגליק וועט זײַן?" ער האָט ווידער געפאָדערט, אז פאריז זאָל שפילן די ראָליע, וואָס עס האָט געשפילט אין אווגוסט און סענטיאבער פון פאָריקן יאָר. ער האָט געפאָדערט, דער קאָנווענט זאָל באשטימען נײַע קאָמיסארן, וואָס זאָלן זיך לאָזן אין די סעקציעס פון פאריז, זאָלן אופאָדערן די בירגער צו א מילכאָמע, זאָלן זיי באוואָפנענע און שיקן פארטיידיקן בעלגיע. דאנטאָן האָט דערמאָנט דעם קאָנווענט, אז נאָך דעם ערשטן פעווראל איז צוגעזאָגט געוואָרן צו געבן בעלגיע 30 טויזנט סאָלדאטן, און ביז דעם מאָמענט איז דאָס נאָך ניט געטאָן געוואָרן. ער האָט נאָך אלץ באהויפּט, אז דיומוריעס מיליטערישער געני וועט ראטעווען די רעפובליק: „דיומוריע פארייניקט דעם געני פון א גענעראל מיט דער קונסט מיטצורײַסן די ארמיי. מיר האָבן געהערט, ווי די ארמיי האָט אים באגריסט מיט געשרייען פון אנציקונג. די געשיכטע וועט אורטיילן וועגן זײַנע טאלאנטן, וועגן זײַנע לײַדנשאפטן און

פּעלערן. אָבער עס איז אויסער סאָפעק, אז ער איז פאַרינטערעסירט
אינעם אופבּלי פון דע־ רעפּובליק". דאָס איז געזאָגט געוואָרן מאַ־
מעש עטלעכע טעג פאר דיומוריעס אָפענעם פאראט.

אפ ווען האָט דאנטאָן געהאָפט, מיינענדיק צו פארווירקלעכן
די פּלאָגראַם פון זיין אויסערן פּאָליטיק? געווים ניט בלויז אפ דעם
גענעראלס שפּאגע. דיומוריע האָט פאר זיך געגרייט די שטיצע פון
די קאָנטררעוואָליוציאָנערע קויכעס. דאנטאָן האָט זיך געווענדט נאָך
הילף צו די פאָלקס־מאסן—צו די פּאריזער פּאָרשטעט. פון ווערטער
האָט מען געמוזט אריבערגיין צו מעשים. דאנטאָן האָט געפאָדערט
פונעם קאָנווענט מעשים: „זאָלן אייערע קאָמיסארן זיך לאָזן אין
וועג, טייקעף, די נאכט. זאָלן זיי זאָגן דעם דאָזיקן נידערטרעכטיקן
קלאס, זאָלן זיי זאָגן די רייכע ליט: אייערע רייכטימער דארפן גיין
לעטוויוועס דעם פאָטערלאנד, ווי אונדזער ארבעט. דאָס פאָלק האָט
ניט מער ווי בלוט. זיין בלוט פארשווענדט עס. און איר, נידער־
טרעכטיקע פּאכדאָנים, זייט מאקריוו אייערע רייכטימער (שטורמישע
אפּלאָדיסמענטן פון אלע זייטן). גיט א קלער, בירגער, וועגן דעם
גלענצנדיקן גורל, וואָס ווארט אייך. ווי? א גאנצ פאָלק דינט אייך
פאר א הייבער, די פארנונפט און די פרייהייט—אלס א שטיצפּונקט,
און איר קאָנט ניט איבערקערן די גאנצע וועלט?" דאנטאָן האָט אופ־
געפאָדערט די פראנצויזן ארויסצווייזן כאראקטער און אויסגעהאלטנ־
קייט. בא רוישיקע אפּלאָדיסמענטן פון די טריבונעס האָט ער געפאָדערט
פון די זשיראָנדיסטן, זיי זאָלן אופהערן שטרייטן. ער האָט געמאָלדן,
אז ער איז גרייט צו גיין אפ יעדן קאָרבן: „איך בין איינשטימיק
צו באקומען דעם נאָמען „בלוטזויגער"... לאָמיר טרינקען דאָס בלוט
פון די פיינט פון דער מענטשהייט, אויב דאָס איז נייטיק, קעדיי
אייראָפּע זאָל אמאָל ווערן פריי". די דאָזיקע פראזע איז געשמאק־
לאָז, אָבער זי האָט געמאכט א שטארקן רוישעם אין יענע גרויזא־
מע טעג, ווען די רעפּובליק האָט געקאָנט פארלירן אלץ, וואָס זי
האָט געהאט געוווּנען די לעצטע כאדאָשים.

איבעריקנס, איז דאָס אלץ דעמאגאָגיע. אין דער זעלבער צייט
האָט דאנטאָן ניט פארגעסן צו דערמאָנען די מאסן: „דער נאציאָ־
נאלער כויוו וועט געדעקט ווערן אפן כעזשבן פון די פאָלקס־פיינט.
עס וועט אופגעשטעלט ווערן דער גלייכגעוויכט צווישן דעם פּרייז אפ

סבוירעס און דעם ווערט פונ געלט, און דעמלט וועט דאָס פאָלק וויניקסטנס קאָנענ באנוצנ זי[illegible] מיט די פרוכט פונ דער פרײַהײַט". אנדערש גערעדט: אפ צו [illegible] עקאָנאָמישע פראגעס, צו פארקלענערנ דעם יאקרעס א[illegible]רײַכ לאָמיר זיכ באנוצנ מיט די רײַכטימער פונ די אײַגנע[illegible] פעלקער און פונ די קאָנטררעוואָליוציאָנערנ, און דעמלט וועט דאָס פאָטערלאנד געראטעוועט ווערנ. מע דארפ לאָזנ אינ שלאכט גאנצ פראנקרײַכ און צוליב דעם: „פילט אויס די באפעלנ פונעם שיקזאל. אוועק אלע קליינלעכע לײַדנשאפטנ און רײַסערײַענ. פאָרויס,—נאָכ דער כוואליע פונ דער פרײַהײַט!"

כאָטש פאר די לינקע יאקאָבינער און פריִער פאר אלצ — פאר מאראטנ איז געווענ פולקום קלאָר דיומוריעס פאראט, האָט אים דאנטאָנ נאָכ אלצ פארטיידיקט, און אינ דער זעלבער צײַט האָט ער געגרייט די פאָלקס-מאסנ צו פארווירקלעכנ זײַנ פראָגראם פונ א מילכאָמע קעגנ ענגלאנד, — די פראָגראם, אינ וועלכער דיומוריע גופע האָט זיכ אנטוישט, ווענ ער האָט באשלאָסנ אריבערגיינ אפנ צאד פונ די פײַנט פונ דער רעוואָליוציע. דאנטאָנס טאָעס האָט אים אָפּגעקאָסט טײַער. די זשיראָנדיסטנ האָבנ געזענ, אז ער שטרעבט ווידער צו שטעלנ זיכ אינ דער שפיצ פונ די פאָלקס-מאסנ, איבערצוכאזערנ די סענטיאבער־טעג, ווידער באזײַטיקנ זיי, די זשיראָנדיסטנ, פונ דער אָנפירונג מיט די געשעענישנ. זיי הייבנ אָנ באשולדיקנ אים אינ מיטהעלפנ דיומוריעס פאראט, זיי זײַנענ אָנגעפאלנ אפ דאנטאָנענ, קעדיי אָפּצוציִענ דערמיט די אופמערקזאמקײַט פונ זייער אייגענער דירעקטער פארבינדונג מיט דעם זעלבנ דיומוריע. די זשיראָנדיסטנ האָבנ גאָרנישט געהאט קעגנ די ענד-צוועקנ פונ דיומוריעס פראָגראם, אָבער אײַנגיינ אפ א פאראט האָבנ זיי ניט געוואגט, ווײַל זיי האָבנ געוווּסט און האָבנ געזענ, אז פאריזש איז יעדע מינוט גרייט צו לאָזנ אינ גאנג די פאָרשטעט אפנ קאָנווענט. זיי האָבנ געהאסט די פאריזשער פאָרשטעט. זיי האָבנ געהאסט דאנטאָנענ דערפאר, וואָס ער איז געווענ גרייט צו ווערנ א „בלוטזויגער", קעדיי אויסצונעמענ בא די דאָזיקע פאָרשטעט.

17

פאריזש האָט דעמלט איבערגעלעבט דעם ערעוו רעוואָליוציע. נאָכ פונ סאָפ פאָריקנ יאָר איז דער עקאָנאָמישער כאאָס דערגאנגענ ביזנ אפּאָגיי. דער הונגער אונ דער יאקרעס האָבנ געבראכט די ארבעטנדיקע מאסנ צו פארצווייפלונג. אינ יאנוואר האָט אינ די פאריזשער סעקציעס, צווישנ די הונגעריקע באלמעלאָכעס אונ דער אָרעמשאפט, אָנגעהויבנ זײַנ אגיטאציע דער געוועזענער גאלעכ זשאק רו. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די אגיטאציע פונ די „מעשוגע־ווילדע“, פונ די, וואָס האָבנ געהאלטנ, אז די פראגעס פונ דער קאָנסטיטוציע זײַנענ גאָרנישט אינ פארגלײַכ מיט דער פראגע וועגנ ברויט. ברויט האָט געהאלטנ אינ איינ טײַערער ווערנ, דער ארבעטסלוינ איז געווענ נידעריק, די פויערים האָבנ זיכ נאָכ אלץ ניט דערשלאָגנ, עס זאָלנ אָפּגעשאפט ווערנ די פעאָדאלע פליכטנ, די „נאציאָנאלע“ ערד פלעגט נאָכ אלץ ארײַנפאלנ אינ די הענט פונ די רײַכע לײַט. אינ די ראנדגעביטנ פונ פראנקרײַכ, אינ וואנדייע, האָט זיכ דאָס פויערטום נוי־קעמ געווענ אינ דער בורזשואזער רעפּובליק דערמיט, וואָס עס האָט זיכ אָנגעשלאָסנ אָנ די ראָיאליסטנ. דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער אופשטאנד אינ וואנדייע האָט גענומענ פארכאפּנ איינ ראיאָנ נאָכנ אנדערנ. ער האָט זיכ צונויפגעשלאָסנ מיט די קאָנטררעוואָליוציאָנערע ארמייענ פונ דער פעאָדאלער קאָאליציע. די רעפּובליק איז געווענ אינ געפאר.

דעם 25־טנ פעווראל 1793 האָט מאראט פארעפנטלעכט אינ זײַנ צײַטונג אנ ארטיקל, וואָס האָט געדינט אלס אויפרופ פאר די פאָרשטעט: „ס'איז אויסער שטרײַט, אז די קאפּיטאליסטנ, די ספּעקוליאנטנ, די מאָנאָפּאָליסטנ, די פארקויפער פונ לוקסוס־ארטיקלענ, די מיטהעלפער פונ די שווינדלערישע דריידלעכ, די געריכטס־דרייער, די געוועזענע אריסטאָקראטנ,—זיי אלע, מיט קליינע אויסנאמענ, זײַנענ נאָכשלעפער פונ דער אלטער אָרדענונג. זעט נאָר, זיי האָבנ דאָס איצט כאראָטע אפ די מיסברויכנ, מיט וועלכע זיי האָבנ זיכ באנוצט צו באַרײַכערנ זיכ אפנ כעושבנ פינ דער מעלוכע. אָבער עס איז לעכערלעכ צו מיינענ, אז זיי ווילנ אײַנשטעלנ די הערשאפט פונ פרײַהײַט אונ גלײַכהײַט“.

מאראט לייגט פאָר קאָנקרעטע מיטלענ:

„איכ ווייס ניט קיינ אַנדער אויסוועג, וואָס זאָל אַנטשפּרעכנ אונ-דזער שוואַכער קראַפט, אַחוצ דעמ באַשלוס, אַז דעמ איצטיקנ קאָמיטעט פינ געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט, וואָס באַשטייט אינגאַנצנ פונ גוטע פּאַטריאָטנ, זאָל מענ געבנ פולמאַכטנ אופצוזוכנ די הויפּט-אופקויפער אונ איבערגעבנ זיי אַלס פאַררעטער פונ פאָטערלאַנד צומ געריכט פונ רע-וואָליוציאָנערנ טריבונאַל, וואָס באַשטייט פונ 5 סאַמע ניט-אונטערקויפּ-לעכע אונ שטרענגע מיטגלידער"...

פּאַריז האָט זיכ אָפּגערופנ אפ דעמ דאָזיקנ אופרופ. ווידער האָט זיכ דער קלאַנג פונ אַליאַרמ-גלאָק צעטראָגנ איבער דער הויפּטשטאָט. די דעמאָקראַטישע סעקציעס קלײַבנ זיכ אַרויסצוטרעטנ, דאָס מאָל — קעגנ דעמ קאָנווענט. די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג האָט אָפּגענאַרט דעמ צוטרוי פונ פאָלק. זי איז ניט געוואָרנ דער אָרגאַנ פונ דער רע-וואָליוציאָנערער מאַכט, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאָפט צו זענ אינ סענ-טיאַבער 1792. די סאַנקיולאָטנ זײַנענ דעמ 9-טנ מאַרט געגאַנגענ צומ קאָנווענט, זינגענדיק גרויזאַמ:

פּאָרויס, פאַר אונדזער פרײַהײַט!
פּאָרויס, פאַר אונדזער רעכט!
דעמ פאָלק מיר שווערנ טרײַהײַט.
אויס קייסער אונ אויס קנעכט.

פרײַהײַט, דאָס וואָרט דאָס שענסטע!
ציטערט טיראַנענ, ס'קומט געצאָלט!
בעסער דעמ טויט איידער פענטעס
ווײַל דאָס פראַנצויזישע פאָלק.

דאַנטאָנ שטרעבט ווידער צו באַהערשנ די געשעענישנ אונ שטעלנ זיכ אינ דער שפּיצ פונ דער באַוועגונג פונ די פּאָרשטעט. דער גרויזאַ-מער שאָטנ פונעמ פאָלק-אופשטאַנד האָט דערשראָקנ די בורזשואַזיע, אָבער ער האָט ניט געבראַכט אינ פאַרלעגנהייט דאַנטאָנענ. דעמ 10-טנ מאַרט איז דאַנטאָנ אפ דער טריבונע פונ קאָנווענט. די דעפּוטאַטנ אײַלנ זיכ ניט אָנצונעמענ אַנטשיידענע מיטלענ, זיי זײַנענ גרייט צ[illegible]אנ דערגיינ זיכ אַהיימ. עס הערנ זיכ שטימענ: „פאַרמאַכט די זיצונג ס'איז שוינ 10 אַזייגער"... אָבער דאַנטאָנ איז אַרופגעשפּרונגענ אפ דער טריבונע: „איכ לייג פאָר אַלע ערלעכע בירגער ניט צו פאַרלאָזנ זייערע ערטער". אַלע בײַוועזנדיקע זײַנענ געבליבנ אפ די ערט

די פײַנט פונ דער פרײַהײַט גײענ איבער אינ אָנגריפ. דערשלאָגנ אומעטום, פירנ זײ אנ אונטערערדישע פּראָוואָקאטאָרישע ארבעט... לאָמיר זײַנ שרעקלעכ, קעדיי צו באפרײַענ דאָס פאָלק פונ דער נײטיקײַט צו זײַנ שרעקלעכ. לאָמיר אָרגאניזירנ א טריבונאל, ניט אלס א גוטע זאכ, — דאָס איז אוממעגלעכ, — אָבער אלס דאָס מעגלעכ קלענסטע בײז. אונ זאָלנ די סאָנים ווײסנ, אז דער שווערד פונ פאָלק וועט אומפארמײַדלעכ אראָפּלאָזנ זיכ אפ זײַנע פײַנט". קעדיי צו ראטעווענ פראנקרײַכ אונ אויסצומײַדנ א רעוואָליוציע אָדער יעדנפאלס צו באנוצנ זיכ מיט איר, דארפ מענ נעמענ אפ זיכ די אָנפירונג מיטנ אופשטאנד. די רעוואָליוציאָנערע מאכט דארפ איבערגעגעבנ ווערנ אינ קלוגשאפטלעכע אונ שטארקע הענט. מע דארפ האנדלענ אזוי, ווי דאָס פאָדערט די רעוואָליוציע: שנעל אונ אנטשלאָסנ. די זשיראָנדיסטנ זײַנענ געווענ דערשראָקנ פונ דעם דאָזיקנ פאָרשלאָג. פאר זײערע אויגנ האָט שוינ שעמערירט די דיקטאטור. זײ האָבנ געשריגנ דאנטאָנענ: „דו האנדלסט ווי א קיניג". ער האָט געענטפערט: „אונ איר טראכט ווי פאכדאָנים". דאנטאָנ האָט געצוווּנגענ די פרידלעכע דעפּוטאטנ פונ קאָנווענט אָפּצושטימענ פאר אָרגאניזירנ א טריבונאל. אינ נאָמענ פונ וואָס? דאנטאָנ האָט געפאָדערט אָבעראמאָל אונ ווידעראמאָל: „מע דארפ אָקופּירנ האָלאנד אונ באפרײַענ בעלגיע. מע דארפ צעשמעטערנ די מאכט פונ ענגלאנד".

מיר ווייסנ ניט צי דאנטאָנ האָט געהאט א דירעקטע שײַכעס צו דער באוועגונג פונ 9־טנ מארט. דעם 15-טנ אפּרעל 1794 האָט דער פאבריקאנט ארטור באהויפּט אינ יאקאָבינישנ קלוב, אז דאנטאָנ האָט געזאָגט דעם פאריזשער מער: „מע דארפ האָבנ אנ אופשטאנד. איכ האָב געלט. אויב מע דארפ, וועל איכ דאָס געבנ. זאָל זיכ דאָס פאָלק א לאָז טאָנ צום קאָנווענט אונ אָפּרײניקנ אים". ארטור האָט באהויפּט, אז דאנטאָנ האָט געוואָלט דערמיט געבנ דעם גענעראל דיומוריע א געלעגנהײַט ארויסצוטרעטנ קעגנ פאריזש. אונדז שײַנט, אז די דאָזיקע דערקלערונג פונ דאנטאָנס אופירונג נעמט ניט אינ אכט אזא אומשטאנד: דאנטאָנענ איז דעמלט געווענ קלאָר, אז זײַנ פּראָגראם האָט געקאָנט פארווירקלעכט ווערנ ניט בא א מאכפּאָלע פונ די פאריזשער פאָרשטעט, וואָס דיומוריע האָט געוויס געהאָלט, נאָר בלויז אינ פאל פונ זײער ניצאָכנ. דאנטאָנ האָט געוואָלט, אז די אינסורגענטנ זאָלנ ארויסטרײַבנ פונ קאָנווענט די זשיראָנדיסטנ אונ ניט די יאקאָבינער. דיומוריע אָבער

האָט געהאט אינזינען פריִער פאר אלץ די נייטיקײַט ארויסצוטרײַבן פון קאָנווענט די רעוואָליוציאָנערן, און געהאָפט האָט ער אינגאנצן אָפּ דער שטיצע פון די זשיראָנדיסטן. עס איז אויסער ספק: די ווענט פון דעם גענעראל — דעם בונטאָווטשטשיק און דאנטאָנס ווענט זײַנען זיך דעמלט פאנאנדערגעגאנגען. אָבער דער קלוגשאפטלעכער „פּאָליטיקער" האָט ווידער באקומען א מאפּאָלע, ווען עס האָט זיך געהאנדלט וועגן אָנקניפּן קנופּן פון פּאָליטישע קאָמביִנאציעס הינטער דעם פּאָלקס רוקן.

דעם 12-טן מארט האָט זיך דיומוריע געווענדט מיט א בריוו צום קאָנווענט, דערקלערנדיק א מלחמה דער רעוואָליוציאָנערער פארזאמלונג. דער בריוו איז געווען גרייט צום אָפּשיקן, ווען צום גענעראל זײַנען געקומען די קאָמיסארן. זיי האָבן אים אומזיסט איבערצײַגט. ער האָט באשלאָסן אריבערגיין אין אָנגריף. דעם 15-טן מארט איז באשלאָסן געוואָרן, אז דאנטאָן און דעלאקרוא זאָלן אָפּפאָרן קיין בעלגיע, דערשלאָגן זיך פון דעם גענעראל געהאָרכזאמקײַט. דער קאָנווענט האָט נאָך אלץ געהאלטן, אז מע דארף איבערלאָזן דיומוריע. אין דער נאכט פון 20-טן מארט אפן 21-טן האָט דאנטאָן געפּועלט בא דיומוריע, אז יענער זאָל אָנשרײַבן עטלעכע פאָרזיכטיקע שורעס דעם פאָרזיצער פון קאָנווענט מיט א באקאָשע צו ווארטן אָפּ זײַנע דערקלערונגען. דאנטאָן איז מיט דעם צעטל אָפּגעפאָרן קיין פאריז. דעם 27-טן מארט האָט ער אָפּגעגעבן א באריכט אין קאָנווענט וועגן זײַן רײַזע. קיין פאריז איז דאנטאָן געקומען צופאָרן דעם 26-טן מארט אין אָוונט. ווו איז ער געווען אָט די עטלעכע טעג? ביז פאריז האָט מען געקאָנט דערפאָרן אין 2 טעג. דעלאקרוא איז געבליבן אין דער הויפּט-קוואַרטיר בא דיומוריע. מאטיעז זאָגט ארויס א פארדאכט, אז דאנטאָן האָט דעמלט געהיים באטראכט מיט דיומוריע די פראגע וועגן אן אָנגריף אָף פאריז. זײַנע ארגומענטן זײַנען ניט זיכער. עס איז אָבער קיין שום צווייפל ניט, און דאָס דארף מען האלטן פאר דערוויזן, אז דאנטאָן האָט זיך געסטארעט ביז דער לעצטער מעגלעכקײַט אָפּצוציִען די פראגע וועגן דערקלערן דיומוריע פאר א פארעטער.

דעם 27-טן מארט האָט ער גערעדט אין קאָנווענט ניט וועגן דיומוריע, נאָר וועגן די אויפגאבן פון דער קומענדיקער רעוואָליוציע. „דער קאָנווענט איז א רעוואָליוציאָנערער אָרגאן, ער דארף אנטשפּרעכן דעם גײַסט פון פאָלק. ס'איז געקומען די צײַט צו דערקלערן א מלחמה

אונדזערע אינערלעכע סאָנימ". דער רעוואָליוציאָנערער טריבונאל איז נאָכ אלצ ניט געווענ אָרגאניזירט, דאנטאָנ האָט געווענדט אפ דעמ די אופמערקזאמקייט פונ די פאטריאָטנ: „געדענקט, אז א רעוואָליוציע קאָנ מאכנ נאָר דאָס פאָלק גופא. דאָס פאָלק איז דאָס געצייג פונ דער רעוואָליוציע, אונ איר זייט בארופנ אָנצופירנ מיט דעמ דאָזיקנ געצייג... רעוואָליוציעס צעהיצנ אלע ליידנשאפטנ: דאָס גרויסע פאָלק פונ דער רעוואָליוציע איז ווי א מעטאל, וואָס קאָכט אינ א שמעלצ-טיגל. די סטאטוע פונ דער פרייהייט איז נאָכ ניט אָפגעגאָסנ געוואָרנ. דער מעטאל שמעלצט זיכ נאָכ. אויב איר קענט זיכ ניט באגיינ מיטנ שמעלצ-אויוונ, וועט איר אלע אומקומענ אינ פלאמ". דאָס זיינענ געווענ פראכטפולע ווערטער. דאנטאָנ איז געווענ א מייסטער אפ אזוינע אָראטאָרישע ארויסטרעטונגענ, אָבער אפילע בא אימ איבעראשנ די דאָזיקע ווערטער. ער האָט געפאָדערט פונ קאָנווענט צו באוואָפענענ דאָס פאָלק אפנ כעזשבנ פונ די רייכע לייט, ער האָט צוגעפאָדערט צו א מילכאָמע קעגנ די אריסטאָקראטנ. „זייט אָנראכמאָנעסדיק, זייט רעוואָליוציאָנערנ, ווי דאָס פאָלק אליינ, אונ איר וועט עס ראטעווענ". נאָר אזויארומ וועט מענ קענענ אָפהאלטנ א ניצאָכנ איבער די סאָנימ, וואָס גרייפנ ווידער אָנ אפ דער רעפובליק. די ברידערלעכע אייניקונג פונ די פראנצויזישע שטעט אונ פונ פאריזש — אָט דאָס הארצ אונ דעמ מויעכ פונ דער רעוואָליוציע — דאָס איז דער נייטיקער באדינג פארנ ניצאָכנ. די זשיראָנדיסטנ פארשטייענ דאָס ניט. זיי זיינענ גרייט מאקריוו צו זיינ פאריזש, אָבער די לאווע פונ פרייהייט, — דער „בארג" — וואקסט, ער איז גרייט „ארופצוווארפנ זיכ מיט א דונער אפ די פארשווערער, וואָס לעכצנ נאָכ טיראניע אונ פארשקלאפונג".

דערפירנדיק דעמ ענטוזיאזמ ביזנ זיד-פונקט, האָט דאנטאָנ פאָרזיכטיק דערמאָנט דעמ קאָנווענט וועגנ דיומוריע, וועגנ דעמ גענעראל, וואָס איז פריער געווענ זייער פאָפולער אונ איז נאָכדעמ געקומענ צו א טרויעריקנ סאָפ. מע האָט אימ אומגעבראכט, מע האָט אימ באוואָפנט קעגנ דעמ פאָלק. אָבער ער שטעלט זיכ ניט אָפ אפ דעמ דאָזיקנ פאקט; ער דערמאָנט וועגנ אימ פארבייגייענדיק. דעמ טראָפ שטעלט ער אפ אנ אנדער זאכ. ראָלאנ האָט געשריבנ צו דיומוריע, אז מע דארפ פארניכטנ „די פאריזשער פארטיי", די זשיראָנדיסטנ אונ דיומוריע — דאָס איז איינ לאגער...

דאָס האָט באַטײַט, אַז דאַנטאָנ האָט אַנטשיידנ געריסנ זײַנע פאַרבינדונגענ מיטנ גענעראַל. דאָס האָט באַטײַט, אַז ער האָט פאַרשטאַנענ זײַנ פעלער, האָט גיכ אָפּגעשאַצט אַלע רעזולטאַטנ פונ זײַנ פאַלשער פּאָליטיק, פונ דער אָריענטאַציע אַפ דיומוריע, אונ האָט אינ גאַנג געביטנ זײַנ טאַקטיק.

ווער וועט ראַטעווענ דאַנטאָנענ? ניט דיומוריע, נאַטירלעכ, יענער איז גרייט אַריבערצוגייִנ אַפ דער זײַט פונ די עסטרײַכער. אָבער אויכ ניט די זשיראָנדיסטנ, דער קאָרבנ פונ זייערע אייגענע בורזשואַזע פּרינציפּנ, פונ זייער לײַכטזיניקער ריטאָריק. דאַנטאָנ ראַט דעם קאָנווענט, ער ראַט זיכ: „ס'איז נייטיק, אַז איר זאָלט ווערנ נאָענט דעם פאָלק". דאָס איז דער וועג צו ראַטעווענ זיכ: „אויב מיר וועלנ צוקומענ צו אים נעענטער, אויב מיר וועלנ נעמענ אַנ אָנטייל אינ די פאָלקס-געזעלשאַפטנ, כאָטש מע קאָנ דאָרטנ טרעפנ אַ סאַכ כעסרוינעס (וואָס זאָל מענ טאָנ? ס'איז ניטאָ קיינ פולקומקײַט אַפ דער וועלט), איז גלייבט מיר: עס וועט זיכ באַקומענ אַזאַ קאָמבינאַציע פונ קרעפטנ, מײַסים אונ קעגנזײַטיקער הילפ אינ קאַמפ קעגנ דעם סוינע, וואָס וועט זיכערנ דער נאַציע נײַע טריומפנ אונ נײַע דערפאָלגנ".

— אָט דאָס איז דער וועג צו דער רעטונג פונ דער רעוואָלוציע. שטורמישע אַפּלאָדיסמענטנ האָבנ באַלוינט דאַנטאָנענ פאַר זײַנע געלונגענע פּרוּוונ אומצוקערנ זיכ צו די פאָלקס־מאַסנ. דער גענִיאַלער אָפּאָרטוניסט האָט ווידער געפײַערט אַ ניצאָכנ, אָבער אַ צײַטווײַליקנ ניצאָכנ.

דאַנטאָנס פּערזענלעכ לעבנ אינ די דאָזיקע טעג איז געווענ טרויעריק. דעמ 10־טנ פעווראַל איז געשטאָרבנ זײַנ פרוי, דעמ 12-טנ פעווראַל האָט ער זי באַגראָבנ. מע זאָגט, אַז אינ עטלעכע טעג אַרום האָט ער אויסגעגראָבנ איר קערפּער, קעדיי ביטער צו באַוויינענ זײַנ פאַרלוסט. אָבער אינ גאָר אַ קורצער צײַט אַרום האָט ער געקויפט אַ דאַטשע אַפּנ סעוורער בערגל, האָט זי מעבלירט, אונ אַזויווי ער האָט „אומגעהייער געליטנ פונ איינזאַמקײַט" אונ „האָט באַדאַרפט אַ פרוי" (אַזוי דערציילנ זײַנע ביאָגראַפנ), האָט ער גיכ כאַסענע געהאַט מיט דער 16-יאָריקער לויזע, דער טאָכטער פונ אַנ עקזעקוטער, וואָס האָט אַדאַנק דאַנטאָנס פּראָטעקציע באַקומענ אַ גאַנצ גוטע שטעלע אינ פלאָט־מיניסטעריום. לויזע אונ איר פאַמיליע זײַנענ געווענ רעליגיעזע מענטשנ. זיי

האָבן געפאָדערט פון דאנטאָנען — דעם טריבון פון דער רעוואָליוציע, — אז ער זאָל כאסענע האָבן לויטן קאטוילישן ריטואל. ער האָט איינגעשטימט. ער האָט געשטעלט די כופע אין דער דירע בא א גאלעך, וואָס האָט ניט געשוואָרן דער קאָנסטיטוציע, בא איינעם פון די, וואָס האָט זיך גערעכנט — לויט די דעקרעטן — אויסערן געזעץ. באם שליסן דעם כאסענע-קאָנטראקט האָט ער אריינגעטראָגן 30 טויזנט פראנק, און מע זאָגט אויך, אז ער האָט געמאכט זיין פרוי א כאסענע-מאטאָנע: ער האָט איר געשאָנקען א טייסטערל מיט 50 לוידאָרן. אָט דער פאקט, וואָס איז פאָרגעקומען אין די שטורמישע רעוואָליוציאָנערע טעג, וואָלט געווען לעכערלעך, ווען ער וואָלט ניט געוואָרפן קיין גאנץ אייגנארטיקע, קימאט טראגישע שיין אף דער פיגור פון דעם בורזשואזן רעוואָליוציאָנער.

נאטירלעך, די דאָזיקע שטריכן שילדערן ניט בלויז זיין פערזענלעכקייט. דאָס זיינען די קלאסן-סימאָנים פונעם העלד פון דער פראנצויזישער רעפובליקאנישער בורזשואזיע. דאָס זיינען שטריכן פון אן אָפּאָרטוניסט, וואָס פרינציפן זיינען בא אים ניט מער ווי א געציינג צו פארפעסטיקן זיין מאטעריעלן ווילשטאנד.

18

זעענדיק דעם וווקס פון דאנטאָנס פאָפולערקייט, האָבן די זשיראָנדיסטן פעסט באשלאָסן צו באשולדיקן דעם טריבון אין אָנטייל-נעמען אין דיומוריעס פאראט. דעם 30-טן מארט האָט א דעפוטאט פון דער רעכטער פראקציע פון קאָנווענט געפאָדערט פון דאנטאָנען א באריכט וועגן די אויסעראָרדנטלעכע מיניסטעריאלישע הויצאָעס. און אלטע געשיכטע! מע פלעגט זי ארויסשלעפן יעדעס מאָל, ווען די זשיראָנדיסטן פלעגן דארפן דיסקרעדיטירן דעם טריבון. דאנטאָן האָט פארשטאנען, אז עס האנדלט זיך וועגן זיין אויפירונג אין בעלגיע. ער האָט דעם 31-טן מארט צוגעזאָגט צו געבן אף מאָרגן א דערקלערונג. דאנטאָן האָט דאָס געמוזט טאָן אויך דערפאר, ווייל דערקלערונגען האָבן פון אים געפאָדערט אויך זיינע פריינט פון לינקס, די יאקאָבינער, און פריער פון אלץ מאראט, וואָס האָט זיך באצויגן מיט פאראכט צו דאנטאָנס דיפלאָמאטישע קאָמבינאציעס.

דעם 31־טן מאַרט אַנדרע־פרי איז דאַנטאָן אַרויסגעטראָטן אין יאַקאָבינישן קלוב, ער האָט דערקלערט די יאַקאָבינער, אַז ער האָט זייער לאַנג געפּרוּווט צוציִען דיומוריע אויף זײַט פֿון דער רעוואָליוציע, אָבער דאָס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. יאָ, ער האָט געהאַט אַ טאָעס. איבעריקנס, מער וויכטיק איז די פֿראַגע וועגן דעם קאַמף קעגן די זשיראָנדיסטן, זיי ווילן צעגראָמירן די רעפּובליק: „זיי דאַרף מען דערקלערן מילכאָמע". די דאָזיקע רעדע האָט נאָר טײלווײַז באַפרידיקט די יאַקאָבינער, מאַראַט האָט געפֿאָדערט פֿון דאַנטאָנען אויף מאָרגן, דעם 1־טן אַפּריל, ער זאָל אין קאָנווענט אַראָפּרײַסן די מאַסקע פֿון די זשיראָנדיסטן. דאַנטאָן האָט צוגעזאָגט אויסשפּילן די דאָזיקע פֿאָדערונג. די יאַקאָבינער האָבן באַדאַרפֿט האָבן דאַנטאָנען אַלס אַ פֿאַרבינדעטן אין דער שפּעטערדיקער רעוואָליוציע קעגן די זשיראָנדיסטן. די זשיראָנדיסטן האָבן פֿאַרפֿאָלגט דאַנטאָנען מיט זייערע באַשולדיקונגען, די יאַקאָבינער האָבן געפּרוּווט אַרומרינגלען אים מיט זייער אויפֿמערקזאַמקײַט.

ווען גאַבריִעל איז געשטאָרבן, האָט ראָבעספּיער געשריבן צו דאַנטאָנען: „איך ליב דיך מער איידער ווען עס איז פֿריִער, און איך וועל דיך ליב האָבן ביזן סאַמע טויט. אין די דאָזיקע מינוטן בין איך אינגאַנצן מיט דיר".

די זיצונג פֿון קאָנוועט דעם 1־טן אַפּרעל האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן אײַנדרוק אויף די מענטשן פֿון יענער צײַט. די רעדע, וואָס דאַנטאָן האָט געהאַלטן אויף דער דאָזיקער זיצונג, געהערט בעעמעס צו די גלענצנדיקע מוסטערן פֿון זײַן רעדנערישער קונסט. אויף דער דאָזיקער רעדע האָט מען געוואַרט מיט אומגעדולד. די טריבונעס זײַנען געווען פֿול מיט סאַנקיולאָטן. דאַנטאָן האָט אָנגעהויבן דערקלערן זײַן אויפֿירונג אין בעלגיע. אים וויל מען שילדערן אַלס אַ פֿאַרבינדעטן פֿון דיומוריע. אָבער וואָס וויל דיומוריע? פֿאַרייניקן זיך מיט דער אַריסטאָקראַטיע פֿון בעלגיע און שליסן אַ בונד מיט די סאָנים פֿון דער רעוואָליוציע. דיומוריע האָט ניט געוואָלט דעם אָנשלוס פֿון בעלגיע. אַ קעגנזײַטלעכע פּאָזיציע האָבן פֿאַרנומען די קאָמיסאַרן פֿון קאָנווענט, צווישן זיי אויך דאַנטאָן. צווישן דיומוריעס פּאָליטישער פּאָזיציע און זײַן, דאַנטאָנס, פּאָזיציע ליגט אַ טהאָם. נאָכמער: דאַנטאָן האָט געשטײַנעט, — און מיט פֿולן רעכט, — אַז זײַן אויפֿירונג איז

געווען ניט זײַן פּערזענלעכע זאַך, אַז ער האָט קאָאָרדינירט זײַנע שריט מיט דער טעטיקײַט פֿון די איבעריקע קאָמיסאַרן. יאָ, מעגלעך, אַז ער, דאַנטאָן, האָט צופֿיל געטרויט דיומוריעס יפֿייִקײַטן. דאָס איז געווען אַ טאָעס; דער גענעראַל האָט געפֿאָדערט אָפּרעכענען זיך מיט די שולדיקע פֿון די סענטיאַבער-טעג, מיט דער באַפֿעלקערונג פֿון די פּאַריזשער פּאָרשטעט. ער האָט געקעמפֿט קעגן דער אידיי וועגן אַ רעוואָליוציאָנערן טריבונאַל. דאָס איז געווען ניט בלויז דיומוריעס פּראָגראַם, נאָר אויך די פּראָגראַם פֿון די זשיראָנדיסטן. סאָפּקאָלסאָם לוינט דען אַזויפֿיל צו ריידן וועגן דער פֿאַרגאַנגענהײַט? מע דאַרף געפֿינען מיטלען צו פֿאַריכטן די דערלאָזענע פֿעלערן: „איך פֿאָדער אָנצונעמען מיטלען צו שאַפֿן אַ מיליטערישן לאַגער אין אַ 20 ליע פֿון פּאַריזש, אַ לאַגער, וואָס זאָל באַשטיין פֿון 40 ביז 50 טויזנט מאַן, וואָס זאָלן אָפּנעמען בײַ אונדזערע סאָנים יע־יע האָפֿענונג צו באַווײַזן זיך אין פּאַריזש". האָט ער דען געקאָנט, ניט ברענגענדיק קיין שאָדן דער לאַנדשוץ, אַרעסטירן דיומוריע, ניט קאָאָרדינירנדיק די דאָזיקע פֿראַגע מיט די איבעריקע קאָמיסאַרן פֿון קאָנווענט, ניט צונויפֿריידנדיק זיך פֿריִער מיט דער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג?

דאַנטאָנס ניכטערע ווערטער האָבן געמאַכט אַן אײַנדרוק אויף די דעפּוטאַטן. די זשיראָנדיסטן איז געוואָרן קלאָר, אַז זיי האָבן פֿאַרשפּילט. לאַסורס האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טריבונע. „דאַנטאָן,—האָט ער געזאָגט,—איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם גענעראַלס אָנפֿירונג. פֿאַרדעכטיק איז שוין דאָס אַליין, וואָס דעלאַקרואַ איז געבליבן אין בעלגיע, און ער איז געקומען קיין פּאַריזש. דאַנטאָן און דעלאַקרואַ זײַנען זיכער שולדיק אין דער פֿאַרשווערונג".

לאַסורסן האָט געשטיצט בירעָטאָ. ער האָט דערמאָנט, אַז פֿאַבר ד'עגלאַנטין, דאַנטאָנס פֿרײַנט, האָט אים געזאָגט: „מע דאַרף איבערגעבן די מאַכט אין דעם טריבונס הענט. פֿראַנקרײַך דאַרף האָבן אַ קעניג". דאַנטאָן האָט אַ געשריי געטאָן צו בירעָטאָ: „איר זײַנט אַ מנוול! עס וועט קומען דער טאָג פֿון אַ געריכט איבער אײַך".

דער קאָנווענט האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע צו אויספֿאָרשן דאַנטאָנס אויפֿירונג. די זשיראָנדיסטן האָבן געהאַלטן באַם זיגן. דעמאָלט האָט דאַנטאָן אַ געשריי געטאָן: „מיך האָט מען באַשולדיקט! איך פֿאָדער, אַז מע זאָל מיך אויסהערן!" מיט מי האָט ער באַקומען דאָס

וואָרט, און בא א דונער פון אפלאָדיסמענטן פון דעם „בארג“ און פון די טריבונעס האָט ער אָנגעהויבן זײַן בארימטע רעדע. לעוואסער דערציילט אין זײַנע מעמוארן דעם אײַנדרוק, וואָס די דאָזיקע טראַגישע סצענע האָט געמאכט אף אַלעמען: „איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסן, — שרײַבט ער, — דעם מאָמענט, אף דער זיצונג פון 1־טן אפריל, ווען לאַסורס האָט אָנגעהויבן זײַנע באשולדיקונגען קעגן דאנטאָנען... דאנטאָן איז געזעסן אומבאוועגלעך אף זײַן אָרט, זײַן פּנים האָט אויסגעדריקט די גאנצע צײַט פאראכטונג, נאָר זײַנע אויגן האָבן געברענט מיט צאָרן און האס... אָבער ווען לאַסורס האָט געענדיקט זײַן רעדע, האָט ער זיך א ריס געטאָן צו דער טריבונע און, פארבײַגייענדיק פארבײַ אונדז, האָט ער געזאָגט שעפּטשענדיק, אָנווײַזנדיק אף די בענק פון די רעכטע דעפּוטאטן: „מענוואָלים, זיי ווילן אף אונדז ארופוואַרפן זייערע אייגענע פארברעכנס“.

דאנטאָן שטייט אף דער טריבונע. ער וועט איצט צווינגען, מע זאָל אים אויסהערן: „פריִער פאר אַלץ דארף איך אָפּגעבן די גערעכטיקײַט אײַך, אלס די עמ... פאָלקס־פרײַנט. אײַך, בירגער, וואָס זיצן אף דעם דאָזיקן „בארג“ (ער האָט זיך א קער געטאָן צו די בענק פון לינקן פליגל): איר האָט געזען די זאַך בעסער, איידער איך... איר האָט מיך באשולדיקט אין שוואכקײַט, און איר זײַט גערעכט, איך אנערקען דאָס פאר גאנץ פראנקרײַך“.

ער האָט אויספירלעך און נאָך מיט מער קראפט באוויזן דעם קאָנווענט, אז זײַן פּאָליטישע פּראָגראם איז ניט צונויפגעפאַלן מיט דיומוריעס פּראָגראם. „ווער האָט דיומוריע דערקלערט מילכאָמע? די פאָלקס־געזעלשאפטן. און ווער פון אונדז האָט געזאָגט, אז אָן די פאָלקס־געזעלשאפטן, אָן דער הילף פון דער פאָלקס־מאסע איז ניטאָ קיין רעטונג? דאָס האָב געזאָגט איך — דאנטאָן“. אין קאמף קעגן דער רעוואָליוציע איז דיומוריעס פּראָגראם צונויפגעפאַלן מיט דער פּראָגראם פון די זשיראָנדיסטן. דאנטאָן האָט דערמאָנט די דעפּוטאטן פון קאָנווענט, אז ער האָט געשטרעבט צו א שאָלעם מיט די זשיראָנדיסטן. די רעכטע שרײַען אים פון אָרט: „מיר וועלן איצט זען, וואָס פאר א ווערט דער דאָזיקער שאָלעם האָט“. אָבער דאנטאָן ענטפערט: „פארוואָס האָב איך פארלאָזן די סיסטעם פון מעסיקײַט און פארשטענדיקונגען? ווײַל עס איז פאראן א גרענעץ צו קלוג-

שאפטלעכקײַט. ווײַל ווען דו שטײסט אין געפאר צו באקומען קלעפ מיצאד די, וואָס וואָלטן דיר באדארפט אפּלאָדירן, מוז מען אריבערגײן אין אָנגריף". דאנטאָן האָט דעמאסקירט די פארשווערונג פון די זשיראָנדיסטן. די מאָנטאניארן האָבן פון די ערשטער אָנגערופן די פארשווערער: בארבארו, בריסאָ, גאדע... דאנטאָן פילט זיך מער ניט אלס אָנגעקלאָגטער; ער איז דער אָנקלאָגער. ער דערמאָנט וועגן די געהײמע באראטונגען צווישן דיומוריע און די זשיראָנדיסטן אין פאריזש. ער זאָגט: „מע דארף אײנמאָל פאר אלעמאָל פארגעדענקען, אז דער, וואָס האָט געוואָלט ראטעווען דעם קיניגס פערזענלעכקײַט, האָט דערמיט גופא ארויסגעוויזן א פארלאנג צו ראטעווען די אידײ פון ראָיאליזם". מאראט האָט אים געשטיצט. דער גאנצער מיטגעפיל פון פאָלק אף די טריבונעס און פון די דעפּוטאטן פונעם „בארג" איז אף זײַן צאד. דאנטאָן שרײַט אויס פאטעטיש: „איר ווילט דערהערן א וואָרט, וואָס וועט זײַן אן ענטפער אף אלץ? (יאָ! יאָ!). אויסגעצײכנט! איך מײן, אז עס איז מער ניטאָ קײן שאָלעם צווישן דעם בארג און די פאטריאָטן, וואָס האָבן געוואָלט דעם טיראנס טויט, פון אײן זײַט, און די מענוווּאָלים, וואָס האָבן אים געוואָלט ראטעווען און האָבן דערמיט גופא געטריבן רעכילעס אף אונדז פאר גאנץ פראנקרײַך — פון דער אנדערער זײַט". פון אומעטום האָבן זיך דערהערט געשרײען: „מיר וועלן ראטעווען דאָס פאָטערלאנד!". דאנטאָן האָט אופגעפאָדערט צו אײניקײַט די „עמעסע פאטריאָטן", ער האָט געפאָדערט פון זײ, זײ זאָלן בילדן אן אײנהײַטלעכע פאלאנגע צו פארטײדיקן די רעוואָליוציע. פון דער טריבונע איז ער אראָפּ, באגלײט מיט א שטורעם פון אפּלאָדיסמענטן, די אָוואציע האָט געדויערט לאנג.

דער ראָבעספּיעריסט לעוואסער דערמאָנט אין זײַנע מעמוארן מיט אנציקונג די לעצטע מינוטן פון דער זיצונג פון ערשטן אפּרעל: „דער גרעסטער טײל פון אונדז, — שרײַבט ער, — האָט געהאלטן, אז דאנטאָן האָט א ביטערן טאָעס, ווען ער האָפט אײַנצושטעלן א בונד צווישן די זשיראָנדיסטן און דעם „בארג". און ווען דער דאָזיקער שטורעם־פלאמיקער רעדנער איז בײַזוויליק פראָוואָצירט געוואָרן און האָט פארברענט הינטער זיך די שיפן, האָבן מיר זיך דעריבער דערפילט ווי עלעקטריזירט מיט ענטוזיאזם. מיר האָבן באטראכט דאנ-

טאָגס אומגעריכטע אַנטשלאָסנקייט אַלס אונדזער ניצאָכנ". עמעס, דאַנטאָנס רעדע האָט ניט געגעבנ קיינע פּאָזיטיווע רעזולטאַטנ, אָבער זי האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייַטונג פאַר דער צוקונפט. זי האָט באַוויזנ די מאָנטאַניאַרנ זייער קראַפט. דאַנטאָנ האָט דערקלערט אַ מילכאָמע די זשיראָנדיסטנ. ער האָט געשלאָסנ אַנ אָפענעם בונד מיט דעם פאָלק פונ די פאַריזשער פאָרשטעט. פונ איצט אָנ איז ער געשטאַנענ פּאָנעם על פּאָנעם מיט די פאָלקס-מאַסנ; קיינ אַנדער פאַר-בינדעטנ האָט ער ניט געהאַט.

אַ נייַע רעוואָליוציע האָט זיך אָנגעהויבנ. דער אופשטאַנד פונ 31-טנ מייַ—2-טנ יונ האָט געבראַכט אַ ניצאָכנ דעם „באַרג". די מאָנ-טאַניאַרנ האָבנ זיך געשטעלט אינ דער שפּיצ פונ די פאַריזשער פאָרשטעט. זיי זייַנענ אַרויסגעטראָטנ קעגנ די זשיראָנדיסטנ מיט אַ ברייטער פּראָגראַם פונ פּאָליטישע אונ סאָציאַל-עקאָנאָמישע רעפאָרמעס. די נייַע רעוואָליוציע האָט געוואָלט זייַנ די רעוואָליוציע פונ די פּלעבייִשע מאַסנ קעגנ דער האַנדל-אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. די פּלעבייִשע מאַסנ האָבנ געפאָדערט צו פאַרפעסטיקנ די רעפּובליק, די דעמאָקראַטישע רעפּובליק; זיי האָבנ געפאָדערט צו באַוואָפענענ דאָס פאָלק אונ די מאַכט פונ די פאָרשטעט; אַנטשיידנ אונ אַבסאָליוט ליקווידירנ די פעאָדאַלע רעכט; מאָביליזירנ אונ אויספאַרקויפנ אָפּ להאָטנע-באַדינ-גונגענ די נאַציאָנאַלע גיטער; אַ צוואַנג-האַלוואָע בא די רייַכע לייַט צו דעקנ די באַדערפעניש פונ דער רעפּובליק; זיי האָבנ געפאָדערט וואָלוול ברויט אונ אַ העכערונג פונעם אַרבעטלוינ.

אינ מייַ, אַ טאָג פאַרנ אופשטאַנד, ווענ עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגנ אַ צוואַנג-האַלוואָע, האָבנ די זשיראָנדיסטנ אַנטשיידנ פּראָטעסטירט קעגנ דעם. באַרבאַרו האָט דערקלערט: „איך דערווידער קעגנ אַלע פּראָיעקטנ פונ אַ צוואַנג-האַלוואָע; אייַלעניש איז אינ אַזאַ דעליקאַטער פראַגע זייער געפערלעך"... פונ די טריבונעס האָבנ זיך דערהערט געשרייענ „אַראָפּ!" אָבער די זשיראָנדיסטנ האָבנ זיך ניט פאַרלאָרנ. זייער בעסטער רעדנער ווערניאָ האָט פאַרגעסנ, אַז די פּיקעס פונ די סאַנ-קיולאָטנ זייַנענ גרייט אַרויסצוטרעטנ קעגנ דעם קאָנווענט. „אינ דער אונטערשטער שורע,— האָט ער געזאָגט פונ דער טריבונע פונ קאָנ-

ווענט, — איז א צוואנג-האלוואַע אָנ צווייפל אנ אומדירעקטער אַטענ-טאט אפנ אייגנטומ, אונ דאָס ווידערשפרעכט אלע אונדזערע פרינציפנ. אינ דעמ געגעבענעמ מאָמענט וועט אונדז די דאָזיקע האלוואַע ניט ברענגענ קיינ שומ נוצנ, זי וועט זײַנ שעדלעכ פאר דער נאציע אונ וועט אונטעררײַסנ יעדנ צוטרוי. פירט איר דורכ די דאָזיקע האלוואַע, — וועט איר פארשווערנ אונדזערע צאָלונגענ, איר וועט אָפשטעלנ דאָס פארקויפנ די נאציאָנאלע גיטער, איר וועט דערשטיקנ יעטווידער וועט-קאמפ, איר וועט פארניכטנ אלע קוואלנ, וואָס שפײַזנ דעמ האנדל, אונ איר וועט צווינגענ צו דערווײַטערנ זיכ אפ אייביק די, וואָס האָבנ זיכ געוואָלט באזעצנ אפ אונדזער גאסטפרײַנטלעכער ערד".

דער קאָנווענט הערט אימ ניט. די דעפוטאטנ פונעמ „זומפ" האָבנ פארשטאנענ, אז די קראפט ליגט אינ די הענט פונ די מאָנטאניארנ. זיי זײַנענ געווענ גרייט אָפצושטימענ א האלוואַע פונ 1 מיליארד: ווער ווייסט, עפשער וועט דאָס ראטעווענ זייער אייגנטומ...

די זשיראָנדיסטנ האָבנ ניט געוואָלט אײַנגיינ אפ קיינ האנאָכעס די פאָלקס-מאסנ. זייער גורל איז געווענ באשטימט.

דאנטאָנ איז געווענ אונ איז געבליבנ דער הויפט פונעמ „זומפ".

ערעוו דער רעוואָליוציע וויל יעדער פונ די קעמפנדיקע צדאָדימ שאפנ אונ באקומענ אינ זײַנע הענט דעמ העכסטנ אָרגאנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער מאכט. דעמ 4-טנ אפרעל 1793 האָט אינסאר, א לינ-קער זשיראָנדיסט, ארײַנגעטראָגנ א פראָיעקט וועגנ גרינדנ א קאָמיטעט פונ 9 קאָנווענט-מיטגלידער אונ געבנ דעמ קאָמיטעט דאָס רעכט אראָפ-צוזעצנ די אגענטנ פונ דער מאכט. פאר דאנטאָנענ האָט זיכ עס גע-האנדלט וועגנ רעאָרגאניזירנ דעמ קאָמיטעט פונ געזעלשאפטלעכער רעטונג, וואָס איז געשאפנ געוואָרנ לויטנ דעקרעט פונ 25-טנ מארט. אינ דעמ דאָזיקנ נײַעמ באשטאנד פונ קאָמיטעט איז ארײַנ דאנטאָנ. ער איז באוווסט אינ דער געשיכטע פונ דער רעוואָליוציע אלס ד א נ ט אָ נ ס ק אָ מ י ט ע ט.

אינ פולקומענ אײַנקלאנג מיט זײַנ גאנצער אופירונג האָט דאנטאָנ ארײַנגעטראָגנ דעמ 5-טנ אפרעל א פאָרשלאָג וועגנ פארברייטערנ די רעכט פונ רעוואָליוציאָנערנ טריבונאל. דער טריבונאל דארפ אונ קאָנ מישפעטנ אלע שולדיקע אָנ א ספעציעלנ באפעל פונעמ קאָנווענט. וואָס פאר א רייד קאָנ דאָ זײַנ וועגנ קאָנסטיטוציאָנעלע גאראנטיעס, וועגנ

פאָרמאַליטעטנ פונעמ געזעצ: „איכ פרעג באַ איַיכ, איר ווילט אויס-
מיַידנ די בלוטיקע לינטש-געריכטנ, וואָס די פאָלקס-נעקאָמע רופט
ארויס? אינ די דאָזיקע גרויזאמע טעג דארפ מענ אָרגאניזירנ די
רעוואָליוציאָנערע יוסטיצ"... דאָס איז געווענ א פרווו צו באהערשנ דעמ
אופשטאנד. אָבער דאנטאָנ האָט אויסגעצייכנט פארשטאנענ, אז דאָס
איז אבסאָליוט ניט גענוג. די צווייטע אופגאבע איז באשטאנענ אינ
באפרידיקנ די עקאָנאָמישע באדינגונגענ פונ די מאסנ. זיַינ פריַינט
דעלאקרוא האָט אריַינגעטראָגנ דעמ 5-טנ אפרעל א פאָרשלאָג וועגנ
ניט דערלאָזנ אינ דער ארמיי פערזאָנענ פונ די פריווילעגירטע שטאנדנ.
די ארמיי האָט געזאָלט ווערנ סאנקיולאָטיש. דאנטאָנ האָט באגריסט
דעמ דאָזיקנ באשלוס אונ האָט צוגעגעבנ: „אָבער דאָס איז ניט גענוג.
ס'איז נייטיק, אז די גאנצע ציַיט, ווענ איר גייט אינ שלאכט קעגנ דעמ
אויסערלעכנ סוינע, זאָלנ די אינערלעכע סאָנימ, די אריסטאָקראטנ,
שטיינ אונטער דער געפאר פונ די סאנקיולאָטישע פיקעס". די דאָזיקע
ארמיי דארפ מענ אויסהאלטנ אפנ כעזשבנ פונ די ריַיכע לײַט: „איכ
וויל אריַינטראָגנ נאָכ א פאָרשלאָג. ס'איז נייטיק, אז אינ גאנצ פראנק-
ריַיכ זאָלנ די פריַיזנ אפ ברויט שטיינ אינ א ריכטיקער פראָפּאָרצ צומ
פארדינסט פונ די אומפארמעגלעכע. וואָס עס פעלט, זאָל געדעקט ווערנ
פונ דער קעשענע פונ די ריַיכע לײַט". אזוי איז געפונענ געוואָרנ א
צווייטנ — א ריכטיק מיטל צו באהערשנ די פאָלקס-באוועגונג.

אָבער דאנטאָנ וואָלט ניט געווענ דאנטאָנ, ווענ ער זאָל, גייענדיק
אנטקעגנ א נייַער רעוואָליוציע, ניט פרווונ געפינענ א וועג צו מאכנ
שאָלעמ כאָטש מיט א טייל פונ זיַינע סאָנימ. דיפערענצירנ די זשי-
ראָנדע, אָפטיילנ די קליקע ראָלאנ-בארבארו-גאדע פונ דער גאנצער אי-
בעריקער מאסע זשיראָנדיסטישע דעפוטאטנ, באוואָרענענ א בלוטלאָזע
רעוואָליוציע, אפילע ניט קיינ רעוואָליוציע, נאָר פאָשעט א פארלאמענ-
טארישע איבערקערעניש — אָט דערצו האָט ער געשטרעבט, אָט דאָס
האָט ער געוואָלט. געוויס, אויב די פאָלקס-מאסנ וועלנ אינ דער לעצ-
טער מינוט אראָפּריַיסנ די דאָזיקע קאָמבינאציע, וועט ער גייִנ בעראָש
פונ זיי, וועט ער ווערנ א „בלוטזויגער", וועט ער איבערכאזערנ די
סענטיאבער-טעג. נאָר געוואָלט האָט ער פרווונ אויסמיַידנ א בלוטיקע
רעוואָליוציע. אָבער דער פרווו איז אומזיסט. די זשיראָנדע וויל ניט
קיינ שאָלעמ.

דעם 12-טנ אפּריל 1793 זײַנענ די זשיראָנדיסטנ גרייט געווענ איבערצוגעבנ צום געריכט מאראטנ אונ פאר איינוועגס באשולדיקנ אויכ דאנטאָנענ. גאדע הייבט ווידער אופ די פראגע וועגנ דאנטאָנס שײַכעס צו דיומוריעס מאראט: „אז אלע ספּעקטאקלענ פונ פּאריזש פלעגט ער זיצנ שטענדיק האנט בא האנט מיט דיומוריע, — אָט ווער עס איז אײַער דאנטאָנ".

דאנטאָנ איז אפ דער טריבונע: „הא, דו באשולדיקסט מיכ? דו קענסט ניט מײַנע קרעפטנ. איכ וועל דיר ענטפערנ, איכ וועל אופדעקנ דײַנע פארברעכנס. אינ דער אָפּערע בינ איכ געווענ אינ א לאָזשע צוזאמענ לעבנ אים, אָבער ניט אינ זײַנ לאָזשע. אונ דו ביסט דאָרטנ אויכ געווענ". די מעסיקע בורזשואַ, וואָס זײַנענ געזעסנ אפ איינער פונ די טריבונעס, האָבנ זיכ געקלאָגט, אז די סאנקיולאָטנ לאָזנ זיי ניט הערנ דעם רעדנער; איינעם פונ זיי האָט מענ ארעסטירט. דאנטאָנ האָט איבערגעריסנ זײַנ רעדע, קעדיי ארויסצוטרעטנ פארטיידיקנ דעם ארעסטירטנ. מאראט האָט געשטיצט דאנטאָנענ. ער האָט געוואָלט אינ נאָמענ פונ די יאקאָבינער פארעפנטלעכנ א פּראָקלאמאציע קעגנ די פארעטער. פונ אלע זײַטנ האָט מענ געפאָדערט ארעסטירנ אים, אונ דאנטאָנ האָט זיכ אונטערגענומענ פארטיידיקנ דעם פאָלקס-פרײַנט, די זעלבע „אומבאקוועמע פּערזענלעכקײַט", וואָס ער האָט זיכ אָפּ-געזאָגט צו פארטיידיקנ, אויב דער לייענער געדענקט, אינ סענטיאבער 1792. ער האָט פארטיידיקט מאראטנ, אָבער ער האָט ניט דערווידערט קעגנ ארעסטירנ דעם הערצאָג פונ אָרלעאנ, אונ ער האָט דאָכ ניט וויניק געטאָנ אינ די רעוואָליוציע-יאָרנ צו פארטיידיקנ אים!

דאנטאָנ האָט געפאָדערט פונ קאָנווענט צו באשטימענ א קאָ-מיסיע, וואָס זאָל אָפּגעבנ א באריכט וועגנ די באשולדיקונגענ, וואָס זײַנענ ארויסגערוקט געוואָרנ קעגנ מאראטנ, קעגנ די פאָלקס-געזעל-שאפטנ, קעגנ די טריבונעס...

דער פּראָטאָקאָל פונ דער זיצונג פונ 12-טנ אפּריל פארצייכנט אינ דעם דאָזיקנ אָרט א טשיקאווע רעפּליק פונ אנ אומבאוווּסטנ דעפּוטאט: „...דאנטאָנ אפּעלירט צו די טריבונעס, צום פאָלק, — צו אלעמענ, ווער עס קאָנ אים נאָר אפּלאָדירנ". יאָ, דאנטאָנ האָט האָלט געהאט אפּלאָדיסמענטנ, ער האָט געוווּסט ווי זיי ארויסצורופ‍נ אונ אויסנוצנ.

אין נאָמען פון וועלכע פּאָליטישע פּרינציפּן האָט דאַנטאָן אויפגעפאָדערט אָפּצוּוואַרפן די זשיראָנדיסטן? מיר קאָנען דאָס קלאָר מאַכן איבער מיר וועלן אָפּגעבן אויפמערקזאַמקייט זיינע רעדעס אין אַפּריל-מיי 1793. ס'איז אַריבער די צייט, ווען דער טריבון האָט געדראָעט אייראָפּע:

„מע דאַרף אָקופּירן האָלאַנד, באַפרייען בעלגיע, מע דאַרף צעשכעטערן די מאַכט פון ענגלאַנד... זאָלן אונדזערע זיגרייכע אַרמייען ברענגען אַלע פעלקער פרייהייט און גליק". דער סוינע דראָעט איצט דער פראַנצויזישער טעריטאָריע, און דאַנטאָן האָט דעם 13-טן אַפּרעל דערקלערט, אַז דער קאָנווענט דאַרף זיך מער נישט מישן אין די אינערלעכע איניאָנים פון אַנדערע מעלוכעס, דער קאָנווענט איז ניט מעכויעוו צו שטיצן „אַ הייפּל פּאַטריאָטן, וואָס זיי וואָלט איינגעפאַלן צו מאַכן אַ רעוואָליוציע אין כינע".

די נאַציאָנאַלע באַגרענעצטקייט פון אַ בורזשוא, וואָס האָט געליטן אַ מאַפּאָלע אין עם קאָנפליקט מיט דער פעאָדאַלער אייראָפּע, האָט זיך געלאָזט פילן אין דאַנטאָנס פּאָלגנדיקע ווערטער: „בירגער, מיר מוזן פריער פאַר אַלץ אַ טראַכט טאָן וועגן אָפּהיטן די עקזיסטענץ פון אונדזער מעלוכע און וועגן פאַרשטאַרקן די מאַכט פון דער פראַנצויזישער נאַציע... לאָמיר אָננעמען אַ באַשלוס נים אַריינצומישן זיך אין די איניאָנים פון אונדזערע שכיינים, אָבער לאָמיר אויך באַשליסן, אַז די רעפּובליק וועט עקזיסטירן, און לאָמיר פאַרורטיילן צו טויט-שטראָף יעדן וואָס וועט פאָרלייגן שאָלעם, אויב דער שאָלעם איז ניט באַגרינדעט אויף די פּרינציפּן פון אונדזער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט". אַזוי האָט באַקומען איר פאָרם די ניכטערע בורזשואזע פּאָליטיק ערעוו דעם טאָג, ווען די פאָרגעשריטענע פראַקציע פון דער האַנדל-אינדוסטריעלער בורזשואזיע איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון קאָנווענט.

אין די סעקציעס האָט געקאָכט, דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען אייפעריק פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף. אָבער דער קאָנווענט האָט געפונען צייט צו באַהאַנדלען רויק די נייע רעכט-דעקלאַראַציע, ער האָט געזוכט צייט פאַר קאָנסטיטוציאָנעלע שטרייטן. דעם 19-טן אַפּרעל, אין דער דיסקוסיע וועגן דעם רעכט פון יעדן בירגער אויף דעם, אַז די מעלוכע זאָל פאַרטיידיקן זיין פרייזעלעכקייט און זיין פאַרמעגן, האָט דאַנ-

כאָנ געמאָלדנ: „איכ פאָדער, אז דער, וואָס ברעכט דעמ געזעצ, זאָל גערעכנט ווערנ פאַר א מערדער. יעדער געוואַלט-טאַט דאַרפ קעגנ־געשטעלט ווערנ קראַפט". דער זשיראָנדיסט לאַנזשינע האָט פּראָוואָ־צירנדיק א וואָרט געטאָנ דאַנטאָנען, אז אזא באַהויפּטונג באַטײַט סאַנקציאָנירנ סאָציאַלע קאָנפליקטנ, אָבער דאַנטאָנ האָט זיכ באַרופנ אַפנ בײַשפּיל פונ די ענגלענדער: די „דעקלאַראַציע" דאַרפ זיכערנ יעדנ בירגער די מעגלעכקײַט צו פאַרטיידיקנ זײַנע רעכט.

אינ 3 טעג ארומ זײַנענ באַהאַנדלט געוואָרנ די ווײַטערדיקע פּאַראַגראַפנ פונ דער „דעקלאַראַציע" אינ צוזאַמענהאַנג מיט די פּרינ־ציפּנ פונ דער שטײַער־פּאָליטיק. שאַרל האָט געפאָדערט, אז אינ דער שטײַער־סיסטעמ זאָל אײַנגעשטעלט ווערנ דער פּרינציפּ פונ פּראָפּאָר־ציאָנעלקײַט. איכנאַר האָט געשטיצט שאַרלען. דאַנטאָנ איז באַשטאַ־נענ אַפנ פּרינציפּ פונ „פּראָגרעסיע" אינעמ באַשטײַערנ, קעדײ דער־מיט צו צווינגענ דעמ גרויסנ קאַפּיטאַל, ער זאָל דינענ די אינטע־רעסנ פונ דער מלוכע. אינ דעמ זעלבנ גײַסט איז ער אויכ ארויס־געטראָטנ וועגנ אנדערע פראַגנ, וואָס זײַנענ פאַרבונדנ מיט באַהאַנ־דלענ די קאָנסטיטוציע. ער האָט געפאָדערט אינ יעדנ פאַל צו פאַר־ברייטערנ די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט פונעמ פאָלק.

אינ דאַנטאָנס דעמאָלטיקע ארויסטרעטונגענ זעט מענ קלאָר אײנ אַלגעמײנעמ געדאַנק: די אויפגאַבע פונ דער רעוואָליוציע איז — פאַר־פעסטיקנ די בורזשואַז-דעמאָקראַטישע אָרדענונג. אָט דער אַלגעמײ־נער געדאַנק האָט באַקומענ זײַנ ענדגילטיקנ אויסדרוק אינ דעמ באַ־ריכט וועגנ דער לאַגע פונ דער רעפּובליק, וואָס איז פאָרגעלייענט געוואָרנ אינ נאָמענ פונעמ קאָמיטעט פונ געזעלשאַפטלעכער רעטונג דעמ 29־טנ מײַ 1793, א טאָג צוויי-דרײַ פאַרנ אופשטאַנד. דעמ טייל פונ דעמ דאָזיקנ פאָרטראָג, וואָס באַרער האָט איבערגעלייענט, האָט ווײַזט אויס, אָנגעשריבנ דאַנטאָנ.

אינ דעמ אָפּשניט וועגנ דער קאָנסטיטוציע געפינענ מיר א געדאַנק, מיט וועלכנ עס האָט זיכ סאָלידאַריזירט די מערהײַט יאַקאָבינער: דער אײנציקער וועג צו ראַטנ דאָס לאַנד איז גיכ ארויסגעבנ א נײַע רעפּובליקאַנישע קאָנסטיטוציע. צו דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע שטרעבט דאָס גאַנצע לאַנד. אָפּציִענ דאָס ארויסגעבנ זי — הייסט ריזי־קירנ מיט דער פרײַהײַט. נאַטירלעכ, עס וואָלט געווענ נוצלעכ, אז

די ארבעט צו שאפנ אזא קאָנסטיטוציע זאָל פארײניקנ אלעמענ, אָבער אויב דאָס איז אומעגלעכ, זאָל זי געשאפנ ווערנ אויסער און קעגנ דעמ ווילנ פונ די פאָלקס-פײַנט (דער רעפערענט האָט דאָ געמײנט די זשיראָנדיסטנ).

די דאָזיקע קאָנסטיטוציע גײט ניט ארויס פונ די ראמענ פונ דער בורזשואזער רעכט-אָרדענונג. דער צוועק פונ די פראנצויזישע געזעצגעבער איז פרײַהײַט, געזעצנ און אײגנטום. אָבער קעדײ די דאָזיקע יעסוידעס פונ דער קאָנסטיטוציע זאָלנ זײַנ פעלזנפעסט, דארפנ זײ געפינענ א שטיצע אינ די פאָלקס-מאסנ. דאָס פאָלק פארמאָגט דעמ אינסטינקט פונ פרײַהײַט, עס האָט זײַנע אײגענע פאָרשטעלונגענ וועגנ מאָראל: „עס ליבט די פרײַהײַט, עס אכט דאָס אײגנטום, און עס ווײסט אויסגעצײכנט, אז ניט מיט פארברעכנ און ניט מיט אינטריגעס קאָנ מענ כארפעסטיקנ די רעפובליק“.

אינ נאָמענ פונ דער דאָזיקער כראָגראמ האָט זיכ דאנטאָנ געסטארעט צו באהערשנ די באוועגונג פונ די סעקציעס אינ דער הויפטשטאָט.

19

דעמ 1-טנ אפרעל האָט זיכ אינ ביסקופאט געבילדעט די „צענטראלע פארזאמלונג פאר געזעלשאפטלעכער רעטונג“, א נײַע אָרגאניזאציע צו מאכנ א רעוואָליוציע קעגנ דער זשיראָנדע. דעמ 10-טנ מײַ האָט א דעפוטאציע פונ די קאָרדעליערנ און פונ דער רעוואָליוציאָנערער פרויענ-געזעלשאפט געמאָלדנ ניט צווײדײַטיק אינ יאקאָבינישנ קלוב: „ס'איז שוינ לאנג קלאָר, אז אלערלײ בריסאָ, גאדע, ווערניאָ, זשאנסאָנע, ביוזאָ, בארבארו און אנדערע זײַנענ דער הויפט-שטאב פונ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער ארמײ. פארוואָס-זשע גיט איר ניט ארויס קעגנ זײ א באשולדיקונג-דעקרעט?“ אָבער דאָס איז געווענ ניט מער ווי א טײל פונ די פאָדערונגענ. די דעלעגאציע האָט געפאָדערט צו שאפנ אנ ארמײ פונ 40 טויזנט סאנקיולאָטנ אפנ כעזשבנ פונ די רײַכע לײַט. יעדער סאנקיולאָט האָט געזאָלט באקומענ 40 סו א טאָג. די דעפוטאציע האָט געפאָדערט צו שאפנ אפ די פלעצער ווארשטאטנ צו שמידנ אלערלײ געווער. „געזעצגעבער, שטעלט די אויסקויפער, די עגאָיסטנ — די הענדלער און די מײַסטערס פונ

אושיאָטאוש, — האָט דער רעדנער פונ די רעוואָליוציאָנערע קלובנ ניט געבעטנ, נאָר באַפוילנ. — עס איז דאָ א שרעקלעכער פלאנ צו לאָזנ אויסהונגערנ דאָס פאָלק, דערפירנדיק די פרײַזנ אפ פראָדוקטנ ביז אנ אויסערגעוויינלעכנ יאקרעס. אינ דער שפּיצ פונ דער דאָזיקער פאַר־שווערונג שטייט די אריסטאָקראטיע פונ דער פריערדיקער קאסטע, וואָס וויל זײַנ ענלעכ אפ דער קיניגלעכער מאכט אונ פארכאפנ אלע רײַכ־טימער, אויפבלאָזנדיק לויט איר גײַציקײַט די פרײַזנ אפ די פראָדוקטנ פונ ערשטנ געברויכ. מאכט א סאָפ צו די אלע פארעטער: פארנ מוטערלאנד איז פולקום געווג, אז אינ אים זאָלנ בלײַבנ נאָר די סאנקיולאָטנ אונ זייערע גוטע מײַסים".

דאָס האָט געקלונגענ גרויזאם, דאָס איז געווענ א קריג־דערקלע־רונג, צי די יאקאָבינער האָבנ דאָס יאָ געוואָלט אָדער ניט געוואָלט. ראָ־בעספיער האָט געמוזט מעלדנ אינ יאקאָבינישנ קלוב, אז אויב די קאָ־מונע וועט זיכ ניט אָנשליסנ גיכ צום פאָלק, וועט דאָס זײַנ א פאַרברעכנ. דער לינקער מאָנטאניאר גאסענפראצ האָט מיטגעטיילט, אז עס איז פאָר־געקומענ א פארזאמלונג פונ אלע אינסורגענטישע סעקציעס, ווו עס איז באהאנדלט געוואָרנ די פראגע וועגנ דעם אויפשטאנד. ער האָט באַרו־יקט די יאקאָבינער, אז פריער פאר אלצ האָט מענ דאָרטנ באהאנדלט מאָסמיטלענ צו פארטיידיקנ דאָס אייגנטום: „זאָל די גאנצע רעפובליק וויסנ, אז דאָס אייגנטום געפינט זיכ אונטערנ שוצ פונ די סאנקיולאָטנ. איכ פאָדער, אז אלע מיטגלידער פונ דער דאָזיקער געזעלשאפט זאָלנ שווערנ גיכער אומקומענ, איידער דערלאָזנ וואָסער־עס־איז אנ אטענ־טאט אפנ אייגנטום־רעכט" (אלע הייבנ זיכ אופ אונ גיבנ איינשטימיק אזא שווּע).

די דאָזיקע מיטלענ זײַנענ ניט געווענ אומזיסט, ווײַל די פרידלעכע, בורזשוא פונ יאקאָבינישנ קלוב האָט מענ באדארפט, ווי געוויינלעכ „אונטערשטופנ" צום אויפשטאנד. דאָס האָבנ אויכ געטאָנ די פלעבייִשע מאסנ פונ די פאָרשטעט.

דער שטורמישער אויפברויז פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ די פאָרשטעט האָט, נאטירלעכ, ניט געקאָנט פארבײַגייִנ פארבײַ דעם קאָנווענט. די זשיראָנדע האָט געפרוווט געבנ א ווידערשטאנד דעם פאָלקס־אויפשטאנד, אָבער ניט געלונגענ. זי האָט ארעסטירט מאראטנ, אָבער אונטערנ דרוק פונ די פאָלקס־מאסנ איז ער באפרײַט געוואָרנ.

דאַנטאָן האָט דעם 24-טן אַפּריל געטאָן אָנשליסן זיך אין קאָנווענט צום אַלגעמיינעם אויסדרוק פון ענטוזיאַזם איבער דער באַפרייִונג פון דעם פאָלקס-פריינט. געבנדיק אין זיין צייטונג א באַריכט וועגן דאַנטאָנס אַרויסטרעטונג, האָט מאַראַט געשריבן, אַז די דאָזיקע אַרויסטרעטונג איז באַזונדערס ווערטפול, ווייל דאַנטאָן האָט גענומען אָפּ זיך א פאַרפליכטונג צו פירן אָנראַכמאָנעסדיק א מילכאָמע קעגן דער זשיראָנדע. „דאָס פאָלק דערוואַרט פיל פון דעם דאָזיקן באַוווּסטן פּאַטריאָט, — האָט מאַראַט צוגעגעבן. — דאָס פאָלק שפּירט נאָך אים נאָך אויפמערקזאַם און דערוואַרט אים אפן ערן-פעלד".

ווי מיר האָבן געזען, האָט זיך די זשיראָנדע אַקעגנגעשטעלט יעדן פּרווו צו פאַרמעסטן זיך אפן אייגנטום, באַזונדערס ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן א צוואַנג-האַלוואָע אָפּ צו דעקן די מילכאָמע-הויצאָעס. דאַנטאָן האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די דעבאַטן און איז אַרויסגעטראָטן מיט אַן ענערגישער רעדע קעגן דער זשיראָנדע:

„באַשטייערנדיק דעם רייכן מאַן מיט שטייערן, — האָט ער געזאָגט, — טוען מיר אים דערמיט א גרויסע טויווע. א גרויסן ערדבאַזיצער אָדער א קאַפּיטאַליסט לוינט א סאַך מער געבן א גרויסן צושטייער, איידער דערלאָזן דעם סוינע פאַרכאַפּן אונדזער טעריטאָריע; וואָס גרעסער עס וועלן זיין די קאָרבאָנעס, אַלץ גרעסער איז די זיכערקייט אין דעם, אַז דאָס אייגנטום וועט באַוואָרנט ווערן און עס וועט בלייבן אומבאַרירט" (אַפּלאָדיסמענטן).

אַזוי, אין פּאַשעטע ווערטער דעקט דאַנטאָן אויף דעם טאָך פון זיין טאַקטיק, די נאַטור פון זיין אָפּאָרטוניזם. מע דאַרף ראַטעווען די אינטערעסן פון דעם ג אַ נ צ ן קלאַס, קאָן מען דען צווייפלען אין אַזאַ פאַל, אַז יעדער קאָרבן דאַרף געבראַכט ווערן אין נאָמען פון דעם דאָזיקן ציל? דאַנטאָן וויל איבערצייגן די בורזשואַזיע, אַז „דער געמיינער מענטש" האָט פּונקט אַזאַ רעכט צו געניסן דאָס גוטס פון לעבן, ווי דער גוויר. צוציִענדיק אַוואַרום די פּלעבייִשע מאַסן אפן צאַד פון דער רעוואָליוציע, וועט דער רייכער מאַן קאָנען זיין רויִק פאַר זיין פאַרמעגן: „אין א פולקומער געזעלשאַפט דאַרפן די פּרינציפּן פון פרייהייט גיין האַנט בא האַנט מיט די פּרינציפּן פון פאַרגונפט".

נאָכ דער דאָזיקער ארויסטרעטונג האָט זיכ דאנטאָנ געקאָנט דערלויב: מאכנ אנ אָנשטעל פונ א פארברעכנטנ דעמאָקראט אונ א רעוואָליוציאָנער. אינ די פאָרשטעט האָט מענ אים אָנגעהויבנ טרויענ. ער האָט אויכ געהאט דעם צוטרוי פונ די דעפוטאטנ פונ „זומפ"; אינ דעם איז געווענ זייַנ קראפט, דערצו האָט ער געשטרעבט.

די זשיראָנדע איז געווענ קאָנסעקווענטער פאר דאנטאָנענ. די פראגע איז פאר איר געווענ געלייזט; זי איז ארויסגעטראָטנ קעגנ דער רעוואָליוציע אינ איינ געשלאָסענער קאָלאָנע. א ספּעציעלע קאָמיסיע פונ 12, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרנ פונ מעשנ שטארק פארדעכטיקע אינ מיטגעפיל צום ראָיאליזם, האָט באראפט דינענ אלס צענטער צו אָרגאניזירנ דעם ווידערשטאנד קעגנ דעם פאָלק. די קאָמונע פונ פאריזש אונ די פאריזשער פאָרשטעט האָבנ פארשטאנענ דעם מינ פונ דער זשיראָנדע. פונ איצט אָנ איז דער קאמפ פאר ליקווידירנ די קאָמיסיע געוואָרנ די אויפגאבע פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. דאנטאָנ האָט געמיינט, אז אויב ער וועט אינ דער דאָזיקער פראגע זיגנ, וועט זיכ אים איינגעבנ אויסצומיידנ אנ אויפשטאנד, אָבער ער האָט געהאט א טאָעס אינ כעשבנ. ווענ דער זשיראָנדיסטישער קאָנווענט האָט באשלאָסנ דעם 18-טנ מיי צו ארעסטירנ איינעמ פונ די פירער פונ דער קאָמונע — שאָמעטנ אונ דעם רעדאקטער פונ דער צייַטונג „פער דיושענ" — עבערנ, האָט דאנטאָנ געמוזט ארויסטרעטנ צו פארטיידיקנ זיי, פונקט אזוי ווי ער איז פריער ארויסגעטראָטנ צו פארטיידיקנ מאראטנ.

אינ קאָנווענט האָבנ זיכ דעם טאָג אָפגעשפּילט שטורמישע סצענעס. בארער, א כיטרער פוקס, א טיפּישער פאָרשטייער פונ „זומפּ", האָט מיט אומרו מיטגעטיילט דעם קאָנווענט, אז אינ דער הויפּטשטאָט גרייט זיכ אנ אויפשטאנד; קאמבאָנ, דער פינאנסיסט פונ קאָנווענט, האָט געפאָדערט צו באשטימענ אנ אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע. די מעסיקע דעפוטאטנ האָבנ מער ניט געוואָלט באהאנדלענ די פראגע וועגנ ארעסטנ; זיי האָבנ געוואָלט האנדלענ. זיי האָבנ געפאָדערט שליסנ די זיצונג, אָבער דאנטאָנ האָט באקומענ דאָס וואָרט. ער האָט זיי דערמאָנט דעם גורל פונ ליקורגנ, וואָס האָט פארלאָרנ אנ אויג ביים דעם פאָלקס-אויפשטאנד אונ האָט פאָרגעלייגט זייַנ הויז אלס אנ אָפּדאכ פאר דעם, וואָס האָט אים פארווונדעט. די זשיראָנדע האָט

דאָס באַדאַרפט נאָכמאָל ליקווידירן! דאַנטאָן האָט געראָטן דעם קאָנווענט: זײַט אַזוי גרויס, ווי ער. כדי צו ראַטעווען די רעפּובליק, דאַרפן מיר אויספילן צוויי אויפגאַבן — העלפן אונדזערע קאָלעגן און ניט פאַנאַדערגיין זיך אַזוי לאַנג, ביזוואַנען עס וועט ניט אַרויסגעגעבן ווערן די קאָנסטיטוציע".

די קאָמיסיע פון 12 האָט ווײַטער געמאַכט איר אַרבעט. די זשיראָנדיסטן זײַנען געבליבן טויב צו דאַנטאָנס אויפאָדערונג.

ווען די סעקציע פון אַרסענאַל האָט געפאָדערט באַם קאָנווענט צו באַשיצן די פאָלקס-געזעלשאַפטן, ווען אַ דעפּוטאַציע פון גענעראַל-ראַט פון דער קאָמונע האָט דעם 25-טן מײַ באַם באַריער פון קאָנווענט געפאָדערט צו באַפרײַען העבערן, האָט מען זיי ניט געלאָזט רעדן. דאַנטאָן האָט אַ געשריי געטאָן פון אָרט: „רויִק!" די זשיראָנדיסטן האָבן אים ווידער באַשולדיקט אין דיקטאַטור, און איסנאַר, דער פאָרזיצער, האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך אַ וואָרט צו טאָן דעם אויפגערייצטן האַמוין: „ווען די פאַרשווערער זאָלן פאַרכאַפּן דעם קאָנווענט, מעלד איך אײַך אין נאָמען פון גאַנץ פראַנקרײַך... איך מעלד אײַך, אַז פאַריזש וואָלט אויסגעשטרײַכט געוואָרן פון די שמעט פון דער רעפּובליק... גאַנץ פראַנקרײַך וואָלט זיך אויפגעהויבן קעגן אים, און אינגיכן וואָלט מען עפּשער אויף די ברעגן פון דער סענע באַדאַרפט זוכן דאָס אָרט, וווּ פאַריזש איז געשטאַנען"...

דאָס איז געווען אַ קריג-דערקלערונג. דאַנטאָן האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה. ער האָט געמוזט נעמען אויף זיך די אָנפירונג מיט דער באַוועגונג. ער האָט געהאַלטן איינע פון זײַנע סאַמע קעמפערישע רעדעס: „גאָר לאַנג האָט מען שוין באַוואָרפן פאַריזש מיט רעכילעס"... (אַפּלאָדיסמענטן פון די דעפּוטאַטן פונעם „באַרג" און פון די טריבונעס אויף די רעכטע בענק איז אַ צאָרניקער געמורמל. פון אַלע זײַטן הערן זיך געשרייען: „מיר באַשולדיקן ניט פאַריזש, נאָר עטלעכע מענוואָ-לים"!). איר ווילט זאָגן, אַז איך האָב אַ טאָעס? (יאָ! יאָ!). איך בין אַרויס אויף דער דאָזיקער טריבונע ניט כדי צו פאַרענטפערן פאַריזש, פאַריזש נייטיקט זיך אין דעם ניט. איך וויל רעדן אין די אינטערעסן פון דער גאַנצער רעפּובליק"... (אַפּלאָדיסמענטן).

דאַנטאָן איז אַפילו גרייט צו מיינען, אַז דאָס איז פּשוט געווען אַ ניט געלונגענע רעדנערישע מאַניר: „איך בין גוט באַקאַנט

מיט די רעדנערישע מאנירן... אין דעם פּאָרזיצערס ענטפער איז דורכגעלאָפן דאָס געפיל פון אופגערייצטקייט". אָבער באַנוגענענדיק זיך מיט אזא פארענטפערונג וואָלט, נאטירלעך, אויך געווען אן אומגעלונגענע „רעדנערישע מאניר". דאנטאָן האָט פארשטאנען, אז איצט איז דער סאמע פּאסיקער מאָמענט פאר א פּאָליטישער דעקלאראציע. ער האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט. „פארגעדענקט דעם גרויסן עמעס, — האָט ער געזאָגט, — אז אויב מע דארף אויסוויילן צווישן צוויי עקסטרעמען, איז א סאך בעסער צו שטעלן זיך אנטשיידן אפן צאַד פון דער פרייהייט, איידער פארקערעווען אפן וועג צו דער שקלאפעריי"... ער האָט אופגעפאָדערט ביידע קעמפנדיקע צדדים צו מעסיקייט: „גיט צו פאָרזיכטיקייט צו אייער ענערגיע — און אלע סאָנים פון פאָלק וועלן דערשטיקט ווערן".

צום שלוס האָט דאנטאָן, נאטירלעך, געמוזט דערמאָנען דעם הויפּטהעלד פון די געשעענישן, — דאָס פאָלק. ער האָט גשטעלט פארענטפערן עס פאר די בורזשואַ: „ווען עס וואָלטן ניט געווען קיין מענטשן מיט פלאמיקן טעמפעראמענט, ווען דאָס פאָלק אליין וואָלט זיך קיינמאָל ניט אנטשלאָסן אפ געוואלט-טאטן, וואָלט אויך ניט געווען קיין רעוואָליוציע. דעם פאָלק וואָלט זיך קיינמאָל ניט איינגעגעבן צו צעברעכן זיינע קייטן... (דויערנדיקע אפּלאָדיסמענטן). קאָן מען דען ניט אנקערן די פארדינסטן פון דער פאריזשער קאָמונע פאר דער רעוואָליוציע? ווען עס וועט אראָפּגעריסן ווערן די מאַסקע פון די, וואָס שפילן אין פאטריאָטיזם... (אפּלאָדיסמענטן פון אלע זייטן) און ווער עס דינט אלס א שטיצע פאר די אריסטאָקראטן, וועט זיך פראגן רײך אופהייבן און וועט צעשמעטערן זיינע פיינט".

אין צוויי טעג ארום האָט שוין דאנטאָן קיין ברייטע ניט געהאט: ער האָט געמוזט פאָרזעצן די דאָזיקע רעדע אין מעלדן פאר דער פארזאמלונג, אז דער זשיראָנדע וועט געגעבן ווערן אן „אנטשיידנדיקער ווידערשטאנד". דאנטאָן האָט איצט געפונען שטיצע אפ די בענק פון דעם עקסטרעם-לינקן פליגל. ער האָט געפאָדערט אפ מאָרגן צו פארניכטן די קאָמיסיע פון די 12. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז צווישן אים און די עכטע פאָרשטייער פון די פּלעבייישע מאסן האָט זיך איינגעשטעלט א קאָנטאקט. דאנטאָן האָט גענומען ריידן מיט זייער שפראך.

דעם 28-טן מיי, ווען די סעקציע פון די פראנצויזישע גוואַרדייער האָט געפאָדערט פון קאָנווענט „אָפּנעמען באם פאָלק די ווערקצייג פון

דער רעוואָליוציע״ האָט דאַנטאָן אָנשײדן פּראָטעסטירט קעגן דער דאָזיקער פֿאָדערונג. די „וועדקצײַג פֿון דער רעוואָליוציע״ דאַרפֿן די פּראָנצויזן האָבן, קעדײַ צו קעמפֿן קעגן די סאָנים: „ס׳איז געקומען די צײַט, אַז דאָס פֿאָלק זאָל אָריבערגיין פֿון פֿאַרטיידיקונג צום אָנפֿאַלן און זאָל ווענדן זײַן געווער קעגן די אָנהענגער פֿון דער מעסיקער פּאַרטײ... ס׳איז צײַט צו באַהעפֿטן זיך אײנמוטיק קעגן די אַלע, וואָס שטרעבן מיט זייערע פֿאַרשווערונגען צו פֿאַרניכטן די רעפּובליק״.

ער האָט פֿאַרענדיקט זײַן דונערדיקע רעדע מיט אַן אויפֿאָדערונג קעגן מעסיקײַט.

20

ס׳איז אָנגעקומען דער 31-טער מײַ.

די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון די פֿאָרשטעט איז געווען אויף די פֿיס. בייזע קלאַנגען פֿונעם אַליאַרם-גלאָק האָבן געוועקט די אײַנוווינער פֿון דער הויפּטשטאָט. פֿון אַלע זײַטן איז געגאַנגען אַ האַמוּן, באַוואָפֿנט מיט פּיקעס. אין דער שפּיץ פֿונעם באַוואָפֿנטן פֿאָלק האָט אַנריאָ געפֿירט די באַטאַליאָנען צום קאָנווענט.

אָבער אין קאָנווענט איז פֿון אינדערפֿרי פּוסט. די דערשראָקענע דעפּוטאַטן האָבן זיך געשושקעט צווישן זיך. ווען די זשיראָנדיסטן זײַנען געקומען אין קאָנווענט אינדערפֿרי דעם 31-טן מײַ, האָבן זיי אין דעם קיבאַס פּוסטן זאַל געטראָפֿן דאַנטאָנען, ווי ער גייט אַרום אײנזאַם צווישן די בענק.

— גיט נאָר אַ קוק, — האָט געזאָגט דער זשיראָנדיסט לוווע צו זײַן גוטן פֿרײַנט גאַדע, — ס׳אַרא פֿרייד עס ליגט אויף דעם שרעקלעכן פּאָנעם!״

— אַוודאי, — האָט גאַדע געענטפֿערט, — הײַנט וועט דאָך פּאַסירן ווערן ציצעראָ.

די זשיראָנדיסטן האָבן בעפֿײַערעש געהאַט אַ טאָעס. דאַנטאָנס פֿלענער זײַנען דעמאָלט געווען אַ סאַך באַשיידענער. דעם איבערגעשראָקענעם אינערן-מיניסטער גאַראַ האָט ער געזאָגט:

— דו פֿרעגסט, וואָס זיי ווילן? (עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די פֿאָלקס-מאַסן, וואָס האָבן באַלאַגערט דעם קאָנווענט). קלײניקײטן!

זיי ווילן פֿאַרניכטן עטלעכע דרוק־פּרעסן און נאָכדעם וועלן זיי זיך פֿאַנאַנדערגיין.

— אָך, דאַנטאָן, איך האָב מורא, אַז זיי וועלן צעשמעטערן עפּעס אַנדערש. מע דאַרף נאָך דעם נאָכשפּירן. דו האָסט מער מיטלען, איידער איך.

דאַנטאָן האָט געוואָלט באַנוגענען זיך מיט ליקווידירן די קאָמיסיע פֿון די 12 און אונטערוואַרפֿן די זשיראָנדע דעם ווילן פֿונעם רעוואָלוציאָנערן טייל פֿון קאָנווענט.

די זיצונג פֿון קאָנווענט האָט זיך געעפֿנט 6 אַזייגער אין אָוונט. ווידער האָבן זיך צעפֿלאַקערט שטרייטן אַרום פּאַריזש. דאַנטאָן אַלס א רעדנער איז דעם טאָג געווען פּראַכטפֿול; קאַמיל דעמולען זאָגט, אַז ער „איז געווען ענלעך אַפֿן טייך נילוס, וואָס איז אַרויס פֿון די ברעגן". דאַנטאָן האָט גענומען אַף זיך צו פֿאַרטיידיקן די פֿאָלקס־באַוועגונג. איבעריקנס, האָט ער קיין אַנדערע ברירה ניט געהאַט. „איך באַהויפּט פֿאַר גאַנץ פֿראַנקרייך, — האָט ער געזאָגט שפּעטער, דעם 13־טן יוני, — אַז ווען ניט די קאַנאָנען פֿון 31־טן מיי, ווען דער דאָזיקער אויפֿשטאַנד וואָלט ניט געווען, וואָלטן די פֿאַרשווערער געזיגט און זיי וואָלטן אונדז דיקטירט געזעצן". ער איז אַזוי־אַרום געווען גרייט צו דערקלערן די רעוואָלוציע אַלס א מיטל צו פֿאַרטיידיקן זיך קעגן דער טיראַניע פֿון דער זשיראָנדע. אין זיין רעדע האָט ער געווענדט דעם הויפּט־קלאַפּ קעגן דער קאָמיסיע פֿון די 12. ער האָט זי אָנגערופֿן די „ניט־פּאָליטישע" קאָמיסיע, האָט באַהויפּטעט, אַז זי איז שולדיק אין אַרעסטירן די פּאַטריאָטן. קעדיי צו באַרויקן די טריבונעס, האָט ער א וואָרף געטאָן א רעפּליקע: „די קאַנאָנען דונערן! פּאַריזש האָט אייך געוואָלט אַזוי־אַרום סיגנאַליזירן, געבן אייך צו וויסן זיינע פֿאָרשלאָגן... די גרויסע שטאָט האָט דערמיט גופֿא געוואָלט נאָך דינען דעם פֿאָטערלאַנד. איך זאָג אייך, אויב איר זייט געזעצגעבער, איז אָנשטאָט צו זידלען דאָס פֿאָלק פֿאַר זיינע פֿאַרברעכנס, ווענדט דאָס צו נוצן פֿון דער געזעלשאַפֿט. נאַטירלעך, דאַרפֿט איר זיך פֿריִער אָפּזאָגן פֿון אייערע פֿעלערן און פֿאַרניכטן די קאָמיסיע"... אָבער אומזיסט האָט ער אויסגעפֿאָדערט די זשיראָנדיסטן דאָס לעצטע מאָל צוצוהערן זיך צו דער שטים פֿון פֿאַרנונפֿט. די הענדל־אינדוסטריעלע בורזשואַזיע האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן די פּלעבייִשע מאַסן.

דעמ 31-טנ מײַ האָט זיכ די רעוואָליוציע ערשט אָנגעהויבנ.

אינ דער נאכט פונ 1־טנ יונ אפנ 2־טנ האָט דער אליארמ־גלאָק ווידער אופגעפאָדערט דאָס פאָלק צומ אָנגריפ אפנ קאָנווענט.

דער עכטער פירער פונעמ אופשטאנד פונ 2־טנ יונ איז געווענ מאראט. ער איז געשטאנענ אינ דער שפּיצ פונ דער באוועגונג פונ די פאָרשטעט. דאנטאָנ האָט ניט געוואָלט די דאָזיקע נײַע רעוואָליוציע, ער איז שוינ געווענ צופרידנ פונ די דערגרייכטע רעזולטאטנ, ער האָט קלאָר ניט געוואָלט ארויסגעבנ די זשיראָנדיסטנ אינ די הענט פונ די פאָרשטעט. אָט דעריבער האָט ער זיכ דעמ 2-טנ יונ אָפּ-געהאלטנ פונ א פײַערלעכער ארויסטרעטונג. נאָכמער: ער האָט זיכ אונטערגענומענ צו פארטיידיקנ דעמ קאָנווענט קעגנ דעמ פאָלק, וואָס האָט זיכ פארמאָסטנ אפנ נאציאָנאלנ מײַעסטאט פונעמ קאָנווענט אונ אפ זײַנ סוווערעניטעט.

אָבער די פלעבייִשע מאסנ פונ די פאָרשטעט זײַנענ ניט געווענ ענלעכ אפ דער זשיראָנדע. מיט זיי איז די דיפּלאָמאטישע שפּיל געווענ קאָמפּליצירטער. וואָס האָט דאנטאָנ געקאָנט דערווידערנ דעמ רעדנער פונ דער דעפּוטאציע, וואָס האָט געמאָלדנ דעמ 2-טנ יונ באמ באריער פונ קאָנווענט: „בירגער, דאָס פאָלק איז מיד דערפונ, וואָס די מינוטנ פונ זײַנ גליק דערווײַטערנ זיכ קעסיידער. נאָכ אפ איינ ווײַלע לאָזט אימ דאָס פאָלק אינ אײַערע הענט. ראטעוועט דאָס פאָלק אָדער עס וועט זיכ אליינ נעמענ פאר זײַנ רעטונג, — מיר מעלדנ אײַכ וועגנ דעמ". דער קאָנווענט האָט געמוזט ארויסגעבנ דעמ פאָלק די פירער פונ דער זשיראָנדע.

די זיצונג פונ 2־טנ יונ האָט געהאט איר עפּילאָג, אנ עפּילאָג, וואָס האָט געמוזט זײַנ א וואָרענונג פאר דאנטאָנענ. ווענ די דעפּוטאטנ האָבנ זיכ דערוווסט, אז די פאָרשטעט בלאָקירנ דעמ קאָנווענט, האָט זיכ בארער געווענדט צו דער פארזאמלונג מיט א פאָרשלאָג צו דערהיסנ זיכ דעמ מײַנ פונ פאָלק: „איכ פאָדער, אז דער קאָנ־ווענט זאָל אוועקגיינ צו די מיליטער־טיילנ, זיי וועלנ אימ, נאטיר־לעכ, באשיצנ"... עראָ-דע־סעשעל האָט געשטיצט בארערס פאָרשלאָג. נאָכ זיי זײַנענ נאָכגעגאנגענ די זשיראָנדיסטנ אונ די טויט־דערשראָ־קענע דעפּוטאטנ פונעמ „זומפּ". נאָר דער „בארג" האָט זיכ ניט א ריר געטאָנ פונ אָרט. די דעפּוטאטנ פונ „זומפּ" האָבנ זיכ געבעטנ

בא זיי: „סטייטש, איר פארלאָזט אײַערע כאווייריב, וואָס ווילנ זיכ א וואָרפ טאָג אינ האמוינ? איר פארורטיילט זיי אפ א זיכערנ טויט, צווינגענדיק צו מיינענ, אז עס זײַנענ פאראנ צוויי קאָנווענטנ, — איינער אינ זאל, אונ א צווייטער אויסער אימ?" דאנטאָנ האָט פארנומענ דעמ געבעט פונ די דעפּוטאטנ פונ דעמ „זומפּ", ער איז גיכ אוועק נאָכ זיי. די יאקאָבינער האָבנ באשלאָסנ נאָכטאָנ זײַנ בײַשפּיל. עס האָט זיכ צעפלאקערט אנ אומפארגעסלעכע סצענע. אפנ פלאצ קארוסעל האָט זיכ די העכסטע פאָלקס-פאָרשטייערשאפט צוגעהערט מיט ציטער אונ שרעק צו די פאָדערונגענ פונעמ האמוינ: „גיט ארויס די 22 דעפּוטאטנ! אראָפּ די זשיראָנדיסטנ!" די סאנקיולאָטנ זײַנענ געווענ גרייט צו פארהאלטנ אלע מיטגלידער פונ קאָנווענט, ביזוואנענ זיי וועלנ ניט אויספּילנ די פאָדערונגענ פונ פאָלק. אנריאָ האָט ניט פארגעסנ צו רופנ צו הילפ די באוואָפנטע קרעפטנ פונ די באטאליאָנענ. וואָס האָט דער קאָנווענט געזאָלט טאָנ? ער האָט זיכ געמוזט אונטערווארפנ...

דאנטאָנ האָט זיכ אויכ אונטערגעוואָרפנ. דער אופשטאנד פונ 2־טנ יונ איז ניט געווענ זײַנ ניצאָכנ. דאָס איז געווענ זײַנ ביטערע מאפּאָלע. האָט ער דאָס פארשטאנענ? יעדנפאלס, ווענ ער איז געבליבנ פּאָנעמ על פּאָנעמ מיטנ פאָלק, האָט דער גרויסער אָפּאָרטוניסט געמוזט אראָפּלאָזנ זײַנ קאָפּ. אלצ, וואָס עס איז פאָרגעקומענ זינט 1789 ביז די יונ־טעג פונ 1793, איז געווענ ניט מער ווי א פאָרשפּיל צו דער רעוואָליוציע. די רעוואָליוציע גופע, די רעוואָליוציאָנערע דיקטאטור, האָט זיכ אָנגעהויבנ ערשט איצט. די בורזשואזדעמאָקראטישע רעפּובליק האָט געזיגט. אינ טאָג־אָרדענונג איז געשטאנענ דער זיג פונ די פּלעבייִשע מאסנ.

Ça ira!

דאַנטאָן אין קאַמפ קעגנ דער רעוואָליוציע פונ די פּלעבייִשע מאסנ

1

די רעוואָליוציע פונ 2-טנ יוני האָט געעפנט די שליוזנ פונ דעם בירגערקריג אינ לאַנד. דאָס האָט ניט געשטימט מיט דאַנטאָנס קאַוואָנעס, אָבער דאָס איז געווענ דער נאַטירלעכער רעזולטאַט פונ דעם קלאַסנקאַמפ פונ די פּלעבייִשע מאסנ קעגנ דעם אַדל אונ דער בורזשואַזער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער רעוואָליוציע. די זשיראָנדע, די פאָרשטייערנ פונ דער האַנדל-אינדוסטריעלער בורזשואַזיע, האָט זיכ געשטעלט אפנ צאַד פונ דער בורזשואַזער אַריסטאָקראַטיע, זי האָט געפירט אַ קאַמפ קעגנ די פּלעבייִשע מאסנ, איר מאַפּאָלע איז געווענ אומפאַרמײַדלעכ.

ווי מיר האָבנ געזענ, האָט דאַנטאָנ קוים אײַנגעשטימט אפ איבערגעבנ צומ געריכט די דעפּוטאַטנ פונ דער זשיראָנדע. איבעריקנס, האָט ער נאָכ אַלצ געהאָפט, אַז עס וועט זיכ אים אײַנגעבנ צו ראַטעווענ כאָטש ווערניאָ אונ דוקאָ. דאָס זײַנענ געווענ ניט סטאַם פּערזענלעכע סימפּאַטיעס צו די זשיראָנדיסטנ. הומאַנע געפילנ זײַנענ ווײַט ניט געווענ כאַראַקטעריסטיש פאַר דאַנטאָנענ, דעם דאָזיקנ „גראַנד-סעניאָר" פונ די סאַנקיולאָטנ, ווי גאַראַ רופט אימ אָנ. זומער אונ האַרבסט 1793 האָט דאַנטאָנ מיט טרויער געזוכט אפ די בענק פונ קאָנווענט די געוועזענע זשיראָנדיסטנ, ווײַל ער האָט באַדאַרפט זייער פּאָליטישע שטיצע אינ קאַמפ קעגנ די פאָרשטייער פונ די פּלעבייִשע מאסנ.

דער קאָמיטעט פונ געזעלשאַפטלעכער רעטונג, דער אַזויגערופע-

נער „ראנטאָנס קאָמיטעט“, האָט אינ יונ און אינ אָנהייב יול 1793 פריִער פאר אלצ געזוכט צו באַרויִקנ דאָס אייגנטימערישע פראנקרײַכ, ניט דערלאָזנ, אז די רעוואָליוציע זאָל אריבערגיינ אינ א בירגערקריג. דאנטאָנס רעדעס אינ יונ און אינ יול, ביז דעם 10-טנ יול, ווענ זײַנ „קאָמיטעט פונ געזעלשאפטלעכער רעטונג“ איז געוועזנ געצוווּנגענ ארויסגיינ אינ דעמיסיע און איז פארביטנ געוואָרנ מיט „ראָבעספיערס קאָמיטעט“, פארוווּנדערנ מיט זייער מעסיקײַט און ליבעראלנ סייכל-האיאָשער. ער טרעט ארויס אינ דער ראָליע פונ א פארברענטנ נאציאָנאליסט, ער פאָדערט ארויסצוטרײַבנ פונ פראנקרײַכ אלע אויסלענדער. און אינ דער זעלבער צײַט וואָרנט ער די דעפּוטאטנ פונ קאָנווענט: „מע טאָר ניט אומזיניק צעשטערנ דעם האנדל און דערפירנ די באפעלקערונג צו אָרעמקײַט“. דאנטאָנ פרוווּט זיכ דורכפירנ א שארפע גרענעצ צווישנ די ארעסטירטע דעפּוטאטנ פונ דער זשיראָנדע און דער האנדל-אינדוסטריעלער בורזשואזיע.

דעם 12-טנ יונ האָט דער קאָנווענט באהאנדלט דעם פאראגראף פונ דער קאָנסטיטוציע וועגנ א געהיימער אָדער אנ אָפענער סיסטעם פונ אָפּשטימענ; די פראגע איז געוועזנ אומפארמײַדלעכ פארבונדנ מיט דער פּראָבלעם פונ „פאַקטישער גלײַכהײַט“. איינ טייל דעפּוטאטנ האָט געפאָדערט א פארמאכטע באלאָטירונג. „נאָר אזא אופנ פונ אָפּשטימונג,— האָבנ זיי געזאָגט,—וועט געבנ די מעגלעכקײַט די אָרעמע לײַט צו באפרײַענ זיכ פונ זײַנ אונטערגעוואָרפנ דעם ווילנ פונ די רײַכע“. אנדערע האָבנ געפאָדערט אָפענע אָפּשטימונג, ווײַל, נאָכ זייער מיינונג, איז דאָס די איינציקע סיסטעם, וואָס פאסט פאר רעפּובליקאנער. די דריטע—צווישנ זיי איז אויכ געוועזנ דאנטאָנס פרײַנט דעלאקרוא - האָבנ געשטרעבט שאָלעם צו מאכנ צווישנ ביידע שטאנדפונקטנ. דאנטאָנ האָט באשלאָסנ צו נעמענ אנ אקטיוונ אָנטייל אינ די דעבאטנ. ער איז ארויסגעטראָטנ צו פארטיידיקנ די רעכט פונ דעם מענטשנ און דעם בירגער. „עפנטלעכקײַט—דאָס איז די בעסטע פארטיידיקונג פונ פאָלק, און איז דענ ווערט די פרײַהײַט דער, וואָס האָט ניט קיינ מוט עפנטלעכ ארויסזאָגנ זײַנ מיינונג?... דער געזעלשאפטלעכער געוויסנ—דאָס איז דער איינציקער צוים, וואָס פרײַע מענטשנ קאָנענ דולדנ“. די דאָזיקע דעקלאמאציע האָט ניט געקאָנט פארבאָרגנ פונ די צוהערער, אז דאנטאָנ פרוווּט זיכ אויסווײַכנ א דירעקטנ ענטפער

אפ דער פראגע: צי קאָנ די פאָרמעלע גלײַכהײַט און פרײַהײַט די-
נענ גלײַכ דעם אָרעמענ און דעם רײַכנ? דאנטאָנ האָט געפונענ אנ
אויסוועג: ער האָט פאָרגעלייגט דעם קאָנווענט דערלויבנ די „פאָרכ-
טיקע בירגער״ אויסדריקנ זייער מיינונג שריפטלעכ. דאָס איז, נא-
טירלעכ, געווענ א לעכערלעכער קאָמפּראָמיס, אָבער דאָס איז כא-
ראַקטעריסטיש פאר דאנטאָנענ.

„פראנקרײַכ וועט געראטעוועט ווערנ, ווי נאָר דער קאָנווענט וועט
אָפּשטימענ די קאָנסטיטוציע״,—אזוי האָבנ די יאקאָבינער געוואָלט איינ-
ריידנ דעם פאָלק. „ס'איז אָנגעקומענ דער מאָמענט, ווענ מיר שאפנ
בעעמעס די פרײַהײַט פונ פראנקרײַכ,—האָט פײַערלעכ געדונערט דאנ-
טאָנס שטימע,—מיר גיבנ פראנקרײַכ א רעפּובליקאנישע קאָנ-
סטיטוציע. א מאָמענט פונ געשפּאנטער שאפונג אינ פאָליטישנ
לעבנ, ווי אינ פיזישנ לעבנ, ווערט שטענדיק באגלייט מיט קרענקלע-
כע דערשײַנונגענ פונ צעשטערונג. כמארעס פונ געוויטער האָבנ זיכ
אָנגערוקט אפ אונדז, א דונער דונערט. אויסגעצייכנט! זאָל אינ דונער
און בליצ געבאָרנ ווערנ דאָס גרויסע ווערק, וואָס וועט מאכנ אומ-
שטערבלעכ די פראנצויזישע נאציע״. — דאָס איז געווענ דער פײַער-
לעכער אָנהייב פונ דער רעדע פונ 13-טנ יונ—די דאָזיקע רעדע האָט
געזאָלט שאָלעמ מאכנ צווישנ דער פראנצויזישער בורזשואזיע מיט
דעם אופשטאנד פונ 31-טנ מײַ (אָבער ניט מיט דער רעוואָליוציע פונ
צווייטנ יונ) און אינ דער זעלבער צײַט דערווײַזנ, אז די זשיראָנ-
דיסטנ האָבנ געטריבנ רעכילעס אפ אימ, דאנטאָנענ, ווענ זיי האָבנ
גערעדט וועגנ זײַנ קאָרומפּירטקײַט. דאנטאָנ האָט פאָרגעלייגט געבנ 24
שאָ די אדמיניסטראטאָרנ, וואָס וואָלטנ וועלנ רײַסנ מיט דער זשי-
ראָנדע און אריבערגיינ אפנ צאד פונ קאָנווענט. ער האָט פאָרגעלייגט
אָפּרייניקנ פונ די פאָלקס-פײַנט די גאנצע אדמיניסטראציע אפ די ער-
טער „איכ באהויפּט עפנטלעכ,—האָט ער צוגעגעבנ,—אז ווענ ניט דער
אופשטאנד פונ 31-טנ מײַ, וואָלט די פרײַהײַט אופגעהערט צו עק-
זיסטירנ״.

דאנטאָנ האָט אינ דער דאָזיקער רעדע פאנאנדערגעוויקלט א גאנ-
צע פאָליטישע פּראָגראמ. די פראנצויזנ דארפנ איבערגעבנ צום גע-
ריכט די זשיראָנדיסטישע מערדער-באנדע—די קעגנער פונ דער קאָנ-
סטיטוציע. די בירגער וועלנ באקומענ צוריק זייערע רעכט, וואָס מע

קאָנ באַ זײ נים אָפּנעמענ, זײ װעלנ זיך אַלע באַהעפּסנ אַרומ דעמ קאָנװענט אונ װעלנ פאַרטײדיקנ די קאָנסטיטוציע, נאָר די קאָנסטיטוציע „די דאָזיקע קאָנסטיטוציע, װי איך האָב שױנ געזאָגט,—האָט דאַנטאָנ פאַרענדיקט זײַנ רעדע,—איז אַ באַטאַרײ, װאָס שלאָגט מיט קאַרטעטש אַלע סאָנים פונ דער פרײַהײַט. זי װעט זײ אַלעמענ פאַרניכטנ אָנ ראַכמאָנעס. גרײַט די באַװאָפּנטע קראַפט אונ װענדט זי קעגנ אונדזערע סאָנים פונ װאַנדײע. דערשטיקט דעמ בונד אינ דעמ דאָזיקנ טײל פונ פראַנקרײַך, אונ באַ אונדז װעט הערשנ שאָלעמ".

אָבער דאַנטאָנ האָט פאַרשװיגנ, אַז דער בונט האָט אַרומגענומענ ניט בלויז די פויערישע װאַנדײע, נאָר אויך דעמ האַנדל-אינדוסטריעלנ דאָרעמ פונ פראַנקרײַך, אַז דער קאָנװענט האָט פריִער פאַר אַלצ געמוזט אָנהײבנ אַ מילכאָמע קעגנ די זשיראָנדיסטישע דעפּאַרטאַמענטנ.

דאַנטאָנ האָט אויסגעצײכנט פאַרשטאַנענ, װי שװער זײַנ לאַגע איז געװאָרנ, נאָכ דעמ װי די זשיראָנדיסטנ זײַנענ פאַרטריבנ געװאָרנ. נאָכ דעמ 21-טנ מײַ האָט שאַבאָ געמאָלדנ אינ יאַקאָבינישנ קלוב, אַז דאַנטאָנ „האָט אָנגעװאָרנ זײַנ ענערגיע". נאָכנ 2-טנ יונ זײַנענ די אַטאַקעס קעגנ דאַנטאָנענ געװאָרנ שטאַרקער. די יאַקאָבינער האָבנ זיך געקלאָגט, אַז דאַנטאָנ באַװײַזט זיך מער ניט אינ זײער קלוב, אַז ער האָט אויפגעהערט „טײלנ זיך מיטנ פאָלק מיט זײַנ קראַפט אונ מיט זײַנ געדאַנק". דעמ 14-טנ יונ האָט דאַנטאָנ באַשלאָסנ צו פאַרענטפערנ זיך. װענ דער פּאָרזיצער פונ קלוב בורדאָנ פונ או-אַזע האָט זיך צו אים געװענדט מיט די װערטער: „דאַנטאָנ, דו האָסט נעכטנ געראַטעװעט די רעפּובליק אינ קאָנװענט, הײב זיך אויף אויף דער טריבונע", האָט ער געײַלט צו אויסנוצנ דעמ פּאַסיקנ מאָמענט אונ האָט „באַשײדנ" אײַנגעשטימט באַ אַלגעמײנע אַפּלאָדיסמענטנ: „מײַנע קאָלעגנ האָבנ געזענ, אַז איך האָב נעכטנ אָפּגעגעבנ אינ קאָנװענט דעמ מאַקסימומ פונ מײַנע קױכעס אונ מײַנע געדאַנקענ דער רעװאָליוציע, איצט האָב איך זיך אינגאַנצנ אויסגעשעפּט".

ער האָט באַהױפּט, אַז זײַנ גאַנצע צײַט װעט ער אָפּגעבנ דער געזעצגעבערישער אַרבעט, דער אַרבעט אינ די קאָמיטעטנ פונ קאָנװענט: „איך װעל זיך שטאַרענ אויסצוגלײַכנ זיך מיט אײַך אינ געניִאַלקײַט אונ רעװאָליוציִאָנערער דרײַסטקײַט, איך װעל שטאַרבנ אַ יאַקאָבינער".

אָבער די עכטע יאַקאָבינער האָבנ אים אויפגעהערט צו געטרויענ.

דעם 23־טנ יונ איז איינער פונ זיי, וואדיע, ארויסגעטראָטנ קעגנ די „אײַנשלעפערער פונעם קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רעטונג". די דאָזיקע באשולדיקונג איז געווענ געווענדט דירעקט קעגנ דאנ־טאָנענ. סאָפ יונ האָט דאנטאָנ גענומענ אפ זיכ די אָנפירונג מיט דער אויסערלעכער פאָליטיק אונ מיט די קריגס־אָפעראציעס. מאראט האָט אינ יענער צײַט געריסנ מיט דאנטאָנענ ענדגילטיק, ער האָט אים אופגעהערט שטיצנ, ער האָט אָנגערופנ דעם קאָמיטעט פונ געזעל־שאפטלעכער רעטונג „דער קאָמיטעט פונ געזעלשאפטלעכנ אומקום". מאראטס באשולדיקונגענ האָט מענ אופגענומענ אונ איבערגעכאזערט אינ יאקאָבינישנ קלוב.

דעם 4־טנ יול איז דער „קאָמיטעט פונ געזעלשאפטלעכער רע־טונג" געווענ געצוווּנגענ צו הערנ, ווי מע באשולדיקט אים, אז ער האָט ארויסגעוויזנ ניט גענוג ענערגיע אינ דערשטיקנ דעם אופשטאנד אינ די דעפארטאמענטנ. דאָס זײַנענ געווענ די לעצטע טעג פונ דאנ־טאָנס קאָמיטעט.

דעם 6־טנ יול האָט דער דעפוטאט פונ קאָנווענט לעוואסער פארעפנטלעכט א בריוו פונ גענעראל ביראָנ מיט א מיטיילונג, אז די באטאליאָנענ פונעם דעפארטאמענט זשיראָנדע, וואָס געפינענ זיכ אײַנ אינ דער ארמיי, וועלכע קעמפט קעגנ וואנדייע, האָבנ באשלאָסנ צו פאר־לאָזנ די שלאכט־פאָזיציעס אונ אומקערנ זיכ אהיים. דאָס איז געווענ אנ אָפענער פאראט דער רעוואָליוציע. לעוואסער האָט געפאָדערט צו דערקלערנ זיי פאר פארעטער. דעלאקרוא איז באשטאנענ אפ דעם, מע זאָל זיי צוערשט אנטוואָפענענ. דאנטאָנ האָט אנטשיידנ פראָטעסטירט קעגנ ביידע פאָרשלאָגנ. ער האָט געפאָדערט, מע זאָל באשטראָפנ נאָר די אָנפירער פונ די באטאליאָנענ. „מע דארפ ניט טרײַבנ קיינ רעכילעס אפ די באטאליאָנענ, פונקט ווי מע טאָר ניט זאָגנ, אז עס בונטע־ווענ די דעפארטאמענטנ, עס וועט זײַנ ריכטיקער צו זאָגנ, אז אײַ־ערע אדמיניסטראטאָרנ זײַנענ פיקסע שווינדלער, וואָס ווילנ פארכאפנ אינ זייערע הענט די נאציאָנאלע מאכט". אָבער קעדיי צו פארמאס־קירנ זײַנ אופאָדערונג צו מעסיקײַט, האָט דאנטאָנ צוגעגעבנ: „לעבנ אפ די פאָלקס־געזעלשאפטנ, ווײַל מע קאָנ ניט דערלאָזנ, אז די געזעצגעבערישע ארבעט זאָל זײַנ אָנגעשטעקט מיט מעסיקײַט... דער געזעצגעבערישער אפאראט דארפ זײַנ אינ די הענט פונ מענטשנ,

וואָס זײַנענ פֿייִק אינ איינ אונ דער זעלבער צײַט אָפּהיטנ דאָס אומשטערבלעכע ווערק, וואָס איר האָט געגעבנ פראַנקרײַכ (די קאָנסטיטוציע), אונ אָנפירנ מיט דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג".

דער קאָנווענט האָט אָבער ניט געפונענ מער פאַר מעגלעכ אָנצוטרויענ די אָנפירונג מיט דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג דאַנטאָנענ, ווײַל ער האָט זיכ נאָכ אַלצ ניט אָפּגעזאָגט פונ זײַנ צווייזײַטיקער ראָליע.

נאָכ דער שטורמישער זיצונג פונ 8-טנ יול איז דער גורל פונ דעמ קאָמיטעט פונ געזעלשאַפטלעכער רעטונג געווענ געלייזט. דעמ 10־טנ יול האָט זיכ דער קאָנווענט דערוווּסט וועגנ די מאַפּאַלעס פונ דעמ גענעראַל וועסטערמאַנ, וואָס איז געווענ נאָענט צו דאַנטאָנענ. דער קאָמיטעט איז געווענ פאַראַנטוואָרטלעכ פאַר דער דאָזיקער מאַפּאַלע, אונ ער איז באַנײַט געוואָרנ. אינ דעמ נײַעמ קאָמיטעט האָט דאַנטאָנ געקאָנט האָפנ נאָר אַפ צוויי מענטשנ. נאָכנ 10-טנ יול 1793 האָט זיכ דאַנטאָנ שוינ מער ניט אומגעקערט צו דער אָנפירונג מיט דער רעוואָליוציע. גערעכט איז דער היסטאָריקער מאַדלענ: „דער צווייטער יונ איז געווענ דאַנטאָנס פירוס-ניצאָכנ. די מאַפּאַלע פונ 10-טנ יול האָט דאָס באַוויזנ".

2

דעמ 24-טנ יונ איז אָנגענומענ געוואָרנ די נײַע קאָנסטיטוציע אונ די „דעקלאַראַציע וועגנ די רעכט פונ א מענטשנ אונ א בירגער"—דער גרונט־געזעצ פונ דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. די נײַע „דעקלאַראַציע" האָט זיכ ראַדיקאַל אונטערגעשיידט פונ איר פּראָטאָטיפּ,—פונ דער „דעקלאַראַציע" פונ יאָר 1789. „דער צוועק פונ דער געזעלשאַפט,—האָט געזאָגט דער ערשטער פונקט פונ דער „דעקלאַראַציע" פונ יאָר 1793,—איז דאָס אַלגעמיינע גליק. די רעגירונג איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ, קעדיי צו באַוואָרענענ דעמ מענטשנ די מעגלעכקײַט צו באַנוצנ זיכ מיט זײַנע נאַטירלעכע רעכט, וואָס מע קאָנ בא אימ ניט אָפּנעמענ". עמעס, דאָס אייגנטומ-רעכט איז דאָס מאָל אויכ פּראָקלאַמירט געוואָרנ אַלס אומבאַרירלעכ,—אַלע בירגער איז געגעבנ געוואָרנ די מעגלעכקײַט צו באַנוצנ זיכ אונ צו שאַפנ

זיכ „לויט זייער איינזענ“ מיט זייער פארמעגנ, מיט זייערע האכנאָסעס, מיט די פרוכטנ פונ זייער ארבעט אונ פונ זייער ווירטשאפטלעכער טעטיקייַט, — אָבער די דעמאָקראטישע רעפובליק האָט געמוזט זאָרגנ וועגנ די אָרעמע ליַיט. די נייַע רעכט־דעקלאראציע פּראָקלאמירט פייַערלעכ:

„די געזעלשאפטלעכע הילפ איז א הייליקער כויוו. די געזעלשאפט איז מעכויעוו צו שטיצנ די עקזיסטענצ פונ די אומגליקלעכע בירגער, געבנ זיי ארבעט אונ באוואָרענענ מיט עקזיסטענצ־מיטלענ די, וואָס קאָנענ ניט ארבעטנ“.

אָבער אפילע די דאָזיקע באוואָרעניש האָט ניט געקאָנט באפרידיקנ די פאָדערונגענ פונ די ברייטע מאסנ האָרעפאשניקעס פונ שטאָט אונ דאָרפ, — זייערע פאָדערונגענ זייַנענ געגאנגענ ווייַטער פונ דער קאָנסטיטוציע אונ פונ דער רעכט־דעקלארעציע. אינ דער סאמע פייַערלעכער מינוט, אינ דעמ מאָמענט, ווענ דער קאָנווענט האָט פראָקלאמירט דעמ נייַעמ גרונט־געזעצ פונ דער רעפובליק, האָט איינער פונ די פאָרשטייער פונ די הונגעריקע פאָרשטעט פונ פאריז, דער געוועזענער גאלעכ זשאק רו (דער הויפט פונ דער רעוואָליוציאָנערער פראקציע פונ די יאקאָבינער, וועלכע האָט באקומענ בא די מענטשנ פונ יענער צייַט דעמ נאָמענ „מעשוגע־ווילדע“) געמאָלדנ באמ [illegible]אריער פונ קאָנווענט: „די פרייַהייַט איז ניט מער ווי אנ אי[illegible]ע, ווענ איינ קלאס מענטשנ קאָנ לאָזנ אויסהונגערנ א צווייטנ קלאס. גלייַכהייַט איז א הוילע איליוזיע, ווענ דער רייַכער באקומט דורכ אופקויפנ דאָס רעכט איבער דעמ לעבנ אונ טויט פונ זייַנע נאָענטע. די רעפובליק איז א הוילע איליוזיע, ווענ די קאָנטררעוואָליוציע ענדערט פונ טאָג צו טאָג ווילקירלעכ די פרייַזנ אפ די פראָדוקטנ, די פרייַזנ, צו וועלכע דרייַ פערטל בירגער קאָנ זיכ ניט צורירנ, ניט פארגיסנדיק קיינ טרערנ“. זשאק רו האָט אָפנ דערקלערט די פּאָליטיק פונ דער בורזשואזיע פאר א מערדערייַ. ער האָט געמאָלדנ, אז שוינ 4 יאָר געניסנ די רייַכע ליַיט אלע געווינסנ פונ דער רעוואָליוציע, אז די האנדל־אריסטאָקראטיע איז נאָכ שרעקלעכער איידער די אריסטאָקראטיע פונ ייכעס אונ אז „ס'איז צייַט צו ענדיקנ די דאָזיקע טויט־שלאכט, וואָס דער עגאָיזמ פירט קעגנ דעמ סאמע האָרעפאשנעמ קלאס“.

ס'איז געווען דער זיג־מאָמענט פון דער בורזשואזער רעפּובליק. די רעפּובליק האָט אין יוני און יולי 1793 געאײַלט צו פאַרניכטן די פעאָדאַלע רעכט, צו שאַפן לאַנד־באַדינגונגען צום אויספאַרקויפן די נאַציאָנאַלע ערד פאַרצעלנווײַז צווישן די פּויערים, צו פאַרגרינגערן די פאַנאַנדערטיילונג פון דער געמיינדע־ערד, — און אין דעם מאָמענט האָט זשאַק רו געמאָלדן באַם באַריער פון קאָנווענט: „ניט שוין זשע איז דאָס אייגנטום פון די רויבער מער הייליק איידער א מענטשנס לעבן?!.. דער געזעצגעבער האָט רעכט צו דערקלערן קריג, דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער, צו צווינגען הארגענען מענטשן. פאַרוואָס האָט ער ניט דאָס רעכט ניט צו לאָזן אויסהונגערן און אונטערדריקן די, וואָס פאַרטיידיקן זייער היים?" דאָס איז געווען ניט בלויז זשאַק רו'ס פאָדערונג, דאָס איז געווען ניט בלויז א פּראָטעסט פון א וועלכער־עס־איז אײנע פּאָליטישער גרופּע, דאָס איז געווען דער ווילן פון די ברייטסטע פאָלקסמאַסן פון פראַנקרייך, פון דער שטאָטישער און דער דאָרפישער אָרעמשאַפט. פאַר דאַנטאָנען האָט די קאָנסטיטוציע באַדײַט א סאָף פון דער רעוואָלוציע, פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן פון שטאָט און דאָרף איז זי געווען דער אָנהייב פון א נײַער רעוואָלוציע, פון א רעוואָלוציע קעגן דער בורזשואזיע.

די דערנערונג-אומרוען אין גאַנצן לאַנד זײַנען שטאַרקער געוואָרן פון כוידעש צו כוידעש. זיי זײַנען געוואָרן באַזונדערס שטאַרק אין אויגוסט—סעפּטעמבער. די פּאַריזשער פּאָרשטעט אין דער שפּיץ מיט די אָנפירער פון דער קאָמונע האָבן געפאָדערט אײַנצופירן א „מאַקסימום", דאָס הייסט פעסטע פּרײַזן אויף די פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך. דער האַמויך פון די פּאָרשטעט איז געווען באַוואָפנט מיט פּיקעס, און איבער אים האָבן געפלאַטערט פלאַקאַטן: „א מילכאָמע די טיראַנען, א מילכאָמע די אַריסטאָקראַטן! א מילכאָמע די אויפקויפער!" אונטערן דרוק פון די מאַסן איז אָנגענומען געוואָרן א געזעץ קעגן די ספּעקולאַנטן, און דעם 11־טן סעפּטעמבער איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אן אַלגעמיינער מאַקסימום-פּרײַז אויף אַלע אַרטיקלען פון ערשטן געברויך.

אַזאַ איז געווען די לאַגע אין די שטעט און אין די דערפער פון פראַנקרייך. מע דאַרף ניט מיינען, אַז דאָס אָפּשאַפן די פעאָדאַ-

לע פליכטנ, דאָס טיילנ די געמיינדע־ערד, דאָס אויספארקויפנ די נאציאָנאלע גיטער איז דורכגעגאנגענ שמערצלאָז, אז דאָס אלצ האָט ניט ארויסגערופנ קיינ פארביטערטנ קלאסנקאמפ אינ דאָרפ. די דאָקומענטנ דערציילנ עפּעס אנדערש. די פויערים פונעמ דעפּארטאמענט פונ סענע האָבנ זיכ געקלאָגט נאָכ אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער רעוואָליוציע, אז די רײַכע בורזשוא, די ערדבאזיצער אונ די פערמערס פארכאפּנ די ערד פונ די אָרעמע פויערים. די פויערים האָבנ געפאָדערט צו פארצעלינ די גרויסע באזיצנ אונ פאנאנדערטיילנ זיי צווישנ די ברייטע פויערישע מאסנ. זומער אונ הארבסט 1793 האָבנ די פויערים מיטגעטיילט דעמ קאָנווענט וועגנ די כיבעס, וואָס האָבנ ארויסגערופנ א הונגער אינ לאנד. מע דארפ — האָבנ זיי געזאָגט, — פארניכטנ די גרויסע ערדבאזיצנ, איבערפארטיילנ די ערד דארפ מענ שוינ דעמ קומענדיקנ יאָר. וועגנ דעמ האָט געשריבנ דעמ 14־טנ נאָיאבער 1793 קלעמאנסאָ, א ריכטער פונ טריבונאל פונעמ דיסטריקט סענ־פלאָראנ אינעמ דעפּארטאמענט סענע אונ לוארע. „מײַנע פרינציפנ זײַנענ: מילכאָמע די פאלאצנ, שאָלעמ — די געצעלטנ! באוואָרענענ די עכטע סאנקיולאָטנ אונ אלזאָ צעטיילנ די גרויסע מאיאָנטקעס פונ די עמיגראנטנ אפ קליינע פערמעס... די דאָזיקע נײַע פערמערס וואָלטנ געצאָלט ארענדע־געלט דער מעלוכע־קאסע פונ דער רעפּובליק, זיי וואָלט צוגעבונדנ צו דער רעפּובליק די דאנקבארקײַט; די גרויסע פארמעגנס, וואָס האָבנ שטענדיק ארויסגערופנ אזויפיל בייז אינ אונדזער לאנד, וואָלטנ פארשוואונדנ, ווײַל יעדנ רעפּובליקאנער וואָלט געווענ פארבאָטנ צו זײַנ א באזיצער אָדער אנ ארענדאטער מער ווי פונ איינ פערמע". אזוי האָבנ זיכ אינ דאָרפ ביסלעכווײַז געפורעמט די קרעפטנ, וואָס זײַנענ געווענדט קעגנ דעמ בורזשואזנ ערד־אייגנטומ.

דער העלד פונ די געשעענישנ איז געווענ דער פּלעבײַ — דער סאנקיולאָט. דאנטאָנ האָט זיכ באקענט מיט אימ אינ די פאָרשטעט פונ פאריזש נאָכ אינ די יאָרנ 1789—1791, [illegible] איז געווינט געווענ צו אויסנוצנ אימ, צו באטראכטנ אימ אל[illegible]ציע פונ זײַנ מאכט. דער האמויב סאנקיולאָטנ, די סטיכיישע [illegible]ע פלעגט לויטנ ערשטנ רופ פונעמ פאָלקס־טריבונ גייענ שטורעמ[illegible] [illegible] קיניגלעכנ פאלאצ אָדער דאָס ראָטהויז, — ביזנ יאָר 1793 ניט [illegible]ינ נאָמענ פונ אירע אייגענע

צילן, נאָר אין נאָמען פונעם זיג פון די בורזשואזע אידעאַלן. אָט דאָס פאָלק איז דאנטאָנען געווען נאָענט. דאנטאָן איז געווען גרייט צו כאנפענען אים, ער איז געווען גרייט צו גיין אפ יעדע האנאָכעס פאר אים, ווייל ער האָט זיכער געוווסט, אז מיט אזויגע האנאָכעס געווינט ער דעם צוטרוי און די גינציקייט פון די פּאָרשטעס. אָבער דער סאנקיולאָט האָט זיך געענדערט אין די יאָרן פון רעוואָליוציע: ער האָט ניט אומזיסט באזיגט זיינע פיינט, ער איז ענדלעך געקומען צום אויספיר, אז מע קאָן און מע דארף קעמפן פאר אן אייגענער פראָגראם. די סאנקיולאָטן האָבן ניט בלויז דערקענט זייער קראפט, זיי האָבן געשטרעבט צו פארווירקלעכן זייערע פאָדערונגען.

האָט דאנטאָן איצט געקאָנט שפּילן די ראָליע, וועלכע ער האָט געשפּילט ביז זומער 1793, ווען די סאנקיולאָטן האָבן אָפּגעגעבן זייער קראפט יעדער פאָרגעשריטענער פראקציע פון דער בורזשואזיע, קעדיי זי זאָל קומען צו דער מאכט אפ זייערע אקסלען? עס זיינען אָנגעקומען אנדערע צייטן. די רעפּובליק איז געווען אין פייער פון אופשטאנדן. די זשיראָנדיסטישע דעפּארטאמענטן האָבן זיך פאראייניקט מיט דער ראָיאַליסטישער וואנדייע. די רייכע לייט האָבן דערלאנגט די הענט די אדל-לייט. די קאָנטררעוואָליוציע אינווייניק אין לאנד האָט געהאנדלט לויט איין פּלאן מיט די ארמייען פון די פעאָדאלע טיראנען. ווו איז געווען דער אויסוועג? דאנטאָן האָט געפּילט, אז זיינע קויכעס זיינען אויסגעשעפּט, און די סאנקיולאָטן הייבן ערשט אָן צו דערשפּירן זייערע קויכעס. זיי שטרעבן צו מאכט. די רעוואָליוציאָנערע דיקטאטור שטעלט זיך אין טאָג-אָרדענונג.

די רעוואָליוציאָנערע דיקטאטור האָט געשראָקן די יאקאָבינער. שילער פון מאָנטעסקיע און רוטאָ, האָבן זיי געטרוימט וועגן דעמאָקראטיע און קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטן, וועגן אלגעמיינעם וואלרעכט און דער „הערשאפט פון געזעצ״. דער געשפּענסט פון דיקטאטור האָט זיך זיי געכאָלעמט אין יעדן אויסער-פּארלאמענטארישן אקט פון רעוואָליוציאָנערן פאָלק. ניט בלויז די זשיראָנדיסטן, נאָר אויך די יאקאָבינער פלעגן מיט פארביטערונג אָפּלייקענען יעדע באשולדיקונג אין דער שטרעבונג צו פארבייטן די קאָנסטיטוציע אפ

א רעוואָליוציאָנערער מאַכט, אָפּ דער מאַכט פונ א „דיקטאַטער". דער לייענער געדענקט, ווי דאַנטאָנ האָט מיט אַקשאָנעס געפּרוווט דערווייַזנ אינ אווגוסט—סענטיאַבער 1792 אינ דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג אונ אינ קאָנווענט, אַז ער קאָנ ניט קאָווירנ פאַרנ „קראַנקנ" מאַראַט, אָבער יעדנפאַלס ניט ער, דאַנטאָנ, ניט ווער עס איז פונ די פאַרגינפּטיקע דעמאָקראַטנ קאָנ האָבנ אינזינענ צו ברענגענ די „הערשאַפט פונ געזעצ". דער בירגערקריג האָט זיי א סאַך אויסגעלערנט. קעגנ זייער ווילנ, קעגנ זייערע פּרינציפּנ, ענדערנדיק אינ גאַנג פונ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ זייערע איבערצייַגונגענ, האָבנ די קלייַנבירגערלעכע דעמאָקראַטנ איבערגעבויט זייערע פּאָליטישע טעאָריעס; אינ 2—3 כאָדאָשימ נאָכנ פייַערלעכנ אָננעמענ די קאָנסטיטוציע פונ יאָר 1793 האָבנ זיי פּראָקלאַמירט די הערשאַפט פונ דער רעוואָליוציאָנערער דיקטאַטורישער מאַכט.

די זשיראָנדיסטנ האָט די רעוואָליוציע פונ 2-טנ יונ אָפּגעוואָרפנ אָפּנ דאָרעמ. באַפעסטיקט זיכ אינ די האַנדל־אינדוסטריעלע שטעט פונ פראַנקרייַכ, האָבנ זיי אויפגעהויבנ די פאָנ פונ אופשטאַנד קעגנ דעמ קאָנווענט. איינער פונ דאַנטאָנס אָנשיידענע פייַנט בוזאָ האָט אָפּגיכ אָרגאַניזירט אינעמ דעפּאַרטאַמענט א קאָנטררעוואָליוציאָנערע אַרמיי פונ עטלעכע טויזנט מאַנ אונ איז אַרויסגעטראָטנ קעגנ „מאַראַטס דיקטאַטור". דעמ 9-טנ יונ האָט דעמ בייַשפּיל פונעמ דעפּאַרטאַמענט נאָכגעטאָנ קאַלוואַדאָס. עס זייַנענ אַרעסטירט געוואָרנ די קאָמיסאַרנ פונ קאָנווענט אינ אַוויאַרומ זייַנענ אַראָפּגעריסנ געוואָרנ די מאָסמיטלענ צו קעמפנ קעגנ ענגלאַנד. נאָכ קאַלוואַדאָס האָט דער אופשטאַנד אַרומגענומענ אַנדערע דעפּאַרטאַמענטנ. גאַנצ ברעטאַנ איז געווענ אינ פייַער פונ בירגערקריג. פונדאַנענ, פונ קאַיענ, איז שפּעטער — אינ יול — געקומענ מאַראַטס מערדערנ שאַרלאָטע קאָרדע, אונטער דער ווירקונג פונ דער זשיראָנדיסטישער אַגיטאַציע קעגנ דער דיקטאַטור פונ די פלעבייִשע מאַסנ האָט זי דעמ 13-טנ יול דערשטאָכנ מיט א קינזשאַל דעמ פּאָרעטיקער פונ דער דאָזיקער דיקטאַטור — מאַראַטנ.

דעמ 7-טנ יונ האָבנ די בורזשואַ פונ באָרדאָ פאַרטריבנ די קאָמיסאַרנ פונ קאָנווענט אונ האָבנ באַשלאָסנ צונויפרופנ אָפּנ 16-טנ יונ אינ בורזש א פאַרזאַמלונג פונ פאָרשטייער פונ אַלע אינסורגענ-

טישע דעפארטאמענטנ. די אינסורגענטנ האָבנ פארכאפט 350 טויזנט
פיאסטער, וואָס זײַנענ געווענ באשטימט צו באצאָלנ דעמ פלאָט אונ
אויסהאלטנ די קאָלאָניעס; זיי האָבנ דערקלערט א מילכאָמע דעמ
קאָנווענט. אינ טולוז זײַנענ ארויסגעלאָזנ געוואָרנ אפ דער פרײַ די
ראָיאליסטנ. אינ נימ אונ אינ מארסעל איז דער יאקאָבינישער קלוב
פארמאכט געוואָרנ, די מאראטיסטנ זײַנענ ארײַנגעוואָרפנ געוואָרנ אינ
טורמע. די מארסעלער ארמיי פונ 6 טויזנט מאנ, וואָס האָט געווארט,
מע זאָל זי אָפשיקנ קיינ איטאליע, האָט מענ איצט א וואָרפ געטאָנ
קעגנ דער ארמיי פונ קאָנווענט. דעמ 12-טנ יול האָט זיכ צעבונטע-
וועט טולאָנ. די זשיראָנדיסטנ צוזאמענ מיט די ראָיאליסטנ האָבנ
איבערגעגעבנ דעמ פראנצויזישנ פלאָט צו די ענגלענדער, האָבנ אָפנ
פאראטנ דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָטערלאנד. דער אופשטאנד פונ די
דאָרעמדיקע דעפארטאמענטנ איז געווענ פארבונדנ מיטנ בונט פונ
דער בורזשואזער מאכט פונ ליאָנ. די זשיראָנדיסטנ האָבנ דאָ גע-
קעפט איינעמ פונ די פלאמיקע דעמאָקראטנ, דעמ רעפובליקאנער
שאליע, אונ האָבנ פראָקלאמירט דעמ ווײַסנ טעראָר. אינ דער שפיצ
פונ דער ליאָנער ארמיי האָט זיכ געשטעלט גראפ פרעסי, אנ עמיג-
ראנט אונ א ראָיאליסט. צומ סאָפ יונ זײַנענ 60 דעפארטאמענטנ
פונ 80 ארויסגעטראָטנ קעגנ דער מאכט פונ קאָנווענט.

דעמ זשיראָנדיסטישנ אופשטאנד האָט ניט אָפגעשטעלט דער
פאקט, וואָס דאָס גאנצע פאָלק האָט אָנגענומענ די קאָנסטיטוציע,
אונ קעגנ איר האָבנ געשטימט ניט מער ווי 17 טויזנט מאנ (עמעס,
בא הונדערט טויזנט שטימענ האָבנ געפאָדערט אייניקע דערגאנצונגענ
אינעמ גײַסט פונ די זשיראָנדיסטישע פראָיעקטנ). פאר דער קאָנ-
סטיטוציע האָבנ געשטימט 1801918 בירגער, אָבער די פאָרשטייער
פונ דער האנדל-אינדוסטריעלער בורזשואזיע, פונקט ווי די אריסטאָ-
קראטיע פונ פראנקרײַכ, האָבנ אָפגעוואָרפנ די דעמאָקראטישע אילי-
זיעס, זיי זײַנענ געווענ גרייט צו א בלוטיקנ בירגערקריג.

דעמ 27-טנ אווגוסט זײַנענ די ענגלענדער געווענ אינ טולאָנ;
ליאָנ איז געווענ איזאָלירט. דער מאָנארכיסטישער אופשטאנד האָט
ארומגענומענ ניט בלויז וואנדייע, נאָר אויכ א ריי אנדערע ראיאָ-
נענ פונ פראנקרײַכ, אונ אפ די גרענעצ האָט די ארמיי געליטנ בי-
טערע מאפּאָלעס. דעמ 28-טנ יול האָט קאפיטולירט מײַנצ, נאָכ דעמ —

וואלאַ:סיען, — דער וועג צו פּאַריזש איז גענוג: אָ.. די וואנדייער אינסורגענטן האָבן סאָפּ יול געדראָעט אנושער. די פאַריינקונג פון די צוויי אָטריאַדן פון דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער ארמיי האָט גע־קאָנט פּאַרקומען יעדן טאָג.

אין גאַנצן לאַנד האָט דער הונגער סאָפּ יול און אין אָנהייב אויגוסט פאַרשטאַרקט די פאָלקס־באַוועגונג. דער קאָנווענט האָט גע־מוזט שיקן זײַנע קאָמיסאַרן צו אופשטעלן די אָרדענונג.

די „מעשוגע־ווילדע" האָבן אופגעהויבן דעם קאָפּ. זשאַק רו האָט געפאָדערט קאָנקרעטע הילף פאַר די הונגעריקע מאַסן. אין אויגוסט האָט ער געפאָדערט, אַז די גיליאָטינע זאָל זיך אָפּרעכענען מיט די קאָרום־פּירטע דעפּוטאַטן, ער האָט געפאָדערט צו אַרעסטירן די באַנקירן, אופקויפער און ספּעקוליאַנטן. נאָכמער: ער האָט געפאָדערט, אַז אַלע גרויסע קויפער פון די נאַציאָנאַלע גיטער, די אַלע, וואָס זײַנען אין משך פון עטלעכע יאָר רײַך געוואָרן, — צווישן זיי אויך די דעפּוטאַטן, וואָס זײַנען געוואָרן גרויסע אייגנטימער, — זאָלן גע־רופן ווערן צו הארבער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. דעם 8־טן אויגוסט האָט ער אָפּן אָנגערופן דאַנטאָנען און זײַנע פרײַנט, וואָס פירן אַ לוקסוספול לעבן, באַזוכן טעאַטערס, בעלער... ער האָט געהאָפט, אַז אין דעם טאָג פון דער פעדעראַציע, דעם 10־טן אויגוסט, וועט זיך אים אײַנגעבן צו פאַראייניקן די פּאַטריאָטן פון פּאַריזש און פונעם גאַנצן לאַנד, קעדיי איבערצוכאַזערן די סענטיאַבער־טעג. די דאָזיקע דראָונג איז געווען אַ רעאַלע. די פּאָרשטעט פון פּאַריזש זײַנען געווען גרייט צו פאַרטיידיקן מיט געווער אין די הענט די פאָדערונגען פון די „מעשוגע־ווילדע": „ברויט און דעמאָקראַטישע געזעצן!" בא אַזוינע באַ־דינגונגען איז די דיקטאַטור געוואָרן נייטיק ניט בלויז צו אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד קעגן דער ראָיאַליסטישער און דער זשיראָנדיסטישער געפאַר, נאָר אויך קעגן די רעוואָליוציאָנערע פאָדערונגען פון די פאָרשטעט.

ראָבעספּיער האָט דעמאָלט געשריבן אין זײַן נאָטיץ־ביכל:

מע דאַרף האָבן אַן אײנהײַטלעכן ווילן, ער דאַרף זײַן אָדער אַ רעפּוב־ליקאַנישער אָדער אַ מאָנאַרכיסטישער: קעדיי ער זאָל זײַן אַ רעפּובליקאַנישער, דאַרף מען האָבן מיניסטאָרן רעפּובליקאַנער, רעפּובליקאַנישע צײַטונגען, דעפּו־טאַטן רעפּובליקאַנער און אַ רעגירונג אַ רעפּובליקאַנישע, די אינערלעכע געפאַר ה.ט געשאַפן די בורזשואַזיע, אום צו באַזיגן זי, דאַרף מען פאַראייניקן דאָס פ.לק אַ.ץ איז ביז אַ צט געווען צובעגרייט, קעדיי דאָס פאָלק זאָל אין דער צוקונפט אויך

בלײַבן אונטערן יאָך פון דער בורזשואַזיע, קעדײ די כאַראַקטעריסטיקער פון דער רעפּובליק זאָלן געשיקט ווערן אַפּן עשאַפאָט. די סאָנים פון דער רעוואָליוציע האָבן געזיגט אין מאַרסעל, אין באָרדאָ, אין ליאָן. זײ האַלטן בעזיגט אין פּאַריז, ווען ניט דער לעצטער אויפשטאַנד. דער דאָזיקער אויפשטאַנד דאַרף פאַרגעזעצט ווערן אזוי לאַנג, ביז וואַנען עס וועלן אָנגענומען ווערן די נײטיקע מיטלען צו ראַטעווען די רעפּובליק. דאָס פאָלק דאַרף זיך פאַרייניקן אַרום דעם קאָנווענט, און דער קאָנווענט דאַרף זײַן ענג פאַרבונדן מיטן פאָלק".

אָט דאָס האָט געבראַכט ראָבעספּיערן צו דער אידײ וועגן שאַפן א רעוואָליוציאָנערע רעגירונג. שפּעטער, דעם 25-טן דעקאַבער, האָט ער געזאָגט: „די טעאָריע פון דער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג איז פּונקט אזוי נײַ, ווי ס'איז נײַ די רעוואָליוציע גופא, וואָס האָט זי געשאַפן. מע דאַרף זי ניט זוכן ניט אין די ביכער פון די פּאָליטישע שרײַבער — זײ האָבן ניט פאָרויסגעזען די דאָזיקע רעוואָליוציע, — ניט אין די געזעצן פון די טיראַנען... פאַר דער אַריסטאָקראַטיע איז דער טערמין „רעוואָליוציאָנערע רעגירונג" ניט מער, ווי א סימבאָל פון טעראָר אָדער אן אָביעקט פון רעכילעס. פאַר די טיראַנען איז דאָס ניט מער ווי א מיספאַרשטייעניש, פאַרן גרעסטן טײל מענטשן איז דאָס א רעטעניש... דער צוועק פון א קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג איז אויפהאַלטן די רעפּובליק. דער צוועק פון א רעוואָליוציאָנערער רעגירונג איז גרינדן זי. די רעוואָליוציע איז דער קאַמף פון דער פרײַהײַט קעגן אירע סאָנים. די קאָנסטיטוציע — דאָס איז די רעגירונג פון דער פרײַהײַט, וואָס האָט שוין אָפּגעהאַלטן א ניצאָכן און אײַנגעשטעלט שאָלעם. א רעוואָליוציאָנערע רעגירונג נײטיקט זיך אין דער אַנטוויקלונג פון אויסערגעוויינלעכער ענערגיע, טאַקע ווײַל זי געפינט זיך אין צושטאַנד פון מילכאָמע". אַרויסגײענדיק פון די דאָזיקע פּרינציפּן, האָט דער דעקרעט פון קאָנווענט אײַנגעשטעלט דעם 10-טן אָקטיאַבער אין פראַנקרײַך א צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג — ביזן שליסן שאָלעם, איבערלאָזנדיק אַזוי אַרום די קאָנסטיטוציע פון יאָר 1793 אַלט א דענקמאָל פון גוטע קאַוואָנעס פאַר בעסערע צײַטן.

דער געזעץ האָט פאַרפיקסירט די רעוואָליוציאָנערע דיקטאַטור. דער קאָנווענט האָט זיך איצט באַטראַכט אַלס געזעצגעבערישער אָרגאַן פון דער דאָזיקער דיקטאַטור. ער האָט זיך געשטיצט אין זײַן טעטיקײַט אָף די פאָלקס-פאָרשטײער אין דער אַרמײ און אין די

פֿאַרכאַבענענ; ער האָט געהאַט אינ זײַנ רעשות געהײמע נאַציאָנאַלע אַגענטנ. אומעטום אָפּ די ערטער האָבנ די פֿאָלקס-געזעלשאַפֿטנ געדינט אַלס שפּיצע פֿונ דער דיקטאַטור. די דאָזיקע פֿאָלקס-געזעלשאַפֿטנ זײַנענ געווענ ניט בלויז די הענט, נאָר אויכ דער קאָפּ אונ דאָס האַרצ פֿונ דער רעוואָליוציאָנערער מאַכט. וועגנ דעם האָט געוועדט דער ציִרקוליאַר פֿונעם קאָמיטעט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער רעגירונג צו די פֿאָלקס-געזעלשאַפֿטנ (פֿונ 4-טנ פֿעברואַר 1794): „...איר וועט זײַנ אונדזערע מעכטיקע מיטהעלפֿער. די פֿאָרשטייער פֿונ פֿאָלק בילדנ מיט אײַכ איינ קייט. איר וועט אָנהייבנ פֿונ שטרענגנ רעווידירנ אײַער באַשטאַנד, קעדיי דורכצופֿירנ אײַערע מיטגלידער דורכנ שמעלצ-טיגל פֿונ רייניקונג. די מענוואָלים פֿלעגנ אָפֿט נאָכמאַכנ אײַער אויסערלעכקײַט אונ פֿלעגנ וועלנ באַהאַלטנ זייערע פֿאַרברעכנס אונטער דער אומבאַרירלעכקײַט, וואָס דאַרפֿ שיצנ נאָר די גוטע מײַסים".

די רעוואָליוציאָנערע דיקטאַטור האָט ניט געקאָנט שאָלעמ מאַכנ מיטנ אָפּאָרטוניזמ אונ מיט דער צווייפֿענעמדיקײַט. זי האָט דערקלערט אַ מילכאָמע אַלע וואַקלדיקע אונ פֿאַרדעכטיקע. די געזעצנ וועגנ דער פּרעסע, וועגנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ טריבונאַל, דער דעקרעט פֿונ 17-טנ סעפּטעמבער 1793 וועגנ די פֿאַרדעכטיקע האָט דערוויזנ, אַז קעגנ די סאָנימ פֿונ דער רעוואָליוציע האָט די רעוואָליוציאָנערע דיקטאַטור אָנגענומענ אַנטשיידענע מיטלענ, וואָס דרינגענ אַרויס פֿונ דעמ באַלאַגערונג-צושטאַנד פֿונ דער רעפּובליק. די רעוואָליוציאָנערע דיקטאַטור האָט געזאָגט איר זאַכ. די פֿראַגע איז אָבער געווענ: אינ וועמעס האַנט וועט זיכ אײַנגעפֿינענ אָט דאָס שאַרפֿע געווער? סאָפּקאָלסאָפּ האָט קיינ איינער פֿונ די קעמפֿנדיקע צדאָדימ אינ אויגוסט-אָקטיאַבער 1793 ניט דערווידערט קעגנ דער דיקטאַטור, דעמ שווערד פֿונ בירגערקריג. געהאַנדלט האָט זיכ נאָר וועגנ דעמ, ווער עס וועט אימ באַהערשנ: צי די קאָנטררעוואָליוציאָנערע זשיראָנדע צי דאַנטאָנ, — אָט דער „נײַער זשיראָנדיסט" צי ראָבעספּיער — דער פֿירער פֿונעם קלייַנבירגערטומ צי די פּלעבײישע אָפּאָזיציע — די פֿאָרשטעט פֿונ פּאַריזש, פֿונ ליאָנ אונ רייַמס. דער דאָזיקער שטרײַט איז אַנטשיידט געוואָרנ ניט אינ פֿאַרלאַמענטאַרישע דעבאַטנ, נאָר אינ ביטערנ קלאַסנקאַמפּ.

באַזײַטיקט אין יולי פֿון דער מאַכט, האָט זיך דאַנטאָן אָפּגערוקט צום צונעקיקס פֿון קאַמף פֿון די פֿראַקציעס. עפּעס וועט זיך אים אײַנגעבן נאָכאַמאָל שטעלן זיך אין דער שפּיץ פֿון דער רעוואָלוציע, באַזײַטיקן זײַנע קעגנער און אַ קערעווע טאָן מיט אַ פֿעסטער האַנט די רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור? ער האָט דאָס געפּרוּווט טאָן אין אויגוסט—סעפּטעמבער, שטיצנדיק זיך אויף ראָבעספּיערן אין קאַמף קעגן די פֿלעבייִשע מאַסן פֿון די פֿאָרשטעט, אָפּערירנדיק מיט אַ געוויסן דערפֿאָלג מיט סאָציאַלער און רעוואָלוציאָנערער דעמאַגאָגיע. ער האָט דאָס געפּרוּווט טאָן אַ צווייט מאָל אין נאָיאַבער־דעקאַבער, פֿירנדיק אַ קאַמף קעגן ראָבעספּיערן אין נאָמען פֿון דעם לאָזונג „באַרעמהאַרציקייט", שטרעבנדיק אָפּצושטעלן די רעוואָלוציע. אָבער אין ביידע פֿאַלן זײַנען דאָס געווען נעבעכדיקע פּרוּוון פֿון דעם גרויסן רעדנער, וואָס האָט „זיך אויסגעשעפּט", נעבעכדיקע פּרוּוון פֿון דער פֿראַקציע פֿון דער פֿראַנצויזישער בורזשואַזיע, וואָס האָט געהאָפֿט, אַז דאָס פֿאָלק וועט, ווי פֿריִער, דינען אירע קלאַסן־אידעאַלן און וועט ניט וואַגן אַרויסטרעטן אין נאָמען פֿון זײַנע אייגענע צוועקן.

3

נאָך דער מאַפּאָלע פֿון 10־טן יוני האָט זיך דאַנטאָן געמוזט פֿאַרנעמען מיט זעלבסטפֿאַרטיידיקונג.

קיין סוד איז, לויט דאַנטאָנס רעקאָמענדאַציע, געשיקט געוואָרן אויף דער שטעלע פֿון אַן אינספּעקטאָר פֿײַראָן. ער איז אַריבער אויפֿן צד פֿון די סאָנים און האָט אָנגעטאָן דער רעוואָלוציע ניט ווייניק שאָדן. דאַנטאָן האָט געמוזט געבן דערקלערונגען. דער קאָנווענט האָט אָנגענומען דעם טריבונס דערקלערונגען אָן באַזונדערן צוטרוי.

אין 2 טעג אַרום פֿאַרטיידיקט דאַנטאָן די בירגער, וואָס האָבן געליטן פֿון ווילקירלעכע אַרעסטן. אים באַפֿרידיקט ניט די סומע פֿון אַנטשעדיקונג, וואָס דער קאָנווענט האָט אײַנגעשטעלט. ער לייגט פֿאָר צו פֿאַרגרעסערן זי ביז 600 ליווער פֿאַר יעדן, בא ווע מען מע האָט אומגערעכטיק אָפּגענומען די פֿרײַהײַט מער ווי אויף 3 כאַראַקטעריסטישע צײַט. דער קאָנווענט איז געווען געצוווּנגען צו פֿאַרשטאַרקן דעם

דרוק פונ דער רעוואָליוציאָנערער דיקטאטור. דאנטאָנ האָט זי גע־פרווט אָפשוואכנ. מאראטס טויט האָט ארויסגערופנ צווישנ די מאסנ פונ די פאריזשער פאָרשטעט אנ אויסברוכ פונ האס צו דער קאָנטר־רעוואָליוציע. דערמיט האָט מענ זיכ געמוזט רעכענענ, מע האָט ניט געקאָנט באנוגענענ זיכ מיט דאנטאָנס צווייטײַטיקער פראזע: „זײַנ אומקומ וועט דינענ דער רעוואָליוציע ניט ווייניקער, איידער זײַנ לעבנ". מע האָט געמוזט ווידער צופאסנ זיכ צו די פאָדערונגענ פונ די רעוואָליוציאָנערע מאסנ. דאנטאָנ האָט דאָס געקענט. ער, קיוס־טינס אמאָליקער פארטיידיקער, טרעט ארויס דעמ 22-טנ יול קעגנ דעמ גענעראל. ער דערקלערט: „דער סעקרעט פונ יעדער רעגירונג באשטייט אינ קענענ שטראָפנ און באלוינענ". ער האָט קאטעגאָריש געפאָדערט, אז מע זאָל די נאָענטסטע טעג אָפרייניקנ די אדמיני־סטראציע פונ די אגענטנ פונ דער קאָנטררעוואָליוציע.

די אלע ארויסטרעטונגענ זײַנענ געווענ ניט מער ווי אנ אָנהייב פונ א נײַער ווענדונג אינ דאנטאָנס טעטיקײַט. דאנטאָנ פרווט זיכ ווידער געפינענ א וועג צו די רעוואָליוציאָנערע מאסנ.

דעמ 31-טנ יול 1793 האָט שאבאָ געמאָלדנ דעמ קאָנווענט, אז די אסיגנאציעס מיט דעמ „טיראנס" פאָרטרעט (לודוויג XVI) גייענ אומ צווישנ די קאָמערסאנטנ פונעמ האנדל־אינדוסטריעלנ דאָרעמ — און פונ דער הויפטשטאָט גופע אויכ — מיט א הויסאָפע פונ 10 פראָ־צענט. שאבאָ האָט געפאָדערט, מע זאָל אָנעמענ אנטשיידענע מיטלענ. אינ די דעבאטנ האָט אָנטייל גענומענ אויכ דאנטאָנ. „ווער טראָגט אויס אפ זײַנע פלייצעס דעמ פאָלקס־אומגליק? — האָט ער געפרעגט. — ווער פארגיסט זײַנ בלוט צו פארטיידיקנ די פרײַהײַט? ווער קעמפט קעגנ דער פינאנציעלער בורזשואזער אריסטאָקראטיע? די, וואָס האָבנ ניט קיינ קיניגלעכע אסיגנאציעס פונ 100 ליווער. האנדלט אָנ ראכ־מאָנעס. וואָס גייט אײַכ אָנ דער געמורמל פונ די אריסטאָקראטנ?"... דאנטאָנ האָט געפאָדערט, אז דעמ נאציאָנאלנ כויוו זאָלנ אויסצאָלנ די גרויסע קאפיטאליסטנ. ער האָט צוגעגעבנ: „איכ בינ ניט קיינ גרויסער קענער פונ פינאנצנ, אָבער איכ ווייס גוט, אינ וואָס עס באשטייט דער ווויל פונ מײַנ היימלאנד. די רײַכע לײַט ציטערנ אינ דערווארטונג פונ דעמ דאָזיקנ דעקרעט, און דאָס, וואָס איז פאר זיי א טויט, קאָנ דעמ פאָלק נאָר לוינענ" (אפלאָדיסמענטנ).

דאָס איז געווען די זעלבע „טעאָריע" פון האַנאַכעס פאַר די פאָלקס-מאַסן, וועלכע ער האָט פאַרטיידיקט נאָך זינט דער רעוואָליוציע פון 10־טן אווגוסט. דאַנטאָן האָט ניט גענומען אין אַכט, אַז די דאָזיקע האַנאָכעס זיינען איצט געווען אבסאָליוט ניט גענוג.

דעם 31-טן יולי איז אין קלוב פון די יאַקאָבינער באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן דעם, אַז אַלע אַנשטאַלטן פון דער רעפּובליק זאָלן צום טאָג פון 10־טן אווגוסט אָפּגערייניקט ווערן „פון דער באַנדע מערדער, וואָס הייסן אַריסטאָקראַטן". עבער האָט געשטיצט די דאָזיקע פאָדערונג, אָבער ער האָט דערווידערט קעגן דעם, אַז מע זאָל אין דער דאָזיקער ליסטע אַריינעמען די גאַלאָכים, ווייל דאָס וואָלט געקאָנט אַרויסרופן אומרועס צווישן די פּויערים; קיין באַזונדערע נייטיקייט אין ספּעציעלע מיטלען קעגן די גאַלאָכים איז ניט געווען. דאַנטאָן האָט גענומען דאָס וואָרט. ער האָט געכאַנפעט די יאַקאָבינער, ווייל זיי האָבן געראַטעוועט די רעפּובליק, ער האָט אָפּגעוואָרפן אַלערליי געשפּרעכן וועגן מענטשן־ליבע: „מיר דאַרפן מער ניט מאַכן קיין האַנאָכעס די פיינט פון דער רעוואָליוציע. מיר דאַרפן קוקן אויף זיי בלויז ווי אויף פאַרעטער פון דער רעוואָליוציע. אייזן דאַרף קומען צו הילף דער פאַרנונפט... די פּרינציפּן פון גרויסער פאַרנונפט זאָגן, אַז מע דאַרף ניט אָנטרויען אויספירן אַן אַרבעט די מענטשן, וואָס זייערע אינטערעסן פאָדערן אומצוברענגען די דאָזיקע אַרבעט. איר דאַרפט ניט אָנטרויען די אַריסטאָקראַטן, זיי זאָלן שיצן אייער פרייהייט".

דער רעדנער האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט עבערס פאָרשלאָג וועגן די גאַלאָכים, ער האָט נאָר דערווידערט קעגן עבערס צו גרויסער מעטיקייט. דאַנטאָן איז אָנגעפאַלן אויפן אינערן-מיניסטער, ער האָט אים פאָרגעוואָרפן ניט-גענוגע אַנטשלאָסנקייט און האָט געפאָדערט שאַפן אַ נייע רעוואָליוציאָנערע אַרמיי פון 300 טויזנט מאַן צום קאַמף קעגן דער קאָנטררעוואָליוציע.

זייענדיק קאָנסעקווענט, האָט דאַנטאָן אין אווגוסט און סעפּטעמבער 1793 געמוזט שטיצן די אידיי וועגן אַ רעוואָליוציאָנערער רעגירונג. זיינע גלענצנדיקע רעדע וועגן דעם אין קאָנווענט דעם 1־טן אווגוסט 1793 איז געווען פול ענטוזיאַזם און רעוואָליוציאָנערן פּאַטאָס: „אויסגעצייכנט! לאָמיר זיין גרויזאַם, לאָמיר פירן די מלחמה ווי

לײַבנ. פאַרװאָס זאָלנ מיר ניט שאַפנ קײנ צײַטװײַליקע רעגירונג, װאָס זאָל פאַרשטאַרקנ די נאַציאָנאַלע ענערגיע פונ װידערשטאַנד?" נאָכמער: ער האָט פאָרגעלײגט צוטרעטנ צו אַנ אַלגעמײנער רעגי־סטראַציע פונ פּראָװיזאַנט אַלס אַ מיטל צום קאַמפּ קעגנ הונגער. ער האָט דערקלערט אַ הײליקע מלחמה קעגנ די פאַרעטער פונעם פאָ־טערלאַנד. דאַנטאָנ האָט געסטראַשעט דעם קאָנװענט: "דאָס פאָלק טרויט אײַך, זײַט־זשע גרויס אונ זײַט װערט זײַנ צוטרוי. אויב אײַער שװאַכקײַט װעט אײַך שטערנ צו ראַטעװענ עס, װעט זיך עס ראַטעװענ אָנ אײַך"... (אַ דונער פונ אַפּלאָדיסמענטנ). אָט די פראַזע, װי מיר װײסנ, פלעגט דער רעדנער איבערכאַזערנ ניט אײנ מאָל אינ די יאָרנ פונ דער רעװאָליוציע, בײַ אַנ אויפברויז פונ דער רעװאָליו־ציאָנערער באַװעגונג, ערעװ אַנ אויפשטאַנד. ער האָט זיך געקאָנט דערלויבנ צום סאָפ רײדנ װעגנ זײַנ פּערזענלעכקײַט, דערװײַזנ די טריבונעס, אַז ער איז גרײט צו מאַקריװ זײַנ זיך אינ נאָמענ פונ דער רעװאָליוציע. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ראָבעספּיער האָט אַז דער דאָזיקער זיצונג אַרויסגעװיזנ מער מעסיקײַט.

דעם 12־טנ אויגוסט האָט דאַנטאָנ געשטיצט די פאָדערונג פונעם פאָלק װעגנ אַרעסטירנ די פאַרדעכטיקע מענטשנ. אײנע פונ די פּע־טיציעס האָט געפאָדערט: „אַרעסטירנ אַלע פאַרדעכטיקע מענטשנ אונ אָפּשיקנ זײ נאָכדעם צום גרענעצ אַלס אַנ אַװאַנגאַרד פונ דער גרויזאַ־מער מאַסע סאַנקיולאָטנ, שטעלנ זײ אינ די ערשטע רײענ. די פרויענ, די אַלטע לײַט אונ די קינדער פונ די דאָזיקע פאַרדעכטיקע איבער־לאָזנ אַלס אָרעמס־לײַט אונטער דער װאַך פונ די פרויענ אונ די קינ־דער פונ די סאַנקיולאָטנ".

דאָס איז געװענ אַנ אַכזאָריעסדיקע פאָדערונג, כאָטש זי איז גע־װענ אַרויסגערופנ פונ דער גרויזאַמער צײַט. דאַנטאָנ האָט געשטיצט דעם פאָרשלאָג, ער האָט אים דערפירט ביז עקסטרעמקײַט: „נײנ, מיר װעלנ ניט געבנ קײנ אַמניסטיע די פאַרעטער! לאָמיר געבנ אַנ אויסװעג דער פאָלקס־נעקאָמע, לאָמיר אַראָפּלאָזנ די שװערד פונ געזעצ אַפ די קעפּ פונ די פאַרשװערער!" ער האָט דערװידערט קעגנ קאָמפּלעקטירנ די אַרמײ מיט קאָנטררעװאָליוציאָנערנ. „פאָדערט ניט, — האָט ער געזאָגט, — מע זאָל זײ פירנ אַפ די סאָנים. זײ װעלנ דאָרטנ זײַנ מער געפערלעך, אײדער נוצלעך, לאָמיר זײ פאַרשפּאַרנ אינ

טורמע, זיי וועלנ זײַנ אונדזערע אָרוועס-לײַט". באגעגנט מיט ענטוזיאזם פונ די דעפּוטאטנ אונ פונ דעם עולם אפ די טריבונעס, האָט ער ווידעראמאָל ארויסגערוקט זײַנ פּראָגראם פונ יאָר 1792: אנ אלגעמײַנעם מאסנ-לאנדשטורם, שאפנ אנ ארמיי פונ 400 טויזנט מאנ, דיסקאָנטירנ דאָס געווער אונ דעם פּראָוויאנט.

ס'איז כאראקטעריסטיש, אז יעדעס מאָל, ווענ דאנטאָנ פלעגט פרוווּנ שטעלנ זיכ אינ דער שפּיץ פונ די מאסנ, פלעגט ער זיכ אופהייבנ אינ זײַנע רעדעס ביז דער הייכ פונ די רעוואָליוציאָנערע אופגאבנ פונ דער עפּאָכע. דאָס איז ניט געווענ סטאם דעמאגאָגיע. דערינ האָט געשטעקט די געניאלקייט פונעם רעוואָליוציאָנערנ פּאָליטיקער פונ דער בורזשואזיע אינ דער גרויסער עפּאָכע.

דאנטאָנ האָט ווידער צוגעצויגנ צו זיכ די אלגעמײַנע אופמערקזאמקייט. אינ קאָנווענט אונ אינעם יאקאָבינישנ קלוב האָט מענ אים ווידער געהערט גערנ אונ מיט ענטוזיאזם. ראָבעספּיער האָט אויסגעצייכנט אָפּגעשאצט די ראָליע, וואָס דאנטאָנ האָט געקאָנט שפּילנ אינ קאמפּ קעגנ די „מעשוגע-ווילדע" אונ קעגנ די עבערטיסטנ, ווײַל זייער אקטיווקייט איז געוואָרנ געפערלעכ פארנ קאָנווענט. ער האָט צוגעגעבנ מוט דאנטאָנענ, ער האָט אים דעמאָלט פארטיידיקט.

דאנטאָנס פּאָפּולערקייט איז געוואָקסנ פונ טאָג צו טאָג. וואָס פאר א באדײַטונג האָט געהאט דער פאקט, וואָס בארער האָט דעם 21-טנ אווגוסט פארעפנטלעכט א בריוו, וועלכנ מע האָט געפונענ אינעם פּאָרטפעל פונעם אנטלאָפנענעם דעפּוטאט דיובוא-קראנסע, א בריוו, ווו דאנטאָנ האָט פאָרגעלייגט אײַנשטעלנ דיקטאטור איבער דעם בורזשואזנ פראנקרײַכ? אזא באשולדיקונג האָט געקאָנט דאנטאָנענ דיסקרעדיטירנ אינ די אויגנ פונ דער בורזשואזיע, אָבער דערמיט גופא האָט דאנטאָנ געוווּנענ אינ דער מיינונג פונ די פּלעבייִשע מאסנ, אונ דאָס איז דעמאָלט געווענ דער איקער.

ער האָט גרינג געקאָנט אָפּווערנ עבערס פּערזענלעכע אטאקעס, די אָנפאלנ אפ זײַנ כאסענע האָבנ מיט דער יונגער לויִזע. „נעמט מײַנ קאָפּ, — האָט ער אויסגעשריִענ פּאטעטיש דעם 26-טנ אווגוסט אינ יאקאָבינישנ קלוב, — אָדער אנערקענט מיכ פאר א גוטנ פּאטריאָט". זײַנ קאָפּ איז נאָכ פעסט געזעסנ בא אים אפ די פּלייצעס, אָבער אנערקענענ אים פאר א גוטנ פּאטריאָט איז שוינ געווענ גאָר ניט

אזוי גרינג, בא די ברייטע רעוואָליוציאָנערע מאסנ — האָבנ דאנטאָנס פאטריאָטישע געפילנ ארויסגערופנ ספייקעס, אונ ווענ זשאק רו אונ עבער זייַנענ ארויסגעטראָטנ קעגנ די רייַכע געוואָרענע דעפוטאטנ, האָבנ זיי אימ, דאנטאָנענ, אויכ געהאט אינזינענ.

דעמ 5-טנ סענטיאבער האָבנ די פאריזשער ארבעטער געפאָדערט פונ קאָנווענט, ער זאָל אופנעמענ זייערע א דעלעגאציע. שאָמעט האָט פאָרגעלייגט די געזעצגעבער טייקעפ שאפנ א רעוואָליוציאָנערע ארמיי, אנ ארמיי פונ די ארבעטער פונ די פאָרשטעט. ס'ארא באקוועמע געלעגנהייַט פאר דאנטאָנענ צוצוציִענ די אלגעמיינע אופמערקזאמקייַט! ער האָט זיכ באוויזנ אפ דער טריבונע, באגעגנט מיט שטורמישע אָוואציעס, אונ עטלעכע מינוט האָט ער ניט געקאָנט אָנהייבנ זייַנ רעדע. דאנטאָנ האָט געשטיצט דעמ פאָרשלאָג פונ די עקסטרעמע רעוואָליוציאָנערנ וועגנ שאפנ טייקעפ אנ ארמיי פונ די סעקציעס, אינ דער זעלבער צייַט האָט ער געמאכט ניט קיינ צווייַדייַטיקנ אָנפאל אפ די עבערטיסטנ: „זאָלנ אייַכ ניט שרעקנ די פרוּוונ פונ די קאָנטררעוואָליוציאָנערנ אופצוהייבנ אנ אופשטאנד אינ פאריזש. נאטירלעכ, זיי שטרעבנ צו פארלעשנ דעמ סאמע העלנ פייַער — די פרייַהייַט, אָבער די קאָלאָסאלע מאסע עכטע פאטריאָטנ, די סאנקיולאָטנ, וואָס האָבנ הונדערטער מאָל אָנגעוואָרפנ אנ אימע אפ זייערע סאָנימ, — זיי לעבנ נאָכ. זיי זייַנענ יעדנ מאָמענט גרייט צו וואַרפנ זיכ אינ שלאכט. פארשטייט צו רעגירנ מיט זיי, אונ זיי וועלנ צעשמעטערנ אלע אינטריגעס פונ די סאָנימ“.

דאנטאָנ האָט פאָרגעלייגט צו באצאָלנ די ארבעטער פאר דער צייַט, וואָס זיי פארברענגענ אפ די זיצונגענ אינ די סעקציעס, ער האָט געפאָדערט אסיגנירונגענ אפ פראָדוצירנ מאסנווייַז געווער, קעדיי צו געבנ יעדנ עכטנ פאטריאָט א ביקס אינ האנט: „זאָל גאנצ פראנקרייַכ פארוואנדלט ווערנ אינ א גיגאנטישנ מיליטערישנ לאגער; ווענ דאָס פאָטערלאנד געפינט זיכ אינ געפאר, וועלנ זיכ שטענדיק אייַנגעפינענ בירגער, וואָס זייַנענ גרייט צו באשיצנ עס“. דאנטאָנ איז געגאנגענ ביזנ סאָפ, ער האָט פאָרגעלייגט צו פארברייטערנ די פולמאכטנ פונ רעוואָליוציאָנערנ טריבונאל אונ פארשטארקנ דעמ טעראָר.

די רעדע האָט געהאט אנ אויסערגעוויינלעכנ דערפאָלג. אינ קאָנווענט האָבנ זיכ איבערגעכאזערט סצענעס פונ אווגוסט 1794. די

צײַטונגען האָבן איבערגעגעבן אײנצלהײַטן וועגן אנטפּלעקונגען פֿונעם פֿאָלקס־ענטוזיאַזם. בא שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן און אויסגעשרייען „לעבן זאָל די רעפּובליק!" האָט דאַנטאָן פֿאַרלאָזט די טריבונע. מע האָט אים באַגעגנט שווייענדיק, מע האָט אויפֿגעהויבן די הענט, געוואָרפֿן די היט. אַ מינוט צען האָט די פֿאַרזאַמלונג ניט געקאָנט באַרויִקן זיך. דאַנטאָנס פֿאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן.

4

דאַנטאָן האָט געקאָנט פֿײַערן אַ ניצחון. אָבער זײַן ניצחון איז געווען אַ קורצווײַליקער, ווײַל די פּאָזיציע, וואָס ער האָט פֿאַרנומען, איז געווען ניט מער ווי אַ טאַקטישער מאַנעוור. ער האָט געשטרעבט אַרויסצורײַסן די מאַסן פֿון אונטער דער ווירקונג פֿון די עבערטיסטן, אָבער ער האָט קײַן ניט געוואָלט פֿאַרבײַטן עבערן אַלס פֿירער פֿון די פּלעבייִשע מאַסן. דאָס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן גלײַך אין די נאָענטסטע טעג.

דעם 6־טן סענטיאַבער איז דער קאָנווענט געווען אונטערן אײַנדרוק פֿון די שרעקלעכע ידיעות, וואָס זײַנען אָנגעקומען פֿון פֿראַנט. ליאָן האָט געגעבן אַ ווידערשטאַנד דער אַרמיי פֿון דער רעפּובליק; טולאָן איז אָפּגעגעבן געוואָרן די ענגלענדער. דאַנטאָן איז אַרויסגעטראָטן מיט דער פֿאָדערונג „צוצוגעבן צו דער נאַציאָנאַלער ענערגיע פּאָליטישע מיטלען". ער האָט געטײַנעט, אַז עס איז ניט גענוג צו שלאָגן דעם סוינע מיט געווער, מע דאַרף אויסנוצן די „מענטשלעכע בעסרוינעס". ער האָט געפֿאָדערט עטלעכע מיליאָן צו „פֿאַנאַנדערטיילן זיי קונציק און פֿאַרניכטן די פֿײַנט פֿון דער רעוואָליוציע". דאַנטאָן האָט פֿאַרגעסן אָדער ער האָט געמיינט, אַז אַנדערע האָבן פֿאַרגעסן, ווי ער האָט זיך געשאַפֿן מיטן געהיימען פֿאָנד אין אווגוסט—סענטיאַבער 1792. איבעריקנס, האָט ער פֿאָרגעלייגט זיך אַליין אַלס אַ מענטשן, וואָס ווייסט אויסצוגעצייכנט די „מענטשלעכע פֿעלערן", צום אָנווענדן די „פּאָליטישע מיטלען". „איך בין ניט און וועל קיינמאָל ניט זײַן אין אַ וואָסער־עס־איז קאָמיטעט, — האָט ער צוגעגעבן פֿילדײַסיק, — אָבער איך דערקלער, אַז דער „קאָמיטעט פֿאַר געזעל-

שאפטלעכער רעטונג" באשטייט פונ עכטע פאטריאָטנ"... אנדערש גערעדט, האָט ער זיכ פאָרגעלייגט פאר א מיטגליד פונעמ „קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רעטונג". אזוי האָבנ דאָס אויכ פארשטאנענ זײַנע פרײַנט. איינער פונ זיי, גאסטאָנ, האָט אפגיכ ארײַנגעטראָגנ א פאָרשלאָג: „דאנטאָנ האָט א רעוואָליוציאָנערנ קאָפ. ער אליינ קאָנ פארווירקלעכנ זײַנ אידייִ. איכ לייג פאָר קעגנ זײַנ אייגענעמ ווילנ אײַנשליסנ אים אינ באשטאנד פונעמ „קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רעטונג". דער פאָרשלאָג איז אופגענומענ געוואָרנ מיט אפלאָדיסמענטנ, אונ דער קאָנווענט האָט אים אָנגענומענ.

אלזאָ, דאנטאָנ האָט זיכ ווידער געשטעלט אינ דער שפיצ פונ דער רעוואָליוציאָנערער מאכט. אָבער ער האָט אליינ פארשטאנענ, אפ וואָס ער קאָנ זיכ ריכטנ אפ דעמ דאָזיקנ פאָסטנ; ער האָט פארשטאנענ, אז די ליקווידאציע פונ די עקסטרעמע פאָדערונגענ פונ די עבערטיסטנ האָט אינעמ געגעבענעמ מאָמענט ניט באטײַט קיינ ליקווידאציע פונ דער סאָציאַל־פאָליטישער פראָגראמ פונ די רעוואָליוציאָנערע מאסנ. ער האָט זיכ דעריבער ניט אנטשלאָסנ אָנצונעמענ דעמ אויסוואל. דעמ 9־טנ סעפטיאבער האָט דאנטאָנ געפאָדערט, מע זאָל אים באפרײַענ פונ זײַנע פליכטנ. דער קאָנווענט האָט אָנגענומענ זײַנ דעמיסיע.

פונ 13־טנ סעפטיאבער ביזנ 22-טנ נאָיאבער האלט ניט דאנטאָנ קיינ איינ רעדע. ער איז פארשווונדנ געוואָרנ פונ פאריזש אונ האָט ניט געענטפערט אפ די באשולדיקונגענ, וואָס זײַנע קעגנ אים ארויסגערוקט געוואָרנ דעמ 21-טנ סעפטיאבער אינ קלוב פונ די קאָרדעליערנ: „אָט דער מענטש (דאנטאָנ) שלעפערט אונדז אײַנ מיט הויכע ווערטער. ער בארימט זיכ מיט זײַנ פאטריאָטיזמ. ניט שוינ זשע מיינט ער, אז מיר וועלנ שטענדיק בלײַבנ נאראָנים?"

דאנטאָנ האָט זיכ געמאכט קראנק. דאָס איז גראָד צונויפגעפאלנ מיט דעמ מאָמענט, ווענ אפנ צאד פונ זײַנע פײַנט איז אריבער דער אלטער קלוב פונ די קאָרדעליערנ, — דער קלוב, וואָס דאנטאָנ האָט געשאפנ אונ וואָס בעראָש פונ אים איז ער געשטאנענ אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער רעוואָליוציע. דאנטאָנ האָט פארשטאנענ, אז ער האָט פארלאָרנ די שטיצע אינ די מאסנ. אינ דער זעלבער צײַט איז געלייזט געוואָרנ די פראגע וועגנ קעפנ די זשיראָנדיסטנ. דאנטאָנ האָט ניט געקאָנט קעגנ-

שטעלנ זיכ דעמ דאָזיקנ באשלוס, ער האָט געפילט זײַנ מאכטלאָזיקײַט. אינ סענטיאבער אונ אָקטיאבער 1793 האָט זיכ די רעוואָליוציאָנערע דיקטאטור גענומענ אָפרייניקנ דעמ קאָנווענט פונ אלע אומגעקומענע רײַכע לײַט, ספעקוליאנטנ אונ פארעטער. דאָס אלצ צוזאמענ גענומענ דערקלערט אונדז דאנטאָנס „נעווראסטעניע", אפ וועלכער עס פארופנ זיכ זײַנע ביאָגראפנ.

דאנטאָנ האָט זיכ געדונגענ א הויז אינ שואזי אונ האָט זיכ דאָרטנ באזעצט מיט זײַנ יונגער פרוי. נאָכדעמ איז ער אָפגעפאָרנ מיט איר צו אירע קרויווימ קיינ סעוור.

דעמ 13-טנ אָקטיאבער האָט ער געשיקט א בריוו דעמ קאָנווענט מיט א באקאָשע וועגנ אורלויב, ער האָט געבעטנ צו דערלויבנ אימ, מאכמעס זײַנ קראנקײַט, אָפפאָרנ אהיימ קיינ ארסי-סור-אָב. ניט דערווארטנדיק זיכ אפ אנ ענטפער, איז דאנטאָנ ארויסגעפאָרנ פונ פאריזש.

די היסטאָריקער פארמאָגנ א געוויסנ מאטעריאל צו אורטיילנ וועגנ דעמ, וואָס ער האָט געטאָנ בא זיכ אינ דער היימ. דער טריבונ האָט זיכ קאטעגאָריש אָפגעזאָגט צו האָבנ צו טאָנ מיט פאָליטיק. אימ האָט אינטערעסירט נאָר זײַנ מאיאָנטעק, זײַנ הויז. ער האָט אויסגעמעבלירט זײַנ הויז מיט בורזשואזנ לוקסוס אונ האָט זיכ געקליגט אינ די וואָכנ אויפצוקויפנ א ריי ערד-פלעצער פאר עטלעכע טויזנט ליווער.

אינ נאָיאבער איז צו אימ געשיקט געוואָרנ פונ פאריזש זײַנ נאָענטער קאָרעוו מערושע וואָרענענ וועגנ די געשעענישנ. „אײַערע פרײַנט, — האָט ער אימ געזאָגט, — בעטנ אײַכ דרינגענדיק אומקערנ זיכ אינ דער הויפטשטאָט. ראָבעספיער אונ זײַנע אָנהענגער האָבנ באשלאָסנ ארויסצוטרעטנ קעגנ אײַכ".

דעמ 8-טנ נאָיאבער, 2 אזייגער באטאָג, איז ער מיט זײַנ פרוי, צוויי קינדער אונ צוויי דינער דאָס לעצטע מאָל געקומענ צו פאָרנ קיינ טרוא, ווו עס זײַנענ דורכגעגאנגענ זײַנע שול-יאָרנ. דעמ 19-טנ איז ער אָפגעפאָרנ פונ טרוא קיינ פאריזש.

5

אינ הארבסט 1793 איז די פראגע וועגנ דער קאָרומפירטקײַט פונ אייניקע דעפוטאטנ פונ קאָנווענט לעבהאפט באהאנדלט געוואָרנ אינ די פאריזשער פאָרשטעט. קאמבאָנ, דער אָנפירער פונ דער פינאנצ-פאָליטיק, האָט נאָכ אינ יול געמאָלדנ דעם קאָנווענט אינ נאָמענ פו-נעם קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רעטונג: „זינט איכ זע, ווי פיט אסיגנירט 5 מיליאָנ פונט סטערלינג אפ געהיימע הויצאָעס, וווּנדער איכ זיכ ניט, וואָס אָט דאָס געלט רופט ארויס אופשטאנדנ אינ אונדזער רעפובליק“... די סאָנים פונ דער רעוואָליוציע האָבנ געפרוווט ארויסווארפנ די רעפובליק, אונטערקויפנדיק איינצלנע רעוואָ-ליוציאָנערנ. דאָס האָבנ געטאָנ א ריי פינאנציעלע אגענטנ פונ דער איר[illegible]יישער פעאָדאלער קאָאליציע. דאָס, וואָס די היסטאָריקער רו[illegible]וויינלעכ אָנ „פארשווערונג פונ די אויסלענדער“ אינ הארבסט 1793, איז זיכער געווענ א קאָנטררעוואָליוציאָנערע פארשווערונג פונ א טייל בורזשוא-יאקאָבינער צו פארהיטנ זייער אייגנס, וואָס איז געשאפנ געוואָרנ אינ די רעוואָליוציע-יאָרנ דורכ ספעקוליאציע.

דעם 14-טנ סענטיאבער זײַנענ די סאמע פארברעכערישע פונ זיי — שאבאָ, זשוליענ פונ טולוז, באזיר — ארויסגעטריבנ געוואָרנ פונ די רעגירונג-קאָמיטעטנ. די אונטערזוכונג בא זשוליענ אינ דער דירע האָט געגעבנ ניט ווייניק מאטעריאל אפ קלאָר מאכנ די פארבינדונג פונ דער דאָזיקער באנדע מיט די אויסלענדישע באנקירנ אונ ספע-קוליאנטנ, די ארמיי-ליפעראנטנ. וועגנ דאנטאָנס דירעקטנ אָנטייל אינ זייערע געשעפטנ האָבנ מיר קיינ ידיעס ניט, אָבער מיר ווייסנ, אז ער איז געווענ נאָענט צו זיי. סאָפ יול איז אנטדעקט געוואָרנ א סקאנדאליעזע מײַסע מיט דעם ספעקוליאנט עספאניאק; ער האָט פאר-דינט אפנ באזאָרגנ די ארמיי הונדערטער טויזנטער, באנוצנדיק זיכ מיט דער שטיצע פונ דעלאקרוא, שאבאָ אונ זשוליענ.

אינ סענטיאבער איז ארעסטירט געוואָרנ נאָכ איינ נאָענ-טער פרײַנט דאנטאָנס, דער רעפובליקאנער ראָבער (מע האָט אים באשולדיקט אינ ספעקולירנ מיט ראָם). געהאנדלט האָט זיכ וועגנ פארניכטנ אלע פינאנציעלע אָרגאניזאציעס, וואָס האָבנ ספעקולירט אפ דער בירזשע אונ האָבנ דערמיט גופע געשטערט צו פארווירקלעכנ די

עקאָנאָמישע פּאָליטיק פֿונ קאָנװענט. דער קאמפּ פֿונ די יאַקאָבינער קעגנ דער קאָמערציעלער אריסטאָקראטיע האָט אומפּארמײַדלעכ געמוזט ברענגענ צומ פֿארמאכנ די בירזשע אונ צומ ליקװידירנ די פֿינאנציעלע קאָמפּאניעס. אינ אװגוסט איז אזא באַשלוס אָנגענומענ געװאָרנ, אָבער די דעפּוטאטנ פֿונ קאָנװענט שאבאָ, באזיר, זשוליענ פֿונ טולוז, פֿאבר ד'עגלאנטינ האָבנ אינ דער זעלבער צײַט געשפּילט אפֿנ װארפֿנ דעמ קורס פֿונ די אקציעס אונ האָבנ דערופֿ פֿארדינט ניט װײניק געלט.

הינטערנ רוקנ פֿונ די אלע דעפּוטאטנ איז געשטאנענ דער באַרימטער אװאנטיוריסט באראָנ דע־באצ. דורכ זײַנ אגענט בענוא איז ער געװענ פֿארבונדנ מיט דאנטאָנענ אונ מיט די אנדערע דעפּוטאטנ — יאַקאָבינער. אינ אװגוסט 1793 זײַנענ זיכ צונױפֿגעקומענ בײַ א'מ אינ זײַנ דירע אינ פּאריז, בײַ א לוקסוסדיקנ טיש, די דעפּוטאטנ־ספּעקוליאנטנ צו ארומרײדנ װארשײַנלעכ ניט בלויז געלט־פֿראגנ; עס זײַנענ אױכ באַרירט געװאָרנ פֿראגנ פֿונ פּאָליטיק, ס'איז פֿאראנ א גרונט צו מײנענ, אז דאָ האָט מענ פֿאנאנדערגעארבעט פּלענער צו ראטעװענ די זשיראָנדע אונ די קיניגנ מאריע־אנטואנעטע. שאבאָ האָט זיכ שפּעטער מודה געװענ, אז דערופֿ איז געװענ אסיגנירט א מיליאָנ.

דעמ 8 טנ אָקטיאבער האָט אײנער פֿונ די טרינק־ברידער, דער דעפּוטאט דעלאָניי, פֿאָרגעלײגט דעמ קאָנװענט א דעקרעט, װאָס האָט געזאָלט ענדגילטיק באַשליסנ די פֿראגע װעגנ ליקװידירנ די אָסט־אינדישע קאמפּאניע. פֿאבר ד'עגלאנטינ האָט זיכ דערשלאָגנ, אז די ליקװידאציע זאָלנ דורכפֿירנ רעגירונגס־אגענטנ אונ אונטער זײער קאָנטראָל. רעדאגירנ דעמ ענדגילטיקנ טעקסט פֿונ דער רעזאָליוציע איז איבערגעגעבנ געװאָרנ א קאָמיסיע. שפּעטער, װענ די רעזאָליוציע איז פֿארעפֿנטלעכט געװאָרנ, האָט זיכ ארױסגעװיזנ, אז זי איז פֿאלסיפֿיצירט געװאָרנ. פֿאבר ד'עגלאנטינ האָט באַהויפּט, אז ער האָט די אונטערגעשריבנ ניט לײענענדיק. די היסטאָרישע אױספֿאָרשונגענ האָבנ אָבער באַװיזנ, אז ער האָט זיכ באַטײליקט אינ פֿאלסיפֿיצירנ דעמ דעקרעט, ער האָט דערבײַ אָפּגעהיט די אינטערעסנ פֿונ דער פֿינאנציעלער קאָמפּאניע אונ האָט באַקומענ דערפֿאר א שײנע מאטבײע פֿונ 500 טויזנט ליװער. אינ א געװיסער צײַט ארומ איז די באנדע ארעסטירט געװאָרנ.

מע האָט אָנגעהויבן רייניקן דעם קאָנווענט פונ ספּעקולאַנטנ און פאַרעטער. די קאָמפּאַניע האָט זיכ געצויגנ אַלע ווײַטערדיקע כאַ־דאָשים און האָט געבילדעט א כייל פונ דער פּראָגראַם פונ דער רע־וואָליוציאָנערער דיקטאַטור, וואָס אינ איר שפּיצ איז געשטאַנענ ראָבעספּיער.

ראָבעספּיער און דאַנטאָנ זײַנענ זיכ פאַנאַנדערגעגאַנגענ ניט בלויז אינ פּאָליטישע פראַגנ, זיי האָט אָפּגעשטויסנ איינעם פונ דעם אַנדערנ זייער וועלטאָנשויונג, זייער מאָראַל, זייער פּערזענ־לעכע אופירונג. דעם 5־טנ פעוראַל 1794 האָט ראָבעספּיער געהאַלטנ אינ קאָנווענט א פאָרטראָג וועגנ די פּרינציפּנ פונ מעלוכישער מאָ־ראַל. ער האָט געמאָלדנ, אַז די רעוואָליוציע שטרעבט צום פרידלעכנ געניסנ די פרײַהײַט און גלײַכהײַט: דער גרונט־פּרינציפּ פונ א דעמאָקראַ־טישער רעגירונג באַשטייט, נאָכ זײַנ מיינונג, אינ גוטע מײַסים, פאַר דאַנטאָנענ איז דער גרעסטער הסימול פונ פּערזענלעכער אופירונג געווענ פאַרגעניגנ, פאַר ראָבעספּיערנ — גוטע מײַסים. „פונ דעם גאַנצנ גאַנג פונ אונדזער רעוואָליוציע זעט מענ, — האָט געזאָגט אינ זײַנ פאָרטראָג ראָבעספּיער, — אַז אַלצ, וואָס עס איז אמאָראַליש, טויג אויכ פּאָליטיש ניט, אַלצ, וואָס נייגט צו אויסגעלאַסנקײַט, טראָגט א קאָנטררעוואָליוציאָנערנ כאַראַקטער... מיר ווילנ קלאַל ניט פאַרשפּאַרנ די רעפּובליק אינ די ענגע ראַמענ פונ ספּאַרטע. מיר ווילנ איר ניט צוגעבנ ניט קיינ שטרענגקײַט ניט קיינ פאַרדאָרבנקײַט פונ די קלויסטער־זיטנ. מיר האָבנ דאָ איבערגעגעבנ אינ דער גאַנצער ריינקײַט די פּרינציפּנ פונ דער מאָראַל און פונ דער פּאָליטישער אופירונג פונ דער עכטער פאָלקס־פאַרשטייערשאַפט".

אָט אזא איז געווענ דער געדאַנקענגאַנג פונ דעם טעאָרעטיקער פונעם קליינבירגערטום. ראָבעספּיער האָט געטרוימט וועגנ שאַפנ א רעפּובליק פונ גלײַכהײַט, — און גלײַכהײַט האָט פאַר אים געהייסנ גלײַכהײַט פונ קליינע אייגנטימער. דאַנטאָנענ איז דער דאָזיקער אי־דעאַל געווענ פרעמד, און ער האָט אים ניט געקאָנט אָננעמענ. די בור־זשואַזע רעפּובליק האָט, לויט זײַנ מיינונג, געזאָלט עפענענ די ברייטסטע מעגלעכקײַטנ צו באַרײַכערנ זיכ ווינציקע אפנ כעזשבנ פונ דער מערהײַט. וועגנ וואָס פאַר א „מאָראַל" קאָנ מענ אינ אזא פאַל ריידנ? די דאָזיקע מאָראַל דאַרפ זײַנ אונטערגעוואָרפנ די פּאָליטישע אויפגאַבנ פונעם הערשנדיקנ קלאַס.

דאנטאָנ האָט אפילע געקאָנט זײַנ ניט פארמישט אינ די געשעפטנ פונ דער באנדע דעפוטאטנ־ספעקוליאנטנ, אָבער זײַנ נאָענטקײַט צו דער דאָזיקער סוויווע אונ דעריקער זײַנ פאָליטישע פראָגראמ גופע האָט געמאכט אומפארמײַדלעכ דעמ צוזאמענשטויס צווישנ אימ אונ ראָבעספיערנ, צווישנ די דאנטאָניסטנ אונ ראָבעספיעריסטנ.

6

דער ווינטער פונ יאָר 1793—1794 איז געווענ דער סאמע שווערער אינ אלע רעוואָליוציע־יאָרנ. דער הונגער האָט געשטיקט די באפעלקערונג פונ די גרויסע שטעט; פונ יאקדעס האָבנ געליטנ פריער פאר אלצ די ארבעטנדיקע מאסנ. פלייש איז פארשוווּנדנ געוואָרנ; די פרײַזנ אפ ברויט זײַנענ געווענ ניט צוגענגלעכ. בא די קראָמענ זײַנענ געוואקסנ די רייענ, אינ די רייענ זײַנענ פאָרגעקומענ ביטערע צוזאמענשטויסנ פאר א שטיקל ברויט.

„איבער דער אויסערסטער שווערקײַט צו באקומענ ברויט, — שרײַבט לוי בלאנ, — האָבנ זיכ אָנגעהויבנ בילדנ הײַפלעכ מענטשנ, וואָס דאָס פאָלק האָט שפּעטער ארומ אָנגערופנ עקנ: דאָס זײַנענ געווענ רייענ פרויענ, וואָס פלעגנ זיכ שטעלנ פאָרווײַז פאר די טירנ פונ די בעקערײַענ נאָכ באגינענ... צומ הונגער זײַנענ נאָכ צוגעקומענ אויסערגעוויינלעכע פרעסט. ניט האָבנדיק קײנ הייצווארג אינ שטאָט, האָבנ די פאריזשער אײַנוווינער שוינ צווײ יאָר געהייצט מיט קוילנ, וואָס זיי פלעגנ קויפנ יעדנ טאָג. קוילנ איז געוואָרנ א גרויסע זעלטנקײַט. אינ יעדנ האפנ פלעגט אָנקומענ קוילנ ניט מער ווי איינ לײַווע. צו דערווארטנ זיכ אפ דער ריי האָט מענ געמוזט שטיינ וויניקסטנס דרײַ נעכט... ווענ די סענע האָט זיכ געשטעלט, פלעגט מענ מוזנ פאָרנ נאָכ האָלצ אינ די ארומיקע וועלדער... די אָרעמע פאמיליענ־פאָטערס פלעגנ צעזעגנ אפ האָלצ זייער בעט, קעדיי אָפצוקאָכנ עסנ פאר די קינדער. די באסיינענ אינ שטאָט זײַנענ פארפראָרנ געוואָרנ, אונ די וואסער־פירער האָבנ געמוזט פאָרנ נאָכ וואסער צומ טײַכ, אונ זיי פלעגנ נעמענ 20 סו פאר יעדעס מאָל פאָרנ... ווענ די פאָנטאנענ זײַנענ אָפגעגאנגענ, האָבנ זיכ נאָכ וואסער אויכ אָנגעהויבנ אויסבילדנ עקנ“...

די ספעקוליאציע האָט פארשטארקט דעמ הונגער, כאָטש דער קאָנווענט האָט ארויסגעגעבנ הארבע געזעצנ קעגנ אוזשיאָטאזש אונ האָט

פארעפנטלעכט א געזעצ וועגנ מאקסימאלע פרייַזנ אפ פראָדוקטנ פונ ערשטנ געברויכ. דער ווערט פונ געלט איז געוואָרנ אינ פינפ מאָל קלענער. די פרייַזנ אפ פראָדוקטנ פונ ערשטנ געברויכ זייַנענ געשטיגנ אינ צענדליקער אונ הונדערטער מאָל. דער וווּקס פונעם ארבעטלוינ האָט ווייַט ניט אנטשפראָכנ דעם דאָזיקנ וויסטנ יאָקרעס. בא אזוינע באַדינגונגענ האָבנ די פלעבייִשע מאסנ פונ שטאָט אונ דאָרפ פארטיידיקט די רעוואָליוציע קעגנ די אויסערלעכע אונ אינערלעכע סאָנים. דאָס רעוואָליוציִאָנערע פאָלק האָט אָבער ניט פארגעסנ זייַנ גרויסנ צוועק צו איבערגעשטאלטנ פראנקרייַכ אינ א רעפובליק פונ ארבעט.

אינעם קאמפ קעגנ דעם קלער, דער דאָזיקער שטיצע פונ דער אלטער אָרדענונג, איז אינ אָקטיאבער 1793 באשלאָסנ געוואָרנ צו דערקלערנ א קריג ניט בלויז די גאלאָכימ, נאָר אויכ דער קירכ אונ דער רעליגיע. די אנטי־רעליגיִעזע פראָפאגאנדע האָט אינ יענע כאדאָשימ באקומענ א מאסנ־האפטנ, אטעיִסטישנ כאראקטער. דער קאמפ קעגנ גאָט איז געווענ פארבונדנ מיטנ קאמפ קעגנ די קיניגנ אונ די רייַכע לייַט, דערינ איז געלעגנ די קראפט פונ דער אטעיִסטישער באוועגונג. אינ אָקטיאבער אונ נאָיאבער, ווענ מע האָט כאָרעוו געמאכט די קירכעס אונ פארניכטעט די אָביעקטנ פונ קולט, איז דער קאָנווענט, אונטערנ דרוק פונ די מאסנ, געווענ געצוווּנגענ צו פארברייטערנ זייַנ פראָגראם פונ סאָציִאל-עקאָנאָמישע רעפאָרמעס אונ דערגאנצנ די פאָליטישע דיקטאטור מיט דער עקאָנאָמישער. אינ די ברייטע פאָלקס־מאסנ זייַנענ געוואָרנ פאָפולער די לאָזונגענ וועגנ פארגעזעלשאפטלעכנ די נאציִאָנאלע רייַכטימער.

אינ די צייַטונגענ פונ די לינקע יאקאָבינער האָט מענ פאָרגעלייגט מאָסכיסלענ צו נאציִאָנאליזירנ די גערעטעניש. ווענ פושע, דער אווטער פונ איינעם פונ די סאמע ראדיקאלע אטעיִסטישע דעקרעטנ, האָט ארויסגעגעבנ א באפעל וועגנ פארניכטנ דעם קולט, האָט ער אינ דער זעלבער צייַט פאָרגעלייגט ארופצולייגנ א קאָנטריבוציע אפ די רייַכע לייַט. פושע האָט פראָקלאמירט א לאָזונג, וואָס איז געווענ אויסערגעוויינלעכ פאָפולער סאָפ יאָר 1793: „איצט איז א שאנדע צו זייַנ רייַכ.“

דער פארנעמ פונ דער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג האָט אָבער געמוזט ארויסרופנ א פארביטערטנ פראקציִאָנעלנ קאמפ אינ די רייענ פונ די יאקאָבינער, וואָס זייַנענ אינ סאָציִאלער הינזיכט געווענ א בונד פונ פארשיידענע קלאסנ.

דעמ רעכטנ פליגל פונ די יאקאָבינער האָבנ געבילדעט די דאנטאָ-ניסטנ, טרײַע די אידעאלנ פונ דער בורזשואזער רעפובליק. זײ האָבנ זיכ געשטיצט אינ קאָנווענט אפ די דעפוטאטנ פונ דעמ „זומפ", אפ פרידלעכע בורזשוא, וואָס די אָנשטרענגונגענ פונעמ פאָלק און די גרוי-זאמע געפאר פאר דער רעוואָליוציע האָבנ זײ געצווּנגענ צו הערא'ישע מאָסמיטלענ.

אינעמ לינקנ פליגל איז געווענ א בונטע מאסע יאקאָבינער, וואָס זײער עקסטרעמער פלאנג האָט באקומענ דעמ נאָמענ עבערטיסטנ, לויט נאָמענ פונעמ רעדאקטער פונ דער צײַטונג „פער דיושענ" עבער. אָבער אינ דער שפיצ פונ דער דאָזיקער גרופע איז געשטאנענ ניט ער אלײנ. די אנטשײדנדיקע ראָליע צווישנ די עבערטיסטנ האָט געשפילט דער פראָקוראָר פונ דער קאָמונע, דער יונגער שאָמעט, וואָס איז געווענ פאָפולער אינ די ארבעטער-פאָרשטעט. די עבערטיסטנ האָבנ זיכ גע-שטיצט אפ די ארבעטער-מאסנ פונ די פאָרשטעט, אפ די רויִנירטע האנטווערקער, אפ די קלײנע מענטשעלעכ און אפ דער אָרעמשאפט. די פלעבײִשע מאסנ האָבנ גוט געוווּסט, קעגנ וועמענ מע דארפ פירנ דעמ קאמפ, — זײ האָבנ געפירט דעמ קאמפ קעגנ דעמ יאקרעס צונ נויט; זײ האָבנ געשטרעבט ארויפצוווארפנ די מאכט פונ דער בור-זשואזער דעמאָקראטיע, זײ האָבנ געטרוימט וועגנ א „קיניגרײַכ פונ גלײַכהײַט", זײ האָבנ געגלײבט, אז די גיליאָטינע וועט אָפטאָנ איר אר-בעט און די גלײַכהײַט וועט זיגנ. די עבערטיסטנ האָבנ ניט געשטרעבט צומ קאָמוניזמ. זײ זײַנענ געווענ פײַנט פונ קאָמוניזמ. דאָס זײַנענ געווענ קלײנבירגערלעכע דעמאָקראטנ, וואָס האָבנ גע-מײנט, אז זײ פירנ ווײַטער מאראטס ארבעט. זײער פאָליטישע פראָגראמ איז געווענ ניט קלאָר פריִער פאר אלצ זײ אלײנ. אָט דערי-בער האָבנ די פלעבײִשע מאסנ פונ די פאריזשער פאָרשטעט אינ פרי-לינג 1794 ניט געקאָנט פירנ די רעוואָליוציע ווײַטער פונ דעמ צוועק, וואָס עס האָט געשטעלט דער פירער פונ דער רעוואָליוציאָנערער דיק-טאטור ראָבעספיער.

די ראָבעספיעריסטנ זײַנענ געווענ די דריטע פאָליטישע גרופע אי-נעמ יאקאָבינישנ בלאָק. זײ האָבנ פאָרגעשטעלט ניט זיכ די ברײטע קלײנבירגערלעכע מאסע פונ שטאָט און דאָרפ. זײער פראָגראמ איז גע-ווענ די רעוואָליוציאָנערע פראָגראמ פונעמ פאָלק פונ פראנקרײַכ. זײ

האָבנ פײַנט געהאַט די דאַנטאָניסטנ, די דאָזיקע פּאַרטיי פונ דער „נײַער זשיראָנדע“, אָבער זיי האָבנ מיט שרעק צוגעקוקט די גרויזאַמע פּלע-בייִשע סטיכיי אונ האָבנ ניט געוווּסט, וואָס זי ברענגט פראַנקרײַכ. ראָבעספּיער האָט געוואָלט שטעלנ זיכ אינ דער שפּיצ פונ די דאָזיקע מאַסנ אינ נאָמענ פונ זײַנ אידעאַל פונ א דעמאָקראַטישער רעפּובליק פונ „גלײַכע קליינע אייגנטימער“. דאָס איז געווענ אנ אוטאָפּיע, ווײַל דאָס וואָלט געהייסנ שטעלנ צוימענ דער אנטוויקלונג פונ קאַפּיטאַליזמ; דאָס איז געווענ אנ אוטאָפּיע, ווײַל דאָס האָט געהייסנ שטרעבנ צו פאַרניכטנ די אָרעמקײַט, איבערלאָזנדיק דאָס אייגנטומ אונ די בור-זשואַזע געזעלשאַפט.

אינ זײַנ רעדע דעמ 5-טנ פעוראַל 1794 האָט ראָבעספּיער געזאָגט, אַז גוטע מײַסים אונ דער טעראָר זײַנענ זײַנ שטיצע: „גוטע מײַסים, ווײַל אָנ זיי קאָנ דער טעראָר ווערנ טויט-געפערלעכ, דער טעראָר — ווײַל אָנ אימ זײַנענ די גוטע מײַסים מאַכטלאָז“. ארויסגייענדיק פונ די דאָזיקע פּרינציפּנ, האָט ער דערקלערט א מילכאָמע די ביידע פּאָליטישע פּאַרטייענ — דער בורזשואַזער פּאַרטיי פונ די דאַנטאָניסטנ אונ דער פּלעבייִשער פּאַרטיי פונ די עבערטיסטנ. „איינע פונ די דאָזיקע קליקעס, — האָט ער געזאָגט, שטויסט אונדז צו שוואַכקײַט, די אַנדערע — צו אַלע עקסטרעמענ. איינער האָט מענ געגעבנ דעמ צונאָמענ „מעסיקע“, דער אַנדערער האָט מענ געגעבנ דעמ מער שאַרפזיניקנ, איידער ריכטיקנ צונאָמענ „אולטראַ-רעוואָלוציאָנערנ“. אָבער אויסער דעמ האָט ראָבעס-פּיער ניט פאַרגעסנ צו דערמאָנענ, אַז עס עקזיסטירט נאָכ איינ קליקע, וואָס איז געווענ שטאַרק פאַרשפּרייט אינ די סעקציעס פונ פּאַריז אונ אינ גאַנצ פראַנקרײַכ. דאָס איז די קליקע „פּסעוודאָ-רעוואָלוציאָנערנ“, מענטשנ אַזוינע, ווי דער מיטגליד פונ קאָנווענט עראָ דע-סעשעל. אַז דער פראַגע, צו וועלכער פּאַרטיי זיי געהערנ, פלעגנ זיי ענטפערנ: „צו דער פּאַרטיי, וואָס שפּײַט אַפ אַלע אַנדערע“. די „פּסעוודאָ-רעוואָלוציאָנערנ“ פלעגנ אָננעמענ יעדנ פאָרשלאָג, פלעגנ אײַנגיינ אַפ אַלצ. ראָבעספּיער האָט געפאָדערט קאַמפּ קעגנ די דאָזיקע קליקעס; ער האָט געזאָגט: „דאָס זײַנענ אַלצ דינער פונ איינ אונ דעמ זעלבנ באַלעבאָס, אָדער, אויב איר ווילט, אָנטיילנעמער פונ איינ פאַרשווערונג, וואָס מאַכנ אנ אָנשטעל, אַז זיי האָבנ זיכ צעקריגט צווישנ זיכ, כדי בעסער צו פאַרבאָרגנ פונ אײַכ זייערע פאַרברעכנס“.

די עבערטיסטן האָבן ניט בלויז אגיטירט אין די פאָרשטעט, זיי האָבן זיך געגרייט צו פאַרווירקלעכן זייער פראָגראַם. צוליב דעם האָבן זיי פאָרמירט אַ רעוואָלוציאָנערע ארמיי פון די סעקציעס (די אידיי וועגן שאַפן אזא ארמיי האָט אַמאָל דעמאַגאָגיש געשטיצט דאַנטאָן). לויט שאָמעטס מיינונג האָט די רעוואָלוציאָנערע ארמיי באַדאַרפט דערשטיקן די רײַכע לײַט אין אָפענעם שלאַכט. אונטער אירע קלעפּ „דאַרפן אומקומען אלע אויפקויפער, אלע רײַכע פערמערס, וואָס זאָגן זיך אָפּ צוצושטעלן פראָוויאַנט". שאָמעט האָט אָפן געדראָעט די פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן געוואָרפן זייערע אונטערנעמונגען, אז מע וועט רעקווירירן זייער פאַרמעגן. דער קלוב פון די קאָרדעליערן האָט אין הארבסט 1793 ענדגילטיק געריסן מיט דאַנטאָנען. ארום דעם דאָזיקן קלוב האָבן זיך איצט גרופירט די עבערטיסטן. זיי האָבן געקליבן זייערע קויכעס צו פרוּוון אין אָנהייב מארט 1794 מאַכן אַ נײַע רעוואָלוציע.

קעגן זיי איז געשטאַנען די פראָגראַם פון די דאַנטאָניסטן, די פראָגראַם, וואָס אין יענע כאַדאָשים האָט זי פאַנאַנדערגעאַרבעט ניט דאַנטאָן, נאָר קאַמיל דעמולען. דאַנטאָן האָט געפרוּווט האַלטן זיך ווי אין אַ זײַט פון קאַמיל דעמולענס טעטיקײַט, בלײַבנדיק די גאַנצע צײַט אין שאָטן. אָבער דאָס איז געווען נאָר לעפאָנעם וועגן. ס'איז געווען ניט מער ווי אַ קונציק צוגעטראַכטער פּלאַן פון פערזענלעכער רעטונג און פון קאַמף קעגן די קעגנער. די הויפּט־אויפגאַבע פון די דאַנטאָניסטן איז איצט באַשטאַנען אין קאַמף קעגן דער רעוואָליוציע פון די פּלעבייִשע מאַסן, קעגן די עבערטיסטן, וואָס זײַנען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די דאָזיקע מאַסן. די מאַסן האָבן געפאָדערט צו פאַרשטאַרקן דעם טעראָר קעגן די רײַכע לײַט. און די דאַנטאָניסטן האָבן פּראָקלאַמירט באַרעמהאַרציקײַט.

דעמולענס נײַע צײַטונג „דער אַלטער קאָרדעליער" איז געשאַפן געוואָרן צו אַטאַקירן דעם עבערטיזם און דעם קאָנווענט, אָס וויפל דער קאָנווענט מיט ראָבעספּיערן אין דער שפּיץ האָט געוואָלט פאָרזעצן און פאַרטיפן די רעוואָליוציע. דאַנטאָן איז געווען איר נאָענטסטער אָנטײלנעמער און מיטרעדאַקטער. די פּאָליטישע פּראָגראַם פון די דאַנטאָניסטן איז געווען אויסגעדריקט אין די קורצע ווערטער פון זייער פירער. דעם 3־טן דעקאַבער 1793 האָט דאַנטאָן געמאָלדן: „איך לייג פאָר ניט גלייבן די, וואָס ווילן פירן דאָס פאָלק ווײַטער

פון די ראַמען פון דער רעוואָלוציע און לייגן פֿאַר אולטראַ־רעוואָלוציאָנערע מיטלען". מיט די ווערטער „די ראַמען פון דער רעוואָלוציע" האָבן זיי געמיינט דאָס אַלץ, וואָס דער קאָנווענט האָט אונטערגענומען נאָך יוני—יולי 1793. דאָס איז געווען די פּראָגראַם פון דער בורזשואַזער קאָנטררעוואָלוציע.

מע דאַרף זאָגן דעם עמעס וועגן קאַמיל דעמולענס טאַלאַנט. זײַן צײַטונג איז געווען אַ גלענצנדיקער פּאַמפֿלעט קעגן דער רעוואָלוציע. זי איז געוואָרן דער צענטער פון אַלע קאָנטררעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, פון די ראָיאַליסטן ביז די זשיראָנדיסטן. אָבער דאָס האָט געפֿרייט דעם רעדאַקטער און זײַנע פּאָליטישע פֿרײַנט. ער האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס ער פֿאַרטיידיקט דאָס אייגנטימערישע פֿראַנקרײַך. דאַנטאָן האָט געשפּילט אין דיפּלאָמאַטיע. ער האָט באַהאַלטן זײַן מיין, האָט געפֿירט האַנדלען הינטער די קוליסן, אָבער דעמולען האָט געקלונגען אין אַליאַרם־גלאָק. „די פֿרײַהייט, וואָס איז אַראָפּ פון הימל, — האָט פּראָקלאַמירט „דער אַלטער קאָרדעליער" — איז ניט קיין אַקטריסע פון דער אָפּערע, ניט קיין רויטער קאַפּטער, ניט קיין ברודיק העמד אָדער שמאַטעס"... פֿרײַהייט איז פֿאַר דעמולענען פֿאַרנונפֿט און גלײַכהייט, די „גערעכטיקייט", וואָס עס האָט אײַנגעשטעלט די טריומפֿירנדיקע בורזשואַזע געזעלשאַפֿט. אין די טעג פון פֿאַרביטערטן קאַמף, אין די טעג פון דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור האָט ער פֿאָרגעלייגט באַפֿרײַען פון די טורמעס אַלע פֿאַרדעכטיקטע. ער האָט געפֿאָדערט גרינדן אַ „קאָמיטעט פון באַרעמהאַרציקייט". דער דאָזיקער קאָמיטעט „וועט פֿאַרענדיקן די רעוואָלוציע, ווײַל באַרעמהאַרציקייט איז אויך אַ רעוואָלוציאָנער מיטל, וואָס ברענגט צו די גרעסטע רעזולטאַטן, ווען עס ווערט אָנגעווענדט פֿאַרנינפֿטיק". אין די טעג פון דיקטאַטור האָט ער פֿאַרטיידיקט פֿרײַהייט פון וואָרט און פֿרײַהייט פון פּרעסע.

אין פֿעברואַר 1794 האָט דעמולען פֿאָרגעלייגט די רעליגיע אַלס דעם בעסטן מיטל צו אָנפֿירן מיט די פּלעבעיִשע מאַסן. די דאַנטאָניסטן זײַנען פון איצט אָן אַרויסגעטראָטן אין דער ראָליע פון אידעאָלאָגן פון דער בורזשואַזער קאָנטררעוואָלוציע.

7

דאַנטאָן האָט זיך אומגעקערט קיין פּאַריוש אין סאַמע רעכטן ברען פון דער אַנטירעליגיעזער באַוועגונג.

דעם 22-טן נאָיאַבער איז ער אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן קעגן פֿאַרפֿאָלגן די גאַלאָכים. ער האָט פֿאָרגעלייגט צו פֿאַרנעמען אַ פּאָזיציע פון „גאָלדענעם מיטן", אָפּנעמען דאָס געהאַלט נאָר בא די גאַלאָכים, וואָס האָבן דאָס פֿאַרדינט. דאַנטאָן האָט דערקלערט: „איך פֿאָדער, מע זאָל שוינען מענטשלעך בלוט. איך פֿאָדער, איר זאָלט זיך ניט אָפּזאָגן צו טרעפֿן מיט אַנדערע פֿיינט און אַרייַנטרעטן מיט זיי אין אונטערהאַנדלונגען". דער דאָזיקער מאָטיוו איז ניט געווען ניי אין דאַנטאָנס פּאָליטיק, זיין „קלוגשאַפֿלעכקייט" איז געווען ביזן סאָף דערפֿירטער אָפּאָרטוניזם, אָבער פֿון נאָיאַבער 1793 איז די דאָזיקע פּאָליטיק פֿאַר אים געוואָרן די אָנפֿירנדיקע אידיי, און איר פֿאַרווירקלעכונג האָט ער באַטראַכט אַלס זיין ענד־צוועק.

דעם 26-טן נאָיאַבער האָט דאַנטאָן באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן זיך אויספֿירלעך וועגן דער אַטעיִסטישער באַוועגונג; ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן די „אַנטירעליגיעזע מאַסקאַראַדן", ווי ער האָט זיי אָנגערופֿן. צוגעבנדיק אַ באַזונדערן זין זיינע ווערטער, האָט דאַנטאָן דערקלערט: „ס'איז פֿאַראַן אַ גרענעץ פֿאַר אַלץ, איך פֿאָדער, אַז די דאָזיקע גרענעץ זאָל געשטעלט ווערן". דאָס פֿאָלק דאַרף האָבן, ווי ער זאָגט, אַ קאָנסטיטוציע און געזעצן און „מער גאָר", דאָס פֿאָלק דאַרף האָבן אַ שטאַרקע און ענערגישע רעגירונג: „מיר וועלן זיך שטאַרען אונטערשיידן, ווו עס ענדיקט זיך אַ טאָעס און ווו עס הייבט זיך אָן אַ פֿאַרברעכן. דאָס פֿאָלק פֿאָדערט, אַז דער טעראָר זאָל געשטעלט ווערן אין טאָג־אָרדענונג. אָבער ער וויל, מע זאָל אָנווענדן טעראָר צו די ווירקלעכע פֿיינט פֿון דער רעפּובליק און נאָר צו זיי"... ער האָט טיזעק געמאַכט פֿון די, וואָס פֿאַרפֿאָלגן אפֿילו יענע, וועלכע האָבן ניט קיין „רעוואָליוציאָנערן ברען"... דער דעפּוטאַט פֿאַיאָ, אַ לינקער יאַקאָבינער, האָט געהאַט פֿולקום רעכט צו דערמאָנען אים פֿון אָרט, אַז זיינע ווערטער באַדייטן „אַן אויפֿאָדערונג צו באַרעמהאַרציקייט". דאַנטאָן האָט גענומען אַפֿגיך אָפּלייקענען די דאָזיקע באַשולדיקונג. אָבער ערנסט האָט אים שוין קיינער

ניט געגלייבט. אלע האָבן אויסגעצייכנט פארשטאנען, אז די פאָדערונג פון „נאָכגיביקייט און בארעמהארציקייט" פאר די קאָנטררעוואָליוציאָנערן איז געוואָרן זײַן פּאָליטישע פּראָגראַם.

סען־זשוסט איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט: „זיי ווילן צעברעכן די עשאַפּאָטן, ווײַל זיי האָבן מורא, אז זיי וועלן אליין מוזן ארויפגיין אפן עשאַפּאָט".

ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אין די אינטערעסן פון דער רעוואָליוציע זײַנען די קאָמיסארן אָפט געצוווּנגען ארויסצוגיין פון די ראמען פון זייערע פולמאכטן און פארמישפּטן צום טויט די, וואָס פלעגן זיך אָפּזאָגן אויסצובײַטן מעטאַל־געלט אף אסיגנאציעס, איז דאנטאָן ארויסגעטראָטן דעם 1־טן דעקאבער מיט א פאָדערונג צו מאכן א סאָף צו דעם „רעוואָליוציאָנערן ווילקיר פון די קאָמיסארן". ער האָט ווידער פאָרמולירט זײַן פּראָגראַם: „איצט, ווען יעדער פעדעראליזם (דה. דער זשיראָנדיזם) איז פארניכטעט, דארפן זיך די רעוואָליוציאָנערע מיטלען, נאטירלעך, שטיצן אף די געזעצן, וואָס מיר האָבן אליין ארויסגעגעבן. דער קאָנווענט האָט דערפילט די נייטיקייט צו דערגאנצן די רעוואָליוציאָנערע מאָסמיטלען, אָבער יעדער מענטש, וואָס ווײַזט זיך ארויס אלס א צו אימפּעטפולער רעוואָליוציאָנער, וועט פון דעם מאָמענט אָן ברענגען פּונקט אזויפיל שאָדן דער פרײַהייט, וויפל עס וואָלט איר געקאָנט ברענגען אן איבערצײַגטער רעאקציאָנער. ארויסגיין אויסער די ראמען פון דעם געשטעלטן צוועק הייסט אויסמײַדן דעם צוועק און ניט דערגרייכן אים"...*

סאָף 1793 איז דאנטאָן ארויסגעטראָטן שוין ניט אלס פירער פון דער רעוואָליוציע, נאָר אלס הויפּט פון דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער פארשווערונג. אין סאמע רעכטן ברען פון בירגערקריג האָט ער געגעבן אייצעס פון א „כאָכעם": „לאָמיר פארגעדענקען דעם עמעס, אז אויב די אָדער יענע געזעצשאפט מאכט מען כאָרעוו מיט קלעפּ

---

* דאָס איז געווען די פּאָליטישע פילאָסאָפיע פון א ליבעראַל. אין א סך יאָרצענדליקער ארום, קריטיקירנדיק די אָנהענגער פון דעם גרויסן אַפּאָרטוניסט, — די אָנהענגער, וואָס האָבן ניט פארמאָגט זײַנע רעוואָליוציאָנערע טאַלאַנטן, — האָט לענין דערוויזן, אז ערשט דאַמאָלט, ווען די מאסן גייען ארויס איבער די ראמען פון די אויסגאַבן, וואָס די געשיכטע האָט געשטעלט פאר דער בורזשואזער רעוואָליוציע, זיגן זיי. נאָר אַזוי־אַרום זיכערן זיי דעם ניצחון פון דער רעוואָליוציע.

פון פּיקעס, איז אופגעריכטן און פאַרפעסטיקן די געזעלשאַפטלעכע גע־ביידע קאָן מען נאָר מיט דער הילף פון א בוי-צירקל". וואָס הייסט עס? הייסט עס, אז מע דאַרף מאַכן א סאָף צום טעראָר? אזוי האָבן דאָס אויך פאַרשטאַנען די דעפּוטאַטן, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דעם „באַרג". דאַנטאָן האָט דעריבער גיך גע־מאָלדן, אז ער איז אן אָנהענגער פון רעוואָליוציאָנערע מיטלען און ער וויל קלאָר ניט מילדערן די דיקטאַטור: „יאָ, מיר ווילן גיין מיט רעוואָליוציאָנערן טראָט פאַר יעדן פּרייז, אפילע ווען די ערד פון דער רעפּובליק גופע זאָל זיך אונטער אונדז עפענען. ביז איצט האָבן מיר זיך ברייט באַנוצט מיט קראַפט, איצט לאָמיר זיך ווענדן צו קלוגשאַפט. אין דער באַהעפטונג פון די ביידע עלעמענטן וועלן מיר געפינען א מיטל צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד".

אין קאָנווענט האָט מען אים נאָך אלץ געהערט, אָבער אין יאַ־קאָבינישן קלוב פלעגט שוין זיין דערשיינונג גופע אַרויסרופן א גע־מורמל און צאָרן. דעם 3-טן דעקאַבער האָט ער געפּרוווט איינריידן די יאַקאָבינער, אז מע דאַרף זיך נעמען צום קאַמף קעגן די אול־טראַ-רעוואָליוציאָנערן. דער דאָזיקער געדאַנק איז ניט געווען פרעמד פאַר א סאַך קליינבירגער אין יאַקאָבינישן קלוב, אָבער דער לינקער פליגל פון די יאַקאָבינער האָט דערווידערט קעגן אָפּשוואַכן די רע־וואָליוציאָנערע מאַכט. דאַנטאָן האָט געפּרוווט דערשלאָגן זיך, אז דער יאַקאָבינישער קלוב זאָל זיך אָפּזאָגן צו געבן די לאָקאַלן פאַר די פאָלקס-געזעלשאַפטן. דאָס איז געווען א צו גרויסע דרייסטקייט פון זיין זייט. מע האָט אים דערמאָנט, אז די הייזער זיינען א נאַציאָ־נאַל אייגנטום. ער האָט זיך דערפילט אַרומגערינגלט פון סאָנים און איז געווען געצוווּנגען צו פאַרטיידיקן זיך. ער האָט געמאָלדן: „אופהייבנדיק זיך אף דער טריבונע, האָב איך דערפילט אייער אומ־צופרידנקייט מיט מיר. בין איך דען ניט געגאַנגען שטענדיק האַנט בא האַנט מיט אייך אין די סאַמע שווערע מינוטן? האָט איר מיך דען ניט באַגעגנט אלס א פריינט, וואָס איז גרייט אומצוקומען צו־זאַמען מיט אייך? האָט מען מיך דען ניט פאַרפאָלגט דערפאַר?"

דאַנטאָן האָט אפילע א ביסל געלייגט, ער האָט זיך דערקלערט אלס „מאַראַטס סאַמע דרייסטער פאַרטיידיקער". ניט געקוקט אפן גע־מורמל פון דער פאַרזאַמלונג, האָט מען אים נאָך אלץ אַפּלאָדירט.

דעם פּאָרוויצערס ברודערלעכער קוש איז באַגעגנט געוואָרן מיט א
דונער פונ אפּלאָדיסמענטנ. דער קלוב פונ די קאָרדעליערנ האָט זיכ
נאָכ דערוויַל אָפּגעהאלטנ פונ דערקלערנ אנ אָפענע מילכאָמע דאנ־
טאָנענ. דאָס האָט עטוואָס אופּגעמונטערט דעם טריבונ.

דעם 7־טנ דעקאבער, אינ א רעדע וועגנ די קרויוויִם פונ די
עמיגראנטנ, האָט ער געפּרוווט פארמאסקירנ זיַנ פאָרשלאָג וועגנ באַ־
גרענעצנ די מאכט פונ די רעוואָליוציאָנערע קאָמיטעטנ מיט אלגע־
מיינע פראזעס וועגנ „פארגיכערנ דעם טעמפּ פונ דער רעוואָליוציע",
אָבער אפ אים האָט מענ שוינ געקוקט ווי אפ א צווייפענעמדיקנ.
אינ יעדער רעדע זיַנער האָט מענ געזענ א פארבאָרגענעם מיינ צו
איַנשטעלנ א גרענעצ פאר די רעוואָליוציאָנערע רעפאָרמעס, אונ די
אפּלאָדיסמענטנ פונ איינ טייל פונ דער פארזאמלונג פלעגנ באגלייט
ווערנ מיט א געמורמל פונ צווייטנ טייל.

דעם 22־טנ דעקאבער, ווענ אינ קאָנווענט איז פעסטגעשטעלט
געוואָרנ די אומשולדיקייַט פונ איינעם א גרויסנ וויַנ־הענדלער, וועלכנ
מע האָט אָנגעקלאָגט פאר ספּעקוליאציע, האָט דאנטאָנ א וואָרפ גע־
טאָנ פונ אָרט א רעפּליק, שארפ ווי א שווערד: „פּראָקלאָמירונג!"
דאָס הייסט — געבנ א פּראָקלאָמירונג פאר אלעמענ, וואָס זיַנענ ארע־
סטירט אָנ א גענוגנ גרונט. פּונקט אזוי האָט ער געהאנדלט, ווענ די
יאקאָבינער האָבנ באשולדיקט זיַנ פריַנט אונ קאָרעוו פיליפּאָ דער־
פאר, וואָס יענער איז ארויסגעטראָטנ צו דעמאסקירנ די קאָמיסארנ,
די עקסטרעמע דעמאָקראטנ. דאנטאָנ האָט געפאָדערט יורידישע באַ־
וויַזנ. ער האָט, חיַזט אויס, געוואָלט אָנווענדנ איינע פונ זיַנע רעד־
נערישע מאנירנ, מיט וועלכנ ער פלעגט זיכ באנוצנ מיט דערפאָלג
דאָס פאָריקע יאָר: אפּעלירנ צו „איינִיקיַט". נאָר דערמיט האָט ער
אנ איבעריק מאָל ארויסגעוויזנ פאָליטישע קורצזיכטיקיַט. זיַנ רעדע
צו פארטיידיקנ פיליפּאָ האָט ער געענדיקט מיט די ווערטער: „דער
סוינע איז בא אונדזערע טויערנ, אונ מיר הארגענענ איינער דעם
אנדערנ. אלע אונדזערע שטריַטנ — וועלנ זיי דענ הארגענענ כאָטש
איינ פריַס?" דאָס איז געווענ אנ עפעקטפולע רעדנערישע מאניר!
די דאָזיקע ווערטער האָט מענ אפילע אופגענומענ מיט אפּלאָדיס־
מענ[illegible] אָבער קיינער פונ די דעמאָקראטנ האָט שוינ מער ניט גע־
נ[illegible]ענ [illegible]נסט די סענטימענטאלע ווערטער וועגנ איינִיקיַט.

אידענטיפיצירנ אינגאנצנ דאנטאָנס אופירונג אינ די דאָזיקע כא-
דאָשים מיט דער טעטיקײַט פונ זײַנע אָנהענגער דארפ מענ ניט. דאנ-
טאָנ האָט געפּרוּווט האנדלענ געהיימ; ער איז געווענ כיטרע, ער
האָט געמיינט, אז די פּלעבייִשע מאסנ דאָס איז דער „גאסנ-האמוינ",
וואָס ער איז געווינט געווענ צו אָנפירנ מיט אימ. אינ אָנהייב יאנ-
וואר, ווענ די דאנטאָניסטנ האָבנ געפירט א פארביטערטע אָפענע
מילכאָמע קעגנ דער קאָמונע אונ אירע פירער, איז ער דעריבער
ארויסגעטראָטנ צו פארטיידיקנ איינצלנע עבערטיסטנ אונ האָט אפי-
לע דעמאָנסטרירט זײַנע סימפאטיעס צו דער קאָמונע אינגאנצנ. די
פירער פונ די עבערטיסטנ ראָסיניאָל אונ ראָנסענ זײַנענ ארעסטירט
געוואָרנ. דאנטאָנ איז ארויסגעטראָטנ פאר זיי; ער איז אפילע
געווענ גרייט ארײַנצוטרעטנ אינ שאָלעמ-אונטערהאנדלונגענ מיט
עבערנ. ער האָט פארענדיקט זײַנ רעדע מיט אזא אויפאָדערונג: „לאָ-
מיר זיכ פארנעמענ דערמיט, וואָס עס איז די אויפגאבע פונ אונדזער
פארזאמלונג, לאָמיר אויפקלערנ דאָס פאָלק, לאָמיר עפּעס לאָזנ פאר
דער גילאָטינע פונ דער פארנונפט". ער האָט געמיינט אזוי ארומ פאר-
ווירקלעכנ עפּעס א פּלאנ צו רעפאָרמירנ די רעוואָליוציאָנערע רעגי-
רונג אפ א פארלאמענטארישנ וועג. דעמ 7-טנ יאנוואר האָט ער פאָר-
געלייגט צו פארבײַטנ די מיניסטאָרנ אפ פאראַנטוואָרטלעכע דירעק-
טאָרנ אונ איבערגעבנ די גאנצע רעאלע אונ פאקטישע מאכט אינ
לאנד אינ די הענט פונ דעמ קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רע-
טונג. ס'איז געווענ גאָר א מאָדנער פאָרשלאָג, ווײַל דער קאָמיטעט איז
געווענ אינ די הענט פונ די ראָבעספיעריסטנ. מעגלעכ, אז ער האָט
געמיינט, אז דאָס וועט אימ ווידעראמאָל ברענגענ צו דער מאכט.
אָבער דער פּרוּוו איז געווענ אנ אומזיסטער, אפ וויפל קאמיל דעמו-
לענ האָט ווײַטער געפירט די קאמפאניע אינ דעמ „אלטנ קאָרדעליער".

דעמ 7-טנ יאנוואר האָט דאנטאָנ געמוזט פארטיידיקנ זײַנ פרײַנט
קאמיל דעמולענ קעגנ ראָבעספיערס אטאקעס. ער האָט פארטיידיקט
דעמולענענ אינ נאָמענ פונ פרעסע-פרײַהייט. אונ אינ עטלעכע טעג
ארומ האָט ער געמוזט ארויסטרעטנ צו פארטיידיקנ זײַנ צווייטנ
פרײַנט פאבר ד'עגלאנטינ. די דאָזיקע רעדע האָט מענ באטראכט אלס
אנ ארויסטרעטונג קעגנ דעמ קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רע-
טונג. ער האָט זיכ געמוזט פארענטפערנ: „איכ האָב גאָר ניט גע-

האָט אינזינענ צו באַשולדיקנ דעמ קאָמיטעט. איכ בינ גרייט אָפּ-
צוגעבנ אימ יעדע גערעכטיקײַט". אָבער די לאָגיק פונ קאַמפ האָט
געצוווּנגענ דעמ טריבונ ארויסצוטרעטנ קעגנ דער רעוואָליוציאָנערער
דיקטאַטור, אפילע אויב ער האָט דאָס ניט געוואָלט טאָנ אָפנ.

דעמ 24-טנ יאַנואַר האָט קאַמיל דעמולענ דערציילט, ווי די רע־
וואָליוציאָנערע פּאָליציי האָט באַזוכט דאָס הויז פונ זײַנ שווער, ווי
עס זײַנענ קאָנפיסקירט געוואָרנ זײַנע זאַכנ און די ביכער פונ זײַנ
ביבליאָטעק, אפ וועלכע מע האָט געפונענ עפּעס צייכנס, ענלעכע אפ
א לילִיע — דעמ הערב פונ די בורבאָנענ. אויסנוצנדיק אָט דעמ ניש-
טיקנ פאַקט, האָט ער געמאַכט כויזעק פונ דעמ רעוואָליוציאָנערנ
טעראָר און פונ די פאָרשטייער פונ דער דיקטאַטור. דאָס איז גע-
ווענ א וויציקע ארויסטרעטונג פונ א פּאַמפלעטיסט; זי האָט געהאַט
דערפאָלג אינ די בורזשואַזע קרײַזנ און בײַ די דעפּוטאַטנ פונעמ „זומפּ".

דאַנטאָנ האָט געמוזט פאַרנעמענ א באַשטימטע פּאָזיציע אינ דער
דאָזיקער פראַגע. ער האָט צוערשט געמאַכט א שטרענגע מינע און
האָט פאַרורטײלט זײַנ פרײַנט דערפאַר, וואָס יענער פאָדערט עפּעס
פּריווילעגיעס פאַר זיכ און פאַר זײַנ שווער: „גלײַכהײַט, — האָט ער
געזאָגט, — דאַרפ הערשנ אינ אַלצ". אָבער דאָס איז געווענ ניט מער
ווי דער אַרײַנפיר. מיט דעמ זעלבנ צוועק האָט ער ארויסגערוקט אויכ
אַזאַ גלענצנדיקע אַקסיאָמע: „די רעוואָליוציע קאָנ מענ ניט מאַכנ אינ
געאָמעטרישע פאָרמענ. די רעוואָליוציאָנערע מיטלענ לייגנ זיכ אומ-
פאַרמײַדלעכ שווער, זאָל זײַנ צײַטווײַליק, אפילע אפ ערלעכע בירגער".
וואָס אָנבאַלאַנגט דעמ טאָכ פונ דער פראַגע, האָט דאַנטאָנ געפאָדערט
פונ דער רעוואָליוציאָנערער מאַכט אָפּצוהיטנ „גלײַכגעוויכט", דאָס
הייסט, פאַרנעמענ א גאָלדענעמ מיטנ צווישנ טעראָר און באַרעמ-
הארציקײַט. ער האָט איבערגעכאַזערט, אַז די רעוואָליוציע גייט צומ
סאָפ, אַז דער ניצאָכנ פונעמ פאָלק איז נאָכ אַלע וואַרשײַנלעכקײַטנ
געזיכערט, און אפנ שוועל פונ ניצאָכנ אַנטשטייט דער קאַמפ פונ
די פראַקציעס. „פאַרשווײַגנ דאָס אַלצ איז אומנוצלעכ, — האָט ער
צוגעגעבנ מיט צאַר. — די דאָזיקע פאַקטנ, וואָס האָבנ פאַרוווּנדערט
מיכ, האָבנ זיכ אײַכ, נאַטירלעכ, אויכ געמוזט וואַרפנ אינ די אויגנ.
אינ א סאַכ קאָמונעס פונ דער רעפּובליק זײַנענ אַנטשטאַנענ קרי־
גערײַענ צווישנ די פרײַנט פונ דער פרײַהײַט"...

די דאָזיקע ארויסטרעטונג דאנטאָנס האָט א גרויסע באדײַטונג צומ אויפקלערנ זײַנ פאָליטישע פאָזיציע ערעוו דער „עבערטיסטישער רעוואָליוציע“. ער האָט געהאלטנ, אז די אויפגאבנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער דיקטאטור זײַנענ פארענדיקט. נאָכ זײַנ מיינונג, איז אָפגעטאָנ געוואָרנ א סאכ מער, איידער מע האָט געדארפט. ער האָט גערופנ ניט פאָרויס, נאָר צוריק, ארויסגייענדיק דערפונ, אז סאָפ 1793 און אינ אָנהייב 1794 האָט זיכ אָפ די פראָנטנ פונ קאמפ קעגנ דער אינערלעכער און אויסערלעכער קאָנטררעוואָליוציע אָנגעהויבנ אנ איבערבראָכ. דער ניצאָכנ איז געווענ ניט ווײַט. „איז דענ די רעפובליק ניט קיינ שרעק פאר אלע אירע פײַנט? פײַערט זי דענ ניט קיינ ניצאָכנ? האָט איר דענ ניט אָנגעווענדט שווידערלעכע און אלצ אומפאסנדיקע מיטלענ צו פארניכטנ אונדזערע אינערלעכע און אויסערלעכע פײַנט? האָבנ דענ די דאָזיקע מיטלענ ניט געהאט דעמ דערפאָלג, אפ וועלכנ איר האָט זיכ געקאָנט ריכטנ? באנעמט איר דענ ניט קלאָר אײַער מאכט?“

אינ דעמ מאָמענט, ווענ די רעוואָליוציאָנערע געזעצלעכקײַט האָט באדארפט פארשטארקנ די דיקטאטור, האָט ער פאָרגעלייגט צו פאנאנדערוויקלענ א געזעצגעבונג אינ נאָמענ פונ „בארעמהארציקײַט און הומאניטעט“.

8

דעמ 4־טנ מארט האָט דער קלוב פונ די קאָרדעליערנ באשלאָסנ פארענדיקנ די צוגרייטונג פונ דעמ נײַעמ אויפשטאנד. דער פירער פונ די עבערטיסטנ ווענסענ האָט געפאָדערט ארויסטרײַבנ פונ קאָנווענט „די פארשווערער, וואָס זײַנענ נאָכ געפערלעכער איידער בריסאָס אָנהענגער“. אימ האָט געשטיצט איינער פונ די העלדנ פונ רעוואָליוציאָנערנ טעראָר, דער קאָמיסאר פונ קאָנווענט קאריע, וואָס זײַנ נאָמענ פלעגט אָנוואַרפנ אנ אימע אפ דער בורזשואזער באפעלקערונג פונ דאָרעמ. דער קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רעטונג האָט אימ אָפגערופנ. ער האָט געוווּסט, אז אימ קאָנ ראטעווענ נאָר א נײַע רעוואָליוציע, און ער האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אינ שלאכט. ער האָט דערקלערט די קאָרדעליערנ: „ווענ איכ האָב זיכ אומגעקערט אינ קאָנווענט, האָב איכ זיכ דערשראָקנ, ווענ איכ האָב דערזענ, אז אפנ „בארג“ האָבנ זיכ באוויזנ נײַע מענטשנ, און האָב געהערט די

שמועסן, וואָס זיי האָבן געפירט צווישן זיך, שושקענדיק זיך. איך ווייס, איך פיל, אז זיי וואָלטן וועלן פארהאלטן דעם גאנג פון דער רעוואָליוציע... זיי וואָלטן וועלן צעברעכן די עשאפאָטן. אָבער, בירגער, געדענקט: קעגן דער גיליאָטינע זײַנען געשטימט גראָד די, וואָס באנעמען קלאָר, אז זיי פארדינען זי אליין". אין איינקלאנג מיט אים האָט גערעדט עבער. ער האָט געזאָגט: „ס'איז צײַט, אז דאָס פאָלק זאָל באוויַיזן אלע זשוליקעס און רויבער, אז זייער הערשאפט איז ניט אייביק. די מענטשן, וואָס זײַנען אפריִער געלעגן אפ די בוידעמער און ווינען איצט אין לוקסוספולע לאָקאלן, פאָרן ארום אין רײַכע קארעטעס און ווערן דערטרונקען אין דעם פאָלקס-בלוט, אָט די מענטשן וועלן אינגיכן ווערן דער רויב פון דער גיליאָטינע". דער קלוב פון די קאָרדעליערן האָט באשלאָסן צו באדעקן מיט שווארצן קרעפ דעם טאָוול פון דער „דעקלאראציע וועגן די רעכט פון א מענטשן און א בירגער". אלץ איז געווען גרייט צום אופשטאנד. אָבער די פאָרשטעט האָבן אים ניט געשטיצט. די פלעבייִשע מאסן זײַנען געווען אומצופרידן מיט דער עקזיסטירנדיקער לאגע, אָבער זיי זײַנען געווען צעשטרייט און ניט אָרגאניזירט. זיי האָבן נאָך אלץ געהאָפט, אז די רעוואָליוציִאָנערע רעגירונג מיט ראָבעספיערן אין דער שפיץ וועט פארווירקלעכן די פאָדערונג וועגן „פאקטישער גלײַכהײַט".

די יאקאָבינער האָבן געפרוּווט אראָפּרײַסן דעם אופשטאנד. סען־זשוסט האָט דערקלערט, אז די עבערטיסטן האנדלען לויטן טײַטל פון די אויסלענדער, אז די באנקירן האָבן זיי אונטערגעקויפט. ער האָט זיך געווענדט צו די פאָרשטעט נאָך הילף אין נאָמען פון פארטיידיקן די רעכט פון די אָרעמלײַט, אין נאָמען פון די לאָזונגען, וואָס קאריע, עבער און שאָמעט האָבן פראָקלאמירט אינעם קלוב פון די קאָרדעליערן. די פלעבייִשע מאסן זײַנען אוויארום אָפגעריסן געוואָרן פון די עבערטיסטן, און דעם 14־טן מארט האָט מען אלע אָנטיילנעמער פון דער פארשווערונג אָפגעשיקט אין טורמע. דער געריכט איבער זיי האָט געדויערט ניט לאנג. די קעפונג פון די עבערטיסטן איז פאָרגעקומען דעם 24-טן מארט. נאָך זייער אומקום איז פאנאנדערגעלאָזן געוואָרן די רעוואָליוציִאָנערע ארמיי, די ארמיי פון די פאָרשטעט. די פלעבייִשע מאסן האָבן פארלאָרן זייער באוואָפנטע קראפט.

דאנטאָן האָט געקאָנט פײַערן זײַן ניצחון, איין טייל פון זײַן

אויפגאבע איז געווען גרויס געוואָרן. אָבער דער דאָזיקער ניצאָכן האָט אָפּגעראמט פאר אים דעם וועג צום עשאפאָט. ווײַל די רעוואָלוציאָנערע דיקטאטור אין דער שפּיץ מיט ראָבעספּיערן האָט אַף צו פארווירקלעכן איר אויפגאבע באדארפט פארניכטן ניט בלויז אירע פײַנט פון לינקס, וואָס האָבן איר געשטערט צו שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון די פּלע־בייִשע מאסן, נאָר אויך אירע פײַנט פון רעכטס, די פאָרשטייער פון דער בורזשואזיע, וואָס ראָבעספּיערס גלײַכהייט-אידעאלן זײַנען פאר איר געווען פרעמד און פאַרהאסט.

אומגעפער צוויי וואָכן פאר זײַן קאַפּונג האָט דאנטאָן טריומ־פירנדיק דערקלערט פון דער טריבונע פון קאָנווענט, אז די פאר־שווערער זײַנען ארעסטירט, אז אַף זיי וואַרט דער טויט. ער האָט פאָרגעלייגט צו פארשטארקן די מאכט פונעם קאָמיטעט פאר געזעל־שאפטלעכער רעטונג. ער איז אפילו געווען גרייט מויכל צו זײַן גוטמוטיק דער רעוואָליוציע די עקסטרעמען פון אירע ערשטע יאָרן: „די רעוואָליוציע איז ווי יונגער און שטארקער ווײַן. זי יוירט אזוי לאנג, ביז וואנען זי וועט זיך ניט אָפּרייניקן פון אלץ, וואָס איז איבעריק". דאנטאָן האָט מיט היספּײַלעס צוגעגעבן: „קיין־מאָל, — איך וואג דאָס צו זאָגן, — איז מיר די נאציאָנאלע פארזאמלונג ניט פאָרגעקומען אזוי גרויס, ווי הײַנט. אָט איז א צײַט, וואָס איז באצייכנט מיטן ניצאָכן פון דער פרײַהייט! איך האָף, אז באלד וועט קומען דער געוווּנטשענער מאָמענט, ווען עס וועלן פאלן אלע מאס־קעס און עס וועלן בלײַבן נאָר מענטשן, וואָס זייערע גוטע מעשׂים מאכן זיי ווערט צו אָנפירן מיט אונדזער רעפּובליק".

דאנטאָן האָט אפילו געגומען ריידן וועגן גוטע מעשׂים! שיקנדיק אפן עשאפאָט די עבערטיסטן „אין נאָמען פון בארעמהארציקייט", איז ער גרייט צו אמניסטירן די קאָמונע, ער פאָדערט אום אלעמען צו אייניקייט אין נאָמען פונעם פאָטערלאנד. די דעפּוטאטן פון „זומפּ" באגריסן מיט אפּלאָדיסמענטן זייער העלד. דאנטאָן נעמט ארום און קושט דעם פאָרזיצער פון קאָנווענט דעם אלטן ריול. א דונער פון אפּלאָדיסמענטן. דאנטאָן פילט זיך ווי א זיגער, ער דערקלערט, אז די רעגירונגס־קאָמיטעטן זײַנען די „נעשאָמע פון קאָנווענט". ער שטימט אײַן איבערצוגעבן זיי צום באטראכטן זײַנע פאָרשלאָגן. די דעפּוטאטן פון קאָנווענט זײַנען אנציקט. און אין דער זעלבער צײַט

האָבנ די ראָבעספּיעריסטנ פאַנאנדערגעארבעט פּלענער ווי צו באזײַטיקנ דאַנטאָנענ און די אַלע, וואָס האָבנ צוזאַמענ מיט אימ ווײַטער געפירט דעמ קאַמפ פאַר די פּרינציפּנ פונ דער בורזשואזער פּאָליטיק.

נאָכ דעמלט, ווענ דאַנטאָנ איז ארויסגעטראָטנ אינ קאָנווענט צו פאַרטײדיקנ גאַנצ פאָרזיכטיק זײַנ פרײַנט פאַבר ד'עגלאַנטינ, האָט בילי-וואַרענ, איינער פונ די אָנפירער פונעמ קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער רעטונג, א וואָרפ געטאָנ אימ פונ אָרט: „ווײ איז דעמ, וואָס איז געזעסנ צוזאַמענ מיט פאַברענ! ער האָט אָפּגענאַרט די בעסטע פּאַטריאָטנ". בילי-וואַרענ, דאַנטאָנס א געוועזענער קאָלעגע אינ דער אַדוואָקאַטור, אונ עקסט־לינקער יאַקאָבינער, האָט אָרגאַניזירט אינ אָנהייב מאַרט א קאַמפּאַניע קעגנ דאַנטאָנענ. אָנ אימ האָט זיכ אָנגעשלאָסנ סענ-זשוסט, ער האָט גענומענ אַפ זיכ די אָנפירונג מיטנ גאַנצנ קאַמפ אינעמ קאָנווענט. די אָנפירונג מיטנ פּראָצעס קעגנ די דאַנטאָניסטנ האָט גענומענ אַפ זיכ ראָבעספּיער. איבעריקנס, איז דער באַשלוס וועגנ קאַמפ קעגנ די בײדע פראַקציעס אָנגענומענ געוואָרנ קימאַט גלײַכצײַטיק. יעדנפאַלס, אינ זײַנ רעדע דעמ 23-טנ ווּאַנטאָז (דעמ 13-טנ מאַרט) ערעוו דער קעפּונג פונ די עבערטיסטנ, מאַכנדיק א סאַכאַקל פונ דער גאַנצער פאָריקער פּאָליטיק פונעמ „קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער רעטונג". האָט סענ־זשוסט געמאָלדנ: „די פּאַרטײ-קליקעס זײַנענ געווענ נײטיק, ווענ מע האָט באַדאַרפט איזאָלירנ דעמ דעספּאָטיזמ אונ פאַרקלענערנ די מאַכט פונ דער טיראַניע. איצט זײַנענ זײ א פאַרברעכנ, ווײַל זײ איזאָלירנ די פרײַהײַט אונ פאַרקלענערנ די מאַכט פונ פאָלק". די דאַנטאָניסטנ זײַנענ געווענ אײנע פונ די דאָזיקע פּאַרטײ-קליקעס, וואָס האָבנ אָפּגעשוואַכט די שטאַרקײַט פונ דער מעלוכישער מאַכט, א קליקע, וואָס איז געווענ באַזונדערס פײַנטלעכ ראָבעספּיערנ, סענ־זשוסטנ אונ זײַנע פרײַנט, די פאָרשטייער פונ דער קליינבירגערלעכער דעמאָקראַטיע. די דאַנטאָניסטנ האָבנ זיכ געשטיצט, ווי סענ-זשוסט האָט באַהויפּט, „אַפ א קלאַס, וואָס טוט גאָרנישט אונ קאָנ זיכ ניט באַגיינ אָנ לוקסוס אונ שיגאָענ, וואָס טראַכט וועגנ קיינ שומ אַרבעט ניט אונ טראַכט וועגנ בײז". צו זײ האָט ער צוגעגעבנ נאָכ א קאַסטע באַאַמטע, וואָס האָבנ פאַרנומענ רענטאַבעלע שטעלעס, האָבנ פאַרכאַפּט די פּאַלאַצנ, האָבנ זיכ ארומגערינגלט מיט דינער אונ מיט לוקסוס. „די דאָזיקע

פאַראַכטעטע ברוים, — האָט געזאָגט סען-זשוסט, — גיבן זיך אָפּ מיט פאַרגעניגנס, ווען דאָס פאָלק באַאַרבעט די ערד, נײט שיך פאַר די סאָלדאַטנ און מאַכט געווער צו באַשיצנ די דאָזיקע גלײַכגילטיקע מענוואָלים".

9

מאַרט 1794 האָט געטראָפנ פאַריזש אינ די אָרעמס פונ הונגער. בא די טירנ פונ די בעקערײַענ, אַפּ די מערק איז געגאַנגענ א ברודער-מערדערישער קאַמפּ פאַר א שטיקל ברויט. די קריגס-קאַמפּאַניע פונ 1793 האָט זיך געענדיקט מיט א ניצאָכנ. נאָך אינ דעקאַבער איז געפאַלנ טולאָנ, און די ענגלענדער זײַנענ פאַרטריבנ געוואָרנ. עלזאַס איז אומגעקערט געוואָרנ צוריק. א געוויסע באַרויִקונג איז אָנגעקומענ אויכ אַפּנ פראָנט פונ קאַמפּ קעגנ דער אינערלעכער קאָנטררעוואָליוציע.

אינ פעוראַל און מאַרט 1794, ערעוו די גרויסע ניצחוינעס, האָבנ ראָבעספּיער און סענ־זשוסט פאַנאַנדערגעאַרבעט א סיסטעמ פונ נײַע עקאָנאָמישע מאָסמיטלענ לעטוויוועס דער שטאָטישער און דער דאָרפישער אָרעמשאַפט. די דאָזיקע מאָסמיטלענ, די אַזויגערופענע „דעקרעטנ פונ וואַנטאָז", האָבנ געזאָלט צעשמעטערנ די רעשטנ פונ דער אַלטער אָרדענונג, ליקווידירנ די ערד-אָרעמקײַט פונ די פּויערים און פאַרניכטנ דעמ דאַלעס. די „דעקרעטנ פונ וואַנטאָז" זײַנענ געווענ אַנ אײגנאַרטיקע סאָציאַלע אוטאָפּיע פונ דער פראַנצויזישער קלײנבירגערלעכער דעמאָקראַטיע פונ XVIII יאָרהונדערט. די פירער פונ דער רעוואָליוציאָנערער דיקטאַטור האָבנ געטרוימט וועגנ איבערלאָזנ דאָס אײגנטום און פאַרניכטנ די קלאַסנ און די אָרעמקײַט.

דעמ 26-סטנ פעוראַל (דעמ 8־טנ וואַנטאָז) איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ א דעקרעט וועגנ קאָנפיסקירנ דאָס פאַרמעגנ פונ די סאָנים פונ דער רעוואָליוציע. דער דעקרעט זאָגט: „דאָס אײגנטום פונ די פּאַטריאָטנ איז הײליק און אומבאַרירלעכ. דאָס פאַרמעגנ פונ די פּערזאָנענ, וואָס זײַנענ אַנערקענט געוואָרנ אַלס סאָנים פונ דער רעוואָליוציע, ווערט קאָנפיסקירט לעטוויוועס דער רעפּובליק. די דאָזיקע פּערזאָנענ ווערנ אַרעסטירט ביזנ שליסנ שאָלעמ, און נאָכדעמ ווערנ זײ אַפּ אײביק פאַרטריבנ פונ דער רעפּובליק".

דעמ 3־טנ מאַרט (דעמ 13-טנ וואַנטאָז) האָט דער קאָנווענט ארויס-

גענעבן א דעקרעט וועגן העלפן די אומפארמעגלעכע אפן כעושבן פון די רײַכע. אלע קאָמונעס פון דער רעפובליק איז פאָרגעלייגט געוואָרן צונויפצושטעלן ליסטעס פון די אָרעמע לײַט און אריבערשיקן די דאָזיקע ליסטעס קיין פאריזש צום קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רעטונג. דער קאָמיטעט האָט געמיינט אויסצונוצן די דאָזיקע ליסטעס און געבן די נויטבאדערפטיקע גוטס; דערבײַ האָט דער דעקרעט גע־פאָדערט, אז די דאָזיקע אופזיכט־קאָמיטעטן זאָלן געבן יעדיעס וועגן אלע, וואָס זײַנען ארעסטירט געוואָרן נאָכן ערשטן מײַ 1789.

דאָס איז געווען אין רעכטן ברעג פון קאמפ צווישן די פראק־ציעס. סען־זשוסט און ראָבעספיער האָבן געגרייט א נײַע רעוואָליר־ציע. אָבער אפריער האָבן זיי באדארפט פאָטער ווערן פון די „פארטיי־קליקעס". דעם 21־טן מארט האָט ראָבעספיער געמאָלדן וועגן דעם עפנטלעך אין יאקאָבינישן קלוב. מיט די עבערטיסטן איז געווען אויס, וועגן קיין שום אויסגלײַכן מיט די דאנטאָניסטן האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. אומזיסט האָט דאנטאָן געהאָפט אף דעם. ראָבעס־פיער האָט געפאָדערט, אז די יאקאָבינער „זאָלן ניט אָפשוואכן די אופמערקזאמקײַט פון פאָלק צו דער באנדע „מעסיקע", וואָס איז ניט נײַ אין אונדזער רעוואָליוציע, ווײַל זי עקזיסטירט שוין לאנג אונטער דער שוץ פון די אויסלענדישע מעלוכעס". דאָס איז ניט געווען קיין דעקלאראציע, דאָס איז געווען אן אינסטרוקציע: „ס'איז ניט גענוג צו דערשטיקן איינע פון די קליקעס. מע דארף זיי אלע פארניכטן. אף דער קליקע, וואָס עקזיסטירט ביז איצט, דארף מען אָנפאלן מיט פונקט אזא צאָרן, ווי אף דער פריערדיקער... עס וועט קומען א מאָמענט צו אופדעקן די דאָזיקע פארברעכערישע קליקע, און דער מאָמענט איז שוין ניט ווײַט".

דאנטאָן האָט זיך, ווײַזט אויס, ניט אָפגעגעבן קיין רעכענונג, וויניקסטנס אָנהייב מארט, אין דעם, וואָס דער קאָמיטעט מיינט צו טאָן. אניט וואָלט ער געפרווט פאנאנדערוויקלען א פאָליטישן קאמף קעגן דער דיקטאטור, פאריייניקן ארום זיך די זעפּוטאטן פונעם „זומפ". געהאנדלט האָט ער אנדערש. ווען עס איז אָנגענומען גע־וואָרן דער דעקרעט פון 13־טן וואנטאָז וועגן דער רעגיסטראציע פון די אָרעמעלײַט, האָט אים דאנטאָן געשכיצט. איבעריקנס, האָט ער אים געפרווט אויסטײַטשן נאָר אלס מיטל צו באלוינען די אינוואַ־

לידן און סאָלדאַטן, וואָס האָבן געדינט דעם פֿאָטערלאַנד. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער איבערגעחזרט דעם 4-טן מאַרץ. ער האָט געפּרוּווט דערווײַזן, אַז ניט די גרייס פֿון אייגנטום, נאָר דער נוצן, וואָס איז געבראַכט געוואָרן דער רעפּובליק, דאַרף גענומען ווערן אין אַכט בײַם באַלוינען די פּאַטריאָטן מיט ערד־אייגנטום. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ בירגער, וואָס האָט ניט פֿאַרטיידיקט די רעפּובליק מיט געווער אין די הענט, האָט ניט קיין רעכט צו באַקומען הילף, אַפֿילו אויב ער איז אַן אָרעמאַן. דאָס איז, נאַטירלעך, געווען אַ פּרינציפּיעלע אַרויסטרעטונג קעגן די דעקרעטן פֿון וואַנטאָז. די דעקרעטן האָבן באַוויזן די טיפֿ פֿון די מיינונגפֿאַרשיידנהייטן צווישן די בײדע פּאָליטישע גרופּעס. אָבער ווי ניט־אַנטשלאָסן דאַנטאָן איז געווען אין זײַנע דערווידערונגען! מעגלעך, אַז ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אין דעם דאָזיקן קאַמף קעגן דעם קאָנווענט וועלן די פּלעבייִשע מאַסן זײַן ניט אויף זײַן זײַט. די מאַסן האָבן אַרויסגעגעבן די עבערטיסטן ניט קעדיי איבערצוגעבן די אָנפֿירונג מיט דער רעוואָליוציע דאַנטאָנען. די פֿאָרשטעט האָבן געהאָפֿט, אַז ראָבעספּיער וועט בעסער דורכפֿירן די פּראָגראַם פֿון קאַמף קעגן דער נויט, איידער עבער און שאָמעט. אין נאָמען פֿון דעם דאָזיקן גרויסן ציל וועלן זיי, נאַטירלעך, ניט איבערקלערן און וועלן מקריבֿ זײַן דאַנטאָנען און די דאַנטאָניסטן.

דער קאָמיטעט פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער ראַטונג האָט באַשלאָסן מאַכן אַ סוף צו די דאַנטאָניסטן. אין דער נאַכט פֿון 30־טן אויפֿן 31-טן מאַרץ (פֿון 9-טן אויפֿן 10־טן זשערמינאַל) איז פֿאָרגעקומען אַ געהיימע זיצונג פֿונעם קאָמיטעט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער ראַטונג. צו אונדז זײַנען דערגאַנגען אייניקע איינצלהייטן. סען־זשוסט, בילאָ־וואַרען און ראָבעספּיער האָבן געפֿאָדערט, אַז מע זאָל די דאַנטאָניסטן אַרעסטירן. אַלע האָבן שטילשווײַגנדיק אונטערגעשריבן דעם באַפֿעל אויף אַ שטיקל פּאַפּיר פֿון אַן אַלטן קאָנווערט. נאָר צוויי מענטשן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרײַבן אים: ראָבער לענדע און דער אַלטער ריול.

דאַנטאָן האָט דאָך פֿאַרבראַכט צוויי טעג בײַ זיך אין סעוור.

אַ קורצע צײַט פֿאַר זײַן אַרעסט האָט דאַנטאָן געזאָגט זײַנע נאָענטע מענטשן:

— זיי וועלנ זיכ לאנג באראטנ, איידער זיי וועלנ געבנ א קלאפּ אזא מענטשנ, ווי איכ... זיי וועלנ זיכ באראטנ אָנ א סאָפ, און איכ וועל אָנפאלנ אפ זיי.

דאָס איז געווענ א פארבלענדונג אָדער גיכער א סימענ פונ מאכטלאָזיקײט. ווענ מע האָט אימ פאָרגעלייגט, ער זאָל אנטלויפנ, האָט ער א וואָרפ געטאָנ אלס ענטפער די ווערטער, וואָס זײַנענ פארבליבנ אפ אייביק אינ די אנאלנ פונ דער געשיכטע:

— קאָנ מענ דענ אװעקטראָגנ דאָס פאָטערלאנד אפ די פּאָדעש-וועס פונ די שיכ?

דעמ 31־טנ מארט, 6 אזייגער אינדערפרי, זײַנענ נאָכ אימ געקומענ די זשאנדארמענ און האָבנ אימ באוויזנ דעמ באפעל פונעמ קאָמיטעט.

— „יאָ, זיי זײַנענ דרייסטער, איידער איכ האָב געמיינט“, — האָט דאנטאָנ ארויסגערופנ.

דער קאָנווענט האָט זיכ שפּעט דערוווּסט וועגנ דעמ באשלוס פונ זײַנ קאָמיטעט. בײַם דער זיצונג האָט זיכ פּלוצעמ ארײַנגעריסנ לעזשאנדר. ער האָט דערציילט, אז באנאכט זײַנענ ארעסטירט געוואָרנ 4 מיטגלידער פונ קאָנווענט, און איינער פונ זיי איז דאנטאָנ. ער האָט געפאָדערט, אז מע זאָל זיי טייקעפ פארהערנ און מישפּעטנ: „ווארט פונ מיר גאָרניש, אכוץ אנ אויסבראָכ פונ געפילנ. בירגער, איכ דערקלער, אז איכ האלט דאנטאָנענ פאר פונקט אזוי אומשולדיק, ווי זיכ אליינ“... לעזשאנדר האָט געפאָדערט פונ קאָנווענט, אז די ארעסטירטע זאָל מענ ברענגענ טייקעפ אינ קאָנווענט צומ פארהערנ. אָבער דאָס וואָלט באטײַט אומקומ פאר די פירער פונעמ קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רעטונג. די דעפּוטאטנ פונ „זומפּ“ זײַנענ געווענ דערשראָקנ אפ טויט פונ דאנטאָנס ארעסט. ראָבעספּיער האָט דאָס אויסגעצייכנט פארשטאנענ. רויִק, מעסטנדיק די טריט, איז ער ארויפ אפ די טרעפּ פונ דער טריבונע און האָט דערקלערט: „לויט דעמ לאנג שוינ ניט געזעענעמ כאאָס, וואָס הערשט איצט אינ אונדזער פארזאמלונג, לויט דער אויפרעגונג, וואָס עס האָבנ ארויסגערופנ די ווערטער פונעמ פאָריקנ רעדנער, איז ניט שווער צו באמערקנ, אז עס ווערט געלייזט א פראגע פונ העכסטער וויכטיקײט. עס האנדלט זיכ וועגנ דעמ, צי איניקע פּערזאָנענ וועלנ געווינענ די אויבערהאנט איבערנ פאָטערלאנד, צי די אינטערעסנ פונ איניקע

ערנגמצ̄יקע צוויאַקעס וועלן באַקומען די אויבערהאַנט איבער די אינטערעסן פֿונעם גאַנצן פֿראַנצויזישן פֿאָלק. דאַנטאָן האָט ניט קיין רעכט צו פּרעטענדירן אַף פּריווילעגיעס. ניט ער, ניט זײַנע פֿרײַנט, צווישן זיי אַזױנע, ווי שאַבאָ און פֿאַבר ד׳עגלאַנטינ״. „די, וואָס טרעטן אַרויס צו פֿאַרטיידיקן דאַנטאָנען, — האָט צוגעגעבן ראָבעספּיער, — דריקן אויס אומצוטרוי דעם קאָמיטעט און דעם קאָנווענט. דאַנטאָן וויל פֿאַרנעמען ראָלאַנס אָרט. ער איז אַ סוינע פֿונעם פֿאָטערלאַנד... הײַנט וועלן מיר דערזען, צי דער קאָנווענט וועט קאָנען צעשמעטערן דעם פֿאַלשן, לאַנג צעפֿוילטן אָפּגאָט, אָדער דער אָפּגאָט וועט מיט זײַן פֿאַלן דערשטיקן דעם קאָנווענט און דאָס גאַנצע פֿראַנצויזישע פֿאָלק״.

צוהילף אים איז באַלד געקומען סען־זשוסט. מיט זײַן רויִקייט האָט ער איבעראַשט אַלעמען, מיט זײַן דערשיטערנדיקער ריטאָריק האָט ער איבערצײַגט די מערהײט פֿון דער פֿאַרזאַמלונג. סען־זשוסט האָט דרייסט דערקלערט, אַז ער דעמאַסקירט „די לעצטע אָנהענגער פֿון ראָיאַליזם״. ער האָט צונויפֿגענומען אין זײַן רעדע אַלץ, וואָס מע האָט געקאָנט זאָגן וועגן דאַנטאָנס אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק: די באַציִונגען מיט מיראַבאָ, די פֿרײַנטשאַפֿט מיט בריסאָ, די צווייִדײַטיקע אויפֿפֿירונג אין פֿרילינג 1791, די פֿאַרטיידיקונג פֿון דער פּעטיציע לעטויוועס דעם הערצאָג פֿון אָרלעאַן אין יול 1791 און צולעצט דאָס אַנטלויפֿן אַהיים קיין אַרסי־סור־אָב. ער האָט דערמאָנט דאַנטאָנס פּאַכדאָנישע אויפֿפֿירונג ערעוו דער רעוואָלוציע פֿון 10־טן אַווגוסט, ווען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן איבער אומגאַרשטענדלעכע סיבעס און האָט זיך אומגעקערט אין דער הויפּטשטאָט ערשט דעמאָלט, ווען עס איז שוין ניט געווען קיין שום ספֿק אין דעם אויסגאַנג פֿון דער רעוואָלוציע. סען־זשוסט האָט דערמאָנט דער פֿאַרזאַמלונג די פֿאַרבינדונג צווישן דאַנטאָן און דיומוריע, דאַנטאָנס אומפֿרײַנטשאַפֿט צו מאַראַטן, אַלץ, וואָס עס האָט באַוויזן זײַנע פּאָליטישע וואַקלונגען, זײַן טאָפּלטע שפּיל אין די אַנטשיידנדיקע מאָמענטן פֿון דער רעוואָלוציע. מיט גרויס קראַפֿט האָט ער פֿאָרמולירט זײַן באַשולדיקונג אין אַזױנע ווערטער: „אין דער זעלבער צײַט האָסטו זיך דערקלערט אַלס אַן אָנהענגער פֿון מעסיקע פּרינציפּן, און דײַנע שטאַרקע פֿראַזן האָבן קענטיק מאַסקירט די שוואַכקייט פֿון דײַנע

פאַרשלאָגנ. אַלס א באנאַלער שאַבלאָנ־מאכער, פלעגסטו אָנהייבנ אַלע דייַנע רעדעס אַפ דער טריבונע מיט א דונער־קנאַל און פלעגסט זיי אויסלאָזנ מיט א פּשאָרע צווישנ עמעס און ליגנ. דו פלעגסט זיכ צו אַלצ צופּאַסנ".

דאָס איז געווענ א פאַרניכטנדיקע פּאָליטישע כאַראַקטעריסטיק פונ דעמ טריבונ. די כאַראַקטעריסטיק איז געווענ אַזוי ווייַט איבערצייַגנדיק, אַז קיינער האָט ניט געוואַגט צו דערווידערנ אַפילע דעמלט, ווענ סענ־זשוסט האָט ווייַטער גערעדט און האָט אויסגעמאָלט אַנ עקלהאַפטנ פּאָרטרעט פונ דאַנטאָנענ אַלס א מענטשנ, וואָס פאַר אימ „איז די רעוואָלוציאָנערע געזעלשאַפטלעכע מיינונג ענלעכ אַפ א פרויענצימער פונ שלעכטער אויפירונג". „דו האָסט געזאָגט, אַז ערע איז לעכערלעכ, אַז רומ און די קומענדיקע דורות, — האָט סענ־זשוסט געשטעמפּלט דאַנטאָנענ, — איז נאַרישקייַט. דאָס זייַנענ קאַטילינאַס אָנשויונגענ. אויב פאַבר איז אומשולדיק, אויב עס זייַנענ געווענ אומשולדיק דער הערצאָג פונ אָרלעאַנ און דיומוריע, דעמלט ביסטו זיכער אויכ אומשולדיק. איכ האָב אָנגערעדט צופיל, דו וועסט ענטפערנ פאַרנ געריכט".

דער קאָנווענט האָט זיכ סאָלידאַריזירט מיטנ „קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער רעטונג".

10

די אַרעסטירטע דאַנטאָנ, קאַמיל דעמולענ, פיליפּאָ און דעלאַקרואַ האָט מענ אַוועקגעזעצט אינ לוקסעמבורגער טורמע. דאָרטנ זייַנענ שוינ געווענ פאַבר ד'עגלאַנטינ, שאַבאָ, עראָ דע־סעשעל און אַלע איבעריקע אָנטיילנעמער פונעמ פּראָצעס פונ די דאַנטאָניסטנ. צו זיי האָט מענ צוגעגעבנ דעמ גענעראַל וועסטערמאַנ, דעמ ספּעקוליאַנט ד'עספּערנאַק און אַנדערע. דאַנטאָנס דערשייַנענ איז פאַר די אַרעסטירטע געווענ א סענסאַציע.

אויב מע זאָל גלייבנ דער לעגענדע, איז ער די ערשטע טעג פונ אַרעסט צוזאַמענ מיט דעלאַקרואַ און זייַנע אַנדערע פרייַנט געווענ פאַרנומענ מיט אויסאַרבעטנ א ווענדונג צו די פאָרשטעטס. ווענ דעלאַקרואַ האָט אימ געזאָגט: „איכ מיינ, אַז מע דאַרפ גאָרניש

ניט ענטפערן, סײַדן אין דער אָנװעזנהײַט פֿון בײדע קאַפּיטענען", האָט דאַנטאָן געענטפֿערט: „דו ביסט גערעכט, מע דאַרף זיך סטאַרען אַרױסרופֿן אומרו צװישן דעם פֿאָלק". װי מיר װעלן זען, האָט ער דאָס געטאָן אַפֿן פּראָצעס, אָבער ער האָט ניט פֿאַנאַנדערגעװיקלט קײן פּאָליטישע פּראָגראַם, נאָר ער האָט זיך באַנוגנט מיט אַן אַפּעלאַציע צום פֿאָלק, דערמאָנענדיק זײַנע פֿאַרדינסטן.

אין טורמע האָט דאַנטאָן געפּרוּװט מיט פֿלױדערײַ און טומל פֿאַרמאַסקירן זײַן שרעק פֿאַר דער גיליאָטינע. קאַמיל דעמולען האָט די גאַנצע צײַט געװײנט, עראָ דע־סעשעל האָט פֿילאָסאָפֿירט, דאַנטאָן האָט זיך געזידלט...

דער געריכט האָט זיך אָנגעהױבן דעם 2-טן אַפּרעל. די מיטגלידער פֿון געריכט און זײַן פֿאָרזיצער, יאַקאָבינער, געטרײַע דער רעװאָלוציע, האָבן קלאָר ניט געװאָלט דערנידעריקן די באַשולדיקטע, אָבער זײ האָבן פֿעסט באַשלאָסן צו דערשלאָגן זיך, אַז דאָס רעװאָלוציאָנערע געזעץ זאָל אױסגעפֿירט װערן. זײער לאַגע איז געװען באַזונדערס שװער, װײַל אין משך פֿון די 4 לאַנגע טעג פֿון פּראָצעס, האָבן די באַשולדיקטע, אינספּירירטע פֿון דאַנטאָנען, געטאָן אַלץ, װאָס עס איז מעגלעך, כּדי אָפּצוזױמען דעם פּראָצעס. זײ האָבן ניט בלױז געהאַלטן רעדעס קעגן דעם קאָנװענט און דעם „קאָמיטעט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער רעטונג", זײ האָבן אױפֿגעפֿאָדערט דעם האַמױן אַרױסצוטרעטן צו פֿאַרטײדיקן זײ. דאַנטאָנס שטימע האָט געדונערט מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז זײַן געבריל האָט זיך געטראָגן דורך די אָפֿענע פֿענצטער אױף דער צװײטער זײַט טײַך. די אָנגעקלאָגטע האָבן געװאָרפֿן אױף די ריכטער ברעקלעך ברױט, האָבן זײ באַשאָטן מיט שטיקלעך פּאַפּיר, האָבן כּמעט געמאַכט חוזק פֿון זײ. װאָס אָנבאַלאַנגט די געשװױרענע בײַזיצער, האָבן זײ אין פֿאַרלעגנהײַט געקוקט אױפֿן געריכט, פֿאַרשטײענדיק אױסגעצײכנט, אַז עס איז מעגלעך נאָר אײן אורטײל — טױטשטראָף.

דער אַפּאַראַט פֿון רעװאָלוציאָנערן טריבונאַל איז פּאַקטיש געװען אין די הענט פֿון די דאַנטאָניסטן. אײניקע פֿון זײ האָבן באַװוּסטזיניק געהאָלפֿן די אָנגעקלאָגטע; יעדנפֿאַלס האָט דער שעף פֿון דער קאַנצעלאַריע פּאַרי געטאָן אַלץ, כּדי די פּראָטאָקאָלן פֿון געריכט זאָלן איבערלאָזן דער געשיכטע אַ באַװײַז פֿון דאַנטאָנס גרױסקײט.

דער געריכט האָט זיכ אָנגעהויבנ פונ קלאָר מאכנ דעמ איניע־
וועגנ דער אָסט־אינדישער קאָמפאניע. די שולדיקײַט פונ די אָנגע־
קלאָגטע איז באוויזנ געוואָרנ אָנ באזונדערער מי. אינ א געוויסער
צײַט ארומ איז דער פארהער דערגאנגענ ביז דאנטאָנענ. אפ דער
פראגע פונעמ געריכט וועגנ זײַנ נאָמענ, פאמיליע, עלטער, טיטל,
ווינאָרט, האָט ער געענטפערט: „מײַנ נאָמענ איז זשאָרזש־זשאק דאנ־
טאָנ, אלט 34 יאָר, געבוירנ אינ ארסי־סור־אָב, אנ אדוואָקאט, א דע־
פוטאט פונ קאָנווענט, ווינאָרט: פאריז, די גאס פונ די קאָרדע־
ליערנ". אפ מאָרגנ, דעמ 14-טנ זשערמינאל, ווענדנדיק זיכ צו די
אָנגעקלאָגטע אונ צומ האמויג, האָט דאנטאָנ געוואָרפנ א רעפליק:
„זאָל מענ אונדז נאָר געבנ א וואָרט אונ דערלויבנ אויסנוצנ עס ווי
געהעריק. איכ בינ איבערצײַגט, אז מיר וועט זיכ אײַנגעבנ צו דער־
שיסנ אלע מײַנע באשולדיקער. אויכ דאָס פראנצויזישע פאָלק איז
ווירקלעכ אזא, ווי עס איז, וועל איכ נאָכ מוזנ אויסבעטנ באגנעדי־
קונג פאר מײַנע באשולדיקער". די דאָזיקע ווערטער האָבנ די אָנגע־
קלאָגטע אָנגענומענ מיט ענטוזיאזמ. דאנטאָנ האָט ווײַטער געזאָגט:
„פײַנע צײַטנ! בארער איז א פאטריאָט, אונ דאנטאָנ איז אנ אריסטאָ־
קראט. פראנקרײַכ וועט דאָס לאנג ניט גלייבנ". אינ דער צײַט האָט
ער באמערקט הינטער די פאָטעלנ פונ די ריכטער קאָמבאָנענ, דעמ
פינאנצ־מיניסטער. ער האָט זיכ געווענדט צו אימ: „אונ דו האלטסט
אונדז פאר פארשווערער? זעט: ער לאכט! ער גלייבט ניט! פאר־
שרײַבט, אז ער האָט געלאכט".

דאָס אלצ איז געווענ עפעקטפול, אָבער סאָפקאָלסאָפ ווייניק
איבערצײַגנדיק, באזונדערס נאָכ דעמ, ווי שאבאָ איז געווענ געצווונ־
גענ צו אויפדעקנ פארנ געריכט די פארברעכערישע טעטיקײַט פונ
דער גרופע דעפוטאטנ, וואָס האָט א לאנגע צײַט ארומגערינגלט
דאנטאָנענ. דעריבער, ווענ דער פאָרזיצער האָט געשטעלט דאנטאָנענ
הארב די פראגע וועגנ זײַנ פארבינדונג מיט דיומוריע, האָט זיכ
דאנטאָנ ווידער פארנומענ מיט דעקלאמאציע: „די פאכדאָנימ, וואָס
האָבנ אפ מיר געטריבנ רעכילעס, וועלנ וואגנ מיר אינ פאָנעמ ווארפנ
זייער באשולדיקונג? אָט איז מײַנ קאָפ, ער איז פאראנטוואָרטלעכ פאר
אלצ. דאָס לעבנ איז מיר געוואָרנ צו לאסט, איכ ווארט מיט אומגע־
דולד, איכ זאָל באפרײַט ווערנ פונ דעמ". דאָס איז ניט געווענ קיינ

רעדע פון א פּאָליטישן פירער, דאָס איז געווען א געשריי פון א באַנקראָטירטן אוזאַנטיורויסט.

דער פּאָרזיצער האָט אים דערמאָנט מיט פולקומער רעכט, אז דער כּיוון פון א רעוואָליוציאָנער איז פירן זיך ווירדיק פארן טריבונאל. דאַנטאָן האָט אָפּגעוואָרפן די באשולדיקונג אין פרעכקייט; אפן האמוינ האָבן ניט געקאָנט ניט מאכן קיין איינדרוק זיינע ווערטער: „ווען איך זע, אז מע באשולדיקט מיך אזוי ביטער, אזוי אומגערעכטיק, קאָן איך דען דערשטיקן דאָס געפיל פון צאָרן קעגן די רעכילעס־טרייבער, וואָס קאָכט אין מיר? פון אזא עכטן רעוואָליוציאָנער, ווי איך, קאָן מען דען וואַרטן אַף א קאַלטבלוטיקער פאַרטיידיקונג?“... באַלד נאָך די דאָזיקע שטאַרקע ווערטער איז אָבער ווידער געגאַנגען א באָמבאַסטישע דעקלאַמאַציע: „מענטשן פון מיין שניט קאָן מען ניט אָפּשאַצן. אַף זייער שטערן איז מיט פייערדיקע צייכנס אויסגעקריצט דער שטעמפּל פון דער פרייהייט פון רעפּובליקאַנישן גייסט“...

דער פּאָרזיצער פון געריכט האָט אים איבערגעהאַקט. ער האָט אים דערמאָנט מאַראַטס אויפירונג פאַרן זשיראָנדיסטישן געריכט, אלס דעם בעסטן מוסטער פון זעלבסטפאַרטיידיקונג פון א רעוואָליוציאָנער. דאַנטאָן איז געווען געצווונגען צו אונטערוואַרפן זיך, נאָר ער האָט ווידער צוגעגעבן: „גוט. איך וועל זיך דערנידעריקן ביז פאַרענטפערן זיך. איך וועל אָננעמען דעם פּלאַן פון פאַרטיידיקונג, וואָס סען־זשוסט האָט אָנגעמערקט“.

אָבער דאָס איז געווען ניט מער ווי א צוזאָג. דער פאַרבליבענער פּראָטאָקאָל גיט אונדז ניט קיין רעכט צו באַהויפּטן, אז דער טריבונאל האָט אָפּגעלייקנט סען־זשוסטס באשולדיקונגען. ער האָט געלייקנט זיין שולד. ער האָט אַרופגעוואָרפן די שולד אַף אַנדערע. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אז ווען מע האָט בא אים געפרעגט: „פאַרוואָס האָט דיומוריע ניט פאַרפאָלגט די פּרייסן, ווען זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן אין סעפּטעמבער 1792?“, האָט ער זיך באַנוגנט מיט דער באַהויפּטונג: „איך פלעג זיך אַרייננעמישן אין די פראַגן וועגן מילכאָמע נאָר פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט. די קריג־אָפּעראַציעס זיינען מיר געווען אַבסאָלוט פרעמד“. דאַנטאָן האָט דערקלערט, אז נאָכשפּירן נאָך דיומוריע האָט באַדאַרפט בילליאָ־וואַרען און אזוי־

אַרום איז אויכ ביליאָ-ווארענ פאראנטוואָרטלעכ פאר אלע ווײַטערדיקע געשעענישנ. איבער דער פראגע וועגנ אויסגעבנ די מיטלענ, וואָס זײַנענ געגעבנ געוואָרנ אינ אויגוסט דעמ יוסטיצ־מיניסטעריומ, האָט ער דערקלערט: „דער דאָזיקער פאָנד איז געווענ א מיטל, מיט וועלכנ איכ פלעג אײַנגעבנ היצ די דעפארטאמענטנ". איבעריקנס, פונ דעמ דאָזיקנ געלט איז 6 טויזנט ליווער איבערגעגעבנ געוואָרנ ביליאָ־ווארענענ. דאנטאָנ האָט גאָרנישט ניט געענטפערט ניט אפ דער פראגע וועגנ זײַנע באציִונגענ מיט דער זשיראָנדע, ניט אפ די באשולדיקונגענ, אז ער האָט פארטיידיקט די קיניגלעכע מאכט.

דאנטאָנ האָט גערעדט לאנג אונ מיט אזא קראפט, אז צומ סאָפ פונ זײַנ רעדע האָט ער אלײנ דערפילט, ווי ער איז מיד. „זײַנ אָנגעשפאָלטענע שטימ האָט דערוויזנ, אז ער דארפ האָבנ רו",— אזוי שטייט געשריבנ אינ פראָטאָקאָל. די ריכטער האָבנ אימ פאָרגעלייגט איבעררײַסנ אפ א ווײַלע זײַנ רעדע, קעדיי צו באנײַענ זי ווידער מיט מער רו אונ אײַנגעהאלטנקײַט. דאנטאָנ האָט אײַנגעשטימט. אפ מאָרגנ האָט ער ווײַטער פארטיידיקט זײַנ אויפירונג אינ דעמ טאָג פונ 31־טנ מײַ. ער האָט געטײַנעט, אז ער האָט געוואָלט „פארהיטנ די פרײַהײַט אונ די אומאָפהענגיקײַט פונ קאָנווענט".

די דאָזיקע דיסקוסיע האָט זיכ געקאָנט ציִענ אָנ א סאָפ. דער געריכט האָט באשלאָסנ אָפזאָגנ די באקאָשע פונ די באשולדיקטע ארויסצורופנ אלס אײדעס 16 מיטגלידער פונ קאָנווענט. ווענ מע האָט וועגנ דעמ מיטגעטיילט אפנ פראָצעס, איז דאנטאָנ מיט א געבריל אָנגעפאלנ אפ די פירער פונ קאָמיטעט. די אויפרעגונג פונ האמוינ איז געווענ אזוי שטארק, אז דער פאָרזיצער פונ טריבונאל פוקיע־טענוויל האָט זיכ געווענדט מיט א בריוו צומ קאָמיטעט. ער האָט געשריבנ: „זיי אפעלירנ צומ גאנצנ פאָלק, כאָטש דער פאָרזיצער אונ דער געריכט האלטנ זיכ פעסט. זייערע פאָדערונגענ כאזערנ זיכ שטענדיק איבער אונ שטערנ די רו פונ דער זיצונג. זיי מעלדנ הויכ אפנ קאָל, אז זיי וועלנ ניט שטיל ווערנ, ביזוואנענ מע וועט ניט אויסהערנ די אײדעס. מיר בעטנ אײַכ ענדגילטיק אָנווײַזנ אונדז ווי צו האנדלענ, ווײַל די געריכט־אָרדענונג גיט אונדז ניט קיינ אָנווײַזונגענ, ווי צו בארעכטיקנ דעמ אָפזאָג".

צו הילפ דעמ טריבונאל איז געקומענ אזא געשעעניש: עמעצער

פון די פריינס פון די דאנטאָניסטן האָט זיי געוואָלט געבן הילף. דילאָן און דער מיטגליד פון קאָנווענט סימאָן האָבן פאר לוסיל דעמולענס געלט געפרוּווט אָרגאניזירן א פארשווערונג אין די טורמעס. די דאָזיקע פארשווערונג האָט ארויסגעגעבן דער ארעסטירטער לאפלאָס. סען-זשוסט איז טייקעס געקומען אין קאָנווענט, האָט אָנגעשראָקן די דעפוטאטן פון דעם „זומפ", האָט זיך דערשלאָגן פון זיי א דעקרעט, וואָס האָט געגעבן דעם פאָרזיצער פון טריבונאל דאָס רעכט צו דערשטיקן מיט אלע מיטלען „יעדן פרווו פון די אָנגעקלאָגטע צו ברעכן די געזעלשאפטלעכע רו און שטערן דער יוסטיץ". דער קאָנווענט האָט דעקרעטירט, אז „יעדער, וואָס איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אין א פארשווערונג און האָט געגעבן א ווידערשטאנד אָדער באליידיקט די נאציאָנאלע יוסטיץ, וועט טייקעס דערווייטערט ווערן פון געריכטזאל".

מיט דעם דאָזיקן דעקרעט איז, אייגנטלעך גערעדט, פארענדיקט געוואָרן דער פראָצעס. דער פראָקוראָר האָט פאָרגעלייגט די געשוואָרענע בייזיצער ארויסצוזאָגן זיך: צי איז געקומען די צייט ארויסצוזאָגן דעם אורטייל? דאנטאָן און דעלאקרוא האָבן הויך אויסגעדריקט זייער פראָטעסט. זיי האָבן געשריִען: „מע וויל אונדז מישפטן, ניט אויסהערנדיק. מע דארף ניט האָבן קיין שום בארעטונגען. זאָל מען אונדז פירן אפן עשאפאָט" קאמיל דעמולען האָט צעריסן אין שטיקלעך דעם פראָיעקט פון זיין פארטיידיקונג-רעדע און האָט אים א וואָרף געטאָן דעם פאָרזיצער. דער טריבונאל איז געווען געצוווּנגען צו דערווייטערן די אָנגעקלאָגטע פון זאל. די געשוואָרענע בייזיצער זיינען אוועק אין א בארעטונג ארויסצוטראָגן דעם אורטייל. מע זאָגט, אז אין צימער פון דער בארעטונג איז געקומען דער מיטגליד פון געריכט הערמאן און דער פאָרזיצער פוקיע-טענוויל, זיי האָבן באוויזן א בריוו, וואָס איז אָנגעקומען פון ענגלאנד. אין דעם דאָזיקן דאָקומענט איז קלוימערשט געווען אָנגעוויזן, אז דאנטאָן פלעגט באקומען געלט פון פיטן. דאָס האָט אנטשיידט דאנטאָנס גורל. ווען די געשווירענע האָבן זיך אומגעקערט אין זאל, האָט דער האמוין פארשטארט אויסגעהערט דעם אורטייל. די אָנגעקלאָגטע האָט דעם אורטייל מיטגעטיילט דער שריפט-פירער.

דעם 5־טן אפרעל (דעם 16-טן זשערמינאל), 4 אזייגער באטאָג

זײַנען דעם הענקערס באהעלפער געקומען אין טורמע צוצוגרייטן די באשולדיקטע צו דער קעפונג. 14 פארמישפטע האָט מען אוועקגע־זעצט אין א וואָגן און אוועקגעפירט צו דער גיליאָטינע. מענגעס מענטשן האָבן שטילשווײַגנדיק צוגעקוקט דעם קאָרטעזש. דעמולט האָט היסטעריש אופגעפאָדערט דאָס פאָלק צו הילף: „פאָלק, מע נארט דיך! מע נארט דיך! מע הארגעט אוועק דײַנע בעסטע פארטייַדיקער!" דאָס פאָלק האָט שטילשווײַגנדיק באגלייט זיי ביזן עשאפאָט. ווען זיי זײַנען פארבײַ־געפאָרן פארבײַ דעם הויז, וווּ ראָבעספיער האָט געוווינט, האָבן זיי פאר־שטארקט זייערע באליידיקונג-אויסגעשרייען.

אפן עשאפאָט איז אלץ געווען גרייט צו דער קעפונג. עראָ-דע־סעשעל איז געקעפט געוואָרן דער ערשטער, נאָך אים איז ארום קאמיל דעמולען. דער לעצטער איז געווען דאנטאָן. מע זאָגט, אז ער האָט זיך געווענדט צום הענקער און האָט אים געזאָגט: „ווײַז מײַן קאָפּ דעם פאָלק, ער איז דאָס ווערט".

זײַן קאָפּ איז געפאלן. דער הענקער האָט אים ארויסגענומען פון קאָרב און האָט אים ארומגעטראָגן ארום דעם עשאפאָט. דאָס פאָלק איז געבליבן שטיל.

אומקערנדיק זיך אין די פאָרשטעט, האָבן די סאנקיולאָטן גע־זונגען:

Ça ira!

דאנטאָן איז אומגעקומען, די רעוואָלוציע איז געגאנגען ווײַטער.

שלוס

1

וועגנ דאנכאָנענ האָבנ סײַ זײַנע צײַט-כאווײרימ סײַ די היסטאָריקער ארויסגעזאָגט פארשיידענע, אָפטמאָל מאמעש קעגנזעצלעכע מיינונגענ.

פאר איינע איז דאנטאָנ „דער געטרײַער פרײַנט פונ דער פרײַהײַט אונ פונ דער רעוואָליוציע", פאר אנדערע — „א דעמאגאָג אונ אנ אגענט פונ לודוויג XVI רעגירונג". פאר איינע איז ער דער גרויסער פירער אונ דער מײַסטער פונ רעוואָליוציאָנערנ אויפשטאנד, פאר אנדערע — א כיטרער אוואנטיוריסט, וואָס קענ באצײַטנס צופאסנ זיכ צו יעדער מאכט.

דער היסטאָריקער מאטיעז זאָגט וועגנ דאנטאָנענ: „דאנטאָנ האָט געשטרעבט פריער פאר אלצ צו מאכט אונ צו א הויכער שטעלונג. ער האָט זיכ ניט ארײַנגעלאָזנ אינ קיינ טעאָריעס אונ סיסטעמענ. אלע קויכעס פונ זײַנ אינטעלעקט זײַנענ געווענדט צו די נאָענטסטע פראקטישע צוועקנ, וועלכע ער שטרעבט צו פארווירקלעכנ. ער איגנאָרירט ניט קיינ ניט פײַנע מיטלענ. פארקערט, ער קאָנ אָפדרוקנ אפילע אינ די צײַטונגענ פונ די קעגנער קליינינקע פרײַנטלעכע מיטיילונגענ. ער איז געווענ א מײַסטער אפ אָרגאניזירנ א רעקלאמע ארומ זײַנ נאָמענ. ער האָט אכטונג געגעבנ אפ זײַנע זשעסטנ. ניט אומזיסט איז זײַנ נאָענטער פרײַנט אנ אקטיאָר. ער איז צו ספריטנע צו קאָמפראָמעטירנ זיכ אינ ברענענדיקע פראגנ, ווי ראָבעספיער. ער לאווירט צווישנ ראָבעספיערנ אונ בריסאָ, ווענ מע דארפ אנטשיידנ די ערנסטע פראגע וועגנ מילכאָמע אונ שאָלעמ. ער ווייסט, אז בריסאָ איז נאָענט צו דער מאכט, אונ דעריבער וואָלט ער אומ די בא-

ציונגען מיט אים, אָבער ער ווייסט אויך, אַז ראָבעספיער באַהערשט די הערצער פונ די מאַסנ, און ער שעצט די דאָזיקע קראַפט. „צו־פאַסונג“ איז פאַר אים ניט קיינ אָדיאָזע זאַך. ער וועקט זיך אוף פונ זיינ לאַנגער פאַרגליווערטקייט ערשט אינ די וואָכנ פאַר דער רע־וואָלוציע פונ 10־טנ אויגוסט, נאָך דעם ווי ער האָט געליטנ אַ מאַ־פּאַלע אינ זיינע שטרעבונגענ צו אַ מיניסטאָרנ־פּאָרטפעל, ווענ לאַפּאַ־יעטס באַרימערי, דעם ברוינשווייגער הערצאָגס סטראַשונקעס, די קורצ־זיכטיקייט פונעם הויפ האָבנ אַרויסגערופנ אַנ אויפשטאַנד פונ די פּאַ־רישער סאַנקיולאָטנ. נאָכדעם קוקט ער וווהינ דער ווינט בלאָזט. אָבער אַפילע איצט לאָזט ער זיך אויך אַ שפּעלטעלע דורכצוקריכנ, אויב מע זאָל גלייבנ לאַפּאַיעטנ. ער שיקט זיינ פריינט פאַר ד׳עגלאַנטינ פירנ אונטערהאַנדלונגענ מיטנ הויפ. אינ דער זעלבער צייט פאָרט ער אַליינ אָב אַף עטלעכע טעג קיינ אַרסי, אַ קוק געבנ אַף זיינע נייע איינגעקויפטע ערד־גיטער, אַ קוק טאָנ מיט די אויגנ פונ אַ פּויער, וואָס איז גליקלעך צוצוזענ, ווי זיינ באַזיץ ווערט פאַרקיילעכט. ער קערט זיך אום ערשט ערעוו דעם אויפשטאַנד, קעדיי צו שניידנ זיינע פּרוכטנ“.

די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק וואַרפט אַראָפּ דאַנטאָנענ פונ דעם פּיעדעסטאַל פונ אַ העלד פונ דער רעוואָלוציע, אַף וועלכנ די בור־זשואַזע היסטאָריאָגראַפיע האָט אים אופגעהויבנ. אָבער די בורזשואַ־זע היסטאָריקער מישלע, בוזשאַר, פילאָסאַר, ראָבינע, קאָנס, אָלאַר און דער סאָציאַל־דעמאָקראַט ווענדעל הערנ ניט אוף צו רימענ אים. די דאָזיקע בורזשואַזע היסטאָריקער זאָגנ נאָך מיט איינ קאָל נאָך מישלע: „דאַנטאָנ האָט געוואָלט ניט מער ווי זיינ דאַנטאָנ, ד. ה. אָנווענדנ די קאָלאָסאַלע אינערלעכע קראַפט, וואָס ער האָט פאַר־מאָגט. ער האָט אַבסאָליוט ניט געשטרעבט צו קיינ אָפיציעלער פּאָליטישער מאַכט, פילנדיק אינסטינקטיוו, אַז ער איז אַליינ געווענ אַ נאַטור־מאַכט, אַ סטיכיע, אַ קראַפט ווי דער קנאַל פונ אַ דונער אָדער ווי אַנ אָקעאַנ. זיינ אַ קיניג, — ס׳אַרא נישטיקייט! ווערנ אַ קיניג פונ דער רעוואָלוציע, אומברענגענ זי! וואָלט דענ דאָס ניט געהייסנ אַראָפּנידערנ פאַר דעם, וואָס האָט זיך געפילט ווי די רע־וואָלוציע אַליינ?“

אָט די ביידע כאַראַקטעריסטיקעס — מאַטיעזס און מישלעס, — האָבנ

איינ אונ דעמ זעלבנ כיסאָרנ: זיי זײַנענ ניט קיינ קלאַסע־ווע כאַראַקטעריסטיקעס, נאָר פערזענלעכע. זיי ענט־פערנ ניט אפ דער פראַגע: ווער איז געווענ דאַנטאָנ? וואָס האָט גע־געבנ די מעגלעכקײַט א ווייניק באַוווסטנ אַדוואָקאַט צו ווערנ דער־הויבנ ביז דער אָנפירונג מיט דער רעוואָליוציע?

דאַנטאָנ איז געווענ ווײַט פונ מעטאַפיזיק, ער האָט ניט ליב גע־האַט צו רײדנ וועגנ פרינציפנ, וועגנ „פאַראַגראַפנ פונ קאַטעכיזיס". ער האָט אַפעלירט צו דער פראַקטיק און נאָר צו דער פראַקטיק פונ דער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקײַט, — קאָנסטאַטירנ מיט שטאָלצ דאַנ־טאָנס בורזשואַזע אַפּאָלאָגעטנ. אינ נאָמענ פונעמ „פאָטערלאַנד" האָט ער אָנגעוויזנ אפ די פאָדערונגענ פונ טאָג און ניט אפ אַבסטראַקטע אי־דעאַלנ. ראָבעספיער און מאַראַט האָבנ געווענדט די בליקנ פונ די מאַסנ צו דער ווײַטער צוקונפט. דאַנטאָנ האָט געגעבנ א דירעקטנ ענטפער אפ די דירעקטע פאָדערונגענ פונעמ מאָמענט. „די רעוואָלוציע, — פלעגט ער זאָגנ, — קאָנ ניט פאַרווירקלעכט ווערנ געאָמעטריש". דאַנטאָנ האָט געגלייבט נאָר אינ ענערגיע, ווײַל זי „שאַפט רע־פובליקנ", לויט זײַנ מיינונג. ער האָט זיכ דעריבער ניט אינטערעסירט מיט די טעאָרעטיש־פאָליטישע מיינונגפאַרשיידנהײַטנ אינ די רייענ פונ דער דעמאָקראַטיע.

אָבער דאָס וואָרט „פאָטערלאַנד" גופע האָט פאַר דאַנטאָנענ פאַר־טאָגט א קאָנקרעטנ קלאַסנ־אינהאַלט. ער האָט פעסט געדענקט, אַז מע מוז גיינ אַנטקעגנ דעמ פאָלק, ווײַל אויב מע וועט דעמ פאָלק ניט געבנ, וואָס אימ קומט, וועט עס זיכ אַליינ נעמענ די גערעכטיקײַט. פונדאַנענ שטאַמט אויכ דאַנטאָנס פאָליטישע פראָגראַמ — די פראָגראַמ פונ א ליבעראַלנ בורזשוא. די פאָדערונגענ פונ דער דעמאָקראַטיע זײַנענ בא אימ ניט געגאַנגענ ווײַטער פאַר די פאָדערונגענ פונ גלײַכ־הײַט קעגנ דעמ געזעצ. שיצנ דאָס אייגנטומ — דאָס איז געווענ איי־נע פונ זײַנע באַליבסטע אידייענ. ער האָט גאָרנישט ניט געוואָלט וויסנ וועגנ די פילאָסאָפישע מיינונגפאַרשיידנהײַטנ פונ זײַנ צײַט.

א דעיִסט א מאַטעריאַליסט, ווי זײַנ לערער דידראָ, האָט ער גע־האַלטנ די רעליגיע פאַר א נייטיקנ „סאָציאַלנ אינסטיטוט" פאַר די מאַסנ, צו אָפּהיטנ די אָרדענונג פונ עקאָנאָמישער אומגלײַכהײַט: „לאָזט זיי איבער, — פלעגט ער זאָגנ, — אָט דעמ פאָרורטייל".

דער גרונט-פרינציפ, דער אנטשיידנדיקער פרינציפ פונ זײַנ אויפירונג איז געװענ אָפּאָרטוניזם, אָפּאָרטוניזם, דערהויבנ צו דער מאדרייגע פונ א דאָגמע. װענ די רעװאָליוציאָנערע באװעגונג איז געגאנגענ בארג-ארופ, האָט ער געלערנט די ליבעראלנ: „זײַט מיטנ פאָלק! מע דארפ זײַנ מיטנ פאָלק". װענ די רעװאָליוציאָנערע כװאליע פלעגט אָפּפאלנ, פלעגט ער דערקלערנ דעמ פאָלק: „יאָ, מיר װעלנ גײנ פאָרויס מיט רעװאָליוציאָנערנ טראָט, אפילע אויב אלצ װעט אומקומענ; אָבער זיגנדיק, לאָמיר געדענקענ װעגנ קלוגשאפט; אינ דער באהעפטונג פונ די בײדע עלעמענטנ װעלנ מיר געפינענ די רעטונג פונעמ פאָטערלאנד". ער איז געװענ א כאטריאָט, און װי א טיפישער בורזשוא, איז ער געװענ גרײט צו רויִנירנ די גאנצע מענטשהײַט אינ נאָמענ פונ די אינטערעסנ פונעמ בורזשואזנ פראנקרײַכ.

מישלע האָט אויסגעצײכנט באמערקט, אז אונטער דער אויסערלעכקײַט פונ אנ אדװאָקאט און פונ א גרויסנ רעדנער האָט אינ דאנטאָנענ געשטעקט אנ עכטער פויער — א באלעגופ. דאָס האָט זיכ געלאָזט פילנ אפילע אינ זײַנ פיגור — אינ דעמ מעכטיקנ האלדז, אינ די ברײטע פלײצעס און אינ די שטארקע הענט. „א שרעקלעכ פאָנעמ פונ א ציקלאָפ, מיט טיפע שפורנ פונ פאָקנ, ענלעכ אפ די פענעמער פונ פויערים פונ די סאמע פארװאָרפענע דערפער... עטװאָס אָפגעשלײַפט אדאנק דער דערציִונג און זײַנ לאגע, איז ער אינ טאָכ געבליבנ אזא, װי ער איז געבאָרנ געװאָרנ: אנ ענערגישער און א כיטרער יונג, װי מע טרעפט אָפט צװישנ די פויערים פונ שאמפאנ — לאפאָנטענס כיטרע לאנדסלײַט... אָט די פאָשעטע מענטשנ זײַנענ פאָשעט נאָר לויטנ אויסזען. זײ נעמענ גרינג איבער יעדע פרינציפנ. װענ זײ נעמענ זיכ צו עפעס, זײַנענ זײ גרײט אָנצונעמענ יעדע צװײפלהאפטע דאָקטרינ מיט א טאָפלטער מאָראל — א געזעלשאפטלעכער און א פערזענלעכער, און צוליב דער צװײטער קאָנענ זײ, װענ מע דארפ, מאקריװ זײַנ די ערשטע".

אָט דעריבער רעדט דאנטאָנ אינ זײַנע רעדעס אזוי אָפט און אזוי פיל װעגנ געלט. פאר געלט געפינט ער אנ אוניװערסאלנ טערמינ: „מעטאָדנ פונ פאָליטישער אופירונג". ניט אײנ מאָל רעקאָמענדירט ער דעמ קאָנװענט צו באנוצנ דאָס דאָזיקע מיטל, װאָס

איז, נאָכ זײַנ מײנונג, דאָס אנטשײדנדיקע אינעם קאמפ קעגנ דער קאָנטררעװאָליוציע: „געלט װעט ראטעװענ פראנקרײַכ"...

אינ דאנטאָנס רעדעס קלינגט זײַנ „איכ" העכער, אײדער בא װעמענ עס איז אנ אנדערנ פונ די טוער פונ דער רעװאָליוציע.

פאר די אלע באזונדערהײַטנ פונ זײַנ טאלאנט האָט דאנטאָנ באקומענ דעם צונאָמענ „מיראבאָ פונעם פעבל". אויב איר װילט, איז אײנע פונ די סיבעס פונ זײַנ דערפאָלג זײַנ אויסערלעכקײַט. „גיט א קוק אפ דעם דאָזיקנ מאָנסטר, — זאָגט מענ פונ אלע זײַטנ. זײַנ פײַערדיקער טעמפעראמענט אונ דאָס, װאָס ער איז װײניק באלעסטיקט מיט פרינציפנ, מאכט אים פאר א באזונדערס פאָפולערנ רעדנער צװישנ די קלײנבירגערלעכע מאסנ פונ פאריז, װאָס די רעװאָליוציע האָט זײ אופגעהױבנ צום קאמפ. זײַנ שטים פארטױבט, װי א זאלפ פונ א הארמאט, װאָס זאָגט אָנ דעם אָנהײב פונ שטורעם... אלײנ ניט קײנ דרײַסטער, פאָדערט דאנטאָנ אומ צו ענערגיע אונ אנטשלאָסנקײַט. זײַנע רעדעס זײַנענ הױלע אימפראָװיזאציע, זײ זײַנענ שטענדיק אימפולסיװ. ער רעדט מיט קורצע אָפגעהאקטע פראזעס, אימפעטפול װארפנדיק זיכ פאָרױס, באפוצנדיק אונ פארשטארקנדיק זײַנ רעדע מיט ברײטע זשעסטנ, שרעקנדיק די צוהערער מיט זײַנ שטים, מיט זײַנע דראָונגענ.

אָט דער רעװאָליוציאָנער איז א טיפּישער בורזשוא אונ האָט ליב צו פוצנ זיכ; דער אינװענטאר פונ דאנטאָנס גארדעראָב באװײַזט, אז דער דאָזיקער פאָליטיקער האָט זיכ פארשטאנענ אפ לוקסוס. „איכ האָב גענוג געהוליעט, גענוג געלאשטשעט מײדלעכ, איצט קאָנ מענ שטארבנ," — אזוי זאָגט ער פאר דער קעפונג, מאכנדיק א סאכאקל פונ זײַנ לעבנ, אונ דער זעלבער דאנטאָנ האָט געפירט א „מוסטערהאפט" פאמיליענ־לעבנ פונ א בורזשוא. װי א טיפּישער בורזשוא, האלט ער אינ אײנ פארגרעסערנ זײַנ אײגנטומ, אינ אײנ קײַלעכדיק מאכנ זײַנ פארמעגנ.

2

אינ די מעמוארנ פונ דאנטאָנס צײַט־כאװײרים, פונ זײַנע פײַנט — אינ לאפאײעטס מעמוארנ אונ אינ די מעמוארנ פונ מאדאם ראָלאנ, אינ די זיכרױנעס פונ דעם ראָיאליסט בערטראנ דע־מאָלעװיל אונ פונ דעם יאקאָבינער לעװאסער, — אומעטום טרעפנ מיר אָנװײַזונגענ,

אז דאנטאָנ האָט זיכ אינ די רעוואָליוציע־יאָרנ ניט געמיִעסט מיטנ גאָלד פונעם קיניגלעכנ הויפ און אפילע מיטנ גאָלד פונעם ענגלישנ מיניסטער פיט. די היסטאָריקער האָבנ צענדליקער יאָרנ איבערגעכאַזערט די דאָזיקע קלאַנגענ. אָבער זיי האָבנ דאָס ניט געקאָנט באַשטעטיקנ מיט דאָקומענטנ. אפילע מישלע, דער היסטאָריקער פונ דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע, רופט אָנ דאנ אָבער „דער אונטערגעקויפטער בונטאר, וואָס האָט באַקומענ געלט פאַר פאַרטיידיקנ דעם הויפ". די דאָזיקע באַשולדיקונגענ געפינענ מיר בא לוי בלאַנ, בא לאַמארטינ און בא וויקטאָר הוגאָ.

שפעטער, צום סאָפ XIX יאָרהונדערטס, זיינענ אנטשטאַנענ מיינונג־פאַרשיידנהייטנ. די בורזשואזע רעפובליקאַנער פונ פראַנקרייכ, די רעפובליקאַנער־אָפּאָרטוניסטנ האָלטנ דאנטאָנענ פאַר זייער לערער. זיי האָבנ אים פראָקלאַמירט אלס א מוסטער פונ רעפובליקאַנישע גוטע מידות; זיי האָבנ אים אָנגערופנ „דער גרויסער מענטש, וואָס רעבעליעס האָט אים געמאַכט צו שאַנד". דער היסטאָריקער אָלאַר און זיינע פאָלגייער — ראָבינע, בוושאר און אנדערע, — האָבנ זיכ אונטערגענומענ צו דערווייזנ, אז דער קאָנווענט איז געווענ אומגערעכט, ווענ ער האָט אינ פרילינג 1794 ארויסגערוקט קעגנ דאנטאָנענ א באַשולדיקונג אינ קאָרופציע.

אינ XX יאָרהונדערט איז קעגנ דעם אנטשיידנ ארויסגעטראָטנ דער קליינבירגערלעכער דעמאָקראַט, דער היסטאָריקער מאַטיעז. קעדיי אויפצושטעלנ אנ אלטאַר זיינ העלד ראָבעספיער, האָט ער געמוזט באַשולדיקנ דאנטאָנענ און דערמיט גופע באַשטעטיקנ דעם באַשלוס פונעם רעוואָליוציאָנערנ טריבונאַל פונ יאָר 1794. דער גרעסטער טייל ארגומענטנ, וואָס מאַטיעז און זיינע פאָרגייער האָבנ געבראַכט, זיינענ נאָר אומדירעקטע באַווייזנ. דירעקטע באַווייזנ איז פאַראנ א סאַך ווייניקער, איידער מע וואָלט געקאָנט מיינענ, באַזונדערס ווענ מע זאָל נעמענ אינ אכט, אז דעם פראָצעס קעגנ דאנטאָנענ פירנ די היסטאָריקער — די דעמאָקראַטנ שוינ קימאַט 140 — 150 יאָר.

לאָמיר אויסהערנ איינעם פונ דאנטאָנס באַשולדיקער, דעם היסטאָריקער לוי בלאַנ:

„דאנטאָנס פערזענלעכקייט, — זאָגט ער, — האָט געמאַכט אָפ די מענטשנ פונ זיינ צייט און אָפ זיינע קומענדיקע ביאָגראַפנ אנ איבערא־

שנדיקן אײַנדרוק; רײדנדיק װעגן אים, פֿלעגן זײ מערסטנטײלס איבערטרײַבן. פֿאַר אײניקע איז ער געװען יופּיטער, פֿאַר די אַנדערע — דער סאַטאַן. אינעם זיקאָרן פֿון אַלע מענטשן פֿון זײַן צײַט איז דאַנטאָנס געשטאַלט געװען פֿאַרבונדן מיט מיראַבאָס געשטאַלט. װי מיראַבאָס פּאָנעם, אַזױ איז אױך דאַנטאָנס פּאָנעם געװען אַ בולעט־אױסדרוקפֿולס, אַ סענסועלס, אַמאָל צוציִענדיק, אַמאָל אָפּשטױסנדיק מיט זײַן מיִעסקײַט; העסלעך און פֿול מיט פּאָקן־שפּורן, מיט אַ שאַרף געצײכנט מױל און אַ װילדן גלאַנץ פֿון שטענדיק ברענעדיקע אױגן, האָט עס געלױכטן פֿונדעסטװעגן מיט גוטסקײַט. מע קאָן ניט לײקענען, אַז דאַנטאָן האָט געהאַט גרױסע זינד און האָט זיך אָפּגעגעבן זײַנע טײַװעס". — אַזױ האָט אָפּ דאַנטאָנען געקוקט ניט נאָר לױִ בלאַן, דער היסטאָריקער פֿון דער רעװאָלוציע, נאָר אױך זײַנע צײַט־כאַװײרים. די מענטשן פֿון זײַן צײַט האָבן שטענדיק געשילדערט דאַנטאָנען אַלס אַ מענטש, װאָס איז ניט פֿרעמד פֿון אײגננוצן און רעכנט זיך װײניק מיט מאָראַל. מע האָט געהאַלטן, אַז ער האָט האָלט געלט און לעבנס־טײַנוגים און פֿאַרגעסט ניט װעגן זײ אַפֿילע אין די סאַמע שטורמישע טעג פֿון דער רעװאָלוציע.

אַ רײ פֿאַקטן באַװײַזן, אַז אין די רעװאָלוציע־יאָרן האָט דאַנטאָן געפֿירט אַ לוסטיק לעבן, אַ לעבן פֿון אַ הוליאַקע. אַלס אַזאַ איז ער פֿאַרבליבן אין דעם אָנדענק פֿון די מענטשן פֿון זײַן צײַט — אַלס אַ מוסטער פֿון ענערגיע, פֿון זיטנלאָזיקײַט און אַפֿילע פֿון ציניזם.

דאַנטאָנען האָט מען באַשולדיקט אין קאָרופּציע.

שױן אין אַפּרעל 1791 האָט קורטואַ, דאַנטאָנס פֿרײַנט, פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בראָשור „אַ בריװ צו אַ פֿראַנצױזישן פּאַטריִאָט", צו אָפּלײקענען די קלאַנגען װעגן דאַנטאָנס קאָרומפּירטקײַט. קורטואַ האָט געװאָלט דערװײַזן, אַז דאַנטאָן פֿלעגט דערװערבן נאַציִאָנאַלע גיטער פֿאַר זײַן געהאַלט. דאַנטאָן האָט זיך ניט אײן מאָל פֿאַרענטפֿערט, און דאָך האָבן די קלאַנגען און די רעכילעס געטאָן װײַטער זײער זאַך. ער איז געװען געצװוּנגען אין האַרבסט 1793 צו מעלדן אין יאַקאָבינישן קלוב: „איר װעט זײַן פֿאַרװוּנדערט, װען איך װעל אײַך באַקענען מיט מײַן פּריװאַטן לעבן, װען איר װעט דערזען, אַז דאָס „קאָלאָ־

סאלע פארמעגנ, וואָס אײַערע און מײַנע פֿײַנט האָבנ מיר צוגעשריבנ, באשטייט פונ א קליינעמ גוט, וואָס איכ האָב שטענדיק פארמאָגט". אָבער די קלאנגענ האָבנ ניט אופגעהערט.

בארעכענענדיק אופמערקזאמ דאנטאָנס פארמעגנ, קומט מאטיעז צו אזא אויספיר: „דאנטאָנ האָט צומ מאָמענט פונ זײַנ טויט פארמאָגט א היפּשנ פארמעגנ: פאר 12 טויזנט ליווער באוועגלעכע גיטער, פאר 125 טויזנט — דערוואָרבענע ערד־גיטער, פאר 30 טויזנט ליווער פארשיידענע מעבל און 12 א האלב טויזנט ליווער קאפיטאל, לעבנסלאנגע רענטע — סאכאקל 179 טויזנט 500 ליווער". איבעריקנס, איז די דאָזיקע סומע עטוואָס קלענער פונ דער ווירקלעכקייט, ווײַל צו איר דארפ מענ נאָכ צוגעבנ, ווי מאטיעז זאָגט, 10 טויזנט פראנק, וואָס זײַנענ באשטימט געוואָרנ לויט דעמ כאסענע־קאָנטראקט דער צווייטער פרוי, און 30 טויזנט ליווער — א מאטאָנע פאר דער זעלבער פרוי. ווענ מע רעכנט אראָפּ אייניקע קליינע כויוועס, האָט דאנטאָנס פארמעגנ אינ אפּרעל 1794 באטראָפנ 203 טויזנט ליווער. אינ 1787 האָט מענ זײַנ פארמעגנ געקאָנט שאצנ סאכאקל אינ 12 טויזנט ליווער!

דאנטאָנ איז רײַכ געוואָרנ, נאטירלעכ, ניט אפנ כעזשבנ פונ זײַנ אדוואָקאטנ־פּראקטיק און ניט אפנ כעזשבנ פונ זײַנ דעפּוטאטנ־געהאלט: זײַנ געהאלט האָט באטראָפנ ניט מער ווי 18 פראנק א טאָג. זאָלנ מיר אײַנשטימענ מיט מאטיעז, אז דאנטאָנ האָט זיכ געמאכט א פארמעגנ פונ כאבאר און פאראט? איז דענ ניט מער זיכער, אז דאנטאָנ, ווי א סאכ אנדערע בורזשוא־רעוואָליוציאָנערנ פונ זײַנ עפּאָכע, האָט ספּעקולירט מיט די נאציאָנאלע גיטער און האָט זיכ דערמיט געשאפנ א פארמעגנ? ביז 1793 האָט דאָס אופקויפנ נאציאָנאלע גיטער געהייסנ אויספילנ א רעוואָליוציאָנערנ כויוו פארנ פאָטערלאנד. די געזעצגעבערישע פארזאמלונג האָט געשטיצט די אָפּעראציעס מיט די נאציאָנאלע ערד־פלעצער. נאטירלעכ, א דעמאָקראט און א יאקאָבינער וואָלט באדארפט פארבאָרגנ זײַנע געשעפטנ, אָבער אזוינע געשעפטנ האָבנ געקאָנט שאפנ און האָבנ געשאפנ פארמעגנ א סאכ מענטשנ. און אויב דאנטאָנ האָט גענומענ אָנטייל אינ ספּעקולירנ מיט די נאציאָנאלע גיטער, — ווי דאָס האָבנ געטאָנ אויכ אנדערע דעפּוטאטנ־געזעצגעבער, — ווערט פונ זיכ אליינ אופגעדעקט דער סאָד פונ זײַנ רײַכטומ, אָנ ריזיקאלישע האשאָרעס וועגנ

דירעקטנ פאראט און וועגנ באַקומענ כאַבאַר פונ דעמ קיניג און פונ דעמ ענגלישנ מיניסטער פיט.

איז דאַנטאָנס גאַנצע פאָליטישע טעטיקייט געווענ דיקטירט פונ דער שטרעבונג צו פראָפיט? מאַטיעז וויל אונדז דאָס איינרעדנ, אָבער ער באַזירט זיכ אינ טאָכ אָפ קנאַפע און אומדירעקטע באַווייזנ. אימ האָט זיכ איינגעגעבנ צו דערווייזנ, אַז דער בורזשואַזער רעוואָליוציאָנער דאַנטאָנ איז געווענ אַ זונ פונ זיינ קלאַס, אַז זיינ אידעאַל איז געווענ דער זיג פונעמ בורזשואַזנ אייגנטומ איבערנ פעאָדאַלנ אייגנטומ, אַז זיינ רייכטומ האָט ער באַטראַכט אַלס רויב פונ די רעוואָליוציאָנערע יאָרנ. אָבער מאַטיעז האָט ניט געקאָנט דערווייזנ, אַז דאַנטאָנ האָט ניט פאַרמאָגט קיינ שומ פראָגראַמ פונ פאָליטישער טעטיקייט, אויסער פערזענלעכנ און פאַרברעכערישנ כאראט. דאַנטאָנס קלאַסנ־זינד שאַצט ער אָפ אַלס פערזענלעכע זינד, און זיינע טאַלאַנטנ און פאָליטישע דערפאָלגנ קאָנ ער ניט דערקלערנ אַנדערש, ווי מיט „צופעליקייטנ“. אַ סאַכ נעענטער צומ עמעס איז דער אויספיר, צו וועלכנ עס איז געקומענ דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר אינ פאַריזש מאָריס. אינ אַ בריוו פונ פאַריזש קיינ וואַשינגטאָנ דעמ 10־טנ אַפרעל 1794, אינ עטלעכע טעג אַרומ נאָכ דאַנטאָנס קעפונג, האָט ער געשריבנ: „דאַנטאָנ האָט שטענדיק געמיינט, — און דאָס איז געווענ זיינ אומגליק, — אַז די סיסטעמ פונ פאָלקס-פאַרוואַלטונג אינ פראַנקרייכ איז אומגעלומפערט, אַז דער האַמוינ איז צו אומוויסנדיק, צו ניט-באַשטענדיק, צופיל פאַרדאָרבנ, ער זאָל קאָנענ שאַפנ אַנ אַדמיניסטראַציע, וואָס באַרוט אָפ געזעצלעכקייט. דאַנטאָנ איז געווענ צופיל אומגעצוימט אינ באַפרידיקנ זיינ אַמביציע און צו שוואַכ צו דערשלאָגנ זיכ די העכסטע מאַכט. דערביי האָט ער געשטרעבט מער צו פאַרמערנ זיינ אייגנס, איידער צו רומ“.

דאָס איז אַ פאָרטרעט ניט פונ אַ פאַרברעכער, נאָר פונ אַ פאָליטיקער פונ דער בורזשואַזיע.

8

די קלאַנגענ וועגנ דאַנטאָנס קאָרומפירטקייט האָבנ ניט געשטערט זיינ פאָפולערקייט און האָבנ ניט אָפגענומענ בא זיינע אַרויסטרעטונגענ די פאָליטישע צילגעווענדטקייט.

דאנטאָנ אימפּאָנירט אַלע בורזשואזע היסטאָריקער — פונ דעם רעאַקציאָנער טענ ביז דעם ליבעראַל אָלאַר — גראָד דערמיט, וואָס ער איז פריי פונ פּרינציפּנ אונ האָט גלענצנדיק דורכגעפירט די סיסטעם פונ אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק.

די בורזשואזיע האָט אינ 1792 אָפּגעשאצט די דאָזיקע „מעלע" דאַנטאָנס, אונ האָט זי אָפּגעשאצט לויט זיינע פאַרדינסטנ. ווענ די רעוואָליוציע האָט אָנגעהויבנ אריבערוואקסנ אינ א בירגערקריג, ווענ פאר דער ליבעראַלער בורזשואזיע האָט זיכ געשטעלט די פראגע וועגנ דעם, ווי צו פאַרהאַלטנ די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פונ דער רעוואָ־ליוציע, האָט זי פאַרשטאַנענ, אז זי מוז מאכנ א „לינקנ מאַנע־ווער" — אָפּווערנ דעם אָנגריפ פונ דער קאָנטררעוואָליוציע, קעדיי איינצוהאַלטנ דעם דראַנג פונ די פאָלקס־מאסנ. דאַנטאָנ איז געווענ איינע פונ די סאַמע פּאַסיקע פיגורנ צום אויספילנ די דאָזיקע אויפ־גאַבע. זיינ קונסט פונ א דעמאַגאָג איז אינ דעם פאַל געווענ באַזונ־דערס נוצלעכ.

דאנטאָנס רעדנער־קונסט, זיינ קענענ נאָענט ווערנ מיט די פאָלקס־מאסנ, זיינ קענענ געפינענ א שטיצע בא די קליינבירגערלעכע מאסנ פונ פאַריזש פאַר דער בורזשואזער פּאָליטיק פונ פּאַרלאַמענט, זיינ קענענ פירנ נאָכ זיכ די אַרבעטנדיקע מאסנ פונ די עקנ שטאָט, קעדיי צו צווינגענ זיי דינענ די אינטערעסנ פונ אנ אַנדער קלאַס, — דאָס האָט פונ אים געמאַכט אנ אויסערסט־ווערטפולע פּאָליטישע פיגור פאַר דער ליבעראַלער בורזשואזיע אונ האָט אים אויפגעהויבנ זומער 1792 אַפ דער הייכ פונ דער רעוואָליוציאָנערער כוואַליע. זיינע פּע־רנ, ווענג וועלכע עס שרייבט אזוי איבערצייגנדיק דער קליינביר־גערלעכער היסטאָריקער מאַטיעז, זיינענ געווענ דער שליסל פונ זיינ פּאָליטישער קאַריערע, — דער קאַריערע פונ א טריבונ פונ דער בור־זשואזער רעוואָליוציע.

ווענ דאַנטאָנ איז אויסגעוויילט געוואָרנ פאַר א מיניסטער אונ האָט זיכ פאַקטיש געשטעלט אינ דער שפּיצ פונ דער רעוואָליוציאָ־נערער רעגירונג, האָט קאָנדאָרסע געשריבנ וועגנ אים: „מיכ האָט מענ באַשולדיקט, וואָס איכ האָב אָפּגעגעבנ מיינ שטימ דאַנטאָנענ צו אויסוויילנ אים פאַר א יוסטיצ־מיניסטער. איז אָט זיינענ מיינע מאָ־טיווּנ: מע האָט באַדאַרפט האָבנ אינ מיניסטעריום א מענטשנ, וועלכער

האָט דעמ צוטרוי פונ דעמ פאָלק, וואָס זײַנ אופשטאַנד האָט אומגעוואָרפנ דעמ טראָנ. מע האָט באַדאַרפט האָבנ אינ מיניסטעריומ א מענטשנ, וואָס זאָל מיט זײַנ ווירקונג קאָנענ אײַנהאַלטנ די קרעאַטורנ פונ דער רומפּולער רעוואָליוציע, אונ מע האָט באַדאַרפט האָבנ, אַז דער דאָזיקער מענטש זאָל מיט זײַנ וואָרט־טאַלאַנט, מיט זײַנ סײכל, מיט זײַנ כאַראַקטער ניט דערנידעריקנ ניט דאָס מיניסטעריומ, ניט די מיטגלידער פונ דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וועלכע האָבנ מיט אימ צו טאָנ. נאָר דאַנטאָנ האָט פאַרמאָגט די דאָזיקע אײגנשאַפטנ. איכ האָב אימ אויסגעוויילט אונ איכ האָב ניט קײנ כאַראָטע דערופ. ס'איז מעגלעכ, אַז ער טרײַבט עטוואָס איבער די יעסוידעס פונ דער פאָלקס־קאָנסטיטוציע אינעמ זינ פונ איבעריקע האַנאָכעס דעמ פאָלק... אָבער דער פּרינציפּ צו האַנדלענ נאָר מיטנ פאָלק אונ דורכנ פאָלק, אָנפירנדיק מיט אימ, איז דער אײנציקער פּרינציפּ, וואָס קאָנ ראַטעווענ די געזעצנ בײַס דער פאָלקס־רעוואָליוציע. אַלע פּאַרטײענ, וואָס טײלנ זיכ אָפּ פונ פאָלק, קומענ אומ צוזאַמענ מיט דער רעוואָליוציע״.

אַזוי האָט די בורזשואַזיע אָפּגעשאַצט דאַנטאָנס פּאָליטישע באַדײַטונג אינ די יאָרנ פונ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג, אונ ס'איז קײנ ווונדער ניט, וואָס באַ איר שטיצע, אָנשפּאַרנדיק זיכ אָפּ די קלײנבירגערלעכע מאַסנ פונ פּאַריז, איז דער אַדוואָקאַט דאַנטאָנ אינ פרילינג 1792 געוואָרנ איר פירער נאָכ דער רעוואָליוציע פונ 10-טנ אווגוסט. אינ די יאָרנ פונ קאָנווענט האָט דאַנטאָנ געשפּילט די זעלבע ראָליע, אונ דאָס האָט מאַרקסנ געגעבנ דאָס רעכט צו רײדנ וועגנ דאַנטאָנענ אַלס דעמ פירער פונ דעמ „זומפּ״ (דעמ „זומפּ״ האָט אינ די רעוואָליוציאָנערע יאָרנ געבילדעט די צאָלרײַכע פראַקציע דעפּוטאַטנ פונ קאָנווענט, וואָס איז געזעסנ צווישנ די מאָנטאַניאַרנ אונ די זשיראָנדיסטנ). אַלס פירער פונעמ „זומפּ״ האָט דאַנטאָנ געהאָפט, אַז ער וועט זיכ קאָנענ דערשלאָגנ צו א שאָלעמ צווישנ די בײדע פײַנטלעכע פּאַרטײענ.

צומ אונטערשייד פונ די זשיראָנדיסטנ, די קאָנסעקווענטע פאָרשטײער פונ דער האַנדל־אינדוסטריעלער בורזשואַזיע, פאַרטײדיקט דאַנטאָנ דאָס אײגנטומ, גײענדיק אָפּ א קאָמפּראָמיס מיט די פּלעבײִשע מאַסנ. דאַנטאָנ וויל זײַנ דער קאָפּ פונ די דאָזיקע מאַסנ,

וואָס זײַנענ ניט קלאסנ־אָרגאניזירט און שלעפנ זיך נאָכ נאָכ דער בורזשואזיע. אזוי לאנג ווי דאנטאָנענ האָט זיך — אײַנגעגעבנ אָנצופירנ מיט די דאָזיקע מאסנ, איז די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע געווענ פעלדזנפעסט. איר מאכט האָט געקאָנט זײַנ אינ געפאר נאָר אינ דעם פאל, ווענ די פלעבייִשע אָפּאָזיציע וואָלט געפונענ איר אייגענעם פירער און וואָלט אָפּגעוואָרפנ דאנטאָנענ.

אינ 1792, אינ מאָמענט פונ פארטיפונג פונ דער רעוואָליוציע, אינעם ערשטנ פעריאָד פונ בירגערקריג, זײַנענ דאנטאָנס פערזענלעכע אײגנשאפטנ, זײַנע מײַלעס און זײַנע כעסרוינעס געווענ א מערקווירדיקע קאָמבינאציע פונ דעמאגאָגיע און בורזשואזנ פארנונפט, — דער דעמאָקראטישער אָפּאָרטוניזם, וואָס האָט געהאָלפנ די פאָלקסמאסנ אראָפּצוּווארפנ דעם קיניג, און דער בורזשואזיע — אײַנצוהאלטנ די מאכט אינ אירע הענט. דאנטאָנ האָט ניט ליב געהאט צו שרײַבנ. ער האָט געווירקט מיטנ וואָרט, אָבער אינ די רעוואָליוציע־יאָרנ איז דאָס וואָרט געווענ א מעכטיק געווער פונ קאמפ, מיטנ וואָרט איז געווענ ענג פארבונדנ די רעוואָליוציאָנערע ארבעט. דער רעדנערישער טאלאנט האָט געמאכט פונעם נעכטיקנ אדוואָקאט א טריבונ פונ די פאָרשטעט, און פונ דעם טריבונ — א מיניסטער פונ דער רעוואָליוציע, לויטנ ווילנ פונ פאָלק, אָבער אינ די אינטערעסנ פונ דער בורזשואזיע.

די שפעטערדיקע בורזשואזע פאָליטיקער האָבנ געפרוווט נאָכמאכנ דאנטאָנס אָפּאָרטוניזם, זײַנ פרינציפלאָזע פאָליטיק פונ צופאסונג, פונ צווייפענעמדיקײַט. וועגנ דאנטאָנענ, „דעם מײַסטער פונ רעוואָליוציאָנערער טאקטיק”, וועגנ דאנטאָנענ דעם גרויסנ רעוואָליוציאָנער האָבנ זיי פארגעסנ. אָט דער דאנטאָנ איז זיי געווענ פרעמד און פײַנטלעכ.

דאנטאָנ — אָט דער בורזשוא, דער רעוואָליוציאָנער — איז געווענ אינ די אנשיידנדיקע טעג פונ דער רעוואָליוציע, אינ די אומפארגעסלעכע טעג פונ 1792 און 1793 „דער מײַסטער פונ דער רעוואָליוציאָנערער טאקטיק”, ווי מארקס און לענינ האָבנ אימ גערופנ. אָבער גלײַכצײַטיק, אלס א בורזשוא־א רעוואָליוציאָנער, איז ער געווענ אנ אָפּאָרטוניסט, א מענטש פונ דעם „זומפּ”. דאנטאָנ האָט געהאָפט, אז אימ וועט זיך אײַנגעבנ צו דערשלאָגנ זיך א פארייניקונג צווישנ דעם „בארג” און דער זשיראָנדע. פונ די זשיראָנדיסטנ האָט ער זיך אונטערשיידט דערמיט, וואָס ער האָט פארשטאנענ די

ראָליע און די באַדײַטונג פונ די פּלעבײיִשע מאסנ אינעם קאמפּ קעגנ דעם פעאָדאליזם, פונ די מאָנטאניארנ האָט אים אָפּגעטײלט דער אומצוטרוי צו די דאָזיקע מאסנ. דאנטאָנ האָט געהאָפט צו שטײנ אינ דער שפּיצ פונ די דאָזיקע מאסנ אינ קאמפּ פאר א בורזשואזער רעפּובליק. ער האָט געהאָפט, אז דער בורזשואזיע װעט זיכ אײַנגעבנ אײנמאָל פאר אלעמאָל מיטצוציִענ זי נאָכ זיכ, צובינדנ זי אפּ לאנג צו איר טריומפאלנ רײַטװאָגנ. דאנטאָנ האָט פארשטאַנענ, אז מיט דער זעלבסטהערשונג דארפ מענ פארענדיקנ די כעזשבוינעס „פּלעבײיִש", און אינ דער זעלבער צײַט האָט ער געװאָלט א רעפאָרמיסטישע פּאָליטיק. דערמיט האָט זיכ דאנטאָנ אונטערשײדט פונ דער זשיראָנדע און דעם „בארג"; דערינ איז באשטאנענ זײַנ „אומפּארטײיִשקײַט", װאָס געפעלט אזוי זײַנע בורזשואזע ביאָגראפנ; דאָס איז געװענ זײַנ שװאכע זײַט, דאָס איז געװענ די סיבע פונ זײַנ אומקום.

אַנמערקונגען

צו זײַט 4

קאָלעזיט — א מיטלשול.

אָראַטאָריאַנער — א מאָנאַכן־אָרדען.

צו זײַט 5

לודוויג XVI (1774—1793), קיניג פון פראַנקרײַך, אין דער צײַט פון זײַן קיניגן, אין 1789, איז אויסגעבראָכן די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָ־ליוציע. דעם 21 יאַנוואַר 1791 געקעפּט לויטן באַשלוס פון קאָנווענט.

צו זײַט 7

דידראָס „ענציקלאָפּעדיע אָדער דערקלערונג־ווערטערבוך פון וויסנשאַפטן, קונסט און האַנטווערק״ (1751—1780) איז אַרויסגעגאַנגען באַם רעדאַקציאָנעלן אָנטייל פון ד'אַלאַמבער. האָט גרופּירט אַרום זיך די פאָרגעשריטענע דענקער און געלערנטע פון פראַנקרײַך אין XVIII יאָרהונדערט. געווען אַ ציטאַדעל פון דער בורזשואַזיע אין איר קאַמף קעגן דעם אַבסאָליוטיזם און דעם קיניג. האָט אַנטהאַלטן 35 גרויסע בענדער.

צו זײַט 8

ראַבלע (1495—1553), דער גרעסטער פראַנצויזישער דיכטער פון דער רע־נעסאַנס־עפּאָכע, דער אידעאָלאָג פון דעם דעמאָלט אויפשטײַגנדיקן קלאַס — פון דער בורזשואַזיע.

קאָרנעל (1606—1684), אַ דראַמאַטורג, איינער פון די גרינדער פון דער פראַנצויזישער קלאַסישער טראַגעדיע.

וואָלטער (1694—1778), איז אַרויסגעטראָטן אין זײַנע פילאָסאָפישע און סאַ־טירישע ווערק דעריקער קעגן דער קירך און דעם אַבסאָליוטיזם.

צו זײַט 11

רעמולען קאַמיל (1763—1794), אַ זשורנאַליסט, דאַנטאָנס פרײַנט.

עראָ דע־סעשעל (1759—1794) געקעפּט געוואָרן צוזאַמען מיט דאַנטאָנען.

דעלאקרוא (1734—1794), א מיטגליד פון דער נאציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, געקעפּט געוואָרן צוזאַמען מיט דאַנטאָנען.

וועסטערמאַנ (1755—1794), גענעראַל, דאַנטאָנס פריַנט, געקעפּט געוואָרן צוזאַמען מיט אים.

פיליפאָ (1759—1794), א מיטגליד פון קאָנווענט, דאַנטאָנס פריַנט, געקעפּט געוואָרן צוזאַמען מיט אים.

באַרנאַוו (1761—1793), געקעפּט געוואָרן פאַר באַטייליקן זיך אין א מאָנאַרכיסטישער פאַרשווערונג.

פעטיאָנ (1753—1794), דער מער פון פאַריזש פון נאָיאַבער 1791 ביז דער רעוואָליוציע פון 10־טן אווגוסט 1792.

װערניאָ (1753—1793), איינער פון די בעסטע זשיראָנדיסטישע רעדנער.

באַרער (1755—1841), ביז דער רעוואָליוציע פון 10־טן אווגוסט 1792 — א קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיסט, בײַסנ טעראָר — אַ אָנהענגער פון ראָבעספּיערן.

ראָבעספּיער מאַקסימיליאַנ (1758—1794), בײַסנ טעראָר דער פאַקטישער הויפּט פון דער רעגירונג, וועלכע האָט פאַרווירקלעכט די דיקטאַטור פונעם רעוואָליוציאָנערן קליינבירגערטום.

פרײַמויערער, פראַנק־מאַסאָנען — א רעליגיעז־פילאָסאָפישע געזעלשאַפט. אנטשטאַנען אין ענגלאַנד אין אָנהייב XVIII יאָרהונדערט. די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט האָבנ געהייסנ **לאָזשעס**. די געזעלשאַפט איז געווען א געהיימע און האָט פּראַקטיקירט א מיסטישן צערעמאָניאַל. בא איר אנטשטייונג האָט זי פאַרייניקט די בורזשואַז־אַריסטאָקראַטישע קרײַזן.

זשיראָנדיסטנ (אָדער: די זשיראָנדע) — א פּאָליטישע גרופּירונג אין פראַנקרײַך אין XVIII יאָרהונדערט, די פּאַרטיי פון דער האַנדל־אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. בא איר אנטשטייונג איז זי אַרויסגעטראָטן קעגן דער זעלבסטהערשונג, שפּעטער געקעמפּט קעגן די מאָנטאַניאַרנ און די פאָלקס־מאַסן פון פּאַריזש.

קאָנדאָרסע (1743—1794), — א מאַטעמאַטיקער, א פילאָסאָף און אַן עקאָנאָמיסט.

צו זײַט 14

ליע — א לענג־מאָס אין פראַנקרײַך, 4445 מעטער.

לודוויג XIV (1638=1715), קיניג זינט דעם יאָר 1643. דער סאַמע אויסגעשפּראָכענער פאָרשטייער פונעם אַבסאָליוטיזם.

ליווער (ליוור) — אַן אַלטע פראַנצויזישע זילבערנע מאַטבייע.

צו זײַט 18

מאַנסאַרדע — א בוידעם, א וווינונג אונטערן דאַך.

רוסאָ (1712—1778), דער גרינדער פון ראַדיקאַלן דעמאָקראַטיזם אין פראַנקרײַך.

צו זײַט 20

ע ק י ו — אנ אלטע פראנצויזישע זילבערנע מאטבײַע.

צו זײַט 21

ס ו — א קלײַנע פראנצויזישע מאטבײַע (5 סאנטימ).

ק אָ מ פ א נ י א ז ש נ — געזעלנ־פארײַנענ אינ פראנקרײַכ, אנטשטאנענ אינ XIX יארהונדערט. פלעגנ ארגאניזירנ קעגנזײַטיקע הילפ פאר זײערע מיטגלידער אונ ארויסטרעטונגענ קעגנ די מײַסטערס.

צו זײַט 22

ס ע ר וו — אנ אפהענגיקער לײַביגענער פויער.

צו זײַט 23

ס ע נ י אָ ר נ — הארנ די פריצימ — די אדל־לײַט.

צו זײַט 26

ס י ע ס (1748—1836), דער אויטאר פונ דער בראָשור „וואָס איז אזוינס דער דריטער שטאנד“, וועלכע האט געשפילט די ראָליע פונ א פאָליטישער פלאט־פארמ פונ דער פראנצויזישער בורזשואזיע ערעוו דער גרויסער רעוואָליוציע.

צו זײַט 27

מ י ר א ב אָ (1749—1791), א טאלאנטפולער רעדנער, דער לידער פונעמ אָפאָ־זיציאָנעלנ אדל. בײַסנ קאמפ פונ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג קעגנ ליוד־וויג XVI נאָכ אינ 1789 פארקויפט זיכ דעמ הויפ.

נ אָ ט א ב ל ע נ — פאָרשטײַער פונ די פריווילעגירטע שטאנדנ — פונ דעמ אדל אונ דעמ קלער.

צו זײַט 34

ב א ס ט י ל י ע — אנ אלטער שלאָס אינ פאריז, ביז דער גרויסער פראנצוי־זישער רעוואָליוציע געווענ א טורמע פאר פאָליטישע פארברעכער.

פ א ל ע ־ ר אָ י א ל — דער געוועזענער קיניגלעכער פאלאצ אינ פאריז. ארומ דעמ פאלאצ איז געווענ א סאד. בײַס דער רעוואָליוציע איז דער סאָד אונ די ארומיקע קאפעענ אויסגענוצט געוואָרנ אלס א צענטער פונ אגיטאציע.

ד ע ר ד י ס ט ר י ק ט פ ו נ ד י ק אָ ר ד ע ל י ע ר נ — דער ראיאָנ, וווּ עס האט זיכ אײַנגעפונענ דער קלויסטער פונ די קאָרדעליערנ (א מאָנאכנ־אָרדענ), אײנער פונ די סאמע דעמאָקראטישע ראיאָנענ בײַס דער פראנצויזישער רע־וואָליוציע.

צו זײַט 36

זשאקעריע — א פויערשער אופשטאנד אין פראנקרײַך אין XIV יאָרהונדערט. פון דעמלט אָן איז דער דאָזיקער נאָמען געוואָרן א קאָל־נאָמען פאר אן אופשטאנד פון פויערים.

צו זײַט 37

באיי (1736—1796), דער מער פון פאריזש ביזן יאָר 1791. אין קאָנווענט האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן די זשיראָנדיסטן.

לאפאיעט (1757—1834) — אין 1789 געווען דער שעף פון דער נאציאָנאלער גווארדיע, אין 1792 — דער הויפט־קאָמאנדיר פון דער רעוואָליוציאָנערער ארמיי, געפרווט אופהייבן אן אופשטאנד אין דער ארמיי, קעדיי ניט דערלאָזן אראָפוואַרפן די מאָנארכיע. נאָכן 10־טן אווגוסט 1792 — אן עמיגראנט.

צו זײַט 41

מאבלי (1709—1785), א מיטארבעטער פון דער „ענציקלאָפעדיע", האָט געפריידיקט עקאָנאָמישע און פאָליטישע גלײַכהײַט.

די דעקלאראציע וועגן די רעכט פון א מענטשן און א בירגער — אָנגענומען געוואָרן אין דער נאציאָנאלער פארזאמלונג דעם 2־טן אָקטיאבער 1789 און אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער קאָנסטיטוציע פון יאָר 1791 אלס אן אײַנפיר־טייל. פראָקלאמירנדיק די „נאטירלעכע" רעכט פון פאָליטישער פרײַהײַט, גלײַכהײַט און פאָלקס־הערשאפט, האָט די „דעקלאראציע" געהאט א רעוואָליוציאָנערע באדײַטונג בײַם דעם קאמף קעגן דער קיניגלעכער מאכט און די רעשטן פון דער פעאָדאלער אָרדענונג. שפעטער האָט זי געדינט אלס די אידעאָלאָגישע פאָרמולע פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדענונג, וואָס מאסקירט מיט אבסטראקטע אידייען פון פערזענלעכער פרײַהײַט און גלײַכהײַט די פאקטישע הערשאפט פון דער בורזשואזיע.

צו זײַט 42

מאראט (1743—1793), — ביז דער רעוואָליוציע א דאָקטער און א פיזיקער, בײַם דער רעוואָליוציע — א זשורנאליסט, דער ארויסגעבער פון דער צײַטונג «L'ami du Peuple» האָט געפריידיקט אן אופשטאנד פון די פאָלקס־מאסן צו פארכאפן די מאכט און אויספילן די סאָציאלע אופגאבן פון דער רעוואָליוציע. דעם 10־טן יול 1793 האָט אים דערהארגעט אן אגענט פון די מאָנארכיסטן שארלאָטע קאָרדע.

די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָט עקזיסטירט פון 23־טן יונ 1789 ביזן 30 סעפטיאבער 1791. זי איז געשלאָסן געוואָרן נאָך דעם, ווי זי האָט אָנגענומען די קאָנסטיטוציע, וואָס פארפעסטיקט די מאכט פון דער בורזשואזער אריסטאָקראטיע.

לוסטאלאָ (1761—1790), אדוואָקאט אונ זשורנאליסט.
פרעראָנ (1765—1802), מאראטס אנ אָנהענגער; שפּעטער אריבער־אפּנ צאד פונ דער רעאקציע.

צו זײַט 45

דער קלוב פונ די קאָרדעליערנ—געגרינדעט געוואָרנ אינ 1790. ער האָט פאריייניקט די עקסטרעמע עלעמענטנ פונ די מאָנטאניארנ, — די, וואָס האָבנ געמאכט די איבערקערעניש פונ 10־טנ אווגוסט 1792. ־דער דאָזיקער קלוב האָט זיכ אויכ אָנגערופנ „געזעלשאפט ־פרײַנט פונ די רעכט פונ א מענטש אונ א בירגער". אינ 1793 איז ער געווענ דער אָרגאניזאציאָנעלער צענטער פונ די „מעשוגע־ווילדע" אונ די עבערטיסטנ, אונ אינ 1794 האָט אימ ראָבעספיער צעגראָמירט.

צו זײַט 46

פאבר ד'עגלאנטינ (1755—1794) — דאנטאָנס סעקרעטאר, א דראמא־טורג, צוזאמענ מיט ראָמ געווענ דער אווטער פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאלענ־דאר. א מיטגליד פונ קאָנווענט, געקעפּט געוואָרנ צוזאמענ מיט דאנטאָנענ.
מאָמאָראָ (1756—1794), עבערס אנ אָנהענגער, א דרוקער, א מיטגליד פונעמ קלוב פונ די קאָרדעליערנ, אנ אָנטיילנעמער פונ דער איבערקערעניש פונ 10־טנ אווגוסט 1792.
לעזשאנדר (1756—1797), פונ פאכ א קאצעוו, איינער פונ די אָנפירער פונעמ האמויכ באמ אײַנעמענ די באסטיליע, אנ אקטיווער מיטגליד פונעמ קאָר־דעליערנ־קלוב, אנ אָנטיילנעמער פונ דער איבערקערעניש פונ 10־טנ אווגוסט 1792, א דאנטאָניסט.

צו זײַט 47

קלאָאָטס (1755—1794), לויט זײַנ אָפּשטאמונג א דײַטש, א פילאָסאָפ, דער איניציאַטער פונעמ „קולט פונ פארנונפט", דער פריידיקער פונ דער אידיי וועגנ דער „אלמענטשלעכער ברידערלעכקײַט". געקעפּט געוואָרנ צוזאמענ מיט די עבערטיסטנ.
ראָבער (1763—1826), א מיטגליד פונעמ קאָרדעליערנ־קלוב, דאנטאָנס א פרײַנט. נאָכ דעמ ווי ס'איז באוויסט געוואָרנ, אז ער ספּעקולירט מיט ראָמ, האָט ער זיכ דערווײַטערט פונ פּאָליטישנ לעבנ.
עבער (1757—1794), א מיטגליד פונ דער אינסורגענטישער קאָמונע פונ 10־טנ אווגוסט 1792, אנ אָנהענגער פונ מאראָ, האָט געפירט א ביטערנ קאמפ קעגנ די זשיראָנדיסטנ, שפּעטער — קעגנ די דאנטאָניסטנ. דער פירער פונעמ עקסט־לינקנ פליגל פונ די יאקאָבינער, וואָס האָט פארגעשטעלט די אינטע־רעסנ פונ די פלעבייִשע מאסנ פונ די פּאריזשער פּאָרשטעט. געקעפּט געוואָרנ פרילינג 1794.

צו זייט 48

די קאָמונע פֿון פּאַריז — די פּאַריזער שטאָטישע זעלבסטפֿאַרוואַל־טונג.

די ערשטע קאָמונע האָט זיך אָרגאַניזירט זומער 1789 פֿון די פֿאָר־שטייער, וואָס די דיסטריקטן (ראַיאָנען) האָבן אויסגעשיקט צום אויסוויילן דע־פּוטאַטן אין די גענעראַלע שטאַטן. ביז דעם פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד האָט די דאָ־זיקע „פֿאַרזאַמלונג פֿון וואַלמענער" נישט געשפּילט קיין אַקטיווע ראָליע, אָבער נאָך דעם, ווי דאָס פֿאָלק האָט געזיגט, איז זי רעאָרגאַניזירט געוואָרן און האָט גענומען אויף זיך אַ רײ פֿונקציעס פֿון דער שטאָטישער פֿאַרוואַלטונג. די מערהייט האָבן אין דער קאָמונע געבילדעט די מאָנאַרכיסטישע עלעמענטן אין דער שפּיץ מיט דעם שעף פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע לאַפֿאַיעט און דעם מער באַיִי. פֿון יולי 1789 ביז יוני 1790 האָבן די דעמאָקראַטישע שיכטן פֿון פּאַריז געקעמפֿט קעגן דער בורזשואַזער קאָמונע. אין יוני 1790 האָט די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, וואָס האָט געגעבן וואַלרעכט בלויז די פֿאַרמעגלעכע עלעמענטן, און אויפֿן סמך פֿון דעם דאָ־זיקן געזעץ איז געבילדעט געוואָרן

די צווייטע קאָמונע. זי האָט עקזיסטירט ביזן 10־טן אויגוסט 1792. דעמאָלט האָבן די אינסורגענטן — די יאַקאָבינער געבילדעט

די אינסורגענטישע קאָמונע. זי האָט עקזיסטירט ביזן 2־טן דע־קאַבער 1792.

בײַ די נײַע וואַלן האָבן די אויבערהאַנט באַקומען די רעוואָלוציאָנערע עלע־מענטן און די נײַע קאָמונע האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָליע אינעם קאַמף קעגן די זשיראָנדיסטן.

צו זייט 54

שאַטלע — אַן אַלטער שלאָס אין פּאַריז. דאָרטן האָט זיך אײַנגעפֿונען דער קרימינאַל־געריכט. אינעם קרימינאַל־געריכט זײַנען געבליבן די פֿאַר־רע־וואָלוציאָנערע באַאַמטע, ריכטער און פּראָקוראָרן, און ביזן 10־טן אויגוסט 1792 איז דער „געריכט פֿון שאַטלע" געווען אַ געווער פֿון דער קאָנטררעוואָלוציע.

צו זייט 55

באַבעף גראַקך (1760—1797) אין די יאָרן 1792—1793 אַן עקסטרעמער יאַקאָבינער, אַ פֿאַרטיידיקער פֿונעם „אַגראַר־געזעץ" (אַ געזעץ וועגן פֿאַנאַנ־דערטיילן די ערד צווישן דער נישט־פֿאַרמעגלעכער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג); אין 1796 אָרגאַניזירט אַ קאָמוניסטישע „פֿאַרשווערונג פֿון די גלײַכע" צו פֿאַר־באַפֿן די מאַכט און פֿאַרניכטן די עקאָנאָמישע אומגלײַכהייט. די פֿאַרשווערונג איז אויפֿגעדעקט געוואָרן, און אירע אָרגאַניזאַטאָרס זײַנען געקעפּט גע־וואָרן.

צו זײַט 56

פורניע — דער אַמעריקאַנער (1745—1823), אַן אָרעם געהאָרענער פּלאַנטאַטער פונעם אינדזל סאַנ־דאָמינגאָ. בײַם דער רעוואָלוציע אַן אָנטײלנעמער פון אַלע פאָלקס־אױפשטענדונגען, אײנער פון די רעדנער פון יאַקאָבינישן קלוב, נאָכדעם — פונעם קלוב פון די קאָרדעליערן.

דער קאָנווענט איז צונױפגערופן געװאָרן אין סעפּטעמבער 1791 און האָט עקזיסטירט ביזן 26 אָקטאָבער 1795. אין דעם דאָזיקן פּעריאָד צײַט האָט געהערשט דער „באַרג" — די פאַרטײַ פונעם קלײנבירגערטום. קעמפנדיק קעגן דער קריגס־געפאַר מיצאַד דער פעדעראַלער אײראָפּע, האָט דער „באַרג" אײַנגעפירט אין פראַנקרײַך דעם רעזשים פון רעוואָלוציאָנערן טעראָר.

דער יאַקאָבינישער קלוב — דער עלטסטער פון די קלובן בײַם דער גרױסער פראַנצױזישער רעוואָלוציע. אָרגאַניזירט האָט אים זומער 1789 אַ גרופּע דעפּוטאַטן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, װאָס האָט געשטאַמט פון ברעטאַן. אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זײַן עקזיסטענץ האָט ער פאַרײניקט קאָנסטיטוציאָנאַליסטן פון פאַרשידענע ריכטונגען. אין יול 1791 זײַנען פון קלוב אַרױסגעטראָטן די „פעיאַנטן" — די מאָנאַרכיסטן און דער קלוב איז געװאָרן אַן אָרגאַן פון קאַמף צװישן די זשיראָנדיסטן און מאָנטאַניאַרן. דער קלוב האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער איבערקערעניש פון 10טן אױגוסט 1792. װען די זשיראָנדיסטן זײַנען געפאַלן, איז דער קלוב געװאָרן דער צענטער פון די מאָנטאַניאַרן און די אָנפירנדיקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע בײַם דעם טעראָר. נאָך דעם װי ראָבעספּיער איז געפאַלן, איז ער צעטרעטן געװאָרן (אין נאָיאַבער 1794).

צו זײַט 62

לע־שאַפּעליע (1754—1794), אַן אַדװאָקאַט, אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, דער אױטאָר פונעם געזעץ װעגן פאַרבאָטן די אַרבעטער־פאַרײנען. נאָך דעם קיניגס אומגעלונגענעם פּרוּװ צו אַנטלױפן האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן די מאָנאַרכיסטן און האָט עמיגרירט. אין 1794 האָט ער זיך אומגעקערט קײן פראַנקרײַך און איז געקעפּט געװאָרן.

מאַריע־אַנטואַנעטע — די קיניגן, לודװיג דעם XVI פרוי.

צו זײַט 67

בריסאָ (1754—1793), אײנער פון די פירער פון די זשיראָנדיסטן.

צו זײַט 68

לאַקלאָ (1741—1803) — אַ שרײַבער, אַ ראָמאַניסט און אַ פּובליציסט, דעם הערצאָג פון אָרלעאַן אַ פערזענלעכער פרײַנט און זײַן סעקרעטאַר געװען אַ מיטגליד פון יאַקאָבינישן קלוב.

צו זײַט 71

שאָמעט—עבערס אַן אָנהענגער:
אַנריאָ (1761—1794), אַן אָנטײלנעמער פון דער איבערקערעניש פון יאָר 1792. אין מײַ—יוני 1793 געווען שעף פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און האָט געשפּילט אַן אַנטשײדנדיקע ראָליע אינעם פאַלן פון די זשיראָנדיסטן. גע־קעפּט געוואָרן צוזאַמען מיט ראָבעספּיערן.

צו זײַט 74

די גענעצגעבערישע פאַרזאַמלונג איז אויסגעוויילט געוואָרן אַפ דער באַזיס פון דער בורזשואַזער קאָנסטיטוציע פון יאָר 1791 און האָט עק־זיסטירט ביז סעפּטעמבער 1792. אין דער צײַט פון איר טעטיקײַט האָט זיך פאַרשאַרפט די קריגס־געפאַר, ס׳איז געשטיגן די ווירקונג פון די זשיראָנ־דיסטן און עס האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט דער בירגערקריג. דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו דער איבערקערעניש פון 10־טן אויגוסט 1792.

צו זײַט 82

קלאַוויער (1735—1793), אַ זשענעווער באַנקיר, געקערט אַ מיטאַרבעטער, געווען פינאַנצ־מיניסטער אינעם זשיראָנדיסטישן מיניסטעריום (אָנהײב 1792).
סערוואָן (1741—1808), געווען קריגס־מיניסטער אינעם זשיראָנדיסטישן מי־ניסטעריום (אָנהײב 1792).
ראָלאַן (1754—1793), געווען אינערן־מיניסטער אינעם זשיראָנדיסטישן מי־ניסטעריום (אָנהײב פון יאָר 1792).

צו זײַט 85

סאַנטער (1752—1809) — אײנער פון די אָנפירער פונעם האַמוין באַם אײַנעמען באַסטיליע און אין דער איבערקערעניש פון 10־טן אויגוסט 1792. נאָכן 10־טן אויגוסט—שעף פון דער פּאַריזשער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. באַ־טייליקט זיך אין דערשטיקן דעם וואַנדייער אויפשטאַנד.
סאַנקיולאָטן — די שטאָטישע אָרעמשאַפט, די קלײנבירגערלעכע און האַלב־פּראָלעטאַרישע פלעבײיִשע עלעמענטן, די וויכטיקסטע שלאַכט־קראַפט אין אַלע רעוואָליוציאָנערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס און אויפשטענדען דעם 14־טן יולי 1789 (באַם אײַנעמען באַסטיליע), דעם 5—6־טן אָקטיאַבער 1789, אין דער איבערקערעניש פון 10־טן אויגוסט 1792 אאַוו. דער נאָמען „סאַנקיולאָט״ שטאַמט פון די פראַנצויזישע ווערטער „סאַנ״ (sans —„אָן״) און „קיולאָט״ (cullots — „קורצע הויזן״). די פאָרשטײער פון די העכערע קלאַסן פלעגן דעמאָלט טראָגן הויזן ביז די קני, און די סאַנקיולאָטן פלעגן טראָגן לאַנגע הויזן.

צו זײַט 87

דער הערצאָג פון בראונשווײַג (1735—1806) — דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער פּרײַסישער אַרמײ אינעם קאַמף פון די אינטערווענטן קעגן דעם רעוואָליוציאָנערן פראַנקרײַך.

ראָיאַליסטן — מאָנאַרכיסטן.

וואַנדײע — אַ פּראָווינץ אין מײַרעוו פון פראַנקרײַך. די אינדוסטריעלע אָפּגעשטאַנענקײט פון דער פּראָווינץ, די מאָנאַרכיסטישע שטימונגען פונעם פּויער־נ׳ם האָבן געגעבן דעם אַדל און דעם קלער די מעגלעכקײט צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ צענטער פון דער אינערלעכער קאָנטררעוואָליוציע. דער וואַנדײיִשער אופשטאַנד איז אויסגעבראָכן אין אָנהײב פון יאָר 1793 און איז אײן צײַט געווען אַן ערנסטע געפאַר פאַר דער רעפּובליק.

צו זײַט 88

גאַדע (1735—1794) און זשאַנסאָנע (1758—1793) — זשיראָנדיסטן. דער לעצטער איז געווען אײנער פון די פירער פון דער זשיראָנדע.

צו זײַט 89

די פעדעראַטן — די וואָלאָנטיאָרן (פרײַוויליקע) פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס זײַנען רעקרוטירט געוואָרן אין דער פּראָווינץ און זײַנען געקומען קײן פּאַריז אַף דער פײַערונג פון דער פעדעראַציע דעם 14־טן יול 1792 (דעם דריטן יאָרטאָג פון אײַנעמען באַסטיליע). אונטער דער ווירקונג פון דער רעוואָליוציאָנערער אַגיטאַציע פון די יאַקאָבינער האָבן זײ גענומען אַן אַקטיוון אָנטײל אין אַראָפּוואַרפן די מאָנאַרכיע דעם 10־טן אויגוסט 1792.

צו זײַט 92

די אינסורגענטישע קאָמונע איז באַשטאַנען פון די קאָמיסאַרן פון די סעקציעס, וואָס האָבן באַקומען „אומבאַגרענעצטע פולמאַכטן צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד״ און אַן „אופזיכט־קאָמיטעט״. דער „אופזיכט־קאָמיטעט״ האָט געשפּילט די אָנפירנדיקע ראָליע. די דאָזיקע רעוואָליוציאָנערע קאָמונע האָט עקזיסטירט ביזן 2־טן דעקאַבער 1792.

צו זײַט 93

ראָסיניאָל (1759—1802) — געווען אַ געזעל בײַ אַ גאָלדשמיד. אַ פּאָפּולערער רעדנער אין דער פאָרשטאָט סענט־אַנטואַן, באַטײליקט זיך אין אַלע פאָלקס־אויפשטענדן פונעם אײַנעמען באַסטיליע ביז דער איבערקערעניש פון 10־טן אויגוסט 1792. שפּעטער באַטײליקט זיך אין באַבעפס קאָמוניסטישער פאַרשווערונג אין 1796.

צו זײַט 97

מאָנזש (1746—1818) — א געלערנטער פיזיקער אונ א מאטעמאטיקער. נאָכ 10־אויגוסט 1792 געװענ פלאָט־מיניסטער.

צו זײַט 102

פּאַניס (1757—1838) — אײנער פונ די פירער פונ דער אינסורגענטישער קאָמונע פונ 10־טנ אויגוסט 1792, א געװיסע צײַט איז ער געװענ נאָענט צו מאַראַטנ. צוערשט האָט ער געשטיצט ראָבעספּיערנ, נאָכדעם האָט ער זיכ באַטײליקט אינ אַראָפּװאַרפנ אים.

סערזשאַנ (1751—1847) — א קינסטלער־א גראַװירער, א מיטגליד פונ יאַקאָבינישנ קלוב, א מיטגליד פונ דער אינסורגענטישער קאָמונע אונ שפּעטער — פונ קאָנװענט. אַנ אָנהענגער פונ מאַראַטנ.

צו זײַט 103

ראָלאַנ (1734—1793) — אינערנ־מיניסטער אינ זשיראָנדיסטישנ מיניסטעריומ (אָנהײב 1792).

דיומוריע (1739—1823), — א גענעראַל, געװענ נאָענט צו די זשיראָנדיסטנ אינ 1792, קריגס־מיניסטער, נאָכדעמ קאָמאַנדיר פונ דער צאָפנ־אַרמײַ, װאָס האָט אָפּגעהאַלטנ גרױסע ניצחונעס אינ בעלגיע. אינ אַפּרעל 1793 האָט ער פאַראַטנ די רעװאָליוציע אונ האָט עמיגרירט קײנ עסטרײַכ.

צו זײַט 110

דער „זומפּ" — אזוי צונאָמענ האָט באַקומענ דער טײל מיטגלידער פונ קאָנװענט, װאָס האָבנ אויסגעמײַכט צו באַטײליקנ זיכ אַקטיװ אינעם פּאַרטײענקאַמפ אונ האָט זיכ געפּלײַסט צוצופּאַסנ זיכ צו די באַדינגונגענ פונ יעדנ מאָמענט.

דיוראַנ דע־מאַיאַנ (1759—1814) — אַנ אַדװאָקאַט אינ דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג — א מעסיקער רעפּובליקאַנער, אינ קאָנװענט אָנגעפירט דעמ „זומפּ", שפּעטער באַטײליקט זיכ אינ אַראָפּװאַרפנ ראָבעספּיערנ אונ האָט בײַסער פאַרפאָלגט די געװעזענע מאָנטאַניאַרנ.

די מאָנטאַניאַרנ — די לינקע פּאַרטײ פונ קאָנװענט. זײ האָבנ פאַרנומענ אינ זיצונג־זאַל די אויבערשטע ערטער פונעמ אַמפיטעאַטער — דעמ „באַרג", אונ פונדאַנענ שטאַמט אויכ זײער נאָמענ („מאָנטאַניאַר" הײסט „באַרג־לײַט"). ס׳איז געװענ די פּאַרטײ פונעמ קלײנ־אונ מיטל־בירגערטומ, אונ אינ דער שפּיצ פונ איר איז געשטאַנענ ראָבעספּיער. נאָכ דער באַזײַטיקונג פונ די זשיראָנדיסטנ זײַנענ די מאָנטאַניאַרנ געװאָרנ די הערשנדיקע פּאַרטײ, אונ דורכנ ק.־מיטעט פונ דער געזעלשאַפטלעכער רעטונג האָבנ זײ אָנגעפירט דעמ רעװאָליוציאָנערנ טעראָר קעגנ די פײַנט פונ דער רעװאָליוציע.

טאליענ (1769—1820) — א מיטגליד פונ דער אינסורגענטישער קאָמונע פונ 10־טנ אווגוסט 1792, א מיטגליד פונ קאָנווענט. פריִער אנ אָנהענגער פונ ראָבעס־פיערנ, איז ער נאָכדעם געווענ איינער פונ די הויפּט־אָנטיילנעמער אינעם אראָ░ארפנ אים.

צו זײַט 113

טאָמאס פּענ (1737—1809) — אנ ענגלישער זשורנאליסט, האָט פּארטייִדיקט די אידייענ פונ דער פראנצויזישער רעוואָליוציע אינ א רײ פּאמפלעטנ אונ די געזעצגעבערישע פארזאמלונג האָט אים דעריבער פאָרגעלייגט פראנצויזישע בירגערשאפט. אויסגעווײלט געוואָרנ אינ קאָנווענט. פריִער אָנגעשלאָסנ זיכ אָנ די מאָנטאניארנ, נאָכדעם דערנעענטערט זיכ צו די זשיראָנדיסטנ.

צו זײַט 114

מאָנטעסקיו (1741—1798), א מיטגליד פונ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג.
אינ 1792 — א גענעראל, נאָכנ 10־טנ אווגוסט 1792 איז ער געוואָרנ פאר־דעכטיק אינ פאראט אונ האָט עמיגרירט.
מאדאם ראָלאנ (1754—1793) — א פּובליציסטקע, איר סאלאָנ איז געווענ דער צענטער פונ די זשיראָנדיסטנ.

צו זײַט 124

דער הערצאָג פונ שאטר לוי־פיליפּ (1773—1850) — א זונ פונעם הערצאָג פונ אָרלעאנ אינ 1793 עמיגרירט צוזאמענ מיטנ גענעראל דיומוריע. נאָכ דער יול־רעוואָליוציע פונ 1830 האָט אים די פינאנציִעלע בורזשואזיע ארויפגעפירט אפנ טראָנ.
קעלערמאנ (1735—1820) — א גענעראל, איז אריבער אפנ צאד פונ דער רעוואָליוציע אונ האָט אָפּגעהאלטנ א רײ ניצחונעס אינ 1792.

צו זײַט 129

לעפּעלעטיע דע־סענ־פארזשאָ (1760—1793) — א מיטגליד פונ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג, נאָכדעם א מיטגליד פונ קאָנווענט. איז ארויס־געטראָטנ פאר פארורטײלנ דעם קיניג. א ראָיאליסט האָט אים דערהארגעט ערעוו דעם טאָג, ווענ דער קיניג איז געקעפּט געוואָרנ. נאָכ זײַנ טויט האָט ראָבעספּיער רעפּערירט פארנ קאָנווענט זײַנ פּלאנ פונ נאציאָנאלער דערציִונג.

צו זײַט 136

טאלײראנ (1754—1838) — א געוועזענער בישאָף. האָט זיכ אָנגעשלאָסנ אָנ דער רעוואָליוציע. געווענ א מיטגליד פונ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג. אי־

ניצ׳אַטער פון פאַרקויפן די קירכלעכע גיטער. אין סעפטעמבער 1792 געשיקט געוואָרן אין א דיפלאָמאַטישער שליכעס קיין לאָנדאָן; ווען עס זײַנען אויפגעדעקט געוואָרן זײַנע געהיימע פאַרבינדונגען מיט לודוויג XVI., איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. שפּעטער — נאַפּאָלעאָנס אויסערן־מיניסטער, און נאָך דעם ווי נאַפּאָלעאָן איז געפאַלן — דער וויכטיקסטער דיפּלאָמאַטישער טוער פון דער רעסטאַווראַציע־צײַט.

פ י ט וויליאַם, דער ייִנגערער (1759—1806) — פּרעמיער־מיניסטער פון ענגלאַנד פון 1783 ביז 1801. א פאַרביסענסטער סוינע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

צו זײַט 148

ר ו ז שאַק (אַבאַט גרענאָדי, 1752—1794) — א גאַלעך, א מיטגליד פונעם קלוב פון די קאָרדעליערן. צוזאַמען מיט די אַנדערע „מעשוגע־ווילדע", איז ער אין טפיסע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

די „מ ע ש ו ג ע ־ װ י ל ד ע" — די פאָרשטייער פונעם עקסט־לינקן פליגל פון דער פּאַריזער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, וואָס האָט געשטרעבט צו פאַרטיפן די סאָציאַלע אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע. ווערנדיק פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די סאַמע אָרעמסטע פלעבייִשע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, זײַנען זיי אַרײַנגעטראָטן אין קאַמף מיט דער יאַקאָבינישער דיקטאַטור, און דער קאָנווענט האָט זיי צעגראָמירט אין האַרבסט 1793. די „מעשוגע־ווילדע" האָבן ניט געהאַט קיין אויסגעפורעמטע אָרגאַניזאַציע.

צו זײַט 154

ל ו י ד אָ ר — אַן אַלטע פראַנצויזישע מאַטבייע (פון 21 ביז 25 גאָלד־פראַנק).

צו זײַט 160

ד ע ר ק אָ מ י ט ע ט פ ו ן ג ע ז ע ל ש א פ ט ל ע כ ע ר ר ע ט ו נ ג איז געשאַפן געוואָרן דעם 6־טן אַפּריל 1793. ער איז באַשטאַנען פון נײַן מיטגלידער מיט דאַנטאָנען אין דער שפּיץ. צוערשט האָט ער נאָר קאָנטראָלירט די טעטיקײַט פון דער רעגירונג און האָט ניט געהאַט די גאַנצע מאַכט. נאָך דעם ווי די זשיראָנדיסטן זײַנען געפאַלן, איז דער קאָמיטעט רעאָרגאַניזירט געוואָרן. דעם 10־טן יולי 1793 איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א העכערן רעגירונגאָרגאַן פון 12 מאַן מיט ראָבעספּיערן אין דער שפּיץ. די מערהייט האָבן אין קאָמיטעט געבילדעט ראָבעספּיערס אָנהענגער.

צו זײַט 166

ג א ס ע נ פ ר א צ (1755—1827) — א געלערנטער, א מינעראַלאָג, אַן עקסטרעמער יאַקאָבינער, אַן אָנטיילנעמער פון דער אינסורגענטישער קאָמונע פון 10־טן

אויגוסט 1792, אַ מיטגליד פֿון קאָנווענט, אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אינעם קאַמף קעגן די זשיראָנדיסטן.

צו זײַט 168

ליקורג (IX יאָרהונדערט פֿאַר אונדזער ערע) — אַ לעגענדאַרישער געזעץ־געבער פֿון ספּאַרטע.

צו זײַט 171

ציצעראָ (106—43 פֿאַר אונדזער ערע) — אַ רוימישער אָראַטאָר, אַ שרײַבער און אַ מלוכה־טוער, אַן אָנהענגער פֿון דער אַריסטאָקראַטישער פּאַרטיי.

צו זײַט 179

ביראָן (1753—1794) — אַ גענעראַל פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, אַן אָנטיילנעמער פֿון דער וואַנדייִשער קאַמפּאַניע. אָנגעקלאָגט געוואָרן פֿאַר פֿאַראַט און געקעפּט געוואָרן.

צו זײַט 184

מאָנטעסקיע (1689—1755) — אַן „ענציקלאָפּעדיסט", אַ קעגנער פֿון אַדמיניסטראַטיוון ווילקיר, דער באַגרינדער פֿונעם בורזשואַזן קאָנסטיטוציאָנאַליזם, דער אויטער פֿונעם בוך „דער גײַסט פֿון די געזעצן".
רוסאָ (1712—1778) — אַן „ענציקלאָפּעדיסט", האָט אין זײַן ווערק „דער געזעלשאַפֿטלעכער קאָנטראַקט" אַרויסגערוקט דעם געדאַנק, אַז דאָס פֿאָלק איז דער טרעגער פֿון דער העכסטער מאַכט. רוסאָ איז דער באַגרינדער פֿונעם שפּעטערדיקן ראַדיקאַלן דעמאָקראַטיזם.

צו זײַט 186

פּיאַסטער — אַ מאַטבייע.

צו זײַט 194

באַרער (1755—1841) — ביז דער איבערקערעניש פֿון 10־טן אויגוסט 1792 אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיסט, בײַטן טעראָר — ראָבעספּיערס אַן אָנהענגער, בײַם דער אימפּעריע — אַ באָנאַפּאַרטיסט.
דיובואַ — קראַנסע (1747—1814) — אַ מיטגליד פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג, נאָכדעם אַ מיטגליד פֿון קאָנווענט, אַ מאָנטאַניאַר, איינער פֿון די אָרגאַניזאַטאָרס פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

צו זײַט 212

ראָנסען (1752—1794) — אַן עבערטיסט. דער אויטער פֿון עטלעכע רעוואָליר־

ציווינע פראנטייעס. אנ אנטיילנעמער אינ דער נאציאנאלער גוואַרדיע. אינ אפּריל 1792 — געהילפ פונעמ קריגס־מיניסטער בושאַט (איצ אנ עבער־טיסט), נאָכדעמ מיליטער־קאָמאנדיר אינ וואנדייע.

צו זײַט 214

הענסען (1767—1794) — א מיטגליד פונעמ קאָרדעליערנ־קלוב, אנ אָנטיילנע־מער אינ דער איבערקערעניש פונ 10־טנ אויגוסט 1792.

צו זײַט 215

קאריע (1766—1794) — א: מיטגליד פונ קאָנווענט, א מאָנטאניאר, אנ אָנ־טיילנעמער פונעמ קאמפּ קעגנ די זשיראָנדיסטנ, מאראטס א פארערער, א קאָ־מיסאר פונ קאָנווענט אינ נאנט אינ אָקטיאבער 1793.

צו זײַט 217

ביליאָ־וואַרענ (1756—1819) — א מיטגליד פונ קאָמיטעט פאר געזעלשאפט־לעכער רעטונג.

סענ־זשוסט (1767—1794) — א מיטגליד פונ קאָמיטעט פאר געזעלשאפט־לעכער רעטונג.

צו זײַט 220

וואַדיע (1743—1832) — א געוועזענער גאלעכ, איז אריבער אפנ צאר פונ דער רעוואָלוציע, געווענ מיטגליד פונ קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רע־טונג.

ריול (געשטאָרבנ אינ יאָר 1795) — מיטגליד אונ פאָרזיצער פונ קאָנווענט.

צו זײַט 223

קאטילינע — (108—62 פאר אונדזער ערע) — א רוימישער פּאָליטישער טוער, אנ אָרעמ געוואָרענער אריסטאָקראט, האָט אָרגאניזירט א פארשווערונג קעגנ דעמ סענאט צו פארכאפנ אינ רוים די מאכט מיט דער הילפ פונ די פאָלקס־מאסנ.

אינהאלט:

זײַט

דאַנטאָן ביז דער רעוואָליוציע 3

פראַנקרײַך ערעוו דער גרויסער רעוואָליוציע 13

דאַנטאָן אין קאַמף קעגן דער בורזשואַזער און דער פעאָדאַלער אריסטאָקראַטיע 28

דאַנטאָן אין קאַמף פאַר א בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעפּובליק 77

דאַנטאָן אין קאַמף קעגן דער רעוואָליוציע פון די פּלעבײַישע מאַסן 175

שלוס 230

אַנמערקונגען 243

Редактор перевода — Л. Гольдберг.
Технич. редактор — М. Погостер.
Корректор — А. Биттер.
Сдано в произв. 1 VII-35 г. Подписано к печ. 8 VIII-35 г. Формат бум. 82×110[1]/₃₂. 16[1/4] п. л. Уполномоч. Главлита Б—11380. „Эмес" №12[1]
Тираж 2000 экз. Зак. 716

Тип. изд-ва „Дер Эмес", Москва, Покровка 9

Цена 5 руб.
Переплет 60 коп.

5 руб. 60 коп.

Ц. ФРИДЛЯНД

ДАНТОН

[illegible]